STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09562

A YOR TSVISHN LEBN UN TOYT

Isaac Friedman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ יאָר צווישן לעבן און

אַרויסגעגעבן פון יצחק פרידמאַנ׳ס בוך קאָמיטעט.

Copyright, 1932,
by
Isaac Friedman

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 200

געדרוקט אין אפּ־טו־דעיט דרוקעריי.
צייכענונג פון שער־בלאט פון ס. זאגאט.

אַ מתנה
מיינע ליבע עלטערן

יצחק פרידמאַן'ס בוך, „אַ יאָהר צווישען לעבען און טויט" איז געשריבען געוואָרען מיט אַן איינפאַכקייט פון יענעם סאָרט, וועלכער איז ענג פאַרבונדען מיט טרייהייט צו דעם אינערליכן זין פון ווירקליכקייט. דיזער שריפטשטעלער האָט אַן אייגענשאַפט, וואָס געהערט צו די וויכטיגסטע מעלות, צו וועלכע ליטעראַטור דאַרף שטרעבען — אויפריכטיגקייט, קינסטלערישע אויפריכטיגקייט.

ווען איהר לייענט זיין ווערק פיהלט איהר דורכאויס, אַז ער באַמיהט זיך איבערצוגעבען דאָס וואָס ער זעהט ווירקליך אין זיינע ערינערונגען. ער האָט איין אינטערעס: איבערצודערצעהלען און שילדערען דאָס וואָס ער האָט דורכגעלעבט אינערליך, אַזוי גוט ווי אויסערליך. ער איז פאַרטיפט אין זיינע ערפאַהרונגען אַלס זעלנער אין דער וועלט-מלחמה. ער שטרעבט וואָס דייטליכער זיי אויפצומאָהלען פאַר דעם לעזער. ער זוכט פאַרצושטעלען פאַר אונז דאָס, וואָס זיין געדאַנק שטעלט פאָר פאַר איהם אַליין. אויספיינען זיך מיט פראַזען, קאָקעטעווען מיט שעהן-קלינגענדע אויסדרוקען, אָדער מיט שטאַרקע אויסדרוקען — דאָס ליגט איהם ניט אין זינען.

ער האָט אַ פיל וויכטיגערע אַרבייט צו טאָן: טיילען זיך מיט אונז מיט זיינע איבערלעבונגען און איינדרוקען פון די מינוטען, שטונדען, טעג און מאָנאַטען, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין רעכטען פייער פון די שלאַכט-פעלדער.

ניט יעדער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזעלכע געוואַלטיגע זאַכען און נעמט זיך זיי באַשרייבען, איז פריי פון פראַזען-וועבעריי. דאַכט זיך, עס קלינגט ווי אַ קאָמישער ווידערשפּרוך: מענשען פּרוּאָווען דערצעהלען ווי אַזוי זיי זיינען הונדערט מאָל אַ טאָג געשטאַנען פנים אל פנים פאַר'ן מלאך המות, און זיי ליגט גאַר אין זינען צו מאַכען חן'דלעך מיט ווערטער! אָבער אַזוי איז שוין דאָס: צווישען די הונדערטע ביכער אין וועלכע סאָלדאַטען האָבען באַשריבען זייערע איבערלעבונגען אין יענע בלוט-פאַרגליווערענדע טעג, זיינען פאַראַן גאַנץ ווייניג אַזעלכע, וואָס זיינען פריי פון קינסטליכע ווערטער, פון פוסטע ווערטער. אַמאָל פאַרנעמען די אינהאַלטסלאָזע פראַזען מעהר פּלאַץ ווי דאָס וואָס עס איז כדאי צו שילדערען. מען זאָגט אַ ווערטעל: „דעם

עיקר האָב איך פארגעסען״. ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזעלכע ערינערונגען, קומט אָפט אויס צו זאגען, „דעם עיקר פון די שרעקענס־מאָמענטען קען דער זכרון גראָד ניט אויפכאפען. עס ווערט ביי דעם שרייבער צושוואומען. ענטוועדער ער פארגעסט, אדער ער קאָן דאָס ניט אָננעמען. עפּעס אזוי ווי עס וואָלט זיך ארויסגעגליטשט פון צווישען זיינע פינגער״.

איך גלויב אז פרידמאן׳ס בוך איז איינער פון די וויכטיגסטע, וואס זיינען געשריבען געווארען וועגען דער וועלט־מלחמה אויף אירגענד וועלכער שפראך. דער קאָלאָסאלער וועלט־ערפאָלג פון רעמארק׳ס „אויפ׳ן מערב פראָנט קיין נייעס״, איז א כשר פארדינטער. ער איז ווירקליך א וואונדערבארער בוך. ער באלאנגט צו די טיערסטע אוצרות אין דער וועלט ליטעראטור. מיר וועלען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין פארגלייכונגען. מיר ריידען דאָ ניט וועגען גראדען. מיר קענען אָבער מיט׳ן גאנצען הארצען זאָגען, אז פרידמאן׳ס בוך איז פון דעם זעלבען שניט. איהר געפינט אין איהם די זעלבע ערנסטקייט, די זעלבע איינפאַכקייט, און אין פילע שטעלען, אויך דעם זעלבען סאָרט טיפקייט.

„אַ יאהר צווישען לעבען און טויט״ איז ניט קיין בעלעטריסטיק. עס איז אַ שילדערונג פון דער ווירקליכקייט. דאס איז אָבער א שילדערונג פון יענעם מין וואס געהערט צו די העכסטע שטאפלען פון שעהנער ליטעראטור. אין דער אידישער ליטעראטור באלאנגט דער בוך צו אונזער שענסטען אויבען־אָן.

אב. קאהאן.

א יאָר צווישן לעבן און טויט

מיין טייל אין דער וועלט־מלחמה.

אַ יאָר צווישן לעבן און טויט

מיט רויטע אויגן פירט מיך מיין מאַמע צו דער באַן. אין דער היים האָט זי זיך געהאַט גוט אויסגעוויינט, ביז דער קוואַל פון טרערן האָט זיך ביי איר אויסגעטריקנט. זי האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך פאַרהאַלטן רואיג, האָב איך איינגע־ווילִיגט, זי זאָל מיט מיר פאָרן קיין פילאַדעלפיע, פון וואַנען מען האָט מיך געזאָלט אָפשיקן אין קעמפּ.

אין וואַגאָן זיצן מיר ביים פענסטער, איינס אנקעגן אנדערן. מיר קוקן זיך איין ווי די באַן טראָגט זיך איבער וואַלד און פעלד, פאַרביי שטעטלאך. מיר רעדן ניט איינס צום אנדערן, און דאָס טוט מיר באמת הנאה: אז מען רעדט, וויינט מען.

די „לאָקאַל באָארד”, וואו איך באדאַרף זיך מעלדן, איז באַלאַגערט. די גאַנצע גאַס איז שווארץ פון מענטשן.

איך לאָז מיין מאַמען שטיין אין דרויסן. מיט מיינע עלנ־בויגנס שטופּ איך זיך דורך א וועג צום אריינגאַנג.

א פאַרשוויצטער קום איך צו צו איינעם, וואָס טיילט אויס די רעקרוטן זייערע פּאַפּירן.

איך שטיי און וואַרט אויף מיין ריי. אין האַנט האַלט איך דאָס קאַרטל, וואָס מען האָט מיר צוגעשיקט פון וואַשינגטאָן, אַז מען רופט מיך צו מיליטער־דינסט. איך גיב דעם מאַן דאָס קאַרטל, ער קוקט אריין אין דעם, קוקט אויף מיר, גייט צו צו א טיש, נעמט עטלאכע פּאַפּירן און גיט מיר צוויי פון זיי. מיט א שמייכל זאָגט ער מיר, איך זאָל וואַרטן אין דרויסן, מען וועט אונז באַלד אויסשטעלן און פירן צום וואָקזאַל.

איך האָב די לעצטע מינוטן פאַר מיין אָפּפאָר געוואָלט פאַרבלייבן אליין מיט מיין מאַמען. איך פרעג דעם באַאמטן:

— קענט איר מיר, כ׳בעט אייך, זאָגן, פון וועלכן וואָקזאַל מיר פאָרן אַוועק?

— פון נאָרד פילאַדעלפיע, — ענטפערט ער מיר און איז שוין באַשעפטיגט מיט אַן אַנדערן.

איך לאָז זיך גיין צו דער טיר. מען שטופּט מיר אַריין אַ פּעקל עסן אין דער האַנט. אַ רייך־געקליידטע דאַמע גיט מיר אַ וואָלענעם סוועטער מיט צוויי פּאָר זאָקן פון דעם זעלבן ברוינעם קאָליר. איך באַדאַנק איילנדיג און לויף אַרויס צו מיין מאַמען.

זי שטייט און קוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויף דעם גרויסן עולם. אין דער קורצער ווײַלע, וואָס איך בין געווען פון איר אַוועק און האָב געוואַרט אויף מיינע פּאַפּירן, איז איר פּנים נאָך מער בלאַס געוואָרן...

דער פרימאָרגן איז אַ קאַלטער. דער הימל, פול מיט וואָלקנס, באַהאַלט הינטער זיך די זון, וואָס שפּאַרט זיך און וויל אונז באַשיינען.

דער עולם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט ביים וואָקזאַל, איז אַ סך גרעסער ווי ביי דער „לאָקאַל באָארד". עס זעט אויס ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט אונז געקומען באַגלייטן. מאַמעס האַלטן זייערע קינדער אויף די הענט און העצקען זיי צום טאַקט פון דער מוזיק, וואָס שפּילט פּאַטריאָטישע לידלאַך.

אָפיצירן לויפן אַרום, זוכן עמיצן. פּאָליציילייט אויף פערד טרייבן דעם עולם צוריק אויף די טראָטואַרן, — מען דאַרף מאַכן פּלאַץ פאַר די טויזנטער רעקרוטן, וואָס קומען אַלץ אָן אין באַ־גלייטונג פון מוזיק. קינדער וויינען, ווייבער חלש'ן פון ענג־שאַפט. פאַלט ווער אום, ווערט ער צעטראָטן פון טויזנטער פיס. באַאַמטע פון „רויטן קרייץ" טיילן אויס די רעקרוטן שאָקאָלאַד און פרוכט. אַלע ווײַלע הערט זיך אַ ווילד אויסגעשריי פון דער מאַסע: הוראַ! הוראַ! עס פאַרהילכט די אויערן... טאַטעס און מאַמעס האַלטן אַרומגענומען זייערע זין, זאָגן זיי אָן, זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף זיך, זאָלן שרייבן אַלע טאָג.

די „באָיס" שטייען מיט די פּעקלאַך אין די הענט און קוקן אויף דעם גרויסן עולם. אַלץ קוקט אויס אַזוי מאָדנע... אַ חלום. מיידלאַך האַלטן זיך אַרומגענומען מיט באָיס און זאָגן זיי אָן, קושנדיג זיך מיט זיי:

— דאָנ׳ט פאָרגעט, האָני, ברינג מי דהי קאַיזער׳ס העד פאָר עי סואווענירֿ.*)

איך קוק זיך גוט איין אין די פּנים׳ער פון די רעקרוטן. א סך זיינען פריילאך און א סך זיינען טרויעריג. זיי לאַכן און וויינען. איך ווער נערוועז פון דעם טומל. און אַט דערזע איך ווי ס׳קומען די רעקרוטן פון מיין „לאָקאל באָארד״.

מיין האַרץ הויבט אָן שטאַרקער קלאַפּן. איך דערפיל, אַז עפּעס טוט מיר דאָרט ווי: איך פאָר טאַקע אוועק... פון דעם שפּאַס איז געוואָרן אן ערנסט. די גאַנצע צייט זינט איך האָב זיך רעגיסטרירט האָב איך זיך געטרייסט, אַז צו מיר וועט עס ניט קומען. אַמעריקע וועט קיינעם ניט צווינגען. אַמעריקע איז א דעמאָקראַטיש לאַנד... און אַט שטיי איך ביי דער באַן, גרייט אוועקצופאָרן, צי איך וויל, צי איך וויל ניט...

איך שטרענג אָן מיינע לעצטע כחות זיך אַביסל צו מענטש־לען. איך היט זיך, אַז מיין מאַמע זאָל ניט דערזען א טרויער אויף מיין פּנים. טרעף איך זיך צוזאַמען מיט אירע בליקן, שמייכל איך צו איר, אָבער אינעווייניג אין האַרצן וויין איך.

אָפיצירן פייפן מיט זייערע קליינע פייפלאך און שרייען צו אונז, מיר זאָלן אריינגיין אין די וואַגאָנען. מען הויבט אָן זיך געזעגענען. מען האַלזט זיך, מען קושט זיך, מען וויינט. עס באַווייזן זיך טויזנטער ווייסע טיכעלאך, מען ווישט די אויגן, די נעז, און ווידער די אויגן. די מענשן האַלטן שוין די טיכע־לאך אין די הענט, כדי צו פאַרשפּאָרן אַלעמאָל צו קריכן אין זייערע קעשענעס אָדער האַנט־טאַשן.

איך געזעגן זיך צוערשט מיט עטלאכע פריינט, וואָס זיינען געקומען מיך באַגלייטן. איך טו א קוק אויף מיין מאַמען, זי האַלט זיך קוים אויף די פיס. מיר איז זייער שווער זיך צו געזעגענען מיט איר... איך וואָלט איצט געוואָלט האָבן עטלאכע טויזנט פריינט, כדי איך זאָל וואָס שפּעטער זיך דאַרפן געזעגענען

---

*) „פאַרגעס ניט, טייערער, ברענג מיר דעם קייזער׳ס קאָפּ פאַר אַן אָנדענק״.

מיט מיין מאַמען. איך זע ווי זי האַלט איין אירע טרערן, מיט אירע לעצטע כחות מיט זי זיך צו פאַרבלייבן רואיג.

איך נעם זי ארום. איך האָב מורא ארויסצורעדן אַ וואָרט: איך פיל, אַז קוים עפן איך דאָס מויל, וועל איך זיך צעוויינען... אַ ווײַלע האַלטן מיר זיך ארומגענומען, מיר קושן זיך. זייער שטיל זאָג איך:

— זיי געזונט, מאַמע.

די ווערטער האָבן אפילו מיינע ליפּן ניט אָנגערירט. זי ענטפערט מיר ניט. איר שווייגן איז אָנגעפילט מיט וויטאָג, מיט צער... זי איז זיכער ביי זיך, אַז קיינעמס וויטאָג איז ניט אַזוי גרויס ווי אירער. זי האַלט מיך פעסט ארומגענומען מיט אירע בלייכע, צאַרטע הענט, וואָס ציטערן אַזש פאַר שרעק... זי דריקט מיך שטאַרק צו איר האַרץ, קושט מיך אָן אויפהער און רעדט ניט קיין וואָרט. זי שווייגט. איר שווייגן רייסט מיר אַרויס אַ שטיק פון מיין האַרץ, פון מיין נשמה...

עס דערהערט זיך נאָך אַמאָל דאָס פייפן פון די אָפּיצירן און דאָס שרייען, מיר זאָלן אריין אין די וואַגאָנען. איך קוש זי נאָך עטלאַכע מאָל און וויל זיך פון איר באַפרייען. דריקט זי מיך נאָך שטאַרקער צו צו זיך און פּלאַצט ארויס אין אַ היס־טערישן געוויין... איר קול שניידט דורך אַלע הערצער, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט. מיט איר געשריי שרייט זי איבער אַלע אָרקעסטערס, וואָס שפּילן אויף זייערע מעשענע כלים. זי קלאָגט: וואוהין נעמט איר מיין קינד? איר פירט אים צו דער שחיטה!...

דער גאַנצער עולם וויינט, קוקנדיג אויף מיין מאַמען.

איך שטיי אַ פאַראַליזירטער. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז דער גאַנצער עולם איז געקומען צו מיין לויה און מ'באַקלאָגט מיך, דעם בר־מנן... איך ווייס ניט און קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס איך וויין נישט. איך בין טרויעריג. מיין האַרץ שניידט מיר ווי מיט מעסערס, מיין מאַמעס קולות שניידן מיך דורך און דורך און מיינע אויגן זיינען טרוקן. די טרערן, אָנ־שטאָט זיי זאָלן זיך גיסן פון מיינע אויגן, רינען זיי גאָר אין האַלז אריין, און איך שלינג זיי, איך וואַרג זיך מיט זיי.

איך הער דעם לעצטן רוף: אין די וואַגאָנען! איך נעם נאָך אַמאָל אַרום מיין מאַמען און בעט זיך ביי איר:

— מאַמע, איך בעט דיך, טו מיר צוליב און הער אויף וויינען און קלאָגן. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דיין וויינען קען מיר גאָרנישט העלפן.

איך מאַך נאָס מיט מיינע טרערן מיין מאַמע׳ס הענט, וואָס גלעטן מיין פּנים. איך האָב מיינע טרערן ניט געפילט ווען זיי האָבן זיך געקייקלט אויף מיינע באַקן. איך האָב זיי ערשט דערזען ווען זיי זיינען פון מיינע באַקן אַראָפּגערונען אויף מיין מאַמע׳ס הענט. פּלוצלונג פּלאַץ איך אַרויס אין אַ ביטער געוויין און מיר וויינען שוין ביידע, איך און מיין מאַמע. מיר דריקן שטאַרק צו אונזערע פּנים׳ער איינס צום אַנדערן, אונזערע טרערן מישן זיך אויס. עס ווערט מיר אַביסל לייכטער אויפ׳ן האַרצן. זיך גוט אויסגעוויינט, גיי איך אַריין אין וואַגאָן.

איך שטופּ זיך צו צו אַ פענסטער און שטעק אַרויס מיין קאָפּ. מיין מאַמע דערזעט מיך, זי וויל צוגיין נענטער צו מיר. פּאָליציי לאָזט ניט: איך בין ניט מער אין איר רשות. מיר זיינען איצט אָפּגעריסן איינס פון אַנדערן — פרעמדע...

זי שטייט און שאָקלט שוואַך מיט׳ן קאָפּ. זי וויינט נישט מער, זי האָט שוין מער קיין כח נישט... איך זע ווי זי כליפּעט. איך האָב אויף איר מער רחמנות ווי אויף זיך. איך שריי צו איר: „גוד באַי, מאַמע!״ איך לאַך צו איר און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. איך בין ווייט פון איר און איך בין זיכער, אַז זי זעט ניט מיינע טרערן. זי הערט נאָר מיין שרייען און מיין לאַכן. איך וויל פאַרגרינגערן איר ווייטאָג.

לאַנגזאַם באַוועגט זי מיט איר האַנט און זאָגט שטיל:

— גוד באַי, גוד באַי.

דער צוג הויבט זיך אָן רירן, די מוזיק שפּילט שטאַרקער, דער עולם אויפ׳ן וואָקזאַל און די רעקרוטן פון די וואַגאָנען שרייען מיט משונה׳דיגע קולות: „גוד באַי, גוד באַי!״ דער צוג הויבט אָן גיין אַביסל שנעלער, לאָזט איבער נאָך זיך אַ שוואַרצן, געדיכטן רויך מיט גרויע פלעקן. מיט מיינע לעצטע כחות שפּאַר איך אַרויס אַ האַלבן קערפּער דורכ׳ן פענסטער,

נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף מיין מאַמען. איך שריי צו איר, אָבער זי הערט מיך שוין ניט. זי שטייט ווי אַ צוטומעלטע און קוקט מיט אירע געשוואָלענע רויטע אויגן אויף דעם צוג, וואָס טראָגט מיך אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק פון איר, ביז מיר פאַרשווינדן.

מיר פאָרן.

איך זיץ ביים פענסטער און קוק אַרויס. עס פליען מיר פאַרביי טעלעגראַף־סלופּעס, הייזער, ביימער, טונעלן, וואַלד און פעלד, שטאָט און דאָרף. מיר פאָרן קיין קעמפּ ליע, אין פּיטערס־בורג, ווירדזשיניע.

די באַן קלאַפּט מיט אירע אייזערנע רעדער. אין מיינע אויערן קלינגען מיין מאַמע׳ס קולות, איך הער איר געוויין... איך זע ווי זי איז שטיין געבליבן אַ הילפלאָזע, אַ פאַרלוירענע... טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. איך וויש זיי שנעל אויס, איך שעם זיך פאַר די אַנדערע רעקרוטן. זיי זיינען פריילאַך, לעבעדיג. זיי האָבן גלייך צעבונדן זייערע פעקלאַך, וואָס דער „רויטער קרייץ״ האָט זיי מיטגעגעבן, און קוויקן זיך. איין סאָלדאַט נעמט אַרויס פון אַ זעקל אַ פידל און הויבט אָן שפּילן גאַסן־לידלאַך. אַן אַנדערער כאַפּט אַרויס פון קעשענע אַ מויל־האַרמאָניקע און האַלט יענעם אונטער. עטלאַכע זינגען אין כאָר און טאַנצן אַ „דזשיג״. ס׳איז לעבעדיג.

מיך נעמט ניט קיין זאַך — ניט דאָס שפּילן, ניט דאָס זינגען און ניט טאַנצן. איך טראַכט: וואוהין פירט מען אונז? וואָס וועט פון אונז ווערן? ס׳איז דאָך מלחמה! מען וועט אונז גלייך אַוועקשיקן קיין פראַנקרייך גע׳הרג׳עט צו ווערן...

אין דעם וואַגאָן מיט מיר זיינען אויך געווען עטלאַכע אידישע רעקרוטן. זיי האָבן זיך געהאַלטן מיט די קריסטן, זיי האָבן געטאַנצט און געזונגען מיט זיי. זיי האָבן, קאָנטיג, ניט געוואָלט זיך אַרויסגעבן, אַז זיי זיינען אידן, כאָטש אויף זייערע פּנים׳ער האָט מען געקענט דערקענען דעם אמת.

אַ אידישער רעקרוט פון מיטעלן וואוקס מיט אַ ברייטער

פּלייצע און הויכע אַקסלען קומט צו מיר צו און מיט גרויס דרך־ארץ פרעגט ער מיך:

— זענט איר נישט מיסטער פרידמאַן, דער אַקטיאָר?

איך האָב זיך פאַרשעמט וואָס דער רעקרוט האָט מיך דער־קענט. איך, אַן אַקטיאָר, אַ סאָלדאַט גאָר, גיי זיך שלאָגן מיט מענטשן, וואָס האָבן מיר קיין שלעכטס נישט געטאָן. עפּעס פּאַסט עס נישט פאַר אַ ציוויליזירטן מענטשן. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ענטפער איך אים:

— יאָ, איך בין פרידמאַן דער אַקטיאָר.

איך בעט אים, ער זאָל זיך זעצן לעבן מיר. ס'איז פאַראַן אַ ליידיגער פּלאַץ, ווייל דער רעקרוט, וואָס האָט געהאַט אויס־געקליבן פאַר זיך אַ פּלאַץ אויף דערזעלבער באַנק מיט מיר, איז איצט נישטאָ. ער זיצט אויף אַן אַנדער באַנק און שפּילט קאָרטן מיט נאָך עטלאַכע רעקרוטן. שווער זעצט זיך דער אידישער רעקרוט אַוועק לעבן מיר און מיט אַ ברייטן שמייכל הויבט ער אָן:

— מיין נאָמען איז הערשל. איך בין אַ פּאַטריאָט פון אידישן טעאַטער. אַ גאַנצן ווינטער בין איך צוויי מאָל אַ וואָך געגאַנגען אין טעאַטער. איך בין אייערער אַ פּאַטריאָט — זאָגט ער מיט אַ שמייכל.

מיר פאַררויכערן און מיר רעדן. עס האָט מיר באמת הנאה געטאָן, וואָס ער איז מיר אונטערגעקומען: איך האָב געוואָלט זיך פאַררעדן, פאַרטרייבן פון זיך די טרויעריגע געדאַנקען.

ער באַדויערט שטאַרק מיין מאַמען. ער האָט געזען ווי זי האָט מיך געהאַלטן ארומגענומען און האָט געוויינט. באַלד הויבט ער אָן זיפצן און קרעכצן: „גאָט ווייסט וואָס עס וועט פון אונז ווערן!" ער רעכנט אויס אין וועלכע ראָלען ער האָט מיך געזען שפּילן. זיינע רייד גייען מיר ניט אין קאָפּ אריין. איך בין איצט טויט פאַר'ן טעאַטער — ווער ווייס אויף ווי לאַנג, און אפשר אויף אייביג...

הערשל גיט אַלעמאָל אַ קוק מיט זיינע ביטרע אויגעלאַך צו די אידישע באַים. „אַ קרענק אויף זיי, — מאַכט ער, — שעמען זיך וואָס זיי זיינען אידן..."

ער דערציילט מיר אויך, אַז ער האָט שוין געדינט פּאַניע־גנב דריי יאָר מיט אַכט חדשים. ער איז נאָך ניט קיין סיטיזען און דאָך האָט מען אים צוגענומען. ער באַדויערט מיך: „אייך, אַן אַקטיאָר, האָט מען אויך גענומען פאַר אַ סאָלדאַט? אַז ברענען זאָל אַמעריקע גנב! זיי ווייסן ניט וואו איין און וואו אויס".

איך בינד אויף מיין פּעקל, דערלאַנג אים אַ סענדוויטש. ער האָט שוין אַפילו געגעסן, נאָר ער זאָגט מיר ניט אָפּ און העלפט מיר עסן.

דער צוג בלייבט שטיין אויף אַ סטאַנציע. עס קומען אַרויף עטלאַכע נויירסעס פון דעם „רויטן קרייץ", פאַרשטייער פון דער סאַלוויישאָן אַרמי, נאַיטס אָוו קאָלאָמבוס און אויך פון דער דזשואיש וועלפעיר באָארד. זיי טיילן אונז סיגאַרעטן, אָראַנזשן, שאָקאָלאַד, עפּל און סענדוויטשעס. דער עולם נעמט צו די מתנות, פרייט זיך, ליאַרמט, פּונקט ווי זיי זאָלן פאָרן אויף אַ פּיקניק.

הערשל זיצט און איז אין כעס אויף זיי.

— קוקט אָן, — זאָגט ער צו מיר, — וועד עס זיינען אַמעריקאַנער סאָלדאַטן! — און ער ציט מיט די אַקסל און בורטשעט: — אַמעריקע גנב, וועמען מען שיקט אין אַ מלחמה!

— לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען! — זאָגט ער צו מיר.

— מיט פאַרגעניגן, — ענטפער איך אים.

ער שטופּט מיר אַריין זיין האַנט — אָפּגעמאַכט.

צוואַנציג מינוט נאָך צוועלף ביינאַכט איז אונזער צוג אָנגעקומען אין פּיטערסבורג, ווירדזשיניע. עטלאַכע סאַרדזשענטס און קאָרפּאָראַלס קומען אַרויף, הייסן אונז נעמען אונזערע זאַכן און אַרונטערגיין. אויפ'ן וואָקזאַל שטייען עטלאַכע קעפּטענס, ליוטענאַנטס. איין קעפּטן האַלט אין האַנט עטלאַכע בויגן פּאַפּיר, אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אַן עלעקטריש לעמפּל. ער הויבט עס אויף איבער דעם פּאַפּיר, קוקט אַריין און רופט אויס נעמען. די רעקרוטן ענטפערן, ווען ער רופט זייערע נעמען, און מען שטעלט זיך אַוועק אָן אַ זייט, וואו אַ ליוטענאַנט אָדער אַ סאַרדזשענט ווייזט אָן מיט דער האַנט.

אויסגערופן אַלע נעמען, הייסט מען אונז אויפהויבן די פעקלאך, וואָס מיר האָבן אוועקגעלייגט אויף דער ערד, און עס הערט זיך אַ געשריי:

— פאָרוועטס! מאַרש!

מיר הויבן אָן צו גיין. אַפּגעגאַנגען אַ צוואַנציק אָדער דרייסיג מינוט, דערהערט זיך אַ פייף און באַלד אַ קאָמאַנדע: האַלט!

פונקט ווי צו פערד.

מיר בלייבן שטיין. מען זאָגט אונז: רוען! רוען מיר. עס גייט אוועק פינף אָדער אכט מינוט, דערהערט זיך ווידער דער פייף און באַלד די שטימען פון די אָפיצירן, סאַרדזשענטס און קאַרפּאָראַלס:

— פאָרוועטס! מאַרש!

און מיר גייען ווייטער.

דער וועג איז זאַמדיג, ס'איז אביסל שווער צו גיין. עס פאַרדריסט מיך פאַרוואָס מען האָט אונז ניט געגעבן אביסל מער צייט אָפּצורוען. עפּעס האָב איך דערפילט, אַז זיי האָבן ביי מיר צוגענומען מיין „איך". איך מוז טאָן וואָס זיי הייסן מיר. איך האָב שוין מער קיין דעה ניט איבער זיך. זיי, אין די סאָלדאַטסקע קליידער, האָבן די דעה איבער מיר.

וואו בין איך דאָ אריינגעפאַלן? איך גיב צו, אַז מיין מאַמע האָט רעכט געהאַט ווען זי האָט מיר געזאָגט מוסר: ווען איך וואָלט געווען אַ לייטיש קינד, ניט קיין אַקטיאָר, וואָלט איך געווען אין דער היים, זיך רעגיסטרירט אין דער היים. דער טאַטע איז אַ קראַנקער מענש, וואָלט איך געקאָנט קלעימען עקזעמפּשאָן... איך וואָלט איצט דאָ ניט געווען.

הערשל האָט באַמערקט ליכט אין דער ווייט.

— דאָרט מוזן אודאי זיין קאַזאַרמעס, — זאָגט ער צו מיר.

באַלד טאַקע האָבן זיך געהערט שטימען פון אַלע זייטן, אַז מיר זיינען שוין אין קעמפּ ליע. די אָפיצירן שרייען צו די רעקרוטן, אַז מען זאָל ניט מאַכן קיין ליאַרם, ס'איז שוין שפּעט, סאָלדאַטן שלאָפן, זיי האָבן דעם גאַנצן טאָג שווער געאַרבעט.

מיר גייען פאַרביי עטלאַבע קאַזאַרמעס. אינעווייניג איז

פינסטער — אַ סימן, אַז מען שלאָפט. לעבן די קאַזאַרמעס שטייען עטלאַכע סאָלדאַטן אָן רעקלאַך און שרייען צו אונז: „העלאָ, רוקים!״ אונזערע ענטפערן אָפּ מיט ניט שיינער זידלעריי. מיר גייען זיי פאַרביי און מיר שטעלן זיך אָפּ ביי פינסטערע קאַזאַרמעס. עטלאַכע סאַרדזשענטס לויפן אַריין אינעווייניג. אין די פענסטער באַווייזט זיך ליכט.

הערשל טרעט ניט אָפּ פון מיר, כדי עס זאָל אונז ביידן אויסקומען אַריינצוגיין אין איין קאַזאַרמע. מען ציילט אָפּ פערציג רעקרוטן און איינציגווייז גייען זיי אַריין אינעווייניג. אונז הייסט מען צוגיין צו אַן אַנדער הויז. מען ציילט ווידער. רעקרוטן גייען אַריין. הערשל און איך גייען אויך אַריין. אַ סאַרדזשענט ווייזט אונז אונזערע בעטלאַך. הערשל קריגט דאָס צווייטע בעטל פון מיר. אויף יעדן בעטל ליגט פאַר יעדן איינעם דריי קאָלדרעס, אַ קווערטל, אַ שיסל, מעסער־גאָפּל. קיין קישן צודעקנס איז נישטאָ.

מען הייסט אונז זיך אויסטאָן, און ווען אַלע ליגן שוין אויף די בעטלאַך מאַכט דער סאַרדזשענט פינסטער. דער זייגער איז שוין נאָך איינס, אַלע זיינען מיד און באַלד הערט זיך אַ כראָפּן.

איך בין אויך באַלד איינגעשלאָפן, און אין שלאָף חלומ׳ט זיך מיר, אַז איך הער אַ פייפן פונקט אַזוי ווי די אָפיצירן, וואָס האָבן געפייפט, ווען מיר זיינען אַרויף און אַראָפּ פון באַן. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך הער אַ קלאַפּן, אַ לויפעניש, אַ גערודער. איך עפן די אויגן, דערזע איך, אַז די עלעקטריק איז אָנגעצונדן. אַלע זיצן אויף די בעטלאַך און טוען זיך שנעל אָן; סאַרדזשענטס און קאָרפּאָראַלס יאָגן אונטער.

ניט וויסנדיג וואָס דאָ קומט פאָר, כאַפּ איך זיך אויך שנעל אָנטאָן; אפשר ברענט ערגעץ?

מען טרייבט אונז אַרויס אויף דער גאַס, אַזוי ווי בהמות פון אַ שטאַל...

אין דרויסן איז קאַלט. עס קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. מען שטעלט אונז אויס אין אַ ריי. אַ ליטענאַנט וואַרט שוין אויף אונז און מאַכט ווידער אַ „ראָל־קאָל״, צי עס פעלט חלילה קיינער

ניט. איך שטיי און וואַרט מען זאָל רופן מיין נאָמען און טראַכט: רבונו של עולם, וואו בין איך עס אַריינגעפאַלן? וואָס טו איך דאָ? ווי קום איך צו זיי? איך בין דאָך אַן אַקטיאָר! איך האָב דאָך ערשט ניט לאַנג געשפּילט „שמואל יאָסל" אין „די שחיטה" מיט אַזאַ גרויסער קינסטלערין ווי קעני ליפּצין. געשפּילט „סאַמועל" אין „קרייצער סאָנאַטאַ" מיט אַזאַ גרויסער קינסטלערין ווי בערטאַ קאַליש. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט קיינער אין דער וועלט מיר ניט געקענט באַפעלן, וואָס איך זאָל טאָן, אַפילו מיין מאַמע ניט. געוועזן מיין אייגענער באַלע־באָס, און דאָ שלעפּט מען מיך פאַרטאָג אַרויס אויף דער גאַס, מען שטעלט מיך אַוועק אין אַ ריי און מען הייסט מיר כאַפּן אַ ציטער...

אויסגערופן אַלע נעמען, הייסט מען אונז צוריקגיין אין קאַזאַרמע. מען באַפעלט אונז, מיר זאָלן אַליין פאַרבעטן די בעטלאַך, און מען ווייזט אונז טאַקע ווי אַזוי מיר זאָלן דאָס מאַכן, ווייל עס מוז פאַרבעט ווערן נאָך די פעסטע כללים פון דער אַרמיי. באַלד דערלאַנגט מען אונז בעזעמער מיר זאָלן אויסקערן דעם דיל. מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען דעם סאַרדזשענט אין פּנים אַריין: „דו ווייסט, ווער איך בין?!" איך האָב אָבער ניט געשריגן, נאָר געטראַכט אַזוי. און אַזוי טראַכטנדיג, האָב איך פאַרבעט מיין געלעגער און צוגעקערט מיין חלק אַרום מיין בעט.

ווען אַלע זיינען פאַרטיג געוואָרן מיט'ן אויפרוימען — אהא, מ'פייפט שוין ווידער. וואָס שוין ווייטער? הערן זיך שטימען פון אַלע זייטן. מען רופט שוין ווידער אויף דער גאַס אַרויס: איינער וויל איבעריאָגן דעם צווייטן, מען איז נייגיריג, מען וויל זיך באַקענען מיט'ן אַרמיי־לעבן.

ווען אַלע זיינען שוין אויפ'ן גאַס, הייסט מען אונז אַרומגיין אַרום די קאַזאַרמעס און אויפקלייבן די שטיקלאַך סיגאַרעטן און שטיקלאַך פּאַפּיר, וואָס די סאָלדאַטן האָבן נעכטן אַוועקגעוואָרפן. פאַרטיג געוואָרן מיט דער מלאכה, הייסט מען אונז אויסשטאָן די רעקלאַך. מען פירט אונז אַוועק אויף אַ פעלד, ניט ווייט פון די קאַזאַרמעס, און מען הויבט מיט אונז אָן צו מאַכן „עקסער־

סאַיז". נאָך די „עקסערסאַיז" הייסט מען אונז לויפן צוריק אין קאַזאַרמע אַריין, זיך אַרומוואַשן, נעמען אונזער געשיר און זיך שטעלן אין דער ריי פאַר אָנבייסן.

אַ סאַרדזשענט פירט אונז אַריין אין „מעס האָל" (עס־צימער). דאָרט שטייען לאַנגע הילצערנע טישן און בענק. אויבן־אָן, וואו עס איז אָפּגעצוימט די קיך, שטייט דער קוכער, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן פאַרטוך און אַ ווייסן מיצל אויפ'ן קאָפּ. ער האָט קליינע אויגעלאַך און אָנגעשוואָלענע רויטע באַקן. עס שטייען דאָרט נאָך דריי סאָלדאַטן, וואָס העלפן אים אויסטיילן דאָס עסן.

מ'איז נייגעריג צו וויסן וואָס פאַר אַן אָנבייסן מען גיט אין דער אַרמיי. דער גערוך פון קיך איז ניט אַזוי אָנגענעם. מיט אַ שמייכל וואַרפט דער קוכער אַריין אין מיין טעלער צוויי גרויסע פראַנקפורטערס, אַ צווייטער וואַרפט אַריין צוויי שטיקלאַך ברויט, אַ דריטער גיסט מיר אָן שוואַרצע קאַווע. איך געפין אַ פּלאַץ לעבן הערשלען. ער איז שוין מיט זיין עסן פאַרטיג גע־וואָרן. איך קען נישט עסן. ער פרעגט מיך פאַרוואָס איך עס ניט און פאַרזיכערט מיר, אַז ס'איז גוט. איך טו אַ מאַך מיט'ן האַנט, אַז איך וויל ניט. ער קריכט אַריין מיט צוויי פינגער אין מיין טעלער און שלעפּט אַרויס די פראַנקפורטערס און בייסט באַלד אָפּ אַ שטיק. איך פאַרזוך די שוואַרצע קאַווע — ביטער ווי גאַל, שטעל איך דאָס אויך אַוועק. איך באַוואונדער ווי אַלע עסן די פראַנקפורטערס און באַלעקן זיך אַזש. איך שטעל זיך אַ פראַגע: ווי אַזוי קענען מענשן עסן אַזאַ מאכל אויפ'ן ניכ־טערן מאָגן?

אין דרויסן שטייען גרויסע שיסלען מיט הייס וואַסער און שטיקער זייף, אויף אויסוואַשן דאָס געשיר. אַלע זיינען לעבע־דיג, פריילאַך, קענען זיך גאָר ניט אָפּלויבן פון דעם גוטן אָנ־בייסן. פאַרטיג געוואָרן מיט'ן וואַשן דאָס געשיר, הייסט מען עס אוועקלייגן אויפ'ן בעט און צוריק אַרויסקומען אויפ'ן גאַס.

מען פירט אונז אַוועק אויף אַ גרויס פעלד, אַ צען מינוט גאַנג פון דער קאַזאַרמע. צוערשט זעצט מען אונז אויס אויפ'ן גראָז אין אַ ראָד. אַ קעפּטן, שוין אַ פופציג יאָר אַלט, אַ גראָער,

קומט אריין אין מיטן ראָד און זאָגט אונז: „גוד מאָרנינג, באָים!" מיר אַלע ענטפערן: „גוד מאָרנינג! ער זעצט זיך אוועק אין מיטן ראָד און דערציילט אונז אַ מעשה אין וואָס פאר אַ געפאר אַמעריקע איז: אַמעריקע קען יעדן טאָג באַפאַלן ווערן פון די דייטשן. אין די אַמעריקאַנער וואַסערן דרייען זיך ארום דייטשע סובמארינס. ער האַלט אונז אַ פּאַטריאָטישע דרשה און ענדיגט, אַז ער דערקענט אין אונזערע פּנים'ער, אַז מיר זיינען עכטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן און נאָר מיר ווען מאַכן אַ סוף צו די דייטשן...

זיינע רייד קריכן מיר ניט אין קאָפּ. ער רעדט און איך טראַכט: ווי אַזוי דרייט מען זיך פון דאַנען ארויס?

פאַרטיג געוואָרן מיט דער דרשה, פרעגט דער קעפּטן ווער עס קען זינגען פּאַטריאָטישע לידער... כמעט אַלע רופן זיך אָפּ מיט יאָ. אָבער צוערשט, זאָגט ער, וועט ער אונז לערנען אַ נייע ארמיי־ליד, וואָס איז נאָך אונז נישט באַקאַנט. מען טיילט אויס יעדן רעקרוט אַ שטיקל פּאַפּיר. כמעט אַלע האָבן ביי זיך אַ בלייפעדער אָדער אַ פאונטען־פּען. אויב איינער האָט ניט, גיט אים דער סאַרדזשענט, אָדער דער קאָרפּאָראַל. ער דיקטירט אונז די ווערטער פון'ם ליד און מיר שרייבן:

Work, Work, Work don't bother me,
I am just as happy as a bumble-bee
Eat when I can get
Sleep most all the time
I don't give a damn if the sun will never shine.
I go everywhere
Never pay no fare
I can ride on freight trains most anywhere
That's why I'm as happy as a bumble-bee
I don't bother work and work don't bother me.

(ווען מיר פלעגן זינגען דאָס ליד פאר געסט, האָבן מיר דאָס וואָרט „דעם" ניט געזאָגט, נאָר געבליבן שטיין און ווייטער געזונגען).

איבערגעזונגען מיט אונז דאָס ליד עטלאַכע מאָל, האָבן מיר געזונגען אַ פּאָר פּאַטריאָטישע לידער, וואָס מיר האָבן אַלע געקענט... אַלע זיינען צופרידן: עסן, טרינקען, זינגען, זיין

אויף דער פרישער לופט... ניט שלעכט... פופצן מינוט צו צוועלף הויבן מיר זיך אַלע אויף, מען שטעלט אונז ווידער אויס און מען פירט אונז שוין אַזוי ווי סאָלדאַטן צום מיטאָג. אויפ'ן וועג הייסט מען אונז זינגען — און מיר זינגען:

Hail, hail, the gang's all here,
What the hell do we care!
What the hell do we care!

אַזוי זינגענדיג זיינען מיר צוגעקומען צו דער קאַזאַרמע. דאָ לאָזט מען אונז פריי. חברה לויפן אריין אין קאַזאַרמע מיט פריילאַכע קוויטשערייען, כאַפּן שנעל דאָס געשיר און שטעלן זיך אין דער ריי ביי דער קיך.

איך בין ניט געגאַנגען צו דער קיך. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין בעטל, איך בין געווען מיד. נעכטן דעם גאַנצן טאָג, ביז נאָך 12 אַזייגער אין אָוונט, געפאָרן, דערנאָך געגאַנגען צופוס אַזאַ ווייטן מהלך, זיך שפּעט געלייגט און אויפגעשטאַנען פרי. הונגעריג בין איך, נאָר אַז איך דערמאָן זיך אָן דעם אָנבייסן, וואָס מען האָט געגעבן אין דער פרי, פאַרגייט מיר דער אַפּעטיט.

איך בין אַליין מיט מיינע געדאַנקען. איך טראַכט און טראַכט, און איך באַשליס, אַז איך זאָל זיך מאַכן קראַנק.

נאָכ'ן מיטאָג לויפן אַלע אריין אין קאַזאַרמע, לייגן אַוועק דאָס געשיר, זעצן זיך אויף די בעטן, כאַפּן פּאַפּיר, לייגן אונטער אַ בוך אָדער עפּעס אַ ברעטל און שרייבן אַהיים אַ בריוו. זיי באַשרייבן זייער ערפאַרונג דעם ערשטן האַלבן טאָג אין קעמפּ; עטלאַכע לייגן זיך אויף די בעטן, לעזן צייטונגען און זשורנאַלן, קוויקן זיך מיט דער „פּאַני־פּעידזש".

הערשל זעצט זיך אַוועק אויף מיין בעט צופוסנס און פרעגט מיך:

— וואָס איז אייך? איר זענט, חלילה, קראַנק?

— איך פיל זיך עפּעס ניט גוט, — ענטפער איך אים.

— נו יאָ, — זאָגט ער, — ווער האָט עס דען ניט געוואוסט! ווי קומט איר אַהער? אַמעריקע גנב, פּונקט אַזוי ווי ביי פּאָניען, יעדן איינעם נעמט מען פאַר אַ סאָלדאַט, צי מען

טויג ,צי מען טויג ניט. אויך מיר סאָלדאַטן, אָפיצירן! — רעדט ער ווייטער — איר האָט געזען די גימנאַסטיק, וואָס זיי האָבן היינט אין דערפרי מיט אונז געמאַכט? אַזאַ גימנאַסטיק איז פאַר קינדער, ניט פאַר סאָלדאַטן. איר האָט באַדאַרפט זען וואָס פאַר אַ גימנאַסטיק מען מאַכט ביי אונז אין רוסלאַנד. מען מוז אַרויפקלעטערן אויף אַ הויכן דראָנג ביז׳ן שפּיץ, אַריבערשפּרינגען אַ הויכן פּלויט, אַ ברייטע גרוב. אָט דאָס איז ביי מיר גימנאַסטיק! אַ גרויסער קונץ וואַרפן מיט די הענט אַהין און אַהער... איך קען גיין אין געוועט, איך וועל זיי ווייזן אַ פּאָר קונצן, וועלן זיי ניט קענען נאָכמאַכן, אַפילו ניט די קעפּטנס.

ער רוקט זיך צו נענטער צו מיר און רעדט ווייטער. זיינע אויגעלאַך בלישטשען און די שוואַרצאַפּלען שפּרינגען אַהין און אַהער: — איך בין שוין אַ בעלן צו זען, ווי אַזוי זיי לערנען דאָ מיט דער ביקס, מיט׳ן באַיאָנעט...

מען רופט אונז אויף דער גאַס אַרויס. אַלע וואַרפן אַוועק אויף די בעטן אַלץ וואָס זיי האַלטן אין האַנט. הערשל הויבט זיך אויך אויף און פרעגט מיך:

— איר בלייבט דאָ?

— יאָ, — ענטפער איך, — איך פיל זיך ניט גוט.

ער באַדויערט מיך, שאָקלט אַ פּאָר מאָל מיט׳ן קאָפּ און גייט אַרויס אויף דער גאַס.

דער סאַרדזשענט גייט פאַרביי מיין בעט און זעט ווי איך ליג אויסגעצויגן. טוט ער צו מיר אַ זאָג:

— העי יו! (ער האָט נאָך ניט געוואוסט מיין נאָמען) ווהאַט׳ס די מעטער! האָומסיק? (בענקסט אַהיים?).

— איך בין קראַנק, — ענטפער איך אים.

ער רופט צו אַ סאָלדאַט און הייסט מיך אַוועקפירן אין האָספּיטאַל.

דער סאָלדאַט טוט צו מיר אַ זאָג: — קאַם אָן, יו!

איך קריך אַראָפּ פון בעט. איך הער ווי דרויסן שרייען די סאַרדזשענטס: „אַטענשאָן! סקוואַדס, ראַיט! פאָרוואַרד, מאַרטש!" און עס הערט זיך באַלד דאָס טופּען מיט די פיס

און דאָס ציילן פון די סאַרדזשענטס און קאָרפּאָראַלס: וואַן, טו, טרי, פאָר!

דער סאָלדאַט פירט מיך צום דאָקטאָר. ער גייט פאָרויס און איך — נאָך אים.

אין האָספּיטאַל האָב איך דערזען, אַז איך בין ניט קיין יחיד. געוועזן דאָרט נאָך אַזעלכע „קראַנקע" ווי איך.

עטלאַכע דאָקטוירים דרייען זיך ארום. זיי זיינען פאַרשוויצט, פאָרען זיך ארום די קראַנקע, ארום די, וואָס מאַכן זיך קראַנק. אַ דאָקטאָר גיט אויף מיר אַ קוק, פרעגט מיך גאָרניט, שטופּט אַ טערמאָמעטער מיר אין מויל אריין און קערט זיך אום צו אַן אַנדער פּאַציענט.

מיין באַגלייטער ווייזט מיר אָן אויף אַ באַנק, איך זאָל זיך זעצן. מיר זעצן זיך אַוועק. עס גייען אַוועק עטלאַכע מינוט, דער דאָקטאָר קומט ניט צו. איך פיל זיך ניט אַנגענעם מיט דעם טערמאָמעטער אין מויל. איך דריי מיין צונג, נעם דעם טערמאָמעטער עטלאַכע מאָל ארויס און שטופּ אים צוריק אריין.

מיט מיינע אויגן זוך איך דעם דאָקטאָר, וואָס האָט מיר אריינגעשטופּט דעם טערמאָמעטער אין מויל. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אָן מיר פאַרגעסן. איך בין דאָך דאָ ניט דער איינציגער.

איך דערזע אים צווישן עולם. ער איז שטאַרק באַשעפטיגט. ער לויפט פון איין סאָלדאַט צום צווייטן. איך זע ווי ער פאָרעט זיך ארום אַ סאָלדאַט, וואָס איז אויסגעטאָן האַלב נאַקעט.

איך הויב זיך אויף פון דער באַנק און גיי צו נאָענט צו אים. איך שטעל זיך פּונקט אַנקעגן אים, ער זאָל מיך קענען זען. איך זע, ווי ער מאַכט דעם סאָלדאַט אַן איינשפּריצונג אין דער האַנט. דער סאָלדאַט קרימט זיך. און איך הויב אָן זיך שרעקן, אפשר וועט ער מיר אויך מאַכן אַן איינשפּריצונג.

ווען דער דאָקטאָר איז פאַרטיג געוואָרן מיט'ן סאָלדאַט און האָט מיט אַ שטיקל וואַטע אָפּגעווישט דאָס אָרט, וואו ער האָט אריינגעשטאָכן די נאָדל, האָט ער מיך דערזען שטייענדיג

מיט'ן טערמאָמעטער אין מויל. מיט אַ שמייכל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מיין גאָט, איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן!

ער שלעפּט ארויס דעם טערמאָמעטער פון מיין מויל, קוקט אויף אים און גלייך פרעגט ער מיך:

— וואָס איז דיר?

— איך בין קראַנק, — ענטפער איך אים.

— וואָס טוט דיר וויי? — פרעגט ער מיך שוין אין אַן ערנסטן טאָן.

איך האָב זיך דערשראָקן פאַר זיין שטרענגן טאָן, און מיט אַ ציטערדיגער שטימע, זייער שטיל, האָב איך געענטפערט:

— מיינע פיס טוען מיר וויי.

ער באַטראַכט אָבער ניט מיינע פיס. ער גייט צו צו אַ שראַנק, נעמט ארויס אַ גרין, ברייט סלאָיאיקל. קוקט אויפ'ן צעטל. וואָס איז צוגעקלעפּט אויף אים, שאָקלט עפּעס ארויס אין האנט אריין, לייגט עפּעס אריין אין אַ שטיקל וויים פּאַפּיר, קומט צו צו מיר, גיט עס מיר און זאָגט:

— נעמט צוויי פּילן אַלע פיר שעה.

אויף דער גאַס קוק איך אריין אין דעם שטיקל פּאַפּיר און זע צען קליינע וויסע פּילן. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז די סאָלדאַטן רופן די פּילן „סיסי־פּילן". האָט זיך אַ סאָלדאַט באַקלאָגט, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי, האָט מען אים געגעבן סיסי־פּילן; האָט זיך איינער באַקלאָגט אויפ'ן מאָגן, האָט מען אים געגעבן סיסי־פּילן. אויף אַלע חולאת'ן גיט מען די סיסי־פּילן.

מיר זיינען צוגעקומען צו אונזער קאַזאַרמע. איך זע, ווי מיין באַגלייטער גייט ווייטער אַהין צום פעלד. איך בין געבליבן שטיין און אים געזאָגט, אַז איך בלייב דאָ. איך מוז גיין זיך צולייגן, ווייל דער קאָפּ טוט מיר וויי. ער זאָגט מיר, איך זאָל ניט פאַרגעסן איינגעמען די פּילן און גייט אוועק אויפ'ן פעלד.

די פילן האָב איך גלייך אָװעקגעװאָרפן און גענומען שרייבן בריוו אַהיים און אויך צו פריינט.

פינף אזייגער פאַרנאַכט האָב איך געהערט דאָס אָנקומען פון אַלע סאָלדאַטן. איך בין געװען זייער הונגעריג. אַ גאַנצן טאָג ניט געהאַט אין מיין מויל, אחוץ אַ האַלבן אָראַנזש װאָס הערשל האָט מיר געהאַט געגעבן, װען ער איז צוריקגעקומען פון מיטאָג. איך כאַפּ מיין געשיר און שטעל זיך גלייך מיט אַלע אין דער ריי. אין קיך פיל איך װידער דעם ריח פון געקעכץ. דאָס מאָל אָבער שמעקט עס מיר ניט אַזוי שלעכט. איינער דערלאַנגט מיר דריי שטיקלאַך ברויט. דער קוכער װאַרפט אריין אין מיין שיסל אַ שטיק סטעיק מיט סאָוס. אַ דריטער װאַרפט אריין אַ פּאָר קאַרטאָפל מיט די שאָלאַכץ, גלייך אין דעם סאָוס אריין. אַן אַנדערער נעמט אָן אַ פול לעפל מיט רייז־פּודינג, געמישט מיט ראָזשינקעס און לייגט עס אריין אין טעלער, װאו עס ליגן די דריי שטיקלאַך ברויט. איינער גיסט אָן די קאַװע. איך זוך אַ טיש װאו זיך צו זעצן. איך בין זייער הונגעריג, עס רינט מיר די סלינע פון מויל.

הערשל האָט מיך דערזען, האָט ער אָנגעהויבן מיך רופן אויפ'ן קול, אַז אַלע האָבן זיך אומגעקוקט... ער האַלט אַ ליידיגן פּלאַץ פאַר מיר. ער האָט שוין צוליב דעם געהאַט אַן איבעררייד: חברה האָבן זיך געװאָלט זעצן, האָט ער ניט געלאָזן. איך זעץ זיך אַװעק לעבן אים און הויב אָן עסן מיט אַפּעטיט.

הערשל װערט שנעל פאַרטיג מיט'ן עסן. ער לויפט אַװעק נאָך „סעקאָנדס" (דאָס הייסט, אַז מען האָט שוין אַלעמען אויסגעטיילט די פּאָרציעס און עס איז נאָך געבליבן, קריגט מען נאָך אַמאָל). ביים מיטאָג האָט זיך הערשל דערפון דער־װאוסט. ער קומט גלייך צוריק מיט אַ שטיק סטעיק, עטלאַכע קאַרטאָפל און אַ פּאָר שטיקלאַך ברויט. ער זאָגט מיר, אויב איך װיל נאָך, זאָל איך עס מאַכן גיכער. ס'איז נאָך פאַר־בליבן אַ סך. איך ענטפער אים, אַז איך װיל ניט מער.

איך האָב הנאה פון'ם עסן. איך קװיק זיך מיט'ן רייז־

פּודינג. עס איז זיס, אַ מחיה... אויפ'ן טיש שטייען פּושקעס מיט צוקער. איך מאַך זיס מיין קאַווע און טרינק.

נאָכ'ן עסן הייסט מיר הערשל גיין אין קאַזאַרמע און ער וועט שוין אַליין אויסוואַשן דאָס געשיר. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרן, זיינען מיר אַרויס אויפ'ן גאַס. אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיג און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו די יאָנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן, ווייל ביי טאָג זיינען מיר געוואויר געוואָרן, אַז די יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן איז צוויי מייל ווייט פון דאַנען. אויפ'ן וועג טרעפט אונז אָן אַ סאָלדאַט און זאָגט אונז, מיר זאָלן זיך גלייך אומקערן, ווייל מיר דאַרפן באַלד „שטיין רעטריט": מען שטעלט אונז אַלע אויס אַטענשאָן, אַ טרומפּייטער שפּילט אַ קורצע מעלאָדיע, פון אַ הויכן סלופּ ציט מען אַרונטער אָן אַמעריקאַנער פאָן, — דאָס הייסט רעטריט. דערנאָך מאַכט מען אַ ראָל־קאָל און מען צולאָזט אונז. הערשל און איך כאַפּן זיך אַריין אין קאַנטין, מיר עסן אייז־קרים, פאַרטרינקען מיט סאָדאַ־וואַסער. אין דרויסן צווישן די קאַזאַרמעס שטייען סאָלדאַטן און שפּילן אין ווערפלאַך און שרייען: קאָם סעווען, קאָם עלעווען! קאָם בעיבי! איינער שטייט און גיט אַכטונג, אַז אָן אָפיציר זאָל ניט אָנקומען. זעט ער אימיצן אָנקומען, גיט ער אַ צייכן. חברה וואַרטן איבער ביז ער גייט פאַרביי, גיבן אים אָפּ סאַלוט און נעמען זיך צוריק צום שפּיל.

הערשל און איך זיינען אַריינגעקומען אין דער „וואַי עם סי עי". מיר זיינען דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע צימער. פרעמדע פּנים'ער. ניט געטראָפן קיין איין באַקאַנטן פּנים, אפילו ניט געטראָפן די עטלאַכע אידן, וואָס זיינען מיט אונז געפאָרן אַהער אויף דער זעלבער באַן.

מיר באַשליסן צוצוגיין צו די יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן, אפשר וועלן מיר דאָרט טרעפן אַ פּאָר באַקאַנטע. אַזוי ווי עס איז ווייט, מאַכן מיר אָפּ, אַז מיר זאָלן גיין שנעל, אַזוי ווי אמת'ע סאָלדאַטן.

פאַרסאָפּעטע זיינען מיר צוגעקומען צו דער יאָנג מענס

היברו אסאָסיאיישאָן. מיר זיינען אריין אינעווייניג און זיך אוועקגעזעצט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אידישע סאָלדאַטן פון אנדערע קאָמפּאַנים האָבן זיך ארומגעדרייט. רעקרוטן, אָנגעטאָן נאָך אין זייערע ציווילע קליידער, זיצן ביי טישן און שרייבן בריוו. עס שטייען עטלאכע אידישע סאָלדאַטן און ריידן פון דער מלחמה. זיי דיסקוטירן איבער די נייסן, וואָס די צייטונגען שרייבן. מיר גייען צו נאָענט צו זיי. מיר ווילן זיך איינהערן צו זייער געשפּרעך. איינער שרייט: „ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז מען וועט מיך נעמען נעגן מיין ווילן, וואָלט איך זיך בעסער אַנגעשלאָסן אָן דעם אידישן לעגיאָן און וואָלט געפאָרן קיין פּאַלעסטינע". ער היצט זיך און שרייט ווייטער: „אויב איך מוז שוין יאָ געבן מיין לעבן, זאָל עס כאָטש זיין פאַר ארץ ישראל. לאָמיר שטאַרבן פאַר אונזער אייגן לאַנד. דאָ זיינען מיר דאָך פרעמדע. מיר גיבן אונזערע לעבנס און מיר וועלן אַלץ בלייבן אייביגע וואַנדערער, איינגעבעטענע"...

דער שמועס איז איבערגעשלאָגן געוואָרן פון עטלאכע אידישע באָים, וואָס זיינען אויך צוגעקומען צו נעמען אָנטייל אין דער דיסקוסיע. זיי האָבן מיך דערקענט און האָבן זיך מיט מיר ארומגעכאַפּט פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך געקענט פון יאָרן. מיר האָבן זיך צערעדט. זיי זיינען פון פילאַדעלפיע. מאָרגן פרי פאָרן זיי אָפּ פון קעמפּ קיין פראַנקרייך.

— שוין קיין פראַנקרייך? — פרעג איך — איר זיינט שוין לאַנג דאָ?

— שוין אכט וואָכן, — ענטפערן זיי מיר.

— אַ גיכע אויסכאַפּעניש! — רופט זיך אָן הערשל.

— מען וועט אייך אויך דאָ לאַנג ניט האַלטן! — טרייסטן זיי אונז.

מיר ווערט קאַלט פון דער בשורה.

— הייסט עס, אַז אַקטיאָרן נעמט מען אויך — זאָגט צו מיר איינער, און אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף זיין פּנים.

— אַקטיאָרן זיינען ניט קיין מיוחסים, — ענטפער איך אויך מיט אַ שמייכל, און אין הארצן טיאַכקעט פאַר שרעק.

— קומט, וועלן מיר אייך פאָרשטעלן אונזער טשאפּ־לעין, — זאָגן זיי אונז און פירן אונז אריין אין אַן אנדער צימער.

אינעווייניג זע איך אַן אָרון קודש און אַ מזרח אויף דער וואנט. אַ שטענדער מיט אַ מנורה שטייט לעבן אָרון־קודש. עס ברענען נאָך האַלבע ליכט. פריער מיט אַ האלבער שעה האָט מען דאָ געדאַוונט מנחה און מעריב. אויף בענק, לעבן לאַנגע טישן, זיצן אידישע יונגעלייט און שרייבן בריוו, לייענען אידישע צייטונגען.

דער טשאפּלעין, אַ יונגערמאַן פון עטלאַכע און דרייסיג יאָר, אַ ראַזירטער, אָנגעטאָן אין אַן אָפיציר׳ס יוניפאָרם, לייגט צוזאַמען עטלאַכע סדורים. מען באַקענט אונז מיט אים. ער איז טאַקע פון פּיטערסבורג, ווירדזשיניע. ער טרייסט אונז, אַז די מלחמה וועט לאַנג ניט דויערן. די באָיס, וואָס דאַרפן מאָרגן אַוועקגיין, געזעגענען זיך מיט אים. ער ווינשט זיי, זיי זאָלן צוריקקומען געזונט. אונז זאָגט ער אָן, אַז מיר זאָלן ניט פאַרגעסן קומען מאָרגן, אויב מעגלאַך, אַ ביסל פריער, כדי מיר זאָלן אויך קענען דאַוונען מנחה און מעריב. מיר געזעגענען זיך, מיר איילן זיך, מיר דאַרפן גיין צוויי מייל צו אונזער קאַזאַרמע. אין אַ ווינקל שטייט אַ וויקטראָלאַ. עס דרייט זיך אַ רעקאָרד און מיר הערן יאָסעלע ראָזנבלאַט׳ס נגינה. הערשל פרעגלט זיך פאַר נחת, ער קוועלט אָן פון דעם „יהי רצון“. חזנים זיינען ביי אים זיין לעבן. ווערט מען פאַרטיג מיט׳ן „יהי רצון“, שטעלט מען גלייך אָן אַ דזשעז־רעקאָרד, מען זינגט מיט און מ׳איז פריילאַך.

אַ פערטל צו ניין ליגן מיר שוין אויף אונזערע געלעגערס. ניין אזייגער פאַרלעשט מען די עלעקטריק, פון דרויסן הערט מען ווי אַ טרומפּייטער שפּילט „טעפּס“; ער איז מזכיר נשמות די טויטע סאָלדאַטן. די מעלאָדיע איז אַן אומעטיגע, עס פאַרקלעמט פון איר ביים הארצן. כ׳וואַרף זיך אַהין און אַהער אויף מיין געלעגער, דריי זיך אויף אַלע זייטן און קען ניט

איינשלאָפן. הערשל זאָגט מיר „גוד נאַיט" און שלאָפט גלייך איין.

איך ליג מיט אָפענע אויגן און טראַכט פון די טעאַטערס אין ניו יאָרק, וואָס שפּילן נאָך. ניין אזייגער שפּילט מען נאָך דעם ערשטן אקט. איך זע דעם עולם, איך הער ווי זיי אַפּלאָדירן די אַקטיאָרן און אַקטריסעס... איך זע אין געדאַנק, וואָס עס טוט זיך הינטער די קוליסן: מען טומלט זיך, מען רעש'ט זיך, אַקטיאָרן זיינען פריילאך, זאָגן וויצן, חכמה'נען זיך. אייניגע זיינען נערוועז פון זייערע ראָלן, גייען ארום מיט די ראָלן אין די הענט און ריידן צו זיך אליין... און איך.. איך ליג אין קעמפּ, פאַרוואָרפן ערגעץ וויט פון ניו יאָרק, פון טעאַטער, וואָס איז מיר אזוי ליב... איך הער דאָס שווערע כראָפּען פון אלע, וואָס ליגן ארום מיר. איך בין זיי מקנא, זיי שלאָפן און פאַרשפּאָרן צו טראַכטן.. איך טראַכט פון מיין מאַמען, איך דערמאָן זיך ווי אזוי זי האָט מיך אוועקגעשיקט אהער, און איך צעוויין זיך... איך גראָב איין מיין פּנים אין קישן, כדי קיינער זאָל ניט הערן.. מיין קישן ווערט דורכגעווייקט פון מיינע טרערן, און אזוי וויינענדיג און טראַכטנדיג בין איך איינגעשלאָפן...

פאַרטאָג דערהער איך דעם באַקאַנטן פייף. איך קען ניט עפענען מיינע אויגן. איך צי ארויף די קאָלדרע איבער מיין קאָפּ. אָבער באַלד דערמאָן איך זיך, אז איך בין ניט אין דער היים, איך בין אין דער אַרמיי. מיט געוואַלד וואַרף איך פון זיך אַראָפּ די קאָלדרע, זיץ א ווײַלע, קראַץ זיך עטלאַבע מאָל דאָ און דאָרט. איך זע ווי אַלע באַוועגן זיך שנעל, מען טוט זיך אָן. הערשל העלפט מיר, ער וואַרפט מיר צו מיינע זאָקן. איינער לעבן מיר ליגט נאָך מיט דער קאָלדרע איבער'ן קאָפּ. דער סאַרדזשענט דערזעט עס, טאָרעט ער אים א פּאָר מאָל. ער קרעכצט און בעט זיך: „לאָזט מיך שלאָפן!" דער סאַרדזשענט הויבט אויף אין דער הויך דאָס בעטל און לאָזט עס פאַלן מיט א שטאַרקן קלאַפּ צו דער ערד. דער סאָלדאַט שפּרינגט אויף פון בעט א דערשראָקענער. ער ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, און חברה לאַכן און האָבן הנאה... איך

לאָך ניט פון דעם וויץ, איך זע אין דעם א טראַגעדיע, ניט קיין קאָמעדיע. דעם טאָג בין איך מיט אַלע גלייך געגאַנגען אויפ'ן פעלד. מען האָט אונז „געדרילט". די אַרבעט איז ניט געווען אַזוי שווער. מיר האָבן געזונגען פּאַטריאָטישע לידער:

The Stars and Stripes will fly over Germany
Fly over Germany
Just about a year from now.
And just about a year from now
Just about a year from now.
The Stars and Stripes will fly over Germany
Just about a year from now.

דער קעפּטן האָט אונז געלערנט נאָך א ניי ליד, וואָס איז אונז ניט געווען באַקאַנט:

All we do is sign the payroll
All we do is sign the payroll
All we do is sign the payroll
And we don't get a god damn cent.

ער האָט מיט אונז אויך געזונגען דאָס ליד:

Pack up your troubles in your old kit bag
And smile, smile, smile.
Pack up your troubles in your old kit bag
Smile boys, that's the style,
What's the use of worrying,
It never was worth while.
So, pack up your troubles in your old kit bag
And smile, smile, smile.

יעדן טאָג דאָסזעלבע, דיזעלבע פּאַטריאָטישע רעדע פון אונזער קעפּטן, דיזעלבע לידער, נאָר דאָס דרילן, די לערע פון הרג'ענען מענשן, ווערט אַלע טאָג שווערער און שווערער. מען קנעלט מיט אונז גאַנצע טעג אויף דעם פרייען פעלד. די היץ איז שרעקלאַך, זי ברענט און בראָט. איך באַשליס נאָך אַמאָל צו פּרואוון מיין מזל: איך וועל זיך מאַכן קראַנק.

א סאָלדאַט פירט מיך ווידער אַוועק אין שפּיטאָל. אן אַלטער דאָקטאָר פון א יאָר 55—60 גייט צו צו מיר און פרעגט מיך:

— קראַנק?

— יעס, סער, איך בין קראַנק, — ענטפער איך.

— וואָס טוט דיר וויי? — פרעגט ער מיך איבער.

— מיינע פיס ברעכן מיר. איך האָב שטאַרקע קרעמפּן אין בויך, און עס איז מיר קאַלט.

און טאַקע באַלד הויב איך אָן ציטערן מיט מיין גאַנצן קערפּער. ער שטופּט מיר אריין אַ טערמאָמעטער אין מויל. אין האַרצן טוט מיר הנאה, וואָס איך האָב אויסגערעכנט דרייערליי קראַנקהייטן, אין דרייען איז שטאַרקער... איך שטיי און טרייסל זיך. דער דאָקטאָר נעמט אַרויס דעם טערמאָ־מעטער פון מיין מויל, קוקט אויף אים, קוקט אויף מיר. איך טו מיינס: איך טרייסל זיך. ער באַטראַכט מיין האַרץ, הערט זיך איין צו מיינע לונגען. ווען ער ווערט פאַרטיג, טוט ער מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע און שמייכלט אונטער... איך פאַר־שפּיליע מיינע קליידער. אין דער צייט האָט ער עפּעס אויפ־געשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, ער גיט עס איבער מיין באַגלייטער און זאָגט אים עפּעס.

איך זע, ווי מיין באַגלייטער, אַנשטאָט מיך צו פירן צוריק אין קאַזאַרמע, פירט ער מיך גאָר דורך אַן אַנדער וועג אויפ'ן פעלד, וואו די סאָלדאַטן דרילן. ער גייט מיט שנעלע סאָל־דאַטסקע טריט, און איך גיי הינטער אים פּאַמעלאַך. איך וויל ניט מאַכן אַזעלכע ברייטן שפּאַן, ווי ער מאַכט. איך בין דאָך קראַנק... פּלוצלינג בלייבט ער שטיין און וואַרט ביז איך קום צו אים. ווען איך קום צו נאָענט צו אים, טוט ער מיר אַ זאָג:

— קום, טו זיך אַביסל אַ ריר!

איך ענטפער אים, אַז איך קען ניט מאַכן אַזוינע ברייטע שפּאַן, ווי ער מאַכט. מיינע פיס טוען מיר וויי. צעשרייט ער זיך אויף מיר:

— דו ביסט נישט קראַנק!

עס ווערט מיר קאַלט פון זיינע רייד. איך פאַרשטיי, אַז דאָס האָט אים דער דאָקטאָר שטילערהייט געזאָגט. איך פאַר־ליר זיך אָבער ניט פאַר זיינע געשרייען, וואָס ער מאַכט. איך האַלט זיך ביי מיינס: ער גייט מיט שנעלע טריט, און איך

קריך אַזוי ווי אַ ראַק, ביז מיר זיינען געקומען אויפ׳ן פעלד, וואו אונזער קאָמפּאַניע האָט געדרילט..•

איך בלייב שטיין, ווי אַ נעביכל. מיין באַגלייטער גייט צו צום קעפּטן און גיט אים איבער דאָס צעטעלע, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געגעבן. איך זע, ווי דער קעפּטן לעזט דאָס צעטעלע. איך שטיי נאָך אַלץ מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. עס הויבט מיר שוין אָן באַנג צו טאָן דער גאַנצער עסק. איך שעם זיך פאַר די סאָלדאַטן, וועלכע קוקן אויף מיר מיט אויגן, וואָס זאָגן: דו מאַכסט זיך קראַנק...

דער קעפּטן קומט צו מיר צו. ער צערייסט דאָס צעטעלע און מיט אַ שמייכל זאָגט ער צו מיר:

— ווי געפעלט דיר דאָס? וואָס פאַר אַ בהמה דער דאָקטאָר איז! ער האָט מיר געשיקט אַ צעטעלע, אַז דו ביזט ניט קראַנק... אַז איך זאָל דיך מושטירן.

דער קעפּטן איז שוין 25 יאָר אין דער אַרמיי, אַ דורכגעטריבענער סאָלדאַט. אין די 25 יאָר האָט ער שוין מסתמא געהאַט אַ סך אַזעלכע קאַנדידאַטן ווי איך. ער לייגט צו זיין האַנט צו מיין שטערן, מאַכט דערביי אַן ערנסטן פּנים און זאָגט:

— איך בין אַ בעסערער דאָקטאָר פון אים, פון יענעם דאָקטאָר אין האָספּיטאַל. דו האָסט היץ, — זאָגט ער מיט באַשטימטקייט, — גיי צוריק אין קאַזאַרמע און לייג זיך אריין אין בעט. דו פילסט זיך טאַקע ניט גוט.

גייענדיג צוריק אין קאַזאַרמע, טראַכט איך פון דער גאַנצער זאַך. איך האָב דערקענט אָן מיין קעפּטנ׳ס פּנים, אַז ער האָט מיט מיר געשפּילט אַביסל טעאַטער. איך זאָג צו זיך אַליין: ווי גוט איך זאָל ניט שפּילן די ראָלע פון אַ קראַנקן, אָבער מיין האַרץ, מיינע לונגען און דער טערמאָמעטער זיינען מיינע פאַררעטער. פאַרפאַלן, ברודער — זאָג איך צו זיך אַליין — דו ביזט אַ סאָלדאַט, און די בעסטע זאַך וועט זיין צו ווערן אַ גוטער סאָלדאַט.

איך מושטיר שוין מיט אַלעמען גלייך. איך כאַפּ אַלץ שנעל אויף. מיין קעפּטן מאַכט מיר קאָמפּלימענטן. מען פירט

אונז נאָך אַמאָל אונטערצוזוכן דאָס געזונט. מיר זיינען אַל־ראַיט. מען טיילט אונז אויס די סאָלדאַטסקע קליידער און ביקסן. הערשל אַרבעט שווער. ער רייניגט אויס זיין ביקס און אויך מיינע.

מיט די ביקסן אין די הענט האָט זיך דאָס מושטירן פאַרטאָפּלט. הערשל באַדויערט מיך ניט מער, ווייל ער זעט, אַז איך בין אַ גוטער און אַ געזונטער סאָלדאַט. אויף דער דריטער וואָך הייסט מען אונז צוזאַמענפּאַקן אונזערע זאַכן. מען פירט אונז אריבער אין אַן אנדער קאַזאַרמע און מען שרייבט אונז צו צו אַן אַרמיי־דיוויזיע וואָס דאַרף אָפּגיין קיין פראַנקרייך.

מיין נייע דיוויזיע קומט פון אַ שטאַט אין מידל־וועסט. די מערסטע סאָלדאַטן פון דער דיוויזיע זיינען פריוווילינע, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אָנגעשלאָסן. זייער ווינציג זיינען גענומען פון דרעפט־ אַלטע סאָלדאַטן. זיי זיינען שוין געווען אויף דער מעקסיקאַנער גרענעץ, ווען אַמעריקע האָט געהאַט אַ שטיקל סכסוך מיט מעקסיקאָ. עס פעלן נאָך אויס עטלאַכע טויזנט סאָלדאַטן, אַז די דיוויזיע זאָל זיין אַ גאַנצע. אויפ׳ן וועג קיין פראַנקרייך האָט זיך די דיוויזיע אָפּגעשטעלט אין קעמפּ ליע, און מיט אונז האָט מען זי פאַרפולט.

מיט מיין נייעם סאַרדזשענט בין איך באַלד געוואָרן אַ גוטער ברודער. איך האָב ביי אים נושא חן געווען. ער איז אַ קריסט, זיבן־און־צוואַנציג יאָר אַלט, אַ נידעריגער, מיט צוויי קליינע אויגן. זיין פּנים איז ברוין, פאַרברענט פון דער זון.

איינער פון אונזערע סעקאָנד־ליוטענאַנטס איז אַ הויכער, געזונטער מאַן. זיין פּנים איז אויך ברוין פון דער זון, ער זעט אָבער אויס צו זיין אינטעליגענטער פון מיין נייעם סאַרדזשענט. דער ליוטענענט איז געוואויר געוואָרן פון מיינע פּאַפּירן, אַז איך בין אַן אַקטיאָר, האָט ער גלייך אָנגעהויבן זיך חבר׳ן מיט מיר. כמעט אַלע פאַרנאַכט פלעגן מיר זיך אַוועקזעצן ערגעץ אויף אַ פּלאַץ, וואו קיינער זאָל אונז ניט שטערן, און ריידן פון טעאַטער, פון אָפּערע, פון באַרימטע אַקטיאָרן און זינגער. אין דער צייט פון אונזער שמועס פלעגט ער זיך גאָרגלען און פרעגן ביי מיר אַ מיינונג אויף זיין זינגען.

הערשל האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם, וואָס איך חבר זיך מיט אַן אָפיציר. ווען ער זעט, אַז איך זיץ מיט דעם אָפיציר, גייט ער מיט אַ כיון פאַרביי און וואַרפט אַ גנבישע אויגל צו מיר.

דאָס מושטירן דאָ איז אַ סך שווערער ווי פריער. מען לערנט אונז ווי אַזוי אָנצוגיין מיט׳ן באַיאָנעט, אין אַ האַנט־צו־האַנט געפעכט. מיר מוזן טרעפן מיט׳ן שפּיץ יענעם גלייך אין גאָרגל אַריין. מען שטעלט אונז אויס אין אַ ריי. די ביקסן מוזן מיר האַלטן אין אַ פּאָזיציע, וואָס מען רופט אין דער אַרמיי „אַן גאַרד“, געצילט צום שונא. אַנקעגן אונז הענגען אָנגעשטאָפּטע זעק אויף בוימער. די זעק דאַרפן פאָר־שטעלן די דייטשן. אַ לייטענאַנט, וואָס איז די רשעות אַליין, מיט אַ פאַרגרינטן פּנים, מיט צוויי שוואַרצע איסגעוואַשענע אויגן, מיט טיפע קנייטשן ביים מויל, טוט אַ קאָמאַנדעווע: „טשאַרדזש!“ און אַלע גיבן זיך אַ לאָז צו די אָנגעפילטע זעק מיט ווילדע קולות. דאָס שרייען איז כדי איבערצושרעקן דעם שונא, און זיך אַליין אויפצורעגן.

גאַנצע טעג, פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט, שרייען מיר און שטעכן מיט אונזערע באַיאָנעטן די געשטאָפּטע זעק. כמעט אַלע באַים זיינען שוין הייזעריג פון שרייען. מען לערנט אונז אויך, ווי אַזוי אויסצוכאַפּן איינעם ביים אַנדערן די ביקס פון די הענט. דאָס דאַרפן מיר אויך קענען, ווייל עס האָט שוין אַ סך מאָל געטראָפן אויפ׳ן שלאַכטפעלד, אַז אַ שונא האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אונזערע רייען, און ווען ער האָט דערזען, אַז ער איז צו אונז אַריינגעפאַלן, האָט ער אַוועקגע־וואָרפן זיין ביקס און האָט זיך פרייוויליג אונטערגעגעבן. שפּעטער, אָבער, ווען אונזערער אַ סאָלדאַט האָט אים געפירט צו אַ פּלאַץ, וואו מיר פירן אַוועק אַלע געפאַנגענע, האָט דער געפאַנגענער אין מיטן וועג אַ וואָרף געטאָן זיך אויפ׳ן סאָלדאַט, אַרויסגעכאַפּט ביי אים די ביקס און אים דערשטאָכן. עס איז זייער גרינג ביי אַ צווייטן אַרויסצוכאַפּן די ביקס פון די הענט. מען דאַרף נאָר וויסן, ווי אַזוי אָנצוכאַפּן די ביקס און זי אַזוי

קונציג אַ דריי טאָן, אַז זי זאָל איינשניידן די הענט דעם, וואָס האַלט זי. דאַן מוז יענער אָפּלאָזן די ביקס.

מען לערנט עס אונז, טאַמער וועט אונז אויסקומען אריינ־צופאַלן צום שונא אין די הענט, זאָלן מיר אויך טאָן דאָס זעלבע. אונזער שלעכטער ליוטענענט מיט׳ן פאַרגרינטן פנים לערנט עס אונז די תורה.

מיר שטייען אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי, מיט די ביקסן אין די הענט, און ער גייט פון איינעם צום צווייטן און רייסט אַרויס די ביקסן פון אונזערע הענט. ביי איינעם קומט אים אָן גרינגער, ביי אַ צווייטן — אַ ביסל שווערלאַך, אָבער דאָס רוב קומט עס אים אָן גרינג. אַ פשוט׳ער סאָלדאַט וועט זיך שטעלן געגן אַ ליוטענענט? און נאָך אַזאַ כלב!...

דער ליוטענענט גייט צו צו הערשלען און כאַפּט אָן הערשל׳ס ביקס און וויל זי אַרויסרייסן פון זיינע הענט. הערשל האַלט פעסט זיין ביקס מיט ביידע הענט. דער ליוטענענט טוט איין מאָל אַ דריי, אַ צווייטן מאָל. עס גייט ניט. הערשל לאָזט ניט אָפּ די ביקס: מיט זיין גאַנצן כח האַלט ער זי פעסט.

דער ליוטענענט ווערט אין כעס. דאָס גרינקייט פאַר־שפּרייט זיך אויף זיין פנים און ווערט אויסגעמישט מיט אַ בלאַסקייט. מיט זיין גאַנצן כח כאַפּט ער אָן די ביקס, דרייט זי אַהין און אַהער — אָבער ניט פון אָרט. זיי פאַלן ביידע אויף דער ערד, און ביידע האַלטן די ביקס. זיי קייקלען זיך אויפ׳ן גראָז, אויפ׳ן זאַמד. הערשל איז רויט און עס זעצט אים אַ שוים פון מויל. די אַנדערע סאָלדאַטן שטייען און לאַכן אויפ׳ן קול. די ביקס איז אָבער געבליבן ביי הערשלען. ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, האָט הערשל אוועקגעלייגט די ביקס אויף דער ערד און זיך פאַרקנעפּלט דעם ראָק, וואָס האָט זיך צעשפּיליעט בשעת זיי האָבן זיך געראַנגלט אויף דער ערד. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע זיין נאָז־טיכל, זיך אָפּגע־ווישט דאָס מויל און געוואָרטשעט אין זיך אַריין: „אַי עם עי ראַשיען סאָלדזשער...״ (איך בין אַ רוסישער סאָלדאַט.)

אַלע סאָלדאַטן שרייען אויפ׳ן קול: „גוד באָי, דזשאָו!״ דער ליוטענענט צעשרייט זיך, אַז מען זאָל אויפהערן לאַכן.

ער טרייסלט אָפּ דעם שטויב פון זיך און מיט א פארביסענעם שמייכל זאָגט ער צו אונז: „הי איז אָלראַיט, דעט דזשו!..." צום לעצטן וואָרט לאָזט ער אויס זיין גאנצן כעס. הערשל וואַרפט מיר צו א זייטיגן פינטל מיט אַן אויג און זאָגט ארויס: „דער דבר אחר האָט ניט געטראָפן ס'אָרט"...

די פריוויליגע סאָלדאטן קוקן אויף די „געגומענע" פון אויבן אראָפּ, ניט ווי אויף זייער גלייכן. איבערהויפּט א אידן האָבן זיי ניט איבעריג ליב. די מערסטע פון זיי זיינען פאַר־מערס, קומען פון דערפלאך. א סך פון זיי זיי־נען האָבאָס, פוילן זיך צו ארבעטן, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין דער ארמיי און זיי פארבלייבן סאָלדאטן זייער לעבן לאנג. עס זיינען אויך פאַראַן פיינע מענשן צווישן זיי. אָבער די שלעכטע וואַרפן זיך גיכער אין די אויגן. זיי זוכן אָפט צו פאַרפירן א קריגעריי מיט אונז. א סך פון אונזערע מיידן זיי אויס, אייניגע ענטפערן זיי גלייך צוריק.

איך האָב זיך באַלד אויסגעלערנט אַלע שמוציגע ווערטער, וואָס ווערן גערעדט אין דער אַרמיי, און איך ענטפער זיי אויף זייער לשון. איך בין א סאָלדאַט. איך בין באַלד געוואויר געוואָרן, אַז דאָ איז ניט דאָס אָרט ארומצוגיין מיט די אויגן פאַרגלאָצט צום הימל. איך טאָר ניט בלייבן הינטערשטעליג. מען דאַרף זיין גרייט אפילו צו דערלאַנגען אין באַק אריין. רופט מיך איינער ארויס אויף א „פּאַיט", איז ניט געטראַכט. מיר שטייען שוין אָן די רעקלאַך, פאַרקאַטשעט די אַרבל. א רעדל אַרום אונז, מ'שרייט און מ'ליאַרמט, און בלוט גיסט זיך פון אונזערע נעזער, ביז א ליוטענענט גייט פאַרביי, צענעמט אונז און בייזערט זיך גאַנץ גוט אויס אויף אונז.

הערשל האָט פיינט זיך שלאָגן. רופט אים אימיצער זיך שלאָגן, זאָגט ער, אַז ער קען זיך נאָר שטייערן, באָרען. דעם געזינטסטן סאָלדאַט קערט ער איבער. ער איז א קינסטלער אין דעם. אויך דאָס האָט ער געלערנט אין רוסלאַנד. ער טוט א קונציגן דריי מיט זיין פוס, זיין געגנער פאַרטשעפּעט זיך און ליגט שוין אָן אויסגעצויגענער אויף דער ערד, און די צוקוקער פּאַטשן בראַוואָ.

איך האַלט וואַך.

אין אונזער קאָמפּאַניע איז געווען אַ סאָלדאַט מיט'ן נאָמען ביל. ער איז געווען אַ הויכער, געזונטער יונג, מיט אַן אָפּגע־פּרעסן פּנים, מיט רויטע, קורץ־געשוירענע האָר, קליינע, ברוינע אויגעלאַך, אַ דיקע, רויטע נאָז, מיט גרויסע געלע וואָנצעס, וואָס האָבן באהאַלטן די אויבערשטע ליפּ. רעדן פלעגן ער הייזעריגלאַך — אַ סימן פון שכרות. זיין גראָבער קערפּער איז געווען אַביסל צו שווער פאַר זיינע פיס און ער האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם.

ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען, האָט דער נפש געמאַכט אויף מיר אַ מאָדנעם איינדרוק. ווי קומט אַזעל־בער, אַזאַ שווערער מענש, צו זיין אַ סאָלדאַט? איינמאָל האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין סאַרדזשענט, ביי וועמען איך האָב געהאַט חן אין די אויגן: ווי קומט עס, וואָס מען האָט אריינ־גענומען ביל'ן אין דער אַרמיי? אין דער אַרמיי דאַרף מען דאָך האָבן פלינקע סאָלדאַטן, וואָס זאָלן זיין שנעל מיט זייערע באַוועגונגען, זיי זאָלן קענען לויפן, שפּרינגען, און ביל קען זיך דאָך קוים רירן. אַז ער גייט, קריכט ער ווי אַ ראַק. האָט מיר דער סאַרדזשענט געזאָגט, אַז ביל דינט שוין אין דער אַרמיי פיר יאָר. ער קומט צוניץ, ער אַרבעט אין קיך, לאָדט אָן טראָקס. קומט אָן אַ טראָק מיט זאַכן, נעמט ער אַלץ אַרונטער. ער גייט אויף גאַרד. ער פאַרדינט זיין עסן. שפּעטער האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן מיט ביל'ן אַליין זיך צו באַ־קענען, דורך אַ צופאַל.

הערשל'ס בעט איז געווען דאָס צווייטע פון ביל'ס. ביים אָנקומען אין דער דיוויזיע, ביים אריינגיין אין אונזער נייער קאַזאַרמע, האָט ער זיך עפּעס פאַרפּלאָנטערט און מען האָט אים געליינט לעבן ביל'ן. און אַזוי ווי זיי זיינען געוואָרן שכנים, האָט זיך הערשלען פאַרגלוסט צו שפּילן מיט אים קאָרטן. אין ביי קאָרטן איז דאָך אַ כלל, אַז מען מוז זיך צעקריגן, דערהויפּט נאָך אַ אידישער סאָלדאַט מיט אַ קריסטלאַכן, האָבן זיי זיך טאַקע צעקריגט אין מיטן שפּילן.

איך בין דעמאָלט געלעגן אויף מיין בעטל און געלייענט א ציימונג. הער איך ווי ביל שרייט אויפ'ן קול צו הערשלען: „דו שמוציגער איד! דו סלעקער! אַלע אידן זיינען סלעקערס! איך האָב א אידן נאָך ערגער פיינט ווי א דייטש!"

דערהערט די קולות, בין איך ארונטער פון בעטל, צוגע־לאָפן צו ביל'ן און געזאָגט:

— סעי, ביל, אז דו קריגסט זיך מיט אים, וואָס האָסטו צו אַלע אידן?

צעשרייט ער זיך נאָך העכער, אז אידן טויגן ניט, אז אויב ער וועט באגעגענען הערשלען אויפ'ן שלאַכט־פעלד, וועט ער אים דערשיסן, ווי מ'דערשיסט א משוגענעם הונט.

הערשל שטייט אן אויפגערעגטער. די עטלאכע שיטערע האָר אויף זיין קאָפּ האָבן זיך אויפגעשטעלט. זיין פּנים איז בלאָס. זיין גאנצער קערפּער ציטערט פאַר כעס. ער קריצט מיט די ציין און בעט זיך ביי מיר, אז איך זאָל אים לאָזן געבן ביל'ן א זעץ און עס וועט זיין נאָך אים. איך האַלט הערשלען צוריק מיט אַלע כחות. עס האָט זיך דערווייל ארום אונז ארומגעקליבן א רעדל סאָלדאטן און ס'איז געוואָרן א גרויס געלעכטער. עס האָט זיי הנאה געטאָן, וואָס א איד קריגט זיך מיט א קריסט, און דער קריסט קען זיך בעסער אויס'טענה'ן מיט די נידעריגסטע ווערטער. אויך הערשל האָט ניט געזשאַ־לעוועט קיין שמוציגע ווערטער, ס'רוב אויף רוסיש.

איך נעם הערשלען אָן ביי דער האַנט און איך שלעפּ אים קוים ארויס אויף דער גאַס. אַלע ווײַלע רייסט ער זיך פון מיר ארויס און שרייט אריין צו ביל'ן, ער זאָל ארויסקומען אין גאַס זיך שלאָגן. „קאַם אוטסאיד — שרייט ער צו אים — אי'ל פאַיט יו פאָ רוסקי!"

חברה כאַפּט באַלד אויף דאָס וואָרט רוסקי און מ'שפּעט פון אים: „קאַם אָן רוסקי פאַיט!"

אונזער סאַרדזשענט איז אָנגעקומען. ער פרעגט, וואָס זיי קריגן זיך. עטלאכע סאָלדאטן האָבן געהאַלטן פאַר ביל'ן. איך האָב אים דערציילט דעם גאנצן אמת. ער איז צוגעגאַנגען צו ביל'ן און אים געזאָגט:

— אויב דו ווילסט ניט גיין אויף אַ פּאָר מעת לעת אין גאַרד־הויז, זאָלסטו זיך מיט קיינעם מער ניט זאַטשעפּען.

אויך הערשלען האָט ער צוגעטיילט אַ פּאַרציע. ער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער איז איצט אין דער אַרמיי, ניט אין דער היים.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך גע׳פּועל׳ט ביים סאַרדזשענט, אַז ער זאָל הערשלען אַריבערנעמען צו מיר, און לעבן ביל׳ן זאָל ליגן דער סאָלדאַט, וואָס שלאָפט לעבן מיר. ער האָט מיר געטאָן די טובה און געהייסן הערשלען באַלד אַריבערטראָגן זיינע זאַכן. פון יענעם טאָג אָן, ווען ביל פלעגט זיך צוזאַמענ־טרעפן מיט הערשלען, פלעגט ער אין זיך אַריינבורטשען: „דזשו בעסטערד!" אַלס ענטפער פלעגט הערשל געבן אַ שפּיי און אויסשרייען: „טפו נאַ טעביאַ, סווינניאַ!"

איינמאָל, פאַרנאַכט, קלייבט מען אויס מיך און הערשלען, אַז מיר זאָלן גיין אויף וואַך, אויף אַ גאַנצע נאַכט. מיר דאַרפן גיין היטן אַ קוואָרטער־מייסטער־בילדינג. איך וויים, אַז אויף וואַך גייט מען אין דרייען. פרעג איך מיין קאָרפּאָראַל, ווער עס איז דער דריטער. זאָגט ער מיר, אַז ס׳איז ביל. איך טו אַ קוק, ביל טוט זיך טאַקע אָן. עס האָט מיר אַזש אַ שווינדל געטאָן פאַר מיינע אויגן. איך לויף ארויס אין גאַס. איך זוך מיין סאַרדזשענט, איך וויל אים בעטן, ער זאָל שיקן אויף ביל׳ס אָרט אַן אַנדערן. כ׳האָב אָבער דעם סאַרדזשענט ניט געקענט געפינען. מילא, פאַרפאַלן, טראַכט איך. איך גיי צוריק אַריין אין דער קאַזאַרמע. איך בעט הערשלען, ער זאָל זיך למען השם מיט אים ניט טשעפּען, ניט רעדן צו אים, ניט ענטפערן, פונקט ווי ביל וואָלט אין גאַנצן ניט געווען.

מיר טוען זיך אָן, נעמען אונזערע ביקסן, לייגן אַריין צו פינף קוילן אין אַ ביקס. דער קאָרפּאָראַל פירט אונז אַוועק אויף דעם פּלאַץ, וואו מיר דאַרפן היטן פון היינט זעקס אַזייגער פאַרנאַכט, ביז מאָרגן זעקס אַזייגער אין דער פרי. ער זאָגט אונז די פליכטן פון אַ סאָלדאַט, וואָס שטייט אויף וואַך:

נומער איינס: אַ סאָלדאַט טאָר ניט פאַרלאָזן דעם אָרט, וואָס ער היט, ביז אַ צווייטער קומט און בייט אים איבער.

נומער צוויי: יעדע צוויי שעה זאָלן מיר זיך בייטן.

נומער דריי: אז אַ סאָלדאַט שטייט אויף דער וואַך און ער זעט אימיצן אָנקומען, מעג דער אימיצער זיין אפילו אַן אָפיציר, איז ווען ער קומט צו נאָענט צום סאָלדאַט, אַן ערך הונדערט מעטער, זאָל מען אָנשטעלן צו יענעם די ביקס און באַפעלן אים צו בלייבן שטיין. אויב יענער שטעלט זיך ניט אָפּ און גייט ווייטער, זאָל מען דריי מאָל אויסשיסן אין דער הויך, און אויב דאָס שיסן שטעלט אים אויך ניט אָפּ, זאָל מען שיסן אין דעם מענטש.

ביל שטייט און שמייכלט, ווען מען גיט אונז די „אָרדערס". ער ווייס שוין פון די אַלע כּללים.

דער קאָרפּאָראַל קוקט אויפ'ן זייגער, וואָס ער טראָגט אויף זיין לינקער האַנט. עס איז פינף מינוט צו זעקס. ער פרעגט אונז, ווער פון אונז ס'האָט אַ זייגער, כּדי מיר זאָלן וויסן, ווען זיך צו בייטן. ביל האָט ניט קיין זייגער. ער האָט אַמאָל יאָ געהאַט, האָט ער אים שוין לאַנג פאַרקויפט און דאָס געלט פאַר'שיכור'ט. מיין זייגער איז גראָד געבליבן שטיין דעם טאָג, ווען מיר זיינען געווען אויף שיס־איבונג. פון דעם לויפן, פון דעם לייגן זיך אַלעמאָל אויף דער ערד, האָט מיין זייגער געכאַפּט אַ קלאַפּ און איז געבליבן שטיין. הערשל האָט צוויי זייגערלאַך, אַ גאָלדענעם אויף אַ קייטל אין בוזעם־קעשענע, און אַ גרויסן אינגערסאָל־זייגער מיט אַ לעדערנעם פּאַסיקל, וואָס ער טראָגט אויף דער האַנט. שפּעטער, אין פראַנקרייך, האָט ער דאָס גאָלדענע זייגערל געלאָזט גיין אויף דער אַמעריקאַנער צייט, און דעם אינגערסאָל האָט ער אָנגעשטעלט אויף דער פראַנצויזישער צייט. און אַז מען האָט אים געפרעגט, ווי שפּעט עס איז, האָט ער באַלד אַ פרעג געטאָן: „אויף וועלכן זייגער ווילט איר וויסן — אויף דעם היגן, צי אויף דעם אַמעריקאַנער?" ער פלעגט אויסרעכענען, ווען מען שטייט אויף און ווען מען גייט שלאָפן אין אַמעריקע; יעדן טאָג פלעגט ער ארויסנעמען דאָס גאָלדענע זייגערל און פלעגט אויסרעכענען דעם אונטערשייד פון דער צייט.

דער קאָרפּאָראַל זאָגט אָן הערשלען, אַז מיר זאָלן זיך באַ־

נוצן מיט זיין זייגער, אַז יעדער איינער, וואָס וועט זיך שטעלן אויף וואַך, זאָל טראָגן דעם זייגער. ער פרעגט אויך ביל׳ן, ווען ער וויל גיין, און ביל ענטפערט, מעשה מיוחס, אַז ער וויל גיין דער לעצטער, דאָס הייסט, פון צען ביז צוועלף, און פון פיר ביז זעקס. דער קאָרפּאָראַל הייסט הערשלען זיין דער ערשטער, און מיר זאָגט ער אָן, אַז איך זאָל ביי אים איבערנעמען די וואַך אַכט אַזייגער.

איך און הערשל האָבן גענומען אונזערע רעק און קאָלדרעס און אַרויפגעטראָגן אויפ׳ן בוידעם פון אַ קאַזאַרמע, וואָס איז געשטאַנען אַנקעגן דעם שפּייכלער, וואָס מיר האָבן געדאַרפט היטן. אויפ׳ן בוידעם איז געלעגן אַ סך היי. דאָ וועט יעדע־רער שלאָפן אין דער צייט, וואָס ער וועט זיין פריי.

הערשל איז אַרונטערגעקראָכן פון בוידעם און האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער וואַך. איך לאָז איבער מיין ביקס אויפ׳ן בוידעם, אויף דעם געלעגער, וואָס איך האָב זיך גע־מאַכט. ס׳איז נאָך ליכטיג. ס׳איז ערשט זעקס אַזייגער. איך לויף אַוועק צו אַ נאָענטן קאַנטין עפּעס נאַשן. אויך ביל איז מיטגעגאַנגען. אָבער איך האַלט זיך פון וויטן פון אים, אָפּ־געטיילט, איך וויל ניט זיין אין זיינע דל״ד אמות, איך וויל מיט אים ניט רעדן.

פופצן מינוט צו אַכט בין איך צוריקגעקומען. איך האָב הערשלען דערלאַנגט אַ פלעשל קאָקאַ־קאָלאַ, וואָס איך האָב פאַר אים געקויפט אין דעם קאַנטין. איך בין אַרויף אויפ׳ן בוידעם, אָנגעטאָן מיין פּאַסיק, גענומען מיין ביקס און אַרונטערגעקראָכן פון בוידעם. איך בין צוגעגאַנגען צו הערשלען איבערנעמען ביי אים דעם פּאָסטן.

איך זע: הערשל שטייט אויף זיין פּאָסטן און שמייכלט.

— וואָס לאַכסטו, הערשל? — פרעג איך ביי אים.

וואַרפט ער אַוועק דאָס ליידיגע פלעשל אויף דער ערד, שפּאַרט אָן זיין ביקס אָן דער וואַנט, און הויבט אָן געמיטלאַך אָפּשפּיליען דעם גרויסן זייגער, וואָס ער טראָגט אויף זיין לינקער האַנט. און בעת ער איז באַשעפטיגט מיט אַרונטער־נעמען דעם זייגער פון דער האַנט, שטופּט ער אַלע ווײַלע אַריין

א האַנט אין קעשענע און שלעפּט עפּעס פון דאָרטן ארויס און וואַרפט עס שנעל צו זיך אין מויל אריין, אַזוי שנעל, אַז עס איז פאַר מיין אויג געווען אוממעגלאך צו באמערקן, וואָס ער עסט.

— וואָס קייסטו? — פרעג איך אים נייגיריג.

ער גיט מיר זיין זייגער, און ער רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער, אַז אינעווייניג שטייען אַ סך זעק מיט פלוימען, ראָזשינקעס און וועלשענע ניס. ער טוט אַ קלאַפּ איןביידע קעשענעס און ווייזט מיר, אַז זיי זיינען אָנגעפילט מיט די אַלע זאַכן. ער זאָגט מיר אָן, אַז איך זאָל האָבן שכל. ביים אוועק־גיין שלעפּט ער ארויס פון בוזעם אַ נייע היטל און ער זאָגט צו מיר מיט אַ וואונק: „דאָרט שטייען אויך פולע קאַסטנס מיט היטלען".

— טאָמער כאַפּט מען? — פרעג איך אים.

— וואָס רעדט איר פון כאַפּן? — ענטפערט ער מיר מיט זיין געוויינטלאכן שמייכל — זאָלט איר מיר מוחל זיין! ווער וועט כאַפּן? אפילו אין רוסלאַנד האָב איך אויך ליב געהאַט צו וויסן, וואָס איך היט.

און אָט דערציילט ער מיר אַזאַ מעשה:

— איך בין אמאָל געשטאַנען אויף קאַראַאול, כ'האָב געהיט אַ וואָגן, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן הויף פון אַ קלויסטער. דער וואָגן איז געווען אין גאַנצן צוגעדעקט מיט אַזאַ לייוונט, אַז ווען עס רעגנט זאָלן די זאַכן אין וואָגן ניט נאַס ווערן. ביז איך געוואָרן נייגיריג. איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס אין דעם וואָגן ליגט. עס איז געווען שפּעט ביינאַכט. קיין לעבע־דיגן נפש האָט מען ניט געזען אויף דער גאַס. איך בין צוגע־גאַנגען צום וואָגן און זייער פאָרזיכטיג אָפּגעדעקט אַ שטיקל לייוונט. ס'איז מיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. איך בין שיר געשטאָרבן פאַר שרעק: אין וואָגן איז געלעגן אַ פּגר, אַ טויטער אָפיציר מיט צוויי גרויסע, גרויע וואָנצעס, אָנגעטאָן אין אָפיצירסקע קליידער... פונדעסטוועגן, אַז איך בין נאָך אמאָל געגאַנגען אויף קאַראַאול, האָב איך ווידער געזוכט. פאָלגט מיך, אויף מיין אחריות, נעמט פלוימען, ראָזשינקעס, און לאָזט

זיך וואוילגיין. פאַרגעסט אויך ניט און נעמט אַ היטל. אַמע ריקע וועט ניט אַרעמער ווערן.

דאָס אָפּגעזאָגט, איז ער ארויפגעקראָכן אויפ׳ן בוידעם שלאָפן.

איך גיי ארום מיט מיין ביקס אויפ׳ן אַקסל אהין און צוריק. שפּעטער האָב איך אָנגעפילט מיינע קעשענעס מיט פלוימען, ראָזשינקעס און ניס. איך האָב אויך געזען די קאַסטנס מיט די היטלען. איך האָב אָבער מורא געהאַט צו נעמען.

צען מינוט צו צען איז ביל צוריקגעקומען. ער פרעגט מיך, ווי שפּעט עס איז. זאָג איך אים, אַז עס איז צען מינוט צו צען. זעצט ער זיך אַוועק אויף די טרעפּ וואַרטן, ביז עס וועט ווערן צען. פּונקט צען אַזייגער גיב איך אים איבער דעם פּאָסטן. מיט אַן אָנשטעל, מעשה געניטער סאָלדאַט, שטעלט ער זיך אויף מיין פּלאַץ. איך וויל אים געבן דעם זייגער, וויל ער ניט נעמען. ער וואָרטשעט: „איך וויל מיט דעם דזשו בעסטערד ניט האָבן צו טאָן״. ער וועט שוין טרעפן די צייט, ווען די צוויי שעה וועלן זיין פאַריבער.

איך קריך ארויף אויפ׳ן בוידעם. הערשל שלאָפט גע־שמאַק. שטילערהייט קריך איך צו צו מיין געלעגער. איך טו זיך שנעל אויס און שלאָף באַלד איין. פלוצלינג דערהער איך פון שלאָף ווי אימיצער רופט מיך ביי מיין נאָמען. די גע־שרייען האָבן מיך אויפגעוועקט. אויף אַ מאָמענט בין איך געבליבן זיצן אַ צעטומלטער. איך האָב ניט געוואוסט, וואו איך געפין זיך. איך הער נאָך אַמאָל ווי ביל רופט:

— סעי, פרידמאַן, וויפל איז דער זייגער?

האָב איך זיך באַלד געכאַפּט, אַז איך בין אויף וואַך, אַז איך שלאָף אויף אַ בוידעם. איך גיב אַ קוק אויפ׳ן זייגער מיט אַ האַנט־לעמפּל: ס׳איז פופצן מינוט צו צוועלף. איך שריי ארונטער צו ביל׳ן, אַז עס איז נאָך דאָ פופצן מינוט. ענט־פערט ער מיר ניט. איך וועק אויף הערשלען, און זאָג אים, ער זאָל זיך אָנטאָן און גיין בייטן ביל׳ן. ער זעצט זיך אויף, געניצט, ציט זיך און טוט זיך אָן, מורמלט מיט די ליפּן: „אַמעריקע גנב, גע׳הרג׳עט זאָל עס ווערן!״ ער פרעגט מיך,

צי איך האָב געטראָפן צו די זעק. זאָג איך אים, אז יאָ. ער נעמט ארויס זיין ביקס פון צוקאָפּנס און זאָגט מיר, אז ער וועט נאָך אמאָל געבן אַ זוך, אפשר וועט ער געפינען נאָך זאַכן, און ער קריכט ארונטער פון בוידעם.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער דערהער איך ווי ביל סאָפּעט. ס'איז אים שווער צו קריכן אויף דעם לייטער. ער וואַרפט זיין שווערן קערפּער אויפ'ן היי, ניט אויסטועענדיג זיינע קליי־דער, אפילו ניט די שיך. און באַלד הערט זיך זיין כראָפּען און פייפן מיט דער נאָז. זיין כראָפּען מאַכט מיך נערוועז. איך קען ניט צוריק איינשלאָפן. ער האָט איבערגעריסן מיין שלאָף. איך דריי זיך אויף אַלע זייטן, איך מאָרדעווע זיך... קוים, קוים בין איך צוריק איינגעשלאָפן.

איך דערפיל פּלוצלינג אין שלאָף, ווי אימיצער טאָרעט מיך. איך דערשרעק זיך און שריי אויס: „ווער איז דאָס?“

— דאָס בין איך, הערשל, — ענטפערט ער שטיל, — זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך אויפגעוועקט. ס'איז שוין פופצען מינוט נאָך צוויי.

איך נעם זיך אָנטאָן. ער קריכט צוריק ארונטער און וואַרט ביז איך וועל ארונטערקומען. מיר איז קאַלט. איך טו אָן מיין ווינטער־ראָק, וואָס איך האָב מיטגענומען, און מיט פאַרשלאָפענע אויגן נעם איך איבער מיין פּאַסטן. ווען הערשל איז צוריקגעגאַנגען אויפ'ן בוידעם, האָט ער מיר פריער דער־ציילט, אז ער האָט אויפגעריסן אַ קאַסטן מיט שיך. ביים שיין פון דער לאַמטערנע ווייזט ער מיר אָן, אז ער טראָגט אַ פּאָר נייע שיך. די אַלטע האָט ער אריינגעוואָרפן אין קאַסטן. איך בין אָבער פאַרשלאָפן, און מיינע אויערן הערן ניט וואָס ער רעדט צו מיר.

איך דריי זיך ארום עטלאַכע מאָל ארום דעם שפּייכלער, וואָס איך היט... קוים וואָס מיינע פיס האַלטן זיך אויף דער ערד. אַ גאַנצן טאָג שווער געאַרבעט אויפ'ן פעלד. איך פיל, ווי מיינע כחות לאָזן זיך מיר אויס. איך וויל זיך אויסטשוכען פון שלאָף, און איך הויב אָן זינגען אידישע טעאַטער־לידער, „אל תשליכנו לעת זקנה“, „אָדם יסודו מעפר“, אפשר וועט דאָס

פאַרטרייבן פון מיר דעם שלאָף. עס העלפט ניט. איך זעץ זיך אוועק אויף די טרעפ. איך זיץ א ווײַלע. עס איז נאָך ערגער, מײַנע אויגן קלעפּן זיך מיר. איך קען זײַ ניט האַלטן אָפן... איך קוק אַלע ווײַלע אויפ׳ן זייגער, ס׳איז ערשט האַלב דריי. איך דאַרף נאָך שטיין אַנדערהאַלבן שעה ביז ביל וועט מיך איבערבייטן. איך הויב זיך אויף צוריק. איך דריי זיך אַרום און האַלט פויל די ביקס אויפ׳ן אַקסל... איך וויל טראַכטן פון דער היים, פון טעאַטער, אפשר וועט דאָס פאַר־טרייבן דעם שלאָף פון מיר. אָבער מײַן מוח דינט מיר ניט. איך קען איצט גאָרניט טראַכטן. איך וויל שלאָפן... עס פאַלט מיר אײַן א געדאַנק: אַזוי ווי ביל האָט ניט קיין זייגער, פאַר־שלאָפן איז ער, וועל איך אים אויפוועקן און אים זאָגן, אַז ס׳איז שוין פיר אַזייגער, וועט ער מיך איבערבייטן, און איך וועל קענען גיין שלאָפן.

מיט מײַנע לעצטע כחות וואַרט איך איבער ביז דער זייגער ווערט דריי. איך רוק איבער די ווייזערס אויף פיר, טאָמער פאַלט אים אײַן א קוק צו טאָן, וויפיל דער זייגער האַלט. איך הויב אָן שרײַען: ביל! ביל! מײַן האַרץ קלאַפּט פאַר שרעק, וואָס איך קלייב זיך צו טאָן. ביל הערט ניט מײַן שרײַען. ער שלאָפט געשמאַק, מײַנע קולות האָבן אויפגעוועקט הערשלען. הערשל שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכ׳ן טירל פון בוידעם. פאַרשלאָפן פרעגט ער מיך:

— וואָס איז, פרידמאַן?

איך הייס אים אויפוועקן ביל׳ן, ווײַל ס׳איז שוין פיר דער זייגער. הערשל פאַרשווינדט הינטער׳ן טירל פון בוידעם. אין עטלאַכע מינוט אַרום זע איך ווי ביל קריכט אַראָפּ פון דעם לייטער, קומט צו מיט א קאַלדרע איבער׳ן קאָפּ, ס׳איז אים קאַלט און ער מורמלט אין דער שטיל: „איט׳ס עי לאָוזי לאַיף!” ער שילט די אַרמיי, שפּאַרט אָן די ביקס אויף זײַן פעטן בויך, הויבט זײַנע הענט אין דער הויך און ציט זיך גוט אויס, טוט אַלעמאָל א געניעץ, אַז מען קען הערן אויף מײַלן־ווײַט. בײַז, פאַרשלאָפן, אָן אָן אָנשטעל, אָן צערעמאָניעס שטעלט ער זיך אויף מײַן פּאָסטן. איך לויף שנעל אַרויף

אויפ'ן בוידעם, נורע זיך איין אין היי, דעק זיך צו און שלאָף גלייך איין.

אין דער פרי ווען איך און הערשל זיינען צוריקגעגאַנגען אין קאַזאַרמע, איז ביל מיט אונז ניט געווען. אַ לייטענאַנט האָט אים געכאַפּט שלאָפנדיג אויף זיין פּאָסטן, האָט ער אים אַרעסטירט און אים מכבד געווען מיט צען טעג תפיסה.

איך האָב הערשלען דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס איך האָב אויפגעטאָן, האָט ער זיך צעטאַנצט אינמיטן וועג. ער האָט מיך געכאַפּט קושן און מיט שמחה האָט ער געשריען:

— אַ מצוה אויף אַזאַ דבר־אחר! אַזאַ שונא ישראל! נאָר אַן אַקטיאָר קען איינפאַלן אָפּצוטאָן אַזאַ שפּיצל.

מען פאַרנאַרט אונז קיין פראַנקרייך.

יעדן טאָג קומען געפּאַקטע צוגן מיט צענדליגער טויזנטער רעקרוטן. דיזעלבע צוגן פילט מען אָן מיט סאָלדאַטן און מען פירט זיי אַוועק צו פאַרשיידענע האַפנס, וואו עס שטייען גרויסע שיפן און וואַרטן אויף זיי, אַוועקצופירן זיי קיין פראַנקרייך.

ביי אונז אין קאַזאַרמע גייט אָן אַ פיבערישע אַרבעט. מען טיילט אונז אויס נאָך אַ פּאָר שיך, אַ פּאָרל אונטערוועש און נאָך נויטיקע זאַכן. וואו מען גיט זיך אַ קער, זעט מען רעדלאָך סאָלדאַטן. זיי ריידן, אַז מיר וועלן אינגיכן פאַרלאָזן דעם קעמפּ. אייניגע זאָגן, אַז מיר פאָרן קיין פראַנקרייך. אַנדערע זאָגן, אַז מיר פאָרן אין אַן אַנדער קעמפּ.

איך זוך אויף מיין פריינט, ליוטענענט סטיוו. איך וויל ביי אים אויסגעפינען, וואוהין מיר קלייבן זיך. ער זאָגט מיר: „איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך וויים אַליין ניט, וואוהין מיר גייען פון דאַנען. מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ רייד איך ווייטער צו אים: עס קען דאָך ניט זיין, אַז מיר זאָלן שוין, אַזוי גיך, פאָרן קיין פראַנקרייך.

— מען קאָן נישט וויסן, — ענטפערט ער מיר. — עס איז דאָך מלחמה.

ער טוט מיר אַ פריינטלאַכן קניפּ אין באַק און ענדיגט מיט די ווערטער:

— מאַי באַי, ווי אַר אַן די גאָו... (מיר גייען...)

— אָבער אַזוי גיך קיין פראַנקרייך? — פרעג איך אים איבער — מיר זיינען דאָך ערשט פיר וואָכן אין קעמפּ. מיר ווייסן דאָך ניט ווי אַזוי צו האַלטן די ביקס ריכטיג אין דער האַנט. וואָס פאַר אַ נוצן וועט איר דאַרטן האָבן פון אונז?

— וועל, — ענטפערט ער מיר — ווען מיר וועלן אָנקומען קיין פראַנקרייך, וועט מען אונז ניט אַפּשיקן גלייך צום פראָנט. מיר וועלן פריער פאָרן אין אַ קעמפּ און דאָרטן וועלן מיר דרילן אַזוי לאַנג, ביז אונזער דיוויזיע וועט זיין גרייט צו שלאָגן זיך...

פאַרנאַכט נאָך „רעטריט" צעלאָזט מען אונז נישט, ווי געוויינלאַך. מען באַפעלט אונז צו בלייבן שטיין אויף אונזערע פּלעצער. דער קעפּטן דאַרף אונז עפּעס זאָגן. און באַלד דערהערט זיך דער באַקאַנטער געשריי: „אַטענשאָן!" און דעם קעפּטנ'ס קול לאָזט זיך הערן:

— באָיס! — זאָגט ער צו אונז — איר זאָלט וויסן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרן מיר אָפּ פון דאַנען!

מיר פאָרן אין אַ קעמפּ אין שטאַט ניו יאָרק, וואו מיר וועלן זיין עטלאַכע וואָכן. דערנאָך וועלן מיר פאָרן קיין פראַנקרייך.

ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „פראַנקרייך", האָבן כמעט אַלע אויסגעשריען אַ ווילדן „הוראַ!"

דער קעפּטן זאָגט אונז אויך אָן, אַז מיר זאָלן ניט וואַגן צו שרייבן אַהיים, אַז מיר פאָרן אַוועק פון קעמפּ לי. דאָס מוז זיין אַ סוד, ווייל אומעטום דרייען זיך אַרום דייטשע שפּיאָנען, און זיי טאָרן זיך ניט דערוויסן, וואָס ביי אונז טוט זיך.

צו אונז, געגומענע אין „דרעפט", זאָגט ער, אַז פאַר די באָיס, וואָס קומען פון ניו יאָרק, ניו דשוירזי און פענסילווייניע שטאַטן, האָט ער אַן איבעראַשונג: אַזוי שנעל ווי מיר וועלן אָנקומען אין דעם נייעם קעמפּ, וועלן מיר קריגן אורלויב אויף

24 שעה, און מיר וועלן קענען פּאָרן זיך געזעגענען מיט אונ־זערע עלטערן. א ווילדער הורא־געשריי לאָזט זיך הערן פון די רעקרוטן, וואָס קומען פון די אויסגערעכנטע שטאַטן.

דער טרומפּייט שפּילט „אַטענשאַן". באַלד הערט זיך דער אַטענשאַן־געשריי פון אונזער קעמפּ, און ער לאָזט אונז וויסן, אַז דער קריגס־מיניסטער, ניוטאָן בייקער, איז געקומען מיט אונז זיך געזעגענען.

די באָיס האָבן אים גלייך דערקענט און זיי האָבן אים אויפגענומען מיט א ווילדן הורא, ביז א סיגנאַל פון דעם טרומ־פּייטער האָט אַלעמען איינגעשטילט. סעקרעטערי בייקער האַלט א לאַנגע רעדע: ער איז שטאָלץ מיט אונז. ער איז איבער־גליקלאַך, וואָס אונזער דיוויזיע האָט זיך דערוואַרט די צייט און מען שיקט אונז קיין פראַנקרייך צו פאַרזיכערן די וועלט מיט דעמאָקראַטיע... ער איז זיכער, אַז מיר וועלן מאַכן א סוף צו די דייטשן. ער איז שטאָלץ מיט אונז, ווייל נאָר מיר וועלן מאַכן אומעגלאַך פאַר די דייטשן אריינצוקומען קיין אַמעריקע. ער פאַרזיכערט אונז, אַז דער שלום וועט קומען גאָר אינגיכן און מיר וועלן צוריק אהיימקומען געזונטע באָיס און העלדן. ער זאָגט אונז „גוד באַי!" און בעט אונז אַלעמען, מיר זאָלן מיט אים צוזאַמען זינגען א געוויס לידל, וואָס רופט זיך „אָהייאָ". אַלע זינגען:

Ohio, Ohio,
When this war is over
We'll drink a barrel of booze.
We'll get so drunk
'Till we feel warm in our shoes.
Ohio, Ohio.

אינסטינקטיוו האָב איך דערפילט, אַז מען נאַרט אונז. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז מען פירט אונז ניט אין קיין קעמפּ, נאָר גלייך קיין פראַנקרייך. איך לאָז איבער הערשלען, די איבע־ריגע און גיי אַליין ארום אויף דער גאַס. איך וויל זיין מיט זיך אַליין, איך וויל טראַכטען... אפשר וועל איך געפינען א מיטל ווי אזוי זיך ארויסצודרייען פון דער ארמיי. פון זייערע רעדעס האָב איך דערפילט, אַז דאָס מלחמה־פייער צעפלאַקערט

זיך שטאַרק און באַלד וועל איך אויך פאַרברענט ווערן אין דעם פייער. איך טראַכט, אַז זיך מאַכן קראַנק טויג ניט, און איך קום צום באַשלוס, אַז אַנטלויפן וואָלט געווען דאָס בעסטע... אָבער ווי אַזוי קען מען אַנטלויפן, אַז אומעטום דרייט זיך אַרום מיליטער־פּאָליציי. ווען זיי וועלן מיך דעזען אין שטעטל, אָדער אויפ'ן וואָקזאַל, וועלן זיי מיך באַלד פרעגן אויף אַ פּאַס. עס פעלט מיר איין אַ געדאַנק צו שרייבן אַ בריוו אַהיים.

איך לויף אַוועק צו די יאַנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאַן און שרייב אַן אַ בריוו צו מיינע עלטערן, אַז זיי זאָלן מיר גלייך ברענגען מיינע ציווילע קליידער, אויך מיין שוואָגער'ס רעגיס־טראַציע־קאַרטל (ער איז אין פערטן קלאַס), כדי איך זאָל האָבן צו ווייזן, אויב אימיצער וועט מיך אָפּשטעלן. איך שיק אַוועק דעם בריוו ספּעשל דעליווערי.

מיט צוויי טעג שפּעטער, איך שטיי און מושטיר, דערזע איך פון ווייטנס מיין טאַטן גיין. זאָג איך צו מיין סאַרדזשענט, אַז איך זע מיין טאַטן גיין אַהער און איך בעט אים, ער זאָל מיר ערלויבן צו גיין מיין טאַטן אַנקעגן. דער סאַרדזשענט ערלויבט מיר, און איך לויף.

אָן אָטעם לויף איך צו מיין טאַטן. מיר כאַפּן זיך אַרום און מיר קושן זיך לאַנג... איך דערזע ווי מיין טאַטע וויינט. די טרערן קייקלען זיך אויף זיינע באַקן און רינען אין זיין ווייסע שיינע באָרד. מיין האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט, ווען איך האָב דערזען מיין טאַטנ'ס טרערן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך האָב געזען מיין טאַטן וויינען. איך שטרענג אָן מיינע לעצטע כחות ניט אַרויסווייזן מיין צער. איך מאַך זיך האַרץ און זאָג צו אים: „וואָס וויינסטו, וואָס? איך בין אָלראַיט"... איך פאַררויכער אויף גיך אַ סיגאַרעט. מיט געוואָלט האָלט איך איין מיינע טרערן.. איך פרעג ביי אים, וואָס עס הערט זיך אין דערהיים, ווי אַזוי די מאַמע פילט זיך אין געזונט. איך פרעג זיך נאָך אויף דער גאַנצער פאַמיליע. ביסלאַכווייז האָט ער זיך באַרואיגט, און ער האָט מיר פאַר־

זיכערט, אז די מאַמע און אַלע אין דערהיים זיינען, גאָט צו דאַנקען, געזונט.

ווען מיין פאָטער האָט זיך שוין געהאַט אין גאַנצן באַרואיגט האָב איך אים געפרעגט:

— טאַטע, האָסט מיר געבראַכט מיינע זאַכן?

בעט ער זיך ביי מיר:

— מיין קינד, ווי פאַלט דיר איין אַזאַ געדאַנק? וואָס הייסט, אַנטלויפן?... וואוהין וועסטו אַנטלויפן? וועסט דאָך פאַרפוילט ווערן אין פריזאָן, אָדער מען וועט דיך גאָר דערשיסן...

אויף אַ ווײַלע בלײַב איך שטיין אַ פאַרלאָרענער. עס פאַרדריסט מיך זייער שטאַרק, פאַרוואָס ער האָט מיר ניט געבראַכט מיינע קליידער. איך שטיי אַ ווײַלע. עס האָט מיך אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן. איך בין אָבער באַלד געקומען צו זיך: מילא, פאַרפאַלן. איך פיר אַריין מיין טאַטן אין וואַש-צימער און ער וואַשט זיך אַרום.

מיר שפּאַצירן צווישן די קאַזאַרמעס און מיר רעדן פון דער היים, פון דער מאַמען. עס קומט אונז אַנקעגן מיין קעפּטן. איך גיב אים אָפּ סאַלוט. ער קומט צו אונז צו נענטער. ער פרעגט מיך, צי דער מאַן איז מיין טאַטע. איך ענטפער אים, אַז יאָ, און שטעל אים פאָר. פריינטלאַך גיט ער מיין טאַטן די האַנט און באַפעלט אַ סאָלדאַט, אַז ער זאָל גלייך לויפן אין קיך און ברענגען פאַר מיין טאַטן אַ קאַלטן טרונק. ער זאָגט צו מיין טאַטן: נו, וואָס זאָגט איר עפּעס צו אייער זון? ער קוקט אויס אָלראַיט, געזונטער ווי אין דערהיים.

ער טוט מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע און גייט אַוועק.

פאַרנאַכט האָט מיין טאַטע געזען, ווי מיר שטייען „רעטריט”. ער איז געשטאַנען לעבן מיר מיט דער יאַרמעלקע אויף'ן קאָפּ. ווען מען האָט אונז צעלאָזט, האָב איך מיין טאַטן פאַרגעשטעלט פאַר אַלע אידישע באָיס, אויך פאַר'ן ליוטענענט סטיוו, פאַר מיין סאַרדזשענט. הערשל האָט אויף קיין מינוט פון אונז ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט אים דערציילט ווי ער גיט

אויף מיר אכטונג. מיר האָבן לאַנג גערעדט פון פאַרשיידענע זאַכן, פון דער מלחמה. ער האָט אונז אַלעמען געטרייסט, אַז גאָט וועט זיך אויף אונז מרחם זיין... ביים געזעגענען זיך האָט אים הערשל געבעטן:

— מר. פרידמאַן, איר זיינט דאָך אַן ערלאַכער און פרומער איד, בענטשט אונז, בעט גאָט פאַר אונז.

איך האָב געקראָגן ערלויבעניש פון מיין קעפּטן צו פירן מיין טאַטן צום וואָקזאַל. מיר האָבן זיך געזעגנט און ער איז אוועקגעפאָרן... לאַנג, לאַנג בין איך געשטאַנען און נאָכגעקוקט אין דער ווייטן, ווי דער צוג איז פאַרשוואונדן...

צוויי טעג שפּעטער איז מיין מאַמע און מיין שוואָגער גע־קומען צו מיר. איך האָב שוין געוואוסט באַשטימט, אַז מיר פאָרן די טעג אוועק פון קעמפּ לי. מען האָט עס אונז געלאָזט וויסן. איך האָב דערציילט מיין שוואָגער און מיין מאַמען, אַז מאָרגן פאָרן מיר אוועק ערגעץ אין א קעמפּ אין שטאַט ניו יאָרק. דאָרט וועל איך קריגן אורלויב אהיימצופאָרן אויף 24 שעה. מיין מאַמע האַלט זיך די גאַנצע צייט רואיג, אָן היסטעריקע, אָן וויינען. עס האָט מיך געפרייט און איך האָב זיך געוואונדערט. איך פיר זיי אריין אין דער קאַזאַרמע. איך וויין איר מיין בעט אָן א מאַטראַץ. דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע, פאַרזיכער איך איר. מיין מאַמע שאָקלט מיט׳ן קאָפּ מיט אַן אומעטיגער מינע... איך וויין מיין שוואָגער די ביקס, די קוילן, דאָס שטיקל בליי, וואָס הרג׳עט. הערשל פילט זיך היימיש. ער שילט מיט טויטע קללות אַמעריקע גנב, מיט איר אַרמיי, די קעפּטנס, די ליוטע־נענטס און די סאַרדזשענטס.

איך דערצייל מיין מאַמען, ווי הערשל האָט זיך היינט געבאָרעט מיט אַ סאָלדאַט צוויי קעפּ העכער פון אים, און הערשל האָט יענעם אוועקגעלייגט. הערשל פאַלט אריין אין מיינע רייד: זיי ווייסן דען דאָ, ווי אַזוי זיך צו באָרען? אין רוסלאַנד, ביי די סאָלדאַטן, לערנט מען זיך באָרען.

זיין דערציילן רופט ארויס אַ שמייכל ביי מיין מאַמען, און דאָס פרייט מיך. איך וויל זי זען לאַכן, ניט וויינען.

דעם צווייטן טאָג, ווען מיין מאַמע און מיין שוואָגער זיינען געקומען צו מיר, זיינען מיר שוין געשטאַנען אין דרויסן מיט אונזערע פעקלאַך, גרייט צו גיין צו דער באַן.

שטיל, אָן געוויין, איז מיין מאַמע פון מיר אַוועקגעגאַנגען. מיין שוואָגער האָט זי געפירט אונטער דער האַנט. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ פּאַראַליזירטער, מיט אַ גרויסן ווייטאָג אין האַרצן. איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט, איך זאָל ניט אומפאַלן. מיינע טרערן, וואָס איך האָב איינגעהאַלטן פון נעכטן אָן, זינט מיין מאַמע איז געקומען, האָבן זיך ווי פון אַ קוואַל אַ גאָס געטאָן. מיין מאַמע און מיין שוואָגער דרייען אויס אַלע ווײַלע זייערע קעפּ צו מיר. איך פּאָך צו זיי מיט מיין טיכעלע: גוד באַי! גוד באַי! זיי האָבן זיך פאַרדרייט אין אַ זייטיגער גאַס און זיינען פאַרשוואונדן. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען פון מיין שוואָגער, אַז ווען זיי זיינען אַריין אין דער זייטיגער גאַס, איז מיין מאַמע געפאַלן חלשות און אַז מ׳האָט זי אָפּגעמינטערט, האָט זי ערשט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון וויינען פאַר מיר אין די אויגן, ווייל נאָך איידער זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון דער היים, האָט זי געמוזט שווערן ביי מיין לעבן און ביי מיין צוריקקומען פון פראַנקרייך אַ געזונטער, אַז זי וועט מיט אירע לעצטע כחות זיך צוריקהאַלטן פון וויינען און קלאָגן.

מיר קריגן אַ באַפעל אָנצוטאָן אונזער געפּעק און נעמען די ביקסען. מען שרייט אויס: „פאָרוואַרד, מאַרטש!" און מיר גייען, די מוזיק שפּילט אונז צו און מען פירט אונז צו דער באַן.

ווען אַלע וואַגאָנען פילן זיך אָן, דערהערט זיך אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו. דער צוג הויבט אָן זיך רירן פון אָרט. די איינוואוינער פון פּיטערסבורג, יונג און אַלט, קינד און קייט, זיינען געקומען צום וואָקזאַל אונז באַגלייטן. זיי שרייען „הוראַ!" — און מיר שרייען זיי איבער.

אויפ׳ן וועג איז חברה פריילאַך. מען זינגט, מען שפּילט קאָרטן. די, וואָס זיינען הונגעריג, עסן סענדוויטשעס, וואָס דער קוכער האָט פאַר אונז צוגעגרייט. ביי די סטאַנציעס פון

די שטעט און דערפלאַך, וואָס מיר פאָרן דורך, שטייען מענטשן און ווינשן אונז גליק, שרייען: „גוד באַי, באָיס!” „ברינג בעק די קאַיזער'ס העד!”

די גאַנצע נאַכט זיצן מיר אויף די בענק און אַזוי דרעמלען מיר איין, ביז אַ שטאַרקער טרייסל פון צוג וועקט אונז אויף. איך טראַכט, אַז באַלד וועל איך זיין אין דער היים, זיך זען מיט אַלעמען. גאַנץ פרי פאָרן מיר פאַרביי נאָרד פילאַדעלפיע. מיט פינף וואָכן צוריק בין איך פון דעמזעלבן וואָקזאַל געפאָרן אין קעמפּ אַריין. איך דערקען דאָס אָרט, וואו מיין מאַמע איז געשטאַנען און האָט געוויינט, און איך האָב געוויינט. כמעט אַלע האָבן דעמאָלט געוויינט, און ווער ווייס וויפיל מענטשן עס וועלן נאָך אויף דעם אָרט וויינען.

ביי די סטאַנציעס וואַרפן מיר אַראָפּ פּאָסט־קאַרטלאַך אַהיים. מיר שרייבן, וועלכע שטעט מיר פאָרן פאַרביי. אָט פליט פאַרביי עליזאַבעט, ניו דזשוירזי. עס טוט מיר אַ קלאַפּ אין האַרצן. ניט איינמאָל בין איך דאָ פאַרבייגעפאָרן. איך דערמאָן זיך: אַ זיבעצן־יאָריג אינגל בין איך פון נואַרק געפאָרן אַהער, קיין עליזאַבעט, אויף מיין וועלאָסיפּעד. מיר זיינען געפאָרן עטלאַכע אינגלאַך. מיר האָבן זיך געוועט, ווער עס וועט מאַכן שנעלער די רייזע.

אָט דערזע איך די שפּיצן און דעכער פון הייזער. איך שריי אויס: נואַרק! מיין היים!... איך וואַרף אַרונטער אַ פּאָסט־קאַרטל צו מיינע עלטערן, אַז איך פאָר פאַרביי נואַרק... אַז מיר וועלן זיך איינגיכן זען...

די באַן לויפט שנעל. איך שטרענג אָן מיינע אויגן. איך וויל זיך גוט איינקוקן אין דער שטאָט, וואָס איז שוין עטלאַכע יאָר פאַר מיר פרעמד. מיטאַמאָל איז זי מיר געוואָרן ליב און טייער.

אין האָבאָקען איז דער צוג געבליבן שטיין. מיר גייען אַלע אַרונטער. איך ווייס, אַז איצט דאַרף מען אונז אַרויספירן אויף אַ „פערי” (פּראָם), וואָס זאָל אונז איבערפירן קיין ניו יאָרק. אָבער עס וואַרטן שוין אויף אונז גרויסע שיפן, ניט קיין פערים... עס ווערט מיר גלייך קלאָר, אַז מען האָט אונז אָפּגענאַרט, אַז

מען פירט אונז ניט אין קיין אַנדער קעמפּ, נאָר איבער'ן ים קיין איראָפּע. מיין האַרץ ווערט פול מיט צאָרן צו די, וואָס האָבן אונז אָפּגענאַרט...

מיר גייען אַרויף אויף דער גרויסער שיף „לעוויִיעטאַן" און מען פאַרשליסט די טירן הינטער אונז...

אויף דער שיף.

אונזער קאָמפּאַניע קומט אויס צו פאַרנעמען בעטן אין קעלער. עס שטייען שורות מיט בעטן, און איבער די בעטן הענגען אויך בעטן. מיר צענעמען אונזער געפּעק און מיר מאַכן אונזערע געלעגערס.

יעדער איינער טוט אָן אַ יאַקל מיט אַ גרויסן קאָלנער, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט אַזאַ האָר. אַט דאָס יאַקל קען אונז האַלטן אַ פּאָר טעג אויפ'ן וואַסער. מיר טוען אויך אָן אונזערע פּאַסיקעס. צו אים איז צוגעטשעפּעט אַ פולער קאַנטין מיט וואַסער. דאָס טאָרן מיר ניט אויסטאָן אַפילו ווען מיר לייגן זיך שלאָפן.

איך לייג זיך אַוועק אויף מיין בעט און פאַרשיידענע געדאַנקען הויבן אָן צו קומען אין קאָפּ. איך וויין פאַר פאַרדראָס, וואָס מ'האָט אונז אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט... וואָלט איך פריער געוואוסט, אַז מען נאַרט אונז, וואָלט איך איצט דאָ ניט געלעגן, איך וואָלט אַראָפּגעשפּרונגען פון צוג, ווען מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן נוארק, ווען אַפילו איך וואָלט דערביי מיין לעבן פאַרלאָרן. איך פיל אַ שטאַרקן ווייטאָג אין מיין גאַנצן קערפּער, ווען איך טראַכט, אַז אין דער היים וואַרט מען אויף מיר און אַלע פרייען זיך, אַז זיי וועלן מיך באַלד זען.

איך ליג אין קעלער הינטער פאַרשלאָסענע טירן. די שיף רירט זיך נאָך ניט פון אָרט. די ערשטע נאַכט נעכטיגן מיר אין האַפן.

אינדערפרי פירט מען אונז אַרויס אויפ'ן דעק, כאַפּן אַביסל לופט. דער טאָג איז אַ שיינער. פערי־שיפן, געפּאַקט מיט מענשן, שווימען אונז פאַרביי. זיי פאָכען צו אונז מיט זייערע טיכעלאַך און שרייען צו אונז „גוד־באַי!" מיר ענט־

פערן זיי אויף אַ קול: „גוד באַי!“ איך בויג זיך אַריבער דעם באָרטן. מיינע אויגן זוכן צווישן עולם, וואָס געפינט זיך אויף די פּערים, אפשר וועל איך דאָרט דערזען אַן אייגענעם... מען טרייבט אונז צוריק אין קעלער...

דורך די קיילעכדיגע פענסטער זעען מיר די שפּיצן פון דער וואָלוואָירטה־געביידע, פון דער זינגער־געביידע און פון נאָך וואָלקן־קראַצער. איך טראַכט: וויפיל צענדליגער טויזנטער פרייע מענטשן גייען איצט אַרום אויף די ניו יאָרקער גאַסן, און איך ליג דאָ.

אין דער שטיל גייט אָפּ די שיף. מיר פילן, אַז מיר פאָרן שוין... טרערן באַווייזן זיך אין מיינע אויגן, איך וואַרף זיך אויף מיין געלעגער, נורע איין מיין פּנים אין קישן און וויין זיך גוט אויס. שטיל אין מיין האַרצן געזעגן איך זיך: זייט געזונט, מיין טייערע טאַטע־מאַמע, מיינע שוועסטער און ברידער! גאָט ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען!...

עראָפּלאַנען פליען מיט אונז מיט. פיר דעסטראָיערס שווי־מען אויך מיט אונז מיט, צו צוויי פון יעדער זייט שיף. די עראָפּלאַנען פליען מיט אונז אַן ערך צוויי שעה און קערן זיך אום. די „דעסטראָיערס“ באַגלייטן אונז נאָך, זיי זוכן סובמאַרינס...

ווי וואַסער־שלאַנגען שווימען זיי פון אונז אַוועק אין דער ברייט אַ מייל אָדער נאָך מער. דאַן הויבן זיי אָן שווימען אין דער לענג, גלייך מיט אונז. שווימען אַוועק פון אונז אַ פּאָר מייל און קומען צוריק צו אונז. אַז מיר זעען ווי זיי שווימען אַרום אונז, פילן מיר זיך אַביסל פרייער, מיר זעען ווי זיי זוכן סובמאַרינס און עס ווייזט זיך אונז אויס, אַז מיט זיי זיינען מיר אויסער געפאַר צו ווערן אַטאַקירט פון אַן אונטערוואַסער־מלאך־המות...

אַ סך גרויסע קאַנאָנען שטייען אויף דער שיף, גרייט צו שיסן, ווען נויטיג.

אויפ'ן דריטן טאָג בלייבן מיר אַליין אויפ'ן אַטלאַנטישן אָקעאַן. מען זעט ניט מער נאָר הימל און וואַסער... די דעס־טראָיערס האָבן זיך אויך אומגעקערט...

די שיף איז פול מיט אָפיצירן, סאָלדאַטן און מאַטראָזן. מען האָט אין איר אַריינגעפּאַקט וויפיל עס האָט נאָר געקענט אַריין. גאַנץ אונטן, אין קעלער, וואו מען האַלט געוויינלאַך סחורה, האָט מען אויפגעקלאַפּט בעטן און מען האָט אַהין אַריינגעפּאַקט סאָלדאַטן.

איין מאָל א טאָג מאַכן מיר דורך א ספּעציעלע איבונג: מען לערנט אונז, מיר זאָלן וויסן אונזערע פּלעצער, וואו זיך צונויפצולויפן אין פאַל די שיף ווערט באָמבאַרדירט פון א סובמאַרין. יעדער איינער דאַרף וויסן זיין אָרט, וואו עס הענגען די קליינע שיפלאַך, וואו עס ליגן די בריקן, אויף וועלכע מען דאַרף זיך אַרונטערלאָזן אין וואַסער.

מיר דאַרפן קריגן דריי מאָלצייטן א טאָג. מיר קריגן אָבער בלויז צוויי, ווייל ס'איז אוממעגלאַך צוצוגרייטן דריי מאָלצייטן א טאָג פאַר אַזוי פיל סאָלדאַטן. זעקס אַזייגער אין דער פרי שטעלט מען זיך שוין אין דער ריי. ביז אַלע קריגן עסן, ווערט דער זייגער שוין צוועלף. פיר אַזייגער שטייען מיר שוין ווידער אין דער ריי אויף „סאַפּער", און עס געדויערט ביז אַכט און אַמאָל שפּעטער ביז מען טיילט אויס דאָס עסן פאַר אַלעמען. די אָפיצירן העלפן די קוכערס ביים אויסטיילן דאָס עסן.

דאָס צימער, וואו מען טיילט אונז עסן, איז אַמאָל געווען א טאַנץ-זאַל. איך קוק זיך צו צו די טייערע מאָלערייען אויף די ווענט. זיי קוקן אַרונטער און זעען וואָס פאַר א חורבן מיר האָבן פון דעם זאַל געמאַכט. אויף די מירמלשטיינערנע דילן וואַלגערן זיך שטיקלאַך פּראַקפּורטערס, ברויט, און ס'איז נאָס פון זופּ און קאַווע. אין דעם זאַל פלעגט קייזער ווילהעלם מיט זיין סוויטע טאַנצן און פאַרברענגען. ווען ער זאָל קענען איצט זען וואָס פון זיין שיף „פאַטערלאַנד" איז געוואָרן, וואָלט ער זי ניט דערקענט, זי זעט אויס ווי אַן אמת'ע חזיר-שטאַל.

פאַרנאַכט זעצן מיר זיך אויס אויפ'ן דעק פון שיף. א סך סאָלדאַטן זיצן אויפ'ן דיל, ווייל ס'איז ניטאָ גענוג בענק און שטולן. מיר קוקן זיך צו ווי די שיף שווימט. דער ים איז גרין און געדיכט. ווייט פון אונז אַנקעגן פאַרגייט די זון.

דער רויטער הימל טרינקט זיך אין וואַסער, די זון איז קיילעכ־דיג און מיט אירע פייערדיגע רויטע שטראַלן איז זי געצילט צו אונז... מיר קומען אַלץ נענטער און נענטער צו איר. די זון פאַרגייט אינגאַנצן און די לבנה קומט אויף אויף דעם טיף־בלויען הימל. זי באַגלייט אונז אין באַזילבערט מיט איר גלאַנץ דעם גרויסן ים.

דער גרויסער טומל אויף דער שיף מאַכט אונז פאַרגעסן אונ־זערע צרות. מיר זיינען פריילאך, מיר זינגען און זאָגן וויצן: דער קאַפּיטאַן פון שיף, אַ שלאַנקער שיינער דזשענטלמאַן, מיט שטאָלצע וואָנצעס און קלוגע אויגן, רעדט צו אונז און פאַר־זיכערט אונז, אַז אין אַ יאָר ארום וועט ער אונז אויף דער זעלבער שיף אַלעמען צוריקפירן. הערשל וואָרטשעט מיר אריין אין אויער: שור, שור וועט ער צוריקפירן, אָבער ווער ווייסט וועמען...

מיר שפּילן פאַרשיידענע שפּילן. די אָפיצירן שטעלן זיך אויס אין אַ ריי מיט וואַסער־קישקעס. מיר לויפן זיי פאַרביי אינגאַנצן נאַקעטע, און זיי שפּריצן אונז אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס.

מיר אראַנזשירן צווישן זיך „פּאַיטס”. מיר שטייען איינס אויפ'ן אַנדערן, און מיר קוקן זיך צו ווי צוויי באָקסן. מיר שרייען צו זיי און גיבן זיי צו חשק. אַ ליוטענענט שטייט און קוקט צו, אַז אַלץ זאָל צוגיין ריכטיג, לויט די כללים.

אויף דעם פערטן טאָג זיינען מיר אַלע אויפגעטרייסלט געוואָרן. די שיף האָט געגעבן אַ שטאַרקן ציטער. די „אָבזער־וויישאָן־גאַרדס” האָבן באַמערקט, אַז עפּעס אַ שפּיץ שווימט אונז נאָך. אַלע קאַנאָנען האָבן דריי מאָל, איינס נאָכ'ן אַנדערן, אויסגעשאָסן. ס'האָט אויסגעבראָכן אַ שטיקל פּאַניקע. מען האָט אונז אָבער באַלד בארואיגט.

דעם פינפטן טאָג האָבן מיר דערזען אַ מחנה ווייסע פייגל פליענדיג ארום אונזער שיף. זיי האָבן געזוכט עסן. צוויי קליינע פראַנצויזישע סובמארין־דעסטראָיערס זיינען אונז אַנ־קעגן געקומען און האָבן באַוואַכט אונזער שיף פון אַ סובמארין־איבערפאַל.

אויפ׳ן זעקסטן טאָג, גאַנץ פרי, האָבן מיר פון דערווייטנס דערזען בערג באַוואַקסן מיט גראָז. מיר האָבן זיך געפרייט: מ׳זעט שוין לאַנד און מיר זיינען די רייזע אַריבער בשלום.

אונזער שיף איז געבליבן שטיין אין אַ האַפן. אַ קליין שיפל וואַרט שוין אויף אונז. זי נעמט אַרויף צו צוויי טויזנט סאָלדאַטן אויף אַמאָל און פירט זיי אָפּ קיין ברעסט, פראַנקרייך.

אין פראַנקרייך.

מיר ליגן איינגעשפאַרט אין נאַפּאָלעאָנ׳ס קאַזאַרמעס אין ברעסט. אויף אַ גרויסן הויף שטייען אַ סך אַלטע שטיינערנע מויערן, אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכן שטיינערנעם פּאַרקאַן. מיר שלאָפן אויף דעם שטיינערנעם דיל אונטערגעלייגט שיטערלאַך מיט אַביסל פאַרפוילטע שטרוי. די ווענט זיינען כמעט אינגאַנצן פאַרשריבן מיט טויזנטער נעמען און אַדרעסן פון סאָלדאַטן, וואָס זיינען דאָ איינגעשטאַנען. איך שרייב אויך אויף מיין נאָמען און אַדרעס: אפשר וועלן דאָ שפּעטער קומען באַקאַנטע סאָלדאַטן, זאָלן זיי אויך זען מיין נאָמען צווישן אַלע טויזנטער נעמען.

מען לאָזט אונז ניט אַרויסגיין פון דעם הויף. אויפ׳ן טויער הענגט אַ שלאָס און עס שטייט אַ סאָלדאַט אויף וואַך.

איך גיי אַרום ווי אַ צעמישטער. איך קריץ מיט די ציין פאַר פאַרדראָס. איך בין דאָך ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן, און דאָך בין איך אַן אַרעסטאַנט... איך האָב דערפילט, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין מענשלאַכן ווערט. מענשן שפילן דאָ זייער אַ קליינע ראָלע. די אָפיצירן רעכענען זיך ניט מיט אונזערע געפילן...

שוין די דריטע וואָך, ווי מיר זיינען שוין ניט ווייט פון פראָנט. פון אינדערפרי ביז נאַכט האַלט מען אונז אויף די פעלדער און מען לערנט אונז די תורה פון מלחמה: ווי אַזוי צו הרג׳ענען מענשן, „אונזערע שונאים”. מיר שטייען אויסגעטאָן נאַקעט, אפילו אָן אונטער־העמדער, און מען לערנט אונז, ווי אַזוי צו וואַרפן האַנט־גראַנאַטן. מיר דרייען די

ביקסן אַהין און אַהער, מיר לויפן, מיר לייגן זיך אויף דער ערד, מיר הויבן זיך צוריק אויף און מיר לויפן ווייטער, מיר שטעכן מיט אונזערע באַיאָנעטן אין דער לופט אריין... די זון פאַרברענט אונזערע מוחות, מיר גייען אָפּ אין שוויים. די שוואַכערע חלש'ן. די אָפיצירן שרייען אויף אונז פאַר דעם קלענסטן פעלער וואָס מיר מאַכן:

— איר זיינט איצט אין דער אַרמיי, — שרייען זיי, — איר זיינט ניט אין דער היים. שלאָגט אַרוים אייער היים פון אייערע קעפּ און לייגט בעסער צו אייערע קעפּ צום דרילן!

מיט געוואַלט ווילן זיי אונז מאַכן פאַרגעסן אונזערע היימען, פאַרגעסן די וואָס זיינען אונז אַזוי טייער.

מען פירט אונז אַוועק אויף אַ גרוים פעלד, און מען לערנט אונז שיסן מיט ריכטיגע קוילן. מען הייסט אונז אָנטאָן אונזערע גאַז־מאַסקעס, און מען פירט אונז אריין אין אַ צימער וואָס איז אָנגעפילט מיט גאַז. מיר גייען איינער הינטער'ן אַנדערן אין אַ ראָד אַרום דעם צימער.

פראַנצויזישע אָפיצירן קומען צו אונז יעדן טאָג און קוקן זיך צו ווי אַזוי עס גייט צו ביי אונז די אַרבעט. זיי ווילן זען צי מען קען אונז שוין אָפּשיקן צום פראָנט. מיר רעדן צווישן זיך, אַז ס'וועט נאָך נעמען אַ פּאָר חדשים ביז מיר וועלן דערזען די טראַנשייען...

מיר האָבן אָבער געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס: אויף דער פערטער וואָך האָט מען אונז אַוועקגעפירט קיין עלזאַס־לאָרעין.

די געגנט האָט מען גערופן „דער שטילער סעקטאָר": שלאָגן האָט מען זיך דאָרט נישט געשלאָגן, מען איז נאָר געלעגן אין די טראַנשייען און געהיט די פּאָזיציעס.

צוויי קילאָמעטער הינטער די שוץ־גרובנס, אויף אַ באַרג, צווישן געדיכטעביימער, האָבן מיר אויפגעשטעלט אונזערע ביידלאַך. דער טאָג איז געווען אַ שיינער. די זון האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די הויכע בערג און געוואַרעמט די ערד.

מיר שפּרייטן אויס אויף דער ערד עטלאַכע קאָלדרעס און

מיר שפּילן אויף זיי קאָרטן און זינגען צו צום שפּיל. איינער הויבט אָן זינגען:

We'll shoot the Kaiser
in the rear.
O boy, O joy!
Where do we go
from here?

אלע זינגען מיט, דערנאָך זינגט מען דאָס לידל:

Hail, hail, the gang's all here,
What the hell do we care,
What the hell do we care,
Hail, hail, the gang's all here,
So what the hell do we care, now.

צולעצט זינגט מען דאָס אלט־באַקאַנטע לידל „אָווער דהער".

Over there, over there,
Send the word, send the word to prepare,
We're coming over, we're coming over,
And we won't be back 'till it's over, over there.

עס לעבט זיך אונז נאָך דערווייל ניט שלעכט. קיין ארבעט טוען מיר ניט. מען האָט אונז שוין אויסגעלערנט די גאַנצע תורה... מיר עסן, טרינקען און מיר שפּילן גאַנצע טעג קאָרטן. פאַרשפּילט איינער זיין גאַנץ געלט, טרייסט ער זיך אליין: וואָס דאַרף איך געלט?... איך גיי דאָך אין די טראַנשייען...

מען לאָזט אונז וויסן, אז היינט ביינאַכט, צוועלף אזייגער, וועלן מיר אריין אין די טראַנשייען. פון דער בשורה ווערן א סך פּנים'ער טרויעריג און אנדערע ווערן פריילאַך: דערלעבט דעם טאָג...

הערשל און איך און נאָך סאָלדאַטן לויפן אוועק אין דאָרף. מיר קויפן איין עטלאַכע פּעקלאַך זיסע קיכעלאַך, עטלאַכע פּעקלאַך שאָקאָלאַד און מיר גייען אין שענק טרינקען וויין. חברה שיכור'ן זיך אָן און בעטן גאָט, אז ער זאָל זיי צושיקן עטלאַכע דייטשן. הערשל נעמט זיין גלאָז וויין, טוט א זופּ און שטופּט מיר אריין א האַנט:

— לחיים, ברודער! גאָט זאָל העלפן, מיר זאָלן דערלעבן צו טרינקען נאָך דער מלחמה.

— אָמן! — ענטפער איך.

— אוי! — זיפצט הערשל און זאָגט — ווער ווייס, צי מיר וועלן דערלעבן — און ער טרינקט אויס די גלאָז וויין.

— דו מאַכסט מיך משוגע, — ווער איך שוין אין כעס אויף אים, — דו האָסט דאָך אליין געהערט, אז דאָ איז א שטילע געגנט.

— אודאי האָב איך געהערט, — ענטפערט ער און ציט אריין א צווייטע גלאָז וויין. — ווער קען זיי גלויבן, די ליגנער! אָט וועלן זיי אונז באַלד דערציילן דעם אמת. איך, זעט איר, בין שוין א געשלאָגענע הושענה, איך האָב געדינט פאָניע גנב, איך ווייס איין זאַך: א סאָלדאַט זאָגט מען ניט אויס דעם אמת. מען שיקט אים און פאַרטיג...

פלוצלינג כאַפּט ער מיך ארום און הויבט מיך אָן קושן...

— וואָס איז מיט דיר? ביסט שכור? — שריי איך אויף אים אָן.

איך מאַך זיך ארויס פון זיינע הענט. איך שעם זיך פאַר די איבעריגע סאָלדאַטן, זיי זאָלן אונז ניט אויסלאַכן. ער צעשרייט זיך אויף א קול:

— גאָט ווייסט, צי מיר וועלן נאָך אַמאָל טרינקען צוזאַמען!

— מיר וועלן טרינקען! — ענטפער איך אים בייז. איך נעם אים אָן אונטערן אָרעם און וויל אים ארויספירן אויף דער גאַס.

— לאָמיר מיטנעמען א פלעשל קאָניאַק, — בעט ער זיך ביי מיר, — ביינאַכט, ס'איז קאַלט אין די טראַנשייען, זאָל זיין מיט וואָס זיך צו דערוואַרעמען.

אין דרויסן מבול'ט. דער וועג איז בלאָטיג. איך פיר אים אונטערן אָרעם און ער רעדט:

— מיר דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען, מיר דאַרפן אָפּהיטן איינער דעם אַנדערן, ווי אַן אויג אין קאָפּ... עס איז דאָך מלחמה... טראַנשייען... האַרמאַטן... טאָמער טרעפט חלילה

עפּעס מיט איינעם פון אונז.. מיר קענען זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן... מיר דאַרפן אַליין אכטונג געבן אויף זיך...

מיד פון דעם שווערן וועג, קריכן מיר אַריין אין די ביידלאַך וואָס זיינען שוין כמעט פול מיט וואַסער. מיר רוען זיך אָפּ א ווײַלע און נעמען מאַכן די פּעקלאַך, וואָס מיר דאַרפן מיטנעמען אין די טראַנשייען. הערשל אַרבעט שנעל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל ניט עפּעס פאַרשפּעטיגן... ער ווערט פאַרטיג מיט זיין פּעקל און העלפט מיר. ער שוויצט, סאָפּעט שווער און איז שוין אינגאַנצן ניכטער. מיר לאָדן אָן די ביקסן מיט קוילן, טוען אָן אונזערע גאַז־מאַסקעס אויפ'ן האַרץ, כדי עס זאָל זיין גרינגער אַרויפצוכאַפּן אויפ'ן פּנים, ווען עס קומט א גאַז־אַטאַקע... מיר טיילן זיך איין מיט עטלאַכע האַנט־גראַנאַטן, נעמען מיט זעכציג קוילן יעדערער, טוען אָן די אייזערנע היטלען און לאָזן זיך גיין.

די נאַכט איז א פינסטערע, אַלע מאָל גליטשט זיך אָן אַנדערער אויס און פאַלט אַריין אין א געדיכטע בלאָטע. אָט באַפעלט מען אונז, מיר זאָלן זיך אָפּרוען. וואו זאָלן מיר רוען? סיידן מיר זאָלן זיך אַריינזעצן אין דער בלאָטע. מיר ווישן מיט די אַרבעל די פּנים'ער, וואָס זיינען נאַס פון רעגן און שוויים. מיר נעמען אַרויס פון קעשענע עטלאַכע קיכעלאַך, א שטיקל שאָקאָלאַד און כאַפּן איבער. מיר דאַרפן אינגאַנצן גיין צוויי קילאָמעטער, אָבער דער וועג איז פינסטער. און די בלאָטעס מיט'ן רעגן וואָס שמייסט אין פּנים אַריין, פּעגטן אונז די פיס, און עס קומט אונז אָן שווערער, ווי מיר זאָלן דאַרפן גיין פופציג קילאָמעטער. אָט דערזעען מיר עטלאַכע עלעקטרישע שטערנדלאַך. אָן אָפיציר לאָזט אונז וויסן, אז מיר זיינען שוין ביים פראָנט. ווען די שטערנדלאַך צעשווימען, דערהערן מיר דאָס קלאַפּן פון קאַנאָנען. באָמבעס פון דעם שונא'ס זייט הויבן אָן צו עקספּלאָדירן ניט ווייט פון אונז, א שוידער באַפאַלט אונז... מיר דערשרעקן זיך. אפילו די סאָלדאַטן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געזונגען, זיינען אויך מאָמענטאַן געוואָרן אַנדערע מענטשן.

אין דער שטיל פרעגט איינער ביים צווייטן: וואוהין פירט

מען אונז? אַהין, גענן די קאַנאַנען? מען האָט דאָך אונז געזאָגט, אַז דאָ איז אַ שטילער סעקטאָר...

מען זאָגט אונז אָן די בשורה, אַז מיר זיינען שוין לעבן די טראַנשייען און מיר זאָלן אויפהערן רעדן. מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטעם גליטשן מיר זיך אַרונטער אין די טראַנשייען און מיר בלייבן שטיין ביז אַריבער די קני אין וואַסער. מיר דאַרפן זיין צוויי אָדער דריי יאַרד אָפּגעשיידט איינס פון צווייטן, כדי ווען אַ גראַנאַט טרעפט איינעם, זאָל דער זעלבער גראַנאַט ניט טרעפן אַ צווייטן און אַ דריטן. הערשל פאָלגט ניט דעם באַפעל און האַלט זיך נאָענט פון מיר. שטיל זאָגט ער מיר אין אויער אַריין:

„איך האָב זיי אין דר'ערד מיט זייערע אָרדערס".

אונזער אַרטילעריע האָט אָנגעהויבן טראַסקן אַריבער אונ־זערע קעפּ. יענע האָבן געענטפערט. מיר קוקן צום שונא און האַלטן די קעפּ געבויגן. עס פּלאַצט אַ גראַנאַט נאָענט פון אונז. איך ווער איבערגעשראָקן און ס'רייסט זיך מיר אַרויס אַ קרעכץ „אוי, מאַמע". איך הויב אָן בעטן צו גאָט:

— גאָטעניו, העלף מיר, איך ווייס, אַז איך בין אַ זינדיגער מענטש, איך זאָג דיר צו, אַז דו וועסט מיך מציל זיין פון דעם קבר, וועל איך ווערן גוט און פרום... גאָטעניו, טו עס מיין מאַמען צוליב... מיין טאַטן צוליב. זיי זיינען דאָך דיינע מענטשן, באַווייז אַ נס און איך וועל אויך ווערן דיינער...

איך האַלט שטאַרק צוגעמאַכט מיין מויל און ווייז אין זיך אַריין, איך שטיק זיך מיט די טרערן. מיינע פיס זיינען פּאַראַלי־זירט, קוים וואָס איך באַוועג זיי. הערשל שטייט ניט איין אויף אַן אָרט. ער איז נערוועז. אַלע זיינען נערוועז, זיי קענען ניט איינשטיין אויף קיין אָרט. עס הערט זיך, ווי זיי פּליעסקען מיט די פיס אין וואַסער. עס פּלאַצט נאָך אַ גראַנאַט און מיר ווערן איינגאַנצן פאַרשפּריצט מיט נאַסער בלאָטע. מיינע אויגן ווערן פאַרשפּריצט, איך ווער בלינד... מיט מיינע שמוציגע פינ־גער וויש איך עטלאַכע מאָל אויס די אויגן. הערשל איז דער־שראָקן, ער האָט מורא פאַר דער היינטיגער נאַכט. „ווער ווייסט, — זאָגט ער צו מיר, — וואָס דאָ וועט זיך נאָך היינט אָפּטאָן"...

מיטאמאָל דערפיל איך ווי עס ווערט מיר ניט גוט אויפ'ן הארצן, עס הויבט מיר אָן שווינדלען פאר די אויגן, איך ברעך מיט דער גרינער גאל און מיט יעדן מאָל אויסברעכן רייסט זיך ארויס פון מיין הארצן אַ שטארקער „אוי! ס'איז מיר ניט גוט! אוי, איך שטארב!"

הערשל דערלאנגט מיר אביסל וואסער פון מיין פלאַש, איך ברעך נאָך אַלץ... אַ לייטענאנט לויפט צו מיר צו האלב טויט, ער האָט מורא, אז „זיי" וועלן דערהערן מיינע קרעכצן, וועלן זיי אונז אויסגעפינען.

ער פרעגט מיך אין דער שטיל, וואָס מיר איז. קוים וואָס איך ענטפער, אז ס'איז מיר ניט גוט.

— דו האָסט מוראָ? — פרעגט ער מיך, — האָסט זיך דערשראָקן?

— איך ווייס ניט — זאָג איך אים און ברעך ווייטער.

— ער איז אַ שוואכער, — זאָגט אים הערשל.

— זיי שטיל! — בעט זיך ביי מיר דער לייטענאַנט, מיר זיינען אין דער פראָנט־ליניע.

איך קרעכץ און שפיי. ער נעמט מיך אונטער מיין אָרעם און זאָגט אָן הערשלען. ער זאָל מיך אוועקפירן צו אונזערע ביידלאך און מיך לייגן שלאָפן.

ער און הערשל העלפן מיר ארויסקריכן פון די טראנשייען. אויפ'ן וועג איז מיר געוואָרן אביסל בעסער. הערשל באדויערט מיך — עס איז אַ שרעקלאכע מלחמה, ווער ווייס וואָס מיר וועלן נאָך דארפן מיטמאכן, — רעדט ער צו מיר.

מיר זיינען אָנגעקומען צו די ביידלאך, הערשל האָט מיר געהאָלפן זיך אויסטאָן, ארויפגעוואָרפן אויף מיר עטלאכע קאָל־דרעס, און מיר זיינען איינגעשלאָפן.

און אָט שטיי איך שוין ווידער אין די טראנשייען. איך קוק אין דער פינסטערער נאכט אריין, ווייט אהין, צו זיי, צו אונזערע שונאים... מיט אמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אז איך זע אַ גאנצע מחנה גיין צו מיר. איך דערשרעק זיך, מיינע אויגן זיינען אָנגעשטרענגט, איך קלאמער זיך אָן מיין ביקס און איך

טראַכט: וואָס וועל איך טאָן, אַז עטלאַכע וועלן צו מיר אַריינ־שפּרינגען? אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מיין גאַנצן קערפּער פאַר מורא...

אָבער קיינער איז ניט געקומען, עס האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן.

איך הער פּלוצלינג דאָס טרובן פון אַטאָמאָבילן, איך הער אַ קלינגעריי פון גלעקער, אַ קלאַפּעריי אין טאַצן... איך ווער אַ פאַרציטערטער. ווער פאָרט עס מיט אַטאָמאָבילן? ווי אַזוי קומען אַהער פּויקן, גלעקער און טאַצן? איז דאָס אפשר אַן אָנזאָג אויף שלום? אַ סוף?...

עס הויבן אָן פליען געדאַנקען אין מיין מוח: אַהיים... טאַטע־מאַמע... שוועסטער, ברידער, פריינט... קושן זיך, וויינען פאַר פרייד, פאַר גליק, אַהיימגעקומען אַ געזונטער...

דאָס פּויקן און פייפן איז אַן אָנזאָג, אַז אַ גאַז־אַטאַקע קומט אָן. שרייען מיט'ן מויל טאָר מען ניט, ווייל מ'וועט איינ־אָטעמען גאַז. האָט מען צוגעגרייט די גלעקער און פּויקן. די גאַז־וועכטער האָבן עס דערפילט, זאָגן זיי אונז אָן. עס ברעכט אויס אַ פּאַניק, מיר זיינען דערשראָקן, די הענט ציטערן, מיר טוען אָן די גאַז־מאַסקעס, מיר אָטעמען אין זיך אַריין די מעכאַ־נישע לופט. די שייבעלאַך פון די מאַסקעס ווערן פאַרגאָסן מיט שווייס, מיר ווישן זיי אויס און זיי ווערן באַלד ווידער פאַר־גאָסן... מיר קענען גאָרניט זען וואָס אַרום אונז טוט זיך. איך פיל, אַז מיין פּנים ווערט אָנגעבלאָזן, עס וואַקסט הינטער דער מאַסקע. איך פיל דעם טעם פון גיהנום... גראַנאַטן פּלאַצן, מיר הערן נאָר ווי די ערד ווערט אויפגעריסן, שטיקלאַך ערד און שטיינער טרעפן אונז, מיר זיינען איבערגעשראָקן און בלינד..

מיט צוויי שעה שפּעטער הייסט מען אונז אַרונטערנעמען די מאַסקעס. שנעל רייסט יעדערער אַרונטער פון זיך זיין מאַס־קע. עס ווייזט זיך יעדן איינעם אויס, אַז ווען ער זאָל דאַרפן טראָגן די מאַסקע נאָך אַ האַלבע שעה, וואָלט ער געשטאָרבן. די נאָסע, פאַרשוויצטע, אָנגעשוואָלענע פּנים'ער ווערן דער־פרישט פונ'ם קאַלטן ווינט, די אויגן שניידן ווי מיט מעסערס, זיי זיינען אָנגעלאָפן מיט בלוט און געשוואָלן.

מיר זיינען אהיימגעקומען אין אונזערעביידלאך מיט צוואנציג סאָלדאטן וויניגער, א חוץ זעקס פארוואונדעטע און צוועלף קראנקע פון דער גאז־אטאקע. מיר האָבן זיי אוועקגעפירט צו דער סטאנציע פון שנעלער הילף.

ביטאָג איז א סך בעסער אין די טראנשייען ווי ביינאכט, מיר זעען וואו מיר זיינען. עטליכע יארד פון אונזער גראָבן, אויף „נאָ מענ׳ס לענד" זעען מיר ווי עס וואלגערן זיך ארום אויף דער ערד שפיגעלאך, פאנטען־פענעס, זייגערלאך און נאָך אזעלכע זאכן. עס כאפט אָן א חשק זיי אויפצוקלייבן. אָבער נאָך איידער מיר זיינען אריין אין די טראנשייען, האָט מען אונז אָנגעזאָגט, אז ווען מיר וועלן די אלע חפצים זען ליגן, זאָלן מיר ניט וואגן צו גיין זיי אויפהויבן. דאָס האָט זיי דער שונא אונטערגעווארפן, כדי אונז צו מאכן א חשק צו גיין נאָך זיי, און ווען זיי דערזעען א שפיץ פון א קאָפּ, בלייבט שוין דער קאָפּ ניט קיין גאנצער. אויב איינעם גיט זיך יאָ איין עפּעס אויפצוהויבן פון דער ערד, זיינען די חפצים פול מיט דינאמיט, און ווי מען נעמט זיי אין האנט אריין, עקספּלאָדירן זיי און מען ווערט צעריסן אויף שטיקלאך.

מיר שטייען דעם גאנצן טאָג מיט די קעפּ געבויגן און בגנבה קוקן מיר אריבער צו זיי. דערזעען מיר, אז עפּעס באוועגט זיך אויף יענער זייט, איז גלייך געשאָסן — אָדער מען טרעפט, אָדער ניט. זיי טוען אויך דאָסזעלבע.

מיט אונזערע פּעק אויף די פּלייצעס און די ביקסן אין די הענט שטייען מיר אויף גרויסע לאסט־אָטאָמאָבילן. מען פירט אונז איבער אויף אן אנדער פראָנט. די אָטאָמאָבילן זיינען געפּאקט מיט סאָלדאטן. זיצן קען מען ניט, אלע שטייען, ווייל שטייענדיגערהייד גייען אריין מער סאָלדאטן. די שאָפערס זיינען כינעזער, זיי גייען אין ציווילע קליידער, האלטן לעבן זיך לאנגע ליולקעס. יעדע פינף מינוט טוט דער כינעזישער שאָפער א לאנגען ציִ פון ליולקע און לאָזט ארויס א מויל רויך. זיי פירן אונז צום וואלד, דאָרטן שטייט א צוג און ווארט אויף אונז. דער לאָקאָמאָטיוו איז א קליינינקער און צו אים זיינען צוגעטשעפּעט

צוויי פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען פאַר די אָפיצירן, אַן נאָך זיי ציט זיך אַ לאַנגע קייט פראַסטע פראַכט־וואַגאָנען מיט ברייטע טירן, אָן פענסטער. אויף יעדן וואַגאָן באַזונדער איז אויפגעשריבן מיט ווייסער פאַרב: „עס קענען אַריין אכט פערד, אָדער פערציג מאַן". מען קוועטשט אָבער אַריין אין יעדן וואַגאָן אַ סך מער פון פערציג. ס'איז ענג, די לופט איז פאַרשטיקט. ערשט אַ טאָג פריער האָט מען אין די־זעלבע וואַגאָנען געפירט פערד, אייזלען, אָקסן און חזירים. מען האָט אפילו ניט אויסגערייניגט דעם שמוץ, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן. איינער זיצט כמעט אויפ'ן צווייטן. אַ סך שטייען און קענען אפילו ניט געפינען קיין פּלאַץ וואו זיך אַריינצוקוועטשן. די וואָס זיצן לאָזן ניט אַ צווייטן זיך זעצן לעבן זיי, זיי ווילן ניט מען זאָל זיך זעצן אויף זייערע פיס. איינער שילט דעם צווייטן און אַלע שילטן די אַרמיי און די אָפיצירן.

מען שטופּט זיך. עס שפּאַרן זיך עלנבויגנס, עס פליען קללות. אַן איירישער שרייט: „מואוו אָוער, יו דזשו באַסטאַרד" אַ אידישע שטימע ענטפערט: „גיי אין דער ערד אַריין, דו איירישער חזיר!" איינער שרייט: „העי, פּאָלאַק, סטרעטש אַאוט יור פוט!" און ער טוט אים אַ שטופּ. יענער ענטפערט: „דאַנט פּוש, אַי'ל סאַק יו אין די נאָז! סעי דאָטש, הו אין די העל אַר יו עני האַו, דזשענעראַל פּוירשינג?"

„טו העל וויט הים, מיט דיר אין איינעם" — ענטפערט דאָטש און רירט זיך ניט פון אָרט.

אַ לייטענאַנט לויפט פאַרביי אונזער וואַגאָן, שטעקט אַריין דעם קאָפּ און פרעגט:

—וועלל, באָים, אַר יו אָל קאָמפּאָרטייבל? (איז אייך אַלעמען באַקוועם?)

אַלע ענטפערן: „קאָמפּאָרטייבל העל!" און אַלע מיט אַמאָל, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך אָפּגערעדט, פייפן מיר אים גראָב אויס. לאַכנדיג לויפט ער אַוועק. דער סאַרדזשענט וואַרפט אונז אַריין אַ פּאָר טוצן ברויטלאַך, צוואַנציג בלעכלאַך בעבלאַך, עטלאַכע בלעכלאַך פלייש און טאָמייטאָס, יעדן אַ שטיקל שאָקאָלאַד, פּאַפּיראָסן, קיי־טאַבאַק, טאַרבעלאַך מיט „בול־דאָרהעם"־

טאַבאַק, פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און נאָך צידה לדרך. מיר באַקלאָגן זיך פאַר אים, אַז ס׳איז ניטאָ וואו זיך אַ דריי צו טאָן. ער זעצט אונז אַלע אויס. ער זוכט אַן אָרט פאַר זיך. ער געפינט באַלד אַ שפּאַלט און שפּאַרט זיך אַריין.

דער צוג פירט אונז איבער פעלדער און וועלדער. אויף׳ן וועג זעען מיר פרויען און קינדער אַרבעטן אויף׳ן פעלד. זיי שניידן קאָרן, גראָזן, גראָבן קאַרטאָפל... זיי מאַכן צו אונז מיט די הענט און מיר שרייען צו זיי: העלאָ, פרענטשים!

אָט זעען מיר רוסישע סאָלדאַטן, זיי גראָבן טראַנשייען. איך האָב זיי גלייך דערקענט אָן זייערע היטלען. זיי שיקט מען ניט אויף׳ן שלאַכטפעלד. זיי טוען נאָר די אַרבעט הינטער דעם פראָנט: זיי שטעלן אויף קאַזאַרמעס, לאָדן אַמוניציע.

מיר פאָרן פאַרביי שטעט און שטעטלאַך. אויף די סטאַנציעס שטייען אַלטע און מיטליעריגע פרויען, יונגע מיידלאַך, עטלאַכע מענער דרייען זיך אויך אַרום. אַלע טראָגן אָפּגעריסענע קליידער, זייערע פּנים׳ער זיינען פול מיט קנייטשן. די מלחמה שפּיגלט זיך אָפּ אויף זיי. אין די מענער דערקענען מיר פראַנצויזישע סאָלדאַטן. זיי האָבן סמנים, פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ. ביי עטלאַכע ליגט אַ ליידיגער אַרבל אין קעשענע. אייניגע שפּרינגען אויף איין פוס און האַלטן זיך אויף נייע הילצערנע קוליעס. עטלאַכע זיצן אויף שטולן, וואָס רוקן זיך אויף רעדלאַך. אויף זייערע אָפּגעריבענע סאָלדאַטסקע קליידער דערקענט מען קוים, אַז זיי האָבן אַמאָל געהאַט אַ ליכטיג גרינעם קאָליר. עס וואַרפן זיך שטאַרק אין די אויגן די מעדאַלן, מיט וועלכע מען האָט זיי באַהאַנגען. זיי קוקן אויף אונז און האָבן אויף אונז רחמנות. זיי ווייסן שוין, אין וואָס פאַר אַ גיהנום מען פירט אונז. מיר פאָרן זיי פאַרביי, זיי שרייען אונז נאָך: „וויוו ל׳אַמעריק!“ (לעבן זאָל אַמעריקע). מיר ענטפערן זיי: „וויוו לאַ פראַנס!“ (לעבן זאָל פראַנקרייך).

דער צוג שלעפּט אונז איבער די פעלדער פון פראַנקרייך. פאַרנאַכט קוקן מיר אַרויס דורך דער ברייטער טיר און קוקן זיך איין ווי די זון גייט אונטער. עס רופט ביי אונז אַרויס אַ בענקשאַפט צו אונזער היים. יעדער איינער רעדט פון זיין היים מיט

באַגייסטערונג. איינער רעכנט אויס די גוטע עסנס, וואָס זיין מאַמע פלעגט אים געבן. אַ צווייטער דערציילט, אַז אַלע פאַר־נאַכט פלעגט ער זיך טרעפן מיט זיין געליבטער, שפּאַצירן מיט איר ביז עלף ביינאַכט. עס ליגן אים נאָך איצט אין טעם אירע קושן...

יעדער איינער איז גרייט מקריב צו זיין זיין לעבן, אָבער כאָטש איין מאָל נאָך וואָלט ער וועלן זיין אין דער היים. אַלע הויבן אָן צו זינגען:

Keep the home fires burning,
While your hearts are yearning
Though your lads be far away
They dream of home.
There's a silver lining,
Through the dark clouds shining
Turn the dark clouds inside out
Until the boys come home.

זיי זינגען עס זייער שיין. דאָס געזאַנג טראָגט זיך אַרויס דורך דער ברייטער טיר און צעקלינגט זיך איבער די שיינע גרינע פעלדער. איך פאַרטראַכט זיך אין די ווערטער פון דעם ליד: ווער ווייס, צי מיר וועלן דאָס דערלעבן...

איך קוק אויף דעם זון־אונטערגאַנג, און מיינע אויגן זוכן עפּעס אין דער ווייטקייט... איך זע, ווי ערגעץ דאָרט, גאָר ווייט אַוועק פון מיר, איז דער הימל אַ געמישעכץ פון קאָלירן. דער הימל רירט כמעט אָן די ערד. איך וואָלט איצט געוואָלט אַרונ־טערשפּרינגען פון צוג און לויפן אַהין... איך טראַכט, אפשר פירט יענער וועג קיין אַמעריקע, צו טאַטע־מאַמע... איך וואָלט מסכים געווען דאָ איבערצולאָזן אַ האַנט, אַ פוס, אַבי אַ לעבע־דיגער קומען אַהיים, פּטור ווערן פון דעם שרעקלאַכן שלאַכט־פעלד.

מיר עסן שוואַרץ ברויט מיט קאַלטע בעבלאַך, לעקאַך מיט טאָמעיטאָס, פאַרטרינקען מיט וואַסער און בייסן צו מיט שטי־קער שאָקאָלאַד. מיר שילטן די אַרמיי מיט זייערע עסנס און פאַררויכערן פּאַפּיראָסן.

עטלאַכע סאָלדאַטן שפּרייטן אויס זייערע קאָלדרעס אויף די פּיס און מען שפּילט קאָרטן.

דער וואַגאָן איז פול מיט רויך, די בעבלאַך הויבן אָן ביי יעדן צו אַרבעטן. יעדע ווײַלע לאָזט זיך אומיצער הערן. אייניגע פאַרמעסטן זיך, ווער עס וועט אַרויסווייזן מער בריה׳שאַפט. עס איז צום דערשטיקט ווערן פון ענגשאַפט און רויך. וויל איינער משתין־זיין, עפנט ער אויף די טיר און טוט עס אָן שום חרפה. דער ווינט טראָגט עס צוריק אַריין און פאַרשפּריצט עטלאַכע פּנים׳ער. מען הויבט ווידער אָן שילטן. און אַזוי קומען מיר איבער א נאַכט.

בייטאָג איז די רייזע אַביסל בעסער. מען זעט וואו מען איז אין דער וועלט. מען גיט זיך די מי ניט צו טרעטן איינער אויפ׳ן צווייטן, כאָטש זעלטן־ווען גיט זיך דאָס איין.

יעדע דריי שעה בלייבט דער צוג שטיין אין מיטן פעלד. דאָס גיט אונז א געלעגנהייט אַרונטערצוגיין און טאָן אונזערע באַדערפעניש. נאָך איידער דער צוג שטעלט זיך אָפּ, שפּרינגען מיר שוין אַרונטער און מיר זיצן שוין. און נאָך איידער מיר זיינען פאַרטיג, הויבט דער לאָקאָמאָטיוו אָן פייפן. מיר נעמען לויפן און שילטן. דער צוג רוקט זיך, און מיר לויפן מיט די העמדער איבער די הויזן. לויפנדיג, פאַרלירן מיר די הויזן. זיי פאַרטשעפּן זיך אָן די פיס, מען פאַלט, מען הויבט זיך אויף, מען לויפט ווייטער און מען שילט דעם אינזשעניר, וואָס טרייבט דעם לאָקאָמאָטיוו, און מען כאַפּט זיך אַרויף און מען פאָרט ווייטער.

עס שטעלט זיך אָפּ דער צוג אויף א פּאָר מינוט. מיר שפּרינגען שנעל אַרונטער. מיר וואַרפן אָן א פולן וואַגאָן מיט קליינע שטיינדלאַך, וואָס ליגן ביי די זייטן פון וועג. דער צוג פאָרט און מיר וואַרפן די שטיינדלאַך אין די גלעזלאַך, וואָס זיינען צוגעקלאַפּט צו די טעלעגראַף־סלופּעס: מיר רעכענען זיך אָפּ מיט פראַנקרייך...

מיר זיינען געבליבן ביי א סטאַנציע, אָבער מען לאָזט אונז ניט אַרונטערגיין. עס דרייען זיך אַרום אינגלאַך מיט שטרויענע קוישן אויף די הענט. זיי פאַרקויפן אונז עפּל, באַרן, און פאַרבאַהאַלטן הינטער די רעקלאַך האַלטן זיי פלעשער מיט וויין. די פלינקערע פון אונז כאַפּן ביי זיי אויס די פלעשער

וויין און באַצאָלן וויפיל די אינגלאַך בעטן ביי זיי, אייניגע סאָל־דאַטן גיבן די אינגלאַך געלט, זיי זאָלן שנעל לויפן און ברענגען נאָך פלעשער וויין.

די אינגלאַך נעמען צו דאָס געלט און לויפן אוועק. דער צוג גייט אָפּ, מען שילט די אָפּיצירן מיט טויטע קללות פאַר־וואָס זיי האָבן ניט געלאָזט אַרונטער. מען האָט געקאָנט לויפן און קויפן וויין. מיר זיינען דאָ געשטאַנען צען מינוט. ווען מיר וואָלטן קענען צוגיין צום אינזשיניר, וואָלטן מיר אים צעריסן אויף שטיקער, פאַרוואָס ער האָט ניט געוואַרט ביז מען וועט ברענגען דעם וויין. די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געקראָגן וויין, טרינקען און באַלעקן זיך און לאַכן אָפּ פון די, וואָס זיינען גע־בליבן אָן געלט און אָן וויין.

מיר ליגן אין די אויסגעגראָבענע קברים, וואָס זיינען ניט וועיט פון די טראַנשייען. מיר זיינען אַלע מיד. די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. מיר האָבן געפירט אַמוניציע צום פראָנט.

איך זיץ אין אַ ווינקל אויף דער ערד, און אַ שטיקל זון, וואָס האָט זיך אַריינגעשפּאַרט דורך דער לאָך, פון וואַנען מיר קומען אַריין און גייען אַרויס, שלאָגט זיך אָפּ אויף מיינע שיך. הערשל זיצט לעבן מיר, האַלט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף מיין אַקסל און כראָפּעט מיר אין אויער אַריין. איך האָב זיך שוין צו דעם אויך צוגעוויינט. איך טראַכט פון די קליינע אייזלען, מיט וועלכע מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט. אויף זייערע רוקנס טראָגן זיי לעדערנע זאָטלען, אין וועלכע ס׳זיינען אַריינ־געגייט צוויי טיפע קעשענעס. מען לייגט אין זיי אַריין גרויסע גראַנאַטן פאַר אונזער אַרטילעריע. די אייזלען טרעפן שוין אַליין דעם וועג צום פראָנט, מיר גייען זיי נאָך. ביי דער אַרטילעריע בלייבן זיי שטיין. מיר נעמען אַרויס די גראַנאַטן פון זייערע קעשענעס און גייען ברענגען נאָך. ווי עס הויבט נאָר אָן טאָגן, טראָגן מיר זיך אָפּ. מיר לאָזן איבער די אייזלען אַ מייל הינטער׳ן פראָנט, אין שטאַלן, וואָס מען האָט ספּעציעל פאַר זיי אויפגעשטעלט, און מיר קריכן אַריין אין די אונטער־ערדישע קברים.

איך באַקלאָג זיך פאַר הערשלען, אַז איך האָב געקראָגן אַ בייסעניש אויף מיין לייב, שוין אַ פּאָר טעג, ווי עס בייסט מיך. ער בייזערט זיך פאַרוואָס איך האָב אים באַלד ניט אויסגע־זאָגט... ס'איז ניט קיין בושה, זאָגט ער צו מיר. „טוט זיך שוין אויס נאַקעט, וועלן מיר אַ קוק טאָן."

איך שלעפּ אַלץ אַרונטער פון זיך און בלייב נאָר אין די שיך...

מיר רוקן זיך צו צום אָרט וואו די זון שיינט אַריין, ס'איז אָבער ניט גענוג ליכטיג און איך צינד אָן אַ ליכט. הערשל קערט איבער מיינע הויזן אויף דער לינקער זייט און זוכט... ער דרייט מיט'ן קאָפּ און זיינע קליינע אויגעלאַך לויפן אַהין און אַהער. איך לויף אים נאָך מיט'ן ליכט. ער זוכט צווישן די פאַלדן — נישטאָ. ער קערט איבער דאָס העמד, און איז אין דעם אַזוי פאַרטיפט: עס גייט אים אין לעבן, ער זאָל עפּעס געפינען... אַ שמייכל צעשפּרייט זיך אויף זיין פּנים. ער שרייט אויס מיט פרייד:

— איך האָב געדינט פּאַניע'ן, פאַר מיר באַהאַלט מען זיך ניט אויס!

ער טוט אַ קוק אויף מיר און זיינע אויגעלאַך בליסטשן. איר זעט, זאָגט ער צו מיר, זיי זיינען דאָ! זיי זיצן!

איך קוק זיך צו, עס זיצן צוויי, איינע לעבן דער צווייטער, ווייס ווי טויבן און ערטערווייז אַ רויט פּינטעלע.

איך מאַך מיר אָן אַנדער געלעגער, אָן אַ שטרוי־זאַק, ווייל זיי האַלטן זיך דאָרט אויף אין די טויזנטער.

פּופּציג סאָלדאַטן מיט מאַשין־ביקסן אויף זייערע אַקסלען זיינען צו אונז אָנגעקומען. זיי בעטן ביי אונז, אַז מיר זאָלן זיי העלפן קאַמופלאַזשעווען זייערע מאַשין־ביקסן. מיר לויפן אַריין אין אַ דערבייאיגן וואַלד און קומען צוריק מיט גאַנצע בערג בלעטער, צווייגן, גראָזן. מיר העלפן אונזערע צוגעקו־מענע חברים אויסשטעלן די מאַשין־ביקסן אין אַ גלייכער ליניע, אויף אַ שטח פון פינף יאַרד איינע פון דער אַנדערער. מיר דעקן זיי איין מיט די בלעטער, צווייגן און גראָזן, אַז מען זעט זיי נישט אַרויס.

מיר פירן אריין אונזערע נייע חברים אין די „דאַגאַוטס".
נאָך איידער זיי האָבן צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם שטעלן זיי
אונז די ערשטע פראַגע: וואָס טוט זיך אויפ'ן פראָנט?

הערשל ענטפערט זיי גלייך: פּלענטי עקסאַיטמענט, פּלענטי,
טו מאַטש...

איך פרעג ביי זיי: וואָס זייט איר געקומען אהער מיט
אייערע מאַשין־ביקסן? מיר גרייטן זיך צו מאַכן אַן אַטאַקע?

— ווער ווייס? — ענטפערט מיר איינער פון זיי, אַ
סאַרדזשענט. — מען האָט אונז באַפוילן איינצופּאַקן אונזערע
זאַכן, מען האָט אונז אַרויפגעזעצט אויף אויטאָמאָבילן און
געבראַכט אהער, זיינען מיר דאָ.

דער סאַרדזשענט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און מיט אַ סך
גאַל רעדט ער ווייטער:

— וואָס איז דער אונטערשייד? דאָ אָדער ערגעץ אַנ־
דערש... עס איז אומעטום אַ גיהנום...

ביינאַכט שטעלן מיר אויף עלעקטריפיצירטע דראָטן, וואָס
טויטן, ווען מען רירט זיך צו זיי צו. אין דער פינסטער האָבן
די דייטשן אויסגעפונען, אַז מיר פּאָרען זיך, האָבן זיי אָנגע־
הויבן צו אונז אַריבערשיסן. זיי האָבן אָבער קיינעם פון אונז
נישט געטראָפן, ווייל אונזער אַרטילעריע האָט זיי גלייך אָפּ־
געענטפערט כפל־כפלים. פינף פון אונז שיקט מען אַוועק, מיר
זאָלן העלפן די פראַנצויזן וואָס שטייען ביי די קאַנאָנען.

אַ האַלבען קילאָמעטער פון אונז שטייט די פראַנצויזישע
אַרטילעריע.

עס שטייען אויסגעשטעלט צוועלף קאַנאָנען אין דער ברייט
אויף איין ליניע — פיר גרויסע קאַנאָנען, פיר מיטעלע און
פיר קלענערע. די פראַנצויזן זיצן אין די גראָבנס. זיי האָבן
מיט זיך אַביסל ווייַן און טרינקען צווישן זיך לחיים. מיר
טרינקען אויך מיט זיי. ביינאַכט טוען זיי זיך אויס, בלייבן
זיצן אין די גאַטקעס און שפּילן קאָרטן. אַנדערע לייגן זיך
אויף די בעטן און שלאָפן באַלד איין. יעדע צוואַנציג אָדער
דרייסיג מינוט כאַפּן זיי זיך אויף, לויפן אַרויס אין דרויסן,
שיסן אויס אַ פופציג אָדער זעכציג גראַנאַטן פון אַלע צוועלף

קאַנאָנען. מיר דערלאַנגען זיי צום האַנט די אַמוניציע. מיר קריכן אריין צוריק אין די גראָבנס.

מיר טוען ניט אויס אונזערע קליידער. שלאָפן קענען מיר אויך ניט, מיר האָבן מורא. יעדן מאָל ווען עס קומען אריבער עטלאכע גראַנאַטן פון „זיי", קאָרטשעט עס אונז איין אין דרייען, אָבער די פראַנצויזן טוען אפילו ניט קיין פינטל מיט אַן אויג. זיי שפּילן זיך גאַנץ רואיג ווייטער. די מלחמה האָט זיי אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז עס אַרט זיי שוין גאָרנישט. זיי האָבן זיך שוין לאַנג איבערגעגעבן דעם שיקזאַל. מיר זיצן אין די ווינקעלאַך און קוקן זיך צו ווי זיי לויפן ארום אין די ווייסע גאַטקעס, מיט באָרוועסע פיס, טרינקען ווייַן, ווישן אָפּ די וואַנ־צעס, לויפן ארויס, שיקן אריבער צום שונא עטלאכע צענדליג קאַנאָנען־קוילן און ריידן צווישן זיך וואָס מיר פאַרשטייען נישט, מער ווי באָש־באָש־באָש כאַפּן מיר ניט אויף.

פאַרטאָג זיינען מיר שוין צוריק אין די טראַנשייען און מיר פראַוועו א סעודה. מיר האָבן די פראַנצויזן געגעבן זעקס בלעכלאַך פלייש און זיי האָבן אונז דערפאַר געגעבן זעקס פלעשער ווייַן. איינער האָט נאָך בייטאָג געכאַפּט א העזל, אָפּגעהאַקט אים מיט'ן באַיאָנעט דאָס קעפּל, אָפּגעשונדן דאָס פעלכל, צעשניטן אויף שטיקלאַך. מיר האָבן געמאַכט א פייער, און יעדער איינער האָט זיין חלק פלייש אליין אָפּגעבראָטן.

דאָס פלייש איז זיס, נאָר עס הערט זיך א ריח ווען מען נעמט עס צום מויל. דער סאָלדאַט וואָס האָט עס געעפענט האָט עס ניט גוט אויסגעוואַשן, דאָך עסן מיר עס אויף און פאַרטרינקען מיט ווייַן.

די שומרים, וואָס שטייען אין דרויסן און היטן, שרייען צו אונז אַרונטער, אַז מיר זאָלן גלייך ארויסקומען אויף דער גאַס. זיי האָבן עפּעס דערזען אויף דער אַנדערער זייט. מיר פליען ארויס אין דרויסן און מיר דערזעען ווי עס רוקן זיך צו אונז אייזערנע היטלען. דאָס זיינען זיי, די באָשן (די דייטשן). מיר לויפן שנעל צו די קוילן־וואַרפער און עפענען אויף זיי פייער. זיי שטעלן זיך אויף און לויפן צו אונז. מיר האַלטן

גרייט האַנט־גראַנאַטן, ווען זיי וועלן צוקומען פופציג יאַרד פון אונז, וועלן מיר זיי מיט דעם מכבד זיין.

די פראַנצויזישע אַרטילעריע קומט אונז צוהילף, זיי וואַרפן גראַנאַטן איבער אונזערע קעפּ צו די דייטשן. די דייטשן פאַלן און שרייען... די קוילן הויבן זיי אויף אין דער הויך און וואַרפן זיי שטיקערווייז צוריק אַרונטער אויף דער ערד... זיי קערן זיך אום, און מיר טרעפן זיי אין די רוקנס. זיי פאַלן מיט די פּנים׳ער צו דער ערד. די לעבן־געבליבענע אַנטלויפן, אונזערע פרייען זיך, לאַכן, ווי קאַמיש זיי האָבן אויסגעזען ווען זיי זיינען צוריקגעלאָפן. מיר הערן דאָס קרעכצן און דאָס בעטנדיגע געשריי פון די פאַרוואונדעטע: העלפט! העלפט!

איך בין אינגאַנצן צעטומלט. איך קוק זיך צו ווי זיי לויפן און פאַלן, לויפן און פאַלן, ווערן צעריסן אויף שטיקלאַך, און איך דערזע באַלד פאַר זיך אַ בילד ווי מיר לויפן און פאַלן און זיי רייסן פון אונז שטיקער... ס׳איז דאָך מלחמה... היינט מיר זיי, מאָרגן זיי אונז... ס׳איז דאָך מלחמה...

אין אַ הייסן טאָג.

שוין פיר שעה, זינט מיר זיינען אַרונטערגעקראָכן פון דער באַן און מיר האָבן נאָך ניט אויפגעהערט צו גיין. די זון ברענט אונז און בראַט. אונזערע קליידער קען מען אויסדרייען פון שוויים. די וועגן לויפן דאָ באַרג־אַרויף, דאָ באַרג־אַראָפּ. מיט אַ פערטל מייל פריער דערזעען מיר די בערג, און די פיס הויבן שוין אָן צו וואַקלען זיך פאַר שרעק: אַהין אַרויפ־קריכן?... מיר פאַלן ממש מיט אונזערע פּנים׳ער צו דער ערד פאַר מידקייט. אַ לייטענאַנט זעט אונז זיצן, הייסט ער אונז זיך אויפהויבן און זיך אָנשליסן אָן דער ליניע. מיר ענטפערן אים, אַז מיר זיינען מיד און קענען ווייטער ניט גיין, לאָזט ער אונז איבער און גייט אַוועק.

מיר נעמען אַרויס פון אונזערע פעקלאַך ברויט, עפּעס אַ בלעכל מיט בעבלאַך, עסן און פאַרטרינקען מיט וואַסער. אַז אונזערע מאָגנס זיינען שוין אָנגעפילט, פאַררויכערן מיר פּאַ־

פּיראָסן. מיר ציען זיך אויס אויפ'ן גראָז און מיר לאָזן זיך וואוילגיין.

מיר רוען זיך אָפּ אַ שעה. מאַכט איינער אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן ווייטער אַנהויבן גיין. הערשל שטימט צו, דער־מאָנענדיג אונז, אַז מיר זיינען אין דער אַרמיי און זאָלן זיי ניט האָבן עפּעס געגן אונז. מיר טוען אָן אונזערע שווערע פּעק און לאָזן זיך גיין. עטלאַכע פון אונז בלייבן פון הינטן. אונ־זערע טיכלאַך זיינען קויטיג און נאַס פון צו אָפּט ווישן דעם פּנים. אויףביידע זייטן שאָסיי ציען זיך הויכע בערג, באַוואַקסן מיט גראָז, און העט, העט אויבן איז דאָס גראָז אַ געמיש פון פאַרשיידענע קאָלירן. די זון מאַכט דאָס גראָז גלאַנציג און עס קומט אַרויס אַ וואונדערבאַרע לאַנדשאַפט, וואָס פאַרכאַפּט אַזש ביי דער נשמה...

די קליינע שטיבעלאַך, וואָס שטייען אויף די בערג, קוקן צו אונז אַרונטער פאַר'חלומ'ט. מיר קוקן צו זיי אַרויף און מיר פאַרגעסן, אַז אין דעם שיינעם פראַנקרייך בושעוועט די מלחמה.

עס כאַפּט מיך אַרום אַ בענקשאַפט נאָך דער היים. עס דערמאָנען זיך מיר די קינדער־יאָרן, ווען איך בין אַרומגעלאָפן באָרוועס אויפ'ן גראָז, געטרייסלט עפּל פון בוימער, געריסן אַגרעסן און רויטע ווייַנפּערלאַך. אַז די זון פלעגט מיך שטאַרק בראָטן, פלעג איך זיך אַוועקלייגן אונטער אַ גרויסן עפּל־בוים, אין שאָטן פון זיינע צווייגן.

איך שלעפּ מיין שווערן פּאַק און טראַכט: ווען איך וואָלט זיך איצט געקענט אויפהויבן און אַהין אַוועקפליען... איך וויל צוריקכאַפּן יענע צייט. שטיל באַוויין איך מיין מזל. צו פרי האָט מען מיך אָפּגעהאַקט... איך בין קוים 24 יאָר אַלט און מיינע האָר זיינען שוין ערטערווייז באַזילבערט. מיינע אויגן זיצן שוין טיף אין קאָפּ און עס זעען זיך נאָר אַרויס צוויי טיפע לעכער, מיין שטערן און פּנים זיינען פול מיט קנייטשן, מיין פּלייצע איז געבויגן. איך דערשרעק זיך פאַר זיך אַליין ווען איך קוק אַריין אין מיין שפּיגעלע. איך געדענק שוין ניט דעם

טאָג, ווען איך האָב געלאַכט, איך בין פאַרצאָגט, פאַרביטערט. איך וועל שוין מיין היים קיינמאָל נישט זען...

מיר האָבן דערזען דעכער פון הייזער און אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער. חברה שרייען: גאָט צו דאַנקען, מיר זיינען אָנגעקומען!

ס'איז אונז שווער צו גיין, דאָך שלעפּן מיר אונזערע פיס אַביסל שנעלער, ווייל מיר ווילן וואָס גיכער פּטור ווערן פון דעם שווערן וועג. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ בריק און ווען מיר האָבן דערזען דאָס וואַסער, האָבן מיר שוין גע־יואָלט זיין אינעווייניג און זיך פּליושקען. איך מאַך אָפּ מיט הערשלען, אַז אַזוי גיך ווי מיר וועלן זיך נאָר איינאָרדענען, וועלן מיר גיין זיך באָדן.

מיר פרעגן ביי דער מיליטער־פּאָליציי, וואָס שטייט אויףביידע זייטן בריק, וואו האָט זיך אָפּגעשטעלט אונזער קאָמפּאַניע? זיי זאָגן אונז וואו, און מיר גייען ווייטער. מיר גייען פאַרביי עטלאכע קראָמען, עטלאכע ווייַן־שענקען. מיר ווערן פרייליך; באַלד וועט מען קענען טרינקען אַ גלאָז וויין. אַזוינע וואָס האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן ניט געטרונקען, האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט טרינקען און שכור'ן. איך האָב אַמאָל געזען, ווי אונזער קוכער האָט אריינגעטראָגן אין אַ הויז אַ זעקל מיט צוקער און האָט דערפאַר געקראָגן עטלאכע פלעשער וויין. אונזער גאַנצע קאָמפּאַניע האָט צוליב דעם צוויי טעג געטרונקען שוואַרצע, ביטערע קאַפע.

ביי די הייזער שטייען ציווילע מענשן — אַלטע מענער, פרויען און קינדער. זיי באַגעגענען אונז מיט אַ בריטן „באָנ־זשור" (גוט מאָרגן). די מיידלאַך לאַכן צו אונז. מיר ענטפערן זיי מיט אַ וואונק פון די אויגן און עטלאכע שמוציגע ווערטלאַך. די קינדער לויפן אונז נאָך, האַלטן אויסגעשטרעקט זייערע הענט־לאַך און שרייען צו אונז „סואוועניר!" „סואוועניר!" איך האָב אויף זיי רחמנות און וואַרף זיי צו אַביסל קליינגעלט. זיי וואַרפן זיך אויף דער ערד און ראַנגלען זיך. זיי הויבן זיך אויף און לויפן אַהיים מיט די פּאָר סענט. איך קוק זיי נאָך און באַדויער זיי: זיי בעטן, נעבאַך, זיי מוזן אודאי זיין הונגעריג...

אויף אַ בוידעם, פול מיט היי, האָבן זיך אונזערע גע־מאַכט זייערע געלעגערס. זיי ליגן ווי גע׳פגר׳טע, זיי זיינען מיד.

מיר לייגן אוועק אונזערע פעקלאַך און איך זאָג צו הערשלען: לאָמיר זיך שוין אומבאמערקטערהייט ארונטער׳־גנב׳ענען און אוועקגיין צום טייך.

— און וואָס וועט זיין מיט עסן? — פרעגט ער מיך.

— מיר דאַרפן אויף כפרות זייער עסן, — ענטפער איך אים, — קודם כל דאַרפן מיר זיך גוט אויסבאָדן, זיך גוט ארומזייפן און זיך אָפּקילן. ציווילע מענשן וואוינען דאָ, געלט האָבן מיר, וועט שוין זיין עסן אויך.

אויפ׳ן וועג וויל ער גאָר אריינגיין מאַכן אַ שנאַפּס.

— גזלן! — שריי איך צו אים, — וואָס טויג דיר שנאַפּס?

— שנאַפּס, — שפּאַרט ער זיך מיט מיר, — איז אַ רפואה צו היץ.

מיר לאָזן זיך אריינגיין אין שענק.

ביי דער טיר באַגעגנט אונז אונזער לייטענאַנט מיט׳ן משוגע׳נעם פּנים. ער פרעגט ביי אונז בייז, וואָס מיר טוען דאָ. הערשל ווערט בלאַס פאַר שרעק, זיין אונטערשטע ליפּ הויבט אָן ציטערן. איך הויב אָן פּלאָנטערן מיט דער צונג. איך האָב פאַר שרעק ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן. איך זאָג אים, אַז מיר גייען טרינקען, מיר גייען זיך באָדן. איך וויש דעם שטערן. ער זידלט אונז און טרייבט אונז צוריק.

מיר גייען צוריק און מיר שילטן אים. הערשל זאָגט: ווען אַזאַ כלב קומט ארויף אויפ׳ן פראָנט, דאַרף ער גלייך גע׳הרג׳עט ווערן. איך זאָג: ניין, ער דאַרף אַזוי פאַרוואונדעט ווערן, אַז זיין גאַנץ לעבן זאָל ער זיך מוטשען אין יסורים. דערצו איז הערשל אויך מסכים.

איך טראַכט: וואָס פאַר אַ מאָדנע בריאה ער איז, דער לייטענאַנט. ער האָט אַלעמען פיינט. ווען ער לערנט אונז, מאַכט ער עס פאַר אונז אַזוי שווער, אַז עס גייט אונז ארויס די נשמה דורך דער נאָז. איידער מיר הויבן נאָך אָן אונזער אַרבעט, איז ווי נאָר מיר דערזעען אים, זיינען מיר שוין מיד. יעדער איינער פון אונז טראָגט זיך ארום מיט אַ געדאַנק, אַז

אויפ'ן פראָנט דאַרף מען אים אָפּראַמען פון וועג. ער איז דער אמת'ער חזיר.

אינסטיקטיוו האָט ער דערפילט, אַז מיר ווילן אים פּאַרטיג מאַכן און אפשר האָט ער דערהערט ווי אונזערע קוילן פּלאַצן לעבן אים. ער האָט געקראָגן אַן ערלויבעניש פון דעם באַטאַ־ליאָן־קאָמענדאַנט צו גיין הינטער אונז אויפ'ן שלאַכטפעלד, און דערפאַר לעבט ער נאָך.

פאַרנאַכט זיינען מיר אריין אין אַ שענק. אין דרויסן איז נאָך ליכטיג, אָבער אינעווייניג איז פינסטער. די געקאַלכעטע ווענט זיינען שוואַרץ, ברודיק, די שויבן זיינען פול מיט שטויב, ביי עטלאַכע טישלאַך זיצן סאָלדאַטן און דער רויך פון די פּאַ־פּיראָסן פאַרדעקט די סטעליע.

אַ לאַנגער, אויסגעדאַרטער מאַן, מיט אַ געבויגענער פּלייצע, טענה'ט איין מיט אונזערע אויפ'ן קול. ער רעדט און ווישט דעם שוויים פון זיין נאַקעטן קאָפּ. צו זיין האַלז האָבן זיך צוגעקלעפּט זיינע עטלאַכע ווייסע האָר. ער קאָכט זיך אויף פראַנצויזיש, און ער אַרבעט מיט די פינגער. אונזערע שרייען אויף ענגליש און אַרבעטן אויך מיט די פינגער, מיט'ן קאָפּ, מיט די אויגן, אָבער זיי פאַרשטייען זיך נישט. אַן איטאַליענער, וואָס האָט געקאָנט עטלאַכע פראַנצויזישע ווערטער, איז געוואויר געוואָרן, אַז ער וועט ערשט מאָרגן האָבן שנאַפּס און וויין. מיר הויבן זיך אויף, שילטן אים גוט אָן און מיר גייען אַוועק. אויף דער גאַס טרעפן מיר אָן נאָך סאָלדאַטן. אַלע גייען מיט די קעפּ אַראָפּגעלאָזט; אין גאַנצן דאָרף איז נישטאָ קיין ביסל וויין צו קריגן. אויף יענער זייט בריק איז יאָ פאַראַן, אָבער די מיליטער־פּאָליציי לאָזט ניט אריבערגיין אָן אַן ערלויבעניש.

איך דריי זיך איינער אַליין ארום איבער די גאַסן און טראַכט: וואו קריגט מען פּאַרט ערגעץ אַ פלאַש וויין? איך שטעל זיך אָפּ לעבן אַ שטיבל. עס איז שוין נישקשה'דיג איינגעהויקערט, די ווענט אין דרויסן זיינען אין גאַנצן באַוואַקסן מיט מאָך, מיט שטיקער גרינע פעל. אויף דער פריזבע זיצט אַן אַלטע צעקנייטשטע פרוי און שיילט קאַרטאָפל. מיט אַ שמייכל זאָג איך צו איר: באָנזשור! זי הויבט אויף איר

קאָפּ, וואָס איז פּאַרטיפט אין דער אַרבעט און ענטפערט מיר: באַנזשור. איך טו זי אַ פרעג: ווען (וויין)? ענטפערט זי עפּעס און מאַכט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין. זי הויבט זיך אויף, האַלט צו דעם פאַרטוך מיט ביידע הענט, עס זאָל ניט אַרויס־פאַלן די שאָלאַכץ און זי פאַרשווינדט הינטער׳ן הויז, אין אַ שטאַל. איך גיי איר נאָך. זי ברענגט מיר אַרויס אַ טעפּל מילך. איך דאַנק איר און טרינק אויס די מילך. איך באַצאָל איר צען סאַנטים. זי גייט צוריק אויף איר אָרט, נעמט די הילצערנע שיסל מיט די קאַרטאָפל און גייט אַריין אין שטוב. איך גיי אויך אַריין אין שטוב און איך האַלט אין איין רעדן: ווען... ווען... איך וויל איר געבן צו פאַרשטיין אויף פראַנ־צויזיש וואָס איך וויל, איך מוטשע זיך: אי וואָנט אַ באַטל אָוו ווען.. זי מאַכט צו מיר מיט דער האַנט, אַז איך זאָל איר נאָכגיין. זי רעדט עפּעס צו מיר, נאָר איך פאַרשטיי ניט קיין וואָרט. זי צינדט אָן אַ ליכט און פירט מיך אַרונטער אין קעלער. זי דערלאַנגט מיר אַ בלעכענע כלי און ווייזט מיר אָן אויף אַ פעסל. איך ווער פריילאַך און צאַפּ אָן אַ פולע קוואָרט און וויל געבן אַ ריכטיגן צי, בלייב איך שטיין מיט דער קוואָרט ביים מויל — ס׳איז זויער און ביטער — עסיג... איך טו אַ קוק אויף איר, ווייזט זי מיר מיט אירע הענט, אַז דאָס האָט זי און דאָס גיט זי מיר, אפילו דאָס גאַנצע פעסל.

איך זוך אויף הערשלען און דערצייל אים, אַז איך האָב געפונען אַן אוצר מיט וויין... פאַר גרויס איבעראַשונג האָט ער אַזש פאַרלוירן דאָס לשון אויף אַ פּאָר סעקונדן... און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער מיט פרייד אויסגעשריען: וואו האָט איר דערטאַפּט וויין?...

אַ האַלבע שעה שפּעטער בין איך און הערשל געווען זייער שטאַרק באַשעפטיגט. מיר האָבן געטיילט גלעזער „וויין־עסיג" די ברידער־סאָלדאַטן. יעדער סאָלדאַט וואָס האָט באַקומען פון הערשלען אַ גלאָז וויין האָט אים געזאָגט: „טהענקיו". און הערשל האָט געענטפערט: „דרינק נאַ זדאָראָוויע", און מיט יעדן איינעם האָט ער געטרונקען לחיים.

איך זאָג אים: הערשל, הער אויף צו טרינקען דעם עסיג,

וועסט נאָך קראַנק ווערן. ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכל:
האָט נישט קיין מורא, דער טשאָרט וועט מיך ניט נעמען.

חברה שכורים שרייען אויף די העכסטע טענער: „דזשי, דיס איז סאָם גוד ווײַן!" אונזער סאַרדזשענט זיצט אויף דער ערד אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט און קען זיך פון אָרט ניט רירן. אַלע מאָל לאָזט ער אַרויס אַ קול מיט אַ הייזעריגן קוויטש, אַזוי ווי אַ האָן וואָס קרייט, און ער ליאַרמט: „אַי לאָוו עוורי דזשואיש סאָלדזשער" (איך האָב ליב יעדן אידישן סאָלדאַט).

מען פירט אונזער גאַנצע קאָמפּאַניע צום טײַך זיך באָדן. צווישן בוימער טוען מיר זיך אויס אינגאַנצן נאַקעט און מיט פרייליכע קוויטשערייען לויפן מיר אַרײַן אין וואַסער און מיר טונקען זיך אונטער. מיר האָבן מיטגענומען זייף, און איינער רייבט דעם אַנדערן די פּלייצע. דער וואָס קען, כאַפּט אַ שווים, כאָטש דער טײַך איז ניט טיף. אויפ'ן בריק שטייען מיידלאַך און קוקן זיך צו ווי מיר באָדן זיך. זיי לאַכן און מאַכן צו אונז מיט די הענט, מיר רופן זיי און וואַרפן זיי צו סאָלדאַטסקע ווערטלאַך. אונזער פּאָליציי קאָן זיי פון בריק ניט אַוועקטרייבן.

אונזער לייטענאַנט, דער כלב, באָדט זיך נישט. ער זיצט אויפ'ן גראָז און ווערט צעפּלאַצט צוקוקנדיג ווי מיר אַרבעטן מעשים אין טײַך. ער שרייט צו אונז, פייפט, אָבער מיר „פייפן" איצט אויף אים. מיר מאַכן זיך טויב און שטעלן זיך אויף די קעפּ אין וואַסער. די פראַנצויזקעס קוועלן פון אונז. אויף דער אַנדערער זייט טײַך שטייען אויך נייגיריגע מיידלאַך און קוויטשען צו אונז אַריבער. מיר יאָגן זיך נאָך זיי. זיי אַנטלויפן. מיר שפּרינגען אַרויס פון וואַסער און מיר לויפן זיי נאָך און רופן זיי. דער כלב איז שוין הייזעריג פון שרייען צו אונז. מיר שפּרינגען צוריק אין וואַסער. די מיידלאַך וואַרטן ביז מיר זיינען שוין אין טײַך, און זיי קומען צוריק. זיי רופן אונז ווידער. מיר דרייען זיך אויס צום לייטענאַנט מיט'ן רוקן און מיר ווילן ווידער לויפן צו די מיידלאַך. באַפעלט ער אונז שטרענג, אַז מיר זאָלן גלייך אַרויס פון וואַסער. טונ-

קען מיר זיך נאָך עטלאכע מאָל אונטער, און מיר קריכן ארויס פון וואסער. ער שרייט אויף אונז און איז איינגעוויקט אין שוויים. מיר שווייגן און טוען זיך אָן. איך פיל זיך גוט, א מחיה... שוין פיר חדשים ווי מיין קערפער האָט ניט פאַר־זוכט קיין ביסל וואסער. איך קוק אויף די מיידלאך און טראכט: אין אָוונט וועל איך זיך אוועקלאָזן צו די מיידלאך, אביסל א לעב טאָן.

פארנאכט לאָזן מיר זיך ארויס — הערשל, איך און פעדי. פעדי'ס אמת'ער נאָמען איז גאָר סעם, נאָר קיינער רופט אים ניט ביי זיין אמת'ן נאָמען. ער האָט קורצע גראָבע פיס און ביים גיין קען ער קיינמאָל ניט האלטן גלייך מיט אונז, סיידן ער לויפט אונטער אביסל. ס'איז אים שווער צו מאכן א ברייטן שפאַן.

צוערשט גייען מיר אריין אין א שענק. הערשל בעט זיך ביי אונז, מיר זאָלן זיך ניט זוכן קיין צרות: מען דאַרף זיין א הולטאַי אין אזא צייט צו טראכטן פון פרויען. לאָמיר זיך בעסער אָנ'שכור'ן און גיין שלאָפן, בעט ער זיך. פעדי שפּרינגט אים אין פנים אריין: זיי ניט קיין אידיאָט, כאָפּ אריין כל זמן דו לעבסט נאָך...

— ווייסט גאָר וואָס, — רוף איך זיך אָן, — דו וועסט גאָרניט טאָן, דו וועסט נאָר צוקוקן...

מיר טרינקען אוים צוויי פלעשער וויין און לאָזן זיך גיין. אויפ'ן וועג טרעפן מיר זיך מיט נאָך סאָלדאטן, וואָס האָבן זיך ארויסגעלאָזט זוכן מיידלאך. שטיינבערג גייט אויך מיט זיי. ער איז א הויכער, געזונטער בחור וואָס פאָלט קיינמאָל ניט אוועק פון מידקייט. זיין איינציגע אמביציע איז, צו ווערן א קוכער און פרעסן די בעסטע מאכלים. ער גייט און שיילט אַן אָראנזש: ער האָט געהאַט געאַרבעט אין קיך און עטלאכע אוועקגעלאַטכנט. ער טיילט אונז איין צו שטיקלאך און מיר גייען צוזאַמען.

— אייבי, — פרעג איך אַן איירישן שייגעץ פון אונזער קאָמפּאַניע, — וואוהין גייסטו?

— איך גיי צו א מיידל, מוירפי, — ענטפערט ער מיר.

ער האָט מיך אַמאָל אַ רוף געטאָן מוירפי, האָב איך אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן אייבערעהעם, און פון דעמאָלט אָן האָבן אים שוין אַלע גערופן אייבערעהעם, מיט׳ן אידישן נאָמען. עס האָט אים גאַנץ גוט געקרענקט זיין נייער נאָמען. ביי־נאכט, ווען מיר האָבן זיך געלייגט אויף די געלעגערס, האָב איך געזונגען דאָס לידל: „אייערלענד מאַסט בי העווען, ביקאָז מאַי מאָטהער קאַמס פראָם דהער". אַלע האָבן געלאַכט, ער האָט אויך געלאַכט, אָבער מיט יאַשטשערקעס. עס האָט אים שוין באַנג געטאָן דער גאַנצער עסק — ניט ווייל מען פלעגט מיך רופן מוירפי, נאָר ווייל מען רופט אים אייבי. ער איז אַ קלוגער שייגעץ און מיט זיך ווי וויט מעגלאַך ניט ארויס־צואווייזן זיין שנאה צו אידן, אָבער דעם אמת האָט מען גע־קאָנט אָראָפּלייענען פון זיין אויסגעצויגענעם פנים.

אָט זיצן מיר אין אַ שענק און טרינקען ווייז, קנאַקן ניס און רויכערן. דאָס צימער איז איינגעטונקען אין רויך, אַז קוים וואָס מ׳זעט ארויס דאָס קליינע לעמפּל, וואָס הענגט ארונ־טער פון דער סטעליע און ברענט מיט אַ שוואַכן ליכט. אַ פרוי פון אַ יאָר פערציג און אַ מיידל פון צוועלף זיינען שטאַרק פאַרשוויצט. זיי דערלאַנגען אונז ווייז און נעמען ביי אונז צו אונזערע פראַנקען. חברה ווערן שכור און דערלאַנגען זיי אַ קניפּ, אַ ריס, אַ גלעט... ס׳איז ביי זיי קיין אונטערשייד ניט ווען מען זיי צופּן און גלעטן, אַבי אַ פרוי. איינציגע דערציילן, אַז אויף דער אַנדערער זייט בריק זיינען פאַראַן באָרדעלן. אַלע פּנים׳ער ווערן רויט און די אויגן גלאַנצן. מיר טרינקען שנעל אויס דעם וויין און לאָזן זיך גיין.

אויפ׳ן בריק שטעלט אונז אָפּ אונזער מיליטער־פּאָליציי און פרעגט אויף אַ פּאַס. מיר בעטן זיך ביי זיי, מיר חנפ׳ענען זיי. זיי ווילן פון קיין זאַך ניט וויסן, זיי האָבן אַ באַפעל קיינעם ניט דורכצולאָזן אָן אַ פּאַס. מיר צינדן זיך אָן, מיר דערלאַנגען זיי דעם גאַנצן מענה־לשון וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אין דער אַרמיי, און — מיר קערן זיך אום צוריק.

אויפ׳ן וועג גיבן עטלאכע אַן עצה, אַז מיר זאָלן אַריבער־גיין אויף דער אַנדערער זייט מיט׳ן וואַסער. ס׳איז ניט טיף.

אַלע שטימען צו. מיר קריכן אַרונטער אַ באַרג, וואָס פירט צום וואַסער. פעדי האָט פון באַגייסטערונג זיך אַרונטערגע־קייקלט גלייך אין וואַסער אַריין.

מיר דערהערן אַ שאָרך. מיר קוקן זיך אום: עס זיצט אַ סאָלדאַט און האַלט אַ מיידל אויף זיין שויס. פעדי זאָגט אַ שמוציגן וויץ. עס קומט ניט קיין ענטפער. זיי הערן אונז ניט. מיר טוען אויס די שיך, די הויזן, פאַרקאַטשען די העמדער ביז׳ן האַלז און גייען אין וואַסער אַריין. אויפ׳ן וועג פאַרלירט הערשל אַ שוך און הויבט אָן שרייען, אַז מיר פאַר־פירן אים, צוליב אונז האָט ער פאַרלוירן אַ שוך. חברה האָבן מורא, אַז די מיליטער־פּאָליציי וועט דערהערן זיינע געוואַלטן, ווילן זיי אים אונטערטונקען.

מיר זיינען אָנגעקומען אין איינס פון די „הייזלאַך".

אויף די ווענט הענגען בילדער פון נאַקעטע פרויען. אַלע חדוש׳ן זיך און באַטאַפּן די בילדער.

אַזעלכע בילדער האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען. הערשל קוקט מיט זיינע קליינע אייגעלאַך. ער דרייט צו מיט׳ן קאָפּ און בורטשעט: אַמעריקע גנב... פראַנקרייך... אַ שיין ביסל קורוועס!... ער שטעלט זיך אָפּ לעבן איינער, און וויל מיר איינריידן, אַז זי איז אַ רוסישע. ער דערקענט עס אָן איר פאַררייסענער נאָז, זאָגט ער. ער באַוואונדערט איר געזונטן קערפּער און ווערט פריילאַך. זיין מויל עפנט זיך ברייט און ער זאָגט:

— איך האָב ליב אַ גרויסע, אַ גראָבע... איך האָב ליב אָנצוטאַפּן פלייש.

באַלד ווערט ער ערנסט און זאָגט:

— און פאַר אַזעלכע פּאַסקודסטוועס זיינען מיר געקומען אַזש פון אַמעריקע זיך שלאָגן...

עס קומען אַריין מיידלאַך און זיי זיצן שוין אויף אונזער שויס. מען קושט זיך און מען ווערט נעלם.

אַ מיידל גלעט הערשלען איבער זיין ניט־געגאָלטער מאָרדע. ער קוקט אויף איר פון אויבן־אַראָפּ, זי געפעלט אים ניט. שטיינבערג קנאַקט ניסלאַך און וואַרפט די יאַדרעס איינער אין

מויל אַריין. פאַר יעדער יאָדרע קריגט ער אַ קוש. ביי פעדי׳ן אויפ׳ן שוים זיצט אַ לאַנגע נקבה, אַז מען זעט אים קוים אַרויס, ער שוויצט ווי אַ ביבער.

מיר גייען אַריין אין אַנדערע חדרים. פּלוצלינג דערהערן מיר אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר פון דרויסן. מיר דערשרעקן זיך און בלייבן זיצן אויף אונזערע ערטער. דאָס קלאַפּן ווערט שטאַרקער און עס הערן זיך עטלאַכע שטימען אויף ענגליש:

— עפנט די טיר!

אויף גיך קנעפּלען מיר צו אונזערע רעקלאַך. חברה קומט צולויפן פון די אַנדערע צימערלאַך דערשראָקן און פאַרשוויצט. אַלע מיידלאַך גייען אַרויס פון צימער, אַחוץ איינע. זי עפנט די טיר, און עס רייסן זיך אַריין צוויי מיליטער־פּאָליצאַנטן מיט אַ לייטענאַנט. ער שרייט אויף דער מיידל, זידלט אונז מיט די שענדלאַכסטע ווערטער און מען אַרעסטירט אונז.

זיי פירן אונז אַוועק אין אַ הויז. דאָרטן האָט זיך איינגעקוואַרטירט אונזער מעדיצינישער אָפּטייל. הערשל שרייט צו אונז, אַז מיר האָבן זיך אַליין געזוכט צרות אויף אונזערע קעפּ. פעדי זאָגט, אַז ער האָט עס אין דער ערד, ער האָט סאַיווי ניט וואָס אָנצואָוווערן. מען פאַרשרייבט אונזערע נעמען. עס קומט אַריין אַ לייטענאַנט־דאָקטאָר. ער הייסט אונז אַרונטערלאָזן די הויזן. אַ סאָלדאַט ברענגט צו אַ גרויסע פלאַש מיט אַ רויטער פליסיגקייט. דער דאָקטאָר נעמט אָן אַ פּולן שפּריצער מיט דעם רויטן וואַסערל און שפּריצט יעדן אַריין. מיר פאַרבייסן בעת־מעשה מיט די ליפּן.

ווען ער קומט צו הערשלען, פּראָטעסטירט יענער: איך האָב גאָרניט געטאָן, זאָגט ער צום דאָקטאָר. דער דאָקטאָר שרייט אויף אים, ער זאָל ניט רעדן אַקעגן, און איז אים, ווי אַלע אַנדערע, מכבד מיט׳ן רויטן וואַסערל. הערשל ברומט ווי אַ לייב און שילט אויף רוסיש.

ווען דער דאָקטאָר איז מיט אונז פאַרטיג, זאָגט ער אונז אָן, אַז מיר זאָלן מער נישט גיין אין אַזעלכע פּלעצער, און לאָזט אונז פריי.

אויפ׳ן וועג רעדן מיר און לאַכן פון דער פּאַסירונג. הערשל לויפט פאַראויס אַ ברוגז׳ער.

ביינאַכט.

קיין טראַנשייען זיינען ניטאַ. מיר ליגן אויף אונזערע בייכער, אויסגעצויגן אויף דער בלאָטיגער ערד. אונזערע אויגן זיינען אָנגעשטרענגט צו „זיי"...

מיט אונזערע לאָפּעטעס האָבן מיר טיפער געמאַכט אונזערע גריבער, וואָס זייערע גראַנאַטן האָבן געמאַכט, און מיר ליגן אין זיי.

די נאַכט איז אַ פינסטערע. איינער זעט ניט דעם צווייטן. מיר הערן נאָר דאָס קרעכצן און וויינען פון די פאַרוואונדעטע. אַפילו די, וואָס זיינען ניט פאַרוואונדעט, קרעכצן אויך. מיר האָבן מורא פאַר די קוילן, וואָס זיי שיסן צו אונז אַריבער אין די מיליאָנען. לעבן מיר ליגט אַן איטאַליענער. ער האָט פאַר זיך אויסגעגראָבן אַ טיפע גרוב, כמעט ביז׳ן האַלז. איך קוק צו אים, אָבער איך קען אים נישט זען. איך האָב פּלוצלונג מורא געקראָגן צו ליגן אַליין. איך האָב געוואָלט זיין נאָענט צו אימיצן: אין צווייען איז אַביסל גרינגער, דער פּחד פאַר דער פינצטערניש איז נישט אַזוי גרויס, און מען קען אין דער שטיל ריידן, און דאָס פאַרטרייבט אַביסל דעם שרעק. איך קריך צו אים צו און איך זע אים נישט. איך רוף זיין נאָמען: טאָני, טאָני, ווהער אַר יו? וואו ביסטו? ער ענטפערט מיר שטיל, און איך זיץ שוין לעבן אים.

— ווי פילסטו זיך, ברודער? — פרעג איך אים.

— נאָ גוד, — ענטפערט ער מיר, און זיין קול ציטערט. — אַי העוו פעינס אָל אָווער מאַי באָדי (איך האָב שמערצן אין מיין גאַנצן קערפּער).

— האָסט מורא? — פרעג איך אים שטיל.

— יעס, איך האָב מורא. איך פיל זיך שלעכט, מיין האַרץ טוט מיר וויי. פּליז, גיב מיר אַ טרונק וואַסער, — בעט ער זיך ביי מיר.

— האָסט ניט קיין וואַסער? — פרעג איך אים פאַר־וואונדערט.

— ניין, — ענטפערט ער מיר, קוים וואָס ער רעדט, — איך האָב אַלץ אויסגעטרונקען.

איך הויב זיך אָן שלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל אים געבן וואַסער אָדער ניט. וואָס וועט זיין, אַז מען וועט אונז מאָרגן ניט קענען צוברענגען קיין וואַסער אהער? ווי מעג איך אַוועקגעבן מיין לעצט ביסל וואַסער? אויפ׳ן שלאַכט־פעלד איז דאָך דאָס טייערער פון עסן. מיר קענען דאָך דאָ אויסגיין, ווען עס זאָל אויספעלן אַ טרונק וואַסער. באַלד אָבער ווער איך באַאיינפלוסט פון אַ געדאַנק: ס׳איז דאָך אַ מצוה, און וועלכער סאָלדאַט וועט עס ניט טאָן קיין מצוה, ווען ער ליגט אויפ׳ן שלאַכטפעלד?

איך רוק אים אריין אין די הענט מיין פלאַש מיט וואַסער. ער כאַפּט זי אַרום און טרינקט. איך פיל, אַז ער טרינקט אַביסל צו לאַנג. האָב איך מורא, אפשר טרינקט ער אויס אינגאַנצן, גיב איך אַ שטאַרקן שלעפּ די פלאַש פון זיין מויל. ער בעט זיך ביי מיר, איך זאָל איבערליגן די נאַכט מיט אים אין גרוב, אָבער איך וויל ניט. זי איז שמאָל און טיף. ווען עס פאַלט אריין אַ גראַנאַט אהין, אין דער ענגשאַפט, מוז מען צעריסן ווערן אויף שטיקלאַך.

— קום אין מיין גרוב, — זאָג איך אים, — זי איז ברייטער, זי איז באַקוועמער. מיר קענען נאָך מיט אונזערע לאָפּעטקעס אויסגראָבן אַביסל טיפער, וועט אונז גאָר זיין גוט צו ליגן.

ער קריכט ארוים. איך פיל, אַז זיין גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך, און מיר ליגן שוין ביידע אין מיין גרוב.

„זייער״ אַרטילעריע האָט אָנגעהויבן פּויקן. די גראַנאַטן פאַלן נאָענט פון אונז. מיר זינקען מיט אונזערע קעפּ טיף אין דער בלאָטע. איך בויג זיך גאָר טיף ארונטער און ער נאָך טיפער. יעדער איינער וויל אָפּהיטן נאָר זיין אייגן לעבן.

אונזערע שונאים הויבן אָן שיסן מיט עלעקטרישע ראַ־קעטן. דער פראָנט ווערט ליכטיג אויף אַ פּאָר מינוט. זיי

זוכן אונז, זיי ווילן אויסגעפינען וואו מיר ליגן. ביים שיין פון דעם שונא׳ס ליכט דערזע איך מיין שכן, דעם איטאַליענער. ער זיצט איינגעדרייט אין דרייען; זיינע אויגן זיינען איבער־געשראָקן; זיין פּנים איז אויסגעשמירט אין בלאָטע. פון בייטאָג ביז איצט האָט ער זיך שטאַרק פאַרענדערט; ער לייגט פלוצלינג ארויף זיינע הענט אויפ׳ן הארץ, שעפּטשעט מיט די ליפּן א תפילה צו גאָט... ער רעדט צו מיר:

— איך האָב מורא, אז מיר וועלן פון דעם פראָנט קיין לעבעדיגע נישט ארויס...

איך ענטפער אים ניט. ער רעדט ווייטער. איך הער ניט וואָס ער רעדט. איך טראַכט: אפשר איז ער גערעכט, מיר וועלן פון דאַנען קיין לעבעדיגע נישט ארויס...

א שוויים באַגיסט מיך. א מורא באַפאַלט מיך. דאָס וואַרטן אויפ׳ן טויט איז נאָך ערגער ווי דער טויט אַליין. אז מען ווערט געטראָפן פון א גראַנאַט, ווערט מען באַפרייט פון דער מאַטערניש, אָבער דאָס וואַרטן... אָ, דאָס מאַכט אונז גרוי און אַלט, און בעת מיר ליגן דאָ און וואַרטן אויפ׳ן טויט, בעטן מיר ביי גאָט, ער זאָל אונז שענקען דאָס לעבן. קיינער פון אונז וויל נישט שטאַרבן...

מיר ליגן אויף דער נאַסער ערד, מיר וואַלגערן זיך אין שמוץ און אין עיפּוש... די לייז פרעסן אונז לעבעדיגערהייט; מיר הונגערן, מיר שלאָפן ניט זיבן-אַכט מעת-לעת נאָכאַנאַנד. קומט צופליען א גראַנאַט פון ז י י, רייסט עס אונז אָפּ לונג און לעבער. און כל זמן מיר זשיפּען נאָך, ווילן מיר ניט שטאַרבן. פאַרקערט, דאָס לעבן ווערט אונז נאָך טייערער. מען קען עס גאָר מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבן, ווי שטאַרק עס ווילט זיך דאָ לעבן אויפ׳ן שלאַכט־פעלד. מיר ווילן דאָ ניט שטאַרבן, ווייל מיר זעען ווי מיאוס און עקלהאַפט דער סאָלדאַט שטאַרבט אויפ׳ן שלאַכט־פעלד.

ער רופט „מאַמע"... נישטאָ קיין מאַמע. ער רופט מיט זיינע לעצטע כחות נאָך הילף, און ווען די הילף קומט, איז ער שוין טויט. מען שטאַרבט עלנט, קיינער הערט זיך ניט צו צו אונזערע לעצטע געשרייען. קיינעם אַרט ניט אונזער ווייען

און קלאָגן. יעדער איינער איז פאַרנומען מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם „איך". מיר ווילן ניט שטאַרבן אויפ'ן שלאַכט־פעלד, אַז ווילדע פייגל זאָלן מיט זייערע שנאָבלען אויספּיקן אונזערע לייבער...

ניין, ניין, איך וויל דאָ ניט שטאַרבן! טראַכט איך ווייטער. איך האָב געזען, ווי אַ גרויסער אויסגעדאַרטער שוואַרצער הונט האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום אַ געפאַלענעם, טויטן סאָלדאַט. ער האָט געשמעקט זיין קערפּער. דאָס איז געווען אַ מלחמה־הונט, פון ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט אַהער, אַ הונגעריגער, און האָט געריסן שטיקער פון דעם טויטן קערפּער און געפרעסן.

אַלץ קען טרעפן אויפ'ן שלאַכט־פעלד. עס פּאַסירן אַזעלכע זאַכן, וואָס קיין מענשלאַכער מוח קען עס זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס קיין מענשלאַכער געדאַנק קען עס גאָר ניט באַגרייפן, סאַידן מען זעט עס אַליין מיט די אייגענע אויגן.

איך ליג אין מיין „קבר" און לעב נאָך אַמאָל איבער די שווידערלאַכע פּאַסירונגען, און עס רייסט זיך אַרויס אַ שווע־רער זיפץ פון מיין האַרץ, צוזאַמען מיט אַ קללה אויף די מענשלאַכע בעסטיעס, וואָס האָבן געבראַכט צו אַ מלחמה.

נאָענט פון אונז ליגן אַ פּאָר טויטע. זען קען מען זיי ניט — עס איז שטאָק־פינסטער; נאָר איך ווייס וואו זיי ליגן. פאַרנאַכט האָב איך געזען, ווי זיי האָבן זיך געמוטשעט מיט'ן טויט, ביז דער מלאך־המות האָט זיי באַפרייט פון זייערע יסורים.

מיר קריכן צו זיי צו, מיר ציען אַראָפּ די אויבער־מאַנטלען פון זיי און מיר דעקן זיך צו.

„זיי" דאַרטן טראַסקען און פּויקן. עס בליצט און עס דונערט, די ערד טרייסלט זיך אונטער אונז. מיר טוליען זיך איינס צום צווייטן. דאָס בייזע פּייפן און עקספּלאָדירן פון די גראַנאַטן וואַרפט אויף אונז אַרויף אַ פּחד, מיר ווערן פאַר־צווייפלט, מיר קריצן מיט די ציין. איך פיל, אַז אָט־אָט פּלאַצט מיין מוח, אַז איך גיי אַרונטער פון זינען... איך גיב זיך אַליין צוויי שטאַרקע קולאַקעס אין פּנים אַריין — אפשר וועט דער וויטאַג פאַרטרייבן דעם שרעק פאַר „זיי". איך ווייס גאַנץ

גוט, אַז אַ סך סאָלדאַטן זיינען משוגע געוואָרן פאַר מורא, און איך וויל ניט זיין איינער פון יענע; איך וויל ניט משוגע ווערן.

אונזער ארטילעריע האָט גענומען אריבערשיקן גראַנאַטן צו זיי. איבער אונזערע קעפּ פליען קאַנאָנען־קוילן, און דאָס האָט אונז אַביסל באַרואיגט.

איך ליג און קוק אויפ'ן הימל: פון שווארץ איז ער געוואָרן בלוי. עס האָט גענומען ווערן ליכטיגער. דער גאַנ־צער פראָנט איז איינגעטונקען אין אַ טומאַן. איך שטרענג שטארק אָן מיינע אויגן, זע איך אין דער ברייט אַ לאַנגע ליניע מיט סילועטן. דאָס זיינען אונזערע, זיי דרייען מיט די קעפּ, זייערע אייזערנע היטלען זיינען באַדעקט מיט אַ ווייסן שוים, מיט טוי. די טויטע ליגן אין פארשיידענע פּאָזיציעס. מיר העלפן די פארוואונדעטע, פארבינדן זייערע וואונדן. זיי וויינען און קלאָגן, אַז עס טוט אַזוי וויי... אַ גאַנצע נאַכט האָט פון זיי גערונען דאָס בלוט. איך קוק אויף זיי און טראַכט: ניט איינעם פון זיי וועט מען נאָך היינט אָפּשניידן אַ פוס, אַ האַנט. איך בין זיי מקנא: קריפּלס דאַרף מען דאָ ניט האָבן; זיי וועט מען אהיים שיקן — און איך?... ווי לאַנג וועל איך זיך נאָך אַזוי מוטשען?...

איך שטאַרב רויכערן אַ סיגארעטל. אַ גאַנצע נאַכט ניט גערויכערט. מ'טאָר ניט, מ'האָט מורא, אַז דער שונא וועט דערזען אַ שטיקל פייער. ס'איז נאָך טונקל, אָבער איך קען שוין ניט אויסהאַלטן און איך שטעל זיך איין. איך לעב דאָך נאָר מיט ניסים. איך וואַרף אַריבער מיין רעגן-מאַנטל איבער מיין קאָפּ און פאררויכער. איך צי דעם רויך און וואַרג זיך מיט אים. איך וויל וואָס גיכער אויסרויכערן. איך וויל ניט, אַז אימיצער פון אונזערע זאָל מיך פּאַקן. איך שלעפּ אַרונטער דעם רעגן־מאַנטל פון מיין קאָפּ און ווישׁ אָפּ דעם שווייס פון פּנים. מיר וואַרטן אויף באַפעלן. דערווייל ווערן געטראָפן עטלאַכע פון אונזערע. איך הער זייערע געשרייען: העלפט! העלפט! „אַי עס הוירט!״ (איך בין פארוואונדעט).

דער איטאַליענער צלמ'ט זיך און רעוועט ווי אַן אָקס

אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער. איך דערשרעק זיך פאַר אים: מיר ווייזט זיך אויס, אַז ער איז משוגע געוואָרן...

מיט'ן אָנקומען פון דעם מאָרגן האָבן זיי אונז אויסגעפונען. זיי רייסן פון אונז שטיקער אָן אַן אויפהער. די גראַנאַטן רייסן אויף די ערד, אַ באַרג מיט ערד הויבט זיך אויף אין דער הויך און מיר ווערן פאַרשאָטן. און ווער ס'איז ניט שטאַרק געווען ארויסצוקריכן, דער ווערט דערשטיקט. אַ גראַנאַט פאַלט לעבן אונזער גרוב. איך הער דעם טראַסק און ווער פאַרשאָטן מיט ערד. איך שריי: מ אַ מ ע ! ... מיין מוח אַרבעט, איך פאַרליר זיך ניט, כאָטש איך בין פאַרצווייפלט. מיט מיינע לעצטע כחות האַלט איך איין דעם אָטעם און קריך ארויס. איך זוך מיין שכן, אָבער איך זע אים ניט. איך וויש אויס די בלאָטע פון מיינע אויגן, דערזע איך אים אַ דריי יאַרד אוועק פון מיר — עס האָט אים אוועקגעטראָגן.

ער קרעכצט... איך רוק זיך צו צו אים און פרעג:

— ביסט פאַרוואונדעט?

ער ענטפערט ניט, נאָר ער קרעכצט. זיין פּנים איז געל, פאַרקרימט, זיינע אויגן קען ער ניט האַלטן אָפן. איך זע ווי ער מוטשעט זיך זיי צו האַלטן אָפן, ער עפנט זיי און זיי פאַלן צוריק צו. איך וויל אויסגעפינען, וואו ער איז פאַרוואונדעט, כדי צו העלפן אים פאַרבינדן די וואונד. איך הויב אָן ארונטערצושאַרן די ערד פון אים. איך נעם אָן צוויי גרויסע זשמעניעס נאַסע, רויטע ערד. איך טו שנעל אַ צי ארונטער פון אים זיין מאַנטל, און עס שלעפּט זיך מיט זיין רעכטע האַנט... זיין בלוט קאָכט און שפּריצט ווי פון אַ פאָנטאַן... מיינע קליידער, מיין פּנים ווערן רויט פון זיין בלוט...

פּלוצלינג עפנט ער זיינע אויגן און פרעגט שוואַך:

— וואו בין איך געטראָפן, אין האַנט אָדער אין פוס?

זיין גאַנצער קערפּער איז אים אָפּגעשטאָרבן. ער פילט שוין ניט קיין ווייטאָג און ווייסט ניט וואו עס האָט אים געטראָפן.

הערשל איז געלעגן ארום פערציג יאַרד אוועק פון מיר. נעכטן פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געזען. מיר האָבן געוואוסט

איינער פון צווייטן, וואו מיר האָבן זיך איינגעגראָבן. ער האָט געזען ווי א גראַנאַט האָט עקספּלאָדירט דאָרט, וואו איך בין געלעגן, איז ער אונטער א רעגן פון קוילן צו מיר צוגעלאָפן און אָן אַן אָטעם האָט ער מיך א פרעג געטאָן:

— איך לעבט?

— איך לעב נאָך דערוויילע, — האָב איך אים געענט־פערט, — אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אים? — ווייז איך אים אויף דעם איטאַליענער, וואָס האָט שוין געהאַט גע׳גוסס׳ט.

מיר קענען אים איצט גאָרניט העלפן. די קוילן פליען צווישן אונז אַזוי ווי היישעריקן. הערשל פרעגט אים עפּעס און יענער קוים וואָס ער רעדט ארויס „מאַ״... ער קען קוים באַוועגן מיט דער צונג. איך זע ווי זיין פּנים הויבט אָן שוויצן. איך כאַפּ מיין קאַטין וואַסער און שטופּ עס אים אריין אין מויל. איך גיס און עס גיסט זיך צוריק ארויס; ער קען שוין ניט שלינגען... איך זע ווי זיין צונג פירט א פאַר־צווייפלטן קאַמף מיט זיינע ציין, וואָס האָבן פאַר אים פאַר־שלאָסן דעם וועג. איך וואָלט איצט געוואָלט מיט געוואַלט אויפרייסן זיין מויל און הערן זיינע לעצטע ווערטער.

ער איז אויסגעגאַנגען. ער האָט זיך ניט געמוטשעט, ער האָט ניט געפילט קיין ווייטאָג, ער האָט אפילו ניט געבאָרכלט אַזוי ווי די אַנדערע וואָס שטאַרבן. זיין פּנים איז געווען רואיג, א קליין ביסל פאַרקרימט. מיר האָבן אים צוגעדעקט מיט זיין מאַנטל. מיר זיינען אריינגעקראָכן אין גרוב און געוואַרט אויף דעם שרעקלאכן באַפעל, אויף דעם באַפעל וואָס מאַכט אונז משוגע — „אָווער די טאָפּ!״...

איך לויף פון טויט.

מיר זיינען אָנגעקומען אין א דאָרף פערציג קילאָמעטער פון דעם פראָנט, כדי זיך דאָרט אָפּצורוען און אויסצופילן אונזער דיוויזיע מיט פרישע סאָלדאַטן, וואָס זאָלן פאַרנעמען די פּלעצער פון די, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן אין שלאַכט. קיין ציווילע מענשן זעט מען ניט אין דעם דאָרף. זיי זיינען

זיך צעלאָפּן. מען זעט נאָר סמנים פון הייזער און א צעשאָ־סענעם קלויסטער.

אויף די פעלדער וואַלגערן זיך פאַרשיידענע מינים גרינסן, וואָס די גראַנאַטן האָבן פון דער ערד אַרויסגעריסן. מען זעט אויך ליגן אַן איבערגעקערטן טאַנק און עטלאַכע איבערגעקערטע לאַסט־אויטאָמאָבילן. אויף די גאַסן דרייען זיך אַרום מידע סאָלדאַטן מיט בלאַסע פּנים׳ער און אויסגעלאָשענע אויגן. מיר זיינען שוואַך, קוים וואָס מיר שלעפּן די פיס.

א גרויסער אויטאָמאָביל פאָרט צו און ברענגט אונזערע שווערע פּעק, וואָס מיר האָבן ערגעץ איבערגעלאָזט, איידער מיר זיינען אַוועק אויפ׳ן פראָנט. שנעל כאַפּט יעדער זיין פּעקל, אויף וועלכן עס איז אויפגעשריבן זיין נאָמען. און אַז מען געפינט ניט אַזוי גיך דאָס אייגענע פּעקל, כאַפּט מען דערווייל א פרעמדס. פּעקלאַך זיינען פאַראַן מער ווי סאָלדאַטן...

מיר שטעלן אויף אונזערע ביידלאַך אונטער׳ן פרייען הימל. איינציגע כאַפּן זיך אַריין אין די צובראָכענע הייזער אָדער שטאַלן און אָרדנען זיך דאָרט איין. ווען דער קוכער ווערט פאַרטיג מיט׳ן קאָכן, לויפן אַלע עסן. יעדער איינער וויל זיין דער ערשטער אין דער ריי. אָט ערשט זיינען זיי אַלע אַרומ־געגאַנגען אָדער געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד ווי די געפּגר׳טע, אָבער ווי נאָר זיי האָבן דערהערט דעם טראָמפּייט, אַזוי זיינען אַלע ווי איינער געוואָרן לעבעדיג, האָבן אויף גיך געכאַפּט די כלים און געלאָפן צו דער קיך: מען האָט שוין ניט געדענקט דעם טאָג ווען מען האָט געגעסן א לעפל געקעכץ.

מען לויפט צו צוויי און דריי מאָל זיך שטעלן אין דער ריי נאָך עסן. די בייכער ווערן גראָב און די פיס שוואַך. מען ציט זיך אויס אויף דער ערד און מען סאָפּעט שווער. מען איז צופרידן — זיך גוט אָנגעגעסן. אַלע קריגן אַן אַנדער אויסזען, ניט דיזעלבע פּנים׳ער וואָס איך האָב נעכטן געזען אויפ׳ן שלאַכטפעלד. מען וויצלט זיך, איינער וויזט דעם צווייטן דעם סואווניר, וואָס ער האָט אויפגעהויבן אויפ׳ן שלאַכטפעלד. איינער טוט אָן אויפ׳ן קאָפּ א דייטשן העלמעט, א צווייטער טראָגט א פּאַסיק וואָס אויף דעם שלאָס איז אויפ־

געשריבן „גאָט איז מיט אונז". אַלע לייענען די ווערטער און לאַכן. איך קען זייער לאַכן ניט פאַרטראַגן: מיך פאַרדריסט פאַרוואָס זאָלן מענשן אַזוי גיך פאַרגעסן, פאַרגעסן דעם שרעק־לאַכן נעכטן... פאַרוואָס טראַכטן זיי ניט פון דעם מורא'דיגן מאָרגן?...

און אפשר איז אַזוי בעסער? וואָס קען אונז העלפן דאָס טראַכטן? מיר זיינען דאָך סאָלדאַטן. מיר דאַרפן אויס־פאָלגן יעדן באַפעל, גיין וואוהין מען שיקט אונז, טאָן וואָס מען הייסט אונז, מיר זיינען ניט מער ווי אַווטאָמאַטן. אונזער מאַרך דאַרפן זיי ניט, זיי דאַרפן בלויז אונזער קערפּער...

קיינער דערמאָנט ניט די חברים, וואָס מיר האָבן איבער־געלאָזט אויף די שלאַכטפעלדער. מען טאַנצט, מען פרייט זיך וואָס מען איז אַליין לעבן געבליבן. דער מענש, דאָס רחמנות־געפיל פאַר אַ צווייטן זיינען שוין לאַנג אין אונז טויט. מיר זיינען בייזע חיות מיט אויסגעשטשירעטע ציין; פאַר יעדער קליינינקייט זיינען מיר גרייט זיך צו וואַרפן איינער אויפ'ן צווייטן און צערייסן יענעם אויף שטיקער. יעדער איינער רעכנט, אַז זיין אייגן לעבן איז טייערער פון יענעמס און איז גרייט אומצוברענגען אַ וועלט מיט מענשן פאַר זיין אייגענעם „איך"...

איך האָב זיך אַליין פיינט, ווייל איך בין אויך איינער פון זיי. עס עקלט מיך פון זיך אַליין און פון אַלע סאָלדאַטן פון דער גאַנצער וועלט, ווייל מיר זיינען פחדנים. מיר וואָלטן דאָך געקענט מאַכן אַ סוף צו דער בלוט־באַד: אַוועקלייגן דאָס געווער און אויפהערן שעכטן איינס ס'אַנדערע.

מיין מוח ווערט מיר צעשפּרונגען פון טראַכטן. מיט מיין פּראָסטן שכל וויל איך דערגרונטעווען די געהיימע קראַפט, וואָס בויגט אונזערע קעפ צו דער ערד.

פאַר וועמען האָבן מיר מורא? מיר זיינען דאָך אַ מאַיאָריטעט!...

איך וואָלט זייער געוואָלט רעדן וועגן דעם ענין מיט מיינע ברידער־סאָלדאַטן. האָב איך מורא, ווייל דאָס רוב סאָלדאַטן מיינען, אַז אַנדערש ווי עס איז דאַרף ניט זיין... אַ סך פון

זיי זיינען אַפּילו גרייט צו הרג'ענען די, וואָס דענקען אַנדערש... איך ווער שיר נישט משוגע פון טראַכטן. איך טראָג זיך אַרום מיט געדאַנקען, וואָס איך האָב מורא צו ברענגען אויף מיינע ליפּן. איך וויים, אַז פאַר אַזעלכע געדאַנקען שטעלט מען צו „צו דער וואַנט". איך וויים דעם סוד פון טויט. איך בין אָנגעזאָפּט מיט'ן טויט... דערפאַר שוויג איך. מיר האַלטן דאָ אויף מיט אונזערע לעצטע כחות דאָס ביסעלע לעבן וואָס זשיפּעט נאָך אין אונז...

אַ שווערער לאַסט-אויטאָמאָביל פאָרט אונז פאַרביי און וואַרפט אַרונטער צוויי זעקלאַך מיט בריוו. אַלע רינגלען אַרום דאָס אָרט, מען איז געשפּאַנט. אַ בריוו פון דער היים... דער טאַפּ-סאַרדזשענט טאָם, אַ מאַן שווין אין די פופציגער, אַ הויכער מיט ברייטע אַקסלען, מיט גרויע וואָנצעס, וואָס קאַטשען זיך אַריין אין מויל, פאַררויכערט זיין ליולקע, בינדט אויף די זעק, נעמט אַרויס אַ פּאַק בריוו און הויבט אָן אויסרופן די נעמען.

יעדער איינער שטייט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און וואַרט, מען זאָל רופן זיין נאָמען... עס איז דאָך אין אַזאַ צייט אַזוי גוט צו קריגן אַ בריוו פון דער היים.

טאָם גיט אַ קוק אויפ'ן קאָנווערט און רופט אויס:

— פּראַיוועט דזשים עדעמס!...

קיינער רופט זיך ניט אָפּ. באַלד אָבער דערהערן זיך שטי־מען:

„עדעמס איז פאַרוואונדעט!"

טאָם פאַרשרייבט עפּעס אויפ'ן קאָנווערט און לייגט אַוועק דעם בריוו אויף דער ערד, ביי זיינע פיס.

טאָם רופט ווייטער:

— פּראַיוועט דזשאָן קעלי!

פון דער מאַסע דערהערט זיך אַ פריילאַכער אויסגעשריי: „דאָ בין איך!" — קעלי שטופּט זיך צו צום סאַרדזשענט, כאַפּט דעם בריוו און ווערט שנעל פאַרשוואונדן. אַלע קוקן אים נאָך און זיינען אים מקנא... דער סאַרדזשענט רופט אויס נאָך נעמען און עס הויבט זיך אָן אַ סדרה פון פאַרשרייבן אויפ'ן קאָנווערט: טויט... האָספּיטאַל... האָספּיטאַל... טויט... ביז עס

קלייבט זיך אָן אויף דער ערד, ביי זיינע פיס, א בערגל מיט בריוו...

איינציגע קריגן בריוו, עפּענען שנעל אויף און מיט פריילאכע פּנים׳ער שלינגען זיי די ווערטער. איך ווער נערוועז, מיין גאנ־צער קערפּער ציטערט פאר אויפרעגונג. טאם רופט אויס מיין נאָמען. אזוי ווי ניט מיט מיין קול שריי איך אויס: „היר!"
— און לויף צו און כאפּ דעם בריוו. מיינע הענט טרייסלען זיך, מיט מיין גאנצן כוח רייס איך אויף דעם קאָנווערט און הויב אָן לייענען:

„צו אונזער טייערן און פיל געליבטן זון יצחק זאָל לעבן און געזונט זיין!"

טרערן הויבן אָן צו קאַפּן אויפ׳ן בריוו. איך לייען מיט אימפּעט... מיינע אויגן ווערן פון די טרערן אזוי ווי מיט א הייטל פאַרצויגן, איך וויש זיי שנעל אויס און לייען ווייטער; דער בריוו ווערט דורכגעווייקט פון מיינע טרערן, אָבער די טרערן זיינען אנדערש ווי יענע אויפ׳ן שלאכטפעלד. דאָס זיי־נען טרערן פון פרייד. איך וויין פאר גליק, געוועזן אויפ׳ן פראָנט און בין לעבן געבליבן... איך לייען א בריוו פון מיינע טייערע עלטערן, איך האָב דערלעבט צו הערן דעם סארדזשענט אויסרופן מיין נאָמען... וויפיל האָט געפעלט, אז ער זאָל געוועזן דארפן אויף מיין קאָנווערט אויפשרייבן האָספּיטאל אָדער טויט?...

איך טראכט, וואָס פאר אן אומגליק עס מוז זיין פאר טאטע־מאמע, ווען עס קומט זיי צוריק א בריוו, וואס זיי האָבן גע־שריבן צו זייער זון... א שוידער נעמט מיך אדורך: מיין מאמע וואָלט דעם צער זיכער ניט אריבערגעטראָגן.

איך הער שוין ווי אלע באוויינען מיך, זייערע קולות צע־רייסן מיין הארץ, מיין מוח. איך זע ווי מיין מאמע ליגט מיט איר שוואכן קערפּער אויסגעצויגן אויפ׳ן דיל און יאָמערט:
— איציקל מיין זון! בעסער וואָלט איך געשטאָרבן איידער דו!... דו ביסט דאָך נאָך געוועזן אזא יונג בוימעלע!...

מיין הארץ באוועגט זיך האסטיג, עס קלאַפּט ניט מיט׳ן נאטירלאכן גאנג. א שווייס באגיסט מיין גאנצן קערפּער פון דעם, וואָס פלאָנטערט זיך אין מיין מוח...

אַט שטעלט זיך מיר פאַר דאָס שלאַכטפעלד.

איך זע ליגן אַ טויטן סאָלדאַט, ער איז אָנגעבלאָזן ווי אַ באַלון, אין זיין מויל קריכן אַריין און אַרויס ווערים, אַלערליי אינסעקטן... מיין גאַנצער קערפּער איז יענעם מאָמענט קאַלט געוואָרן, טויזנטער נאָדלען האָבן גענומען שטעכן מיין לייב ווען איך האָב דאָס דערזען... איך קער אַוועק דעם קאָפּ אָן אַ זייט, עס עקלט מיך... איך אַנטלויף פון דעם אָרט, אָבער עס העלפט ניט מיין אַנטלויפן, ווייל וואו מיינע בליקן זאָלן ניט פאַלן זע איך נאָך מער שרעקלאַכע בילדער...

איך דערמאָן זיך ווי מיין פוס האָט זיך אַמאָל אָנגעשלאָגן אָן אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט וואָס איז געלעגן אין אַ טייך בלוט... איך לויף אים פאַרביי, ער שרייט און בעט זיך: העלף, ברו־דער, העלף! איך קוק זיך אפילו ניט אום צו אים. איך לויף צוזאַמען מיט מיין קאָמפּאַניע. מיר יאָגן זיך נאָכ'ן שונא און טאָרן זיך ניט אָפּשטעלן.

אַט זע איך ווי אַ דייטש וואַרפט זיך מיט זיין ביקס אויף אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט. אַ צווייטער אַמעריקאַנער שפּרינגט שנעל אונטער און שטעכט דעם שונא אין פּלייצע... יענער האָט ברייט זיין מויל געעפנט און מיט פאַרצווייפלטע קולות איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און גענומען זיך דרייען ווי אַ וואָרים אויפ'ן בויך... מיר אָבער גייען ווייטער, מיר ריידן ניט אויס קיין וואָרט צווישן זיך, פאַרלאָרן אונזער מענש־לאַך לשון... מיר זיינען חיות... נאָר דער מוח ערגעץ אַר־בעט נאָך — שטעך יענעם איידער יענער שטעכט דיך...

און נאָך אַ בילד: מיר לויפן צו צו אַ באַן־סטאַנציע. טיף אין אַ טאָל, האַרט ביי די רעלסן, זיינען „זיי" געלעגן באַהאַלטן מיט מאַשין־ביקסן. זיי האָבן אויף אונז גענומען האָגלען מיט קוילן. מיר לויפן צוריק און אונזערע פאַלן... פאַלן אין די טויזענטער... לעבן מיר איז געפאַלן מיין חבר גליק. ער איז גע־טראָפן געוואָרן אין אַ פוס. אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט בלייבן ליגן צווישן די פאַרוואונדעטע און טויטע, האָט ער זיך געפּרואווט אויפשטעלן, איז ער אָבער גלייך געטראָפן געוואָרן אין

צווייטן פוס, און איז שוין געבליבן ליגן גלייך מיט אַלע אומ־באַהאָלפענע...

איך לויף. איך אַנטלויף פון׳ם טויט... ער יאָגט זיך נאָך מיר און איך אַנטלויף. איך לעב נאָך דערוויל, אָבער וואָס ווייטער? איז דען מעגלאַך, אַז דער מלאך המות זאָל אימיצן אויסלאָזן דאָ אויף׳ן שלאַכטפעלד?...

הערשל האָט מיר איבערגעשלאָגן מיינע געדאַנקען. פון דערווייטנס האָט ער מיך דערזען זיצן און האָט מיך אַ רוף געטאָן. איך האָב זיך אויפגעריסן פון מיין חלום אויף׳ן וואַר.

הערשל לויפט צו מיר און זעט ווי איך האַלט דעם בריוו אין האַנט.

— פון וועמען איז דער בריוו? — פרעגט ער נייגיריג.

— פון מיינע עלטערן, — ענטפער איך אים.

זיין פנים ווערט פאַרוואָלקנט און ער זאָגט מיט אַ זיפץ:

— איך האָב ניט קיין עלטערן, וואָס זאָלן מיר שרייבן... וואָס שרייבן אייך אייערע עלטערן?

— זיי לאָזן גריסן אַלע אידישע סאָלדאַטן און בעטן גאָט פאַר אונזער אַלעמענס לעבן...

ער קרעכצט אויס מיט אַ שווערן זיפץ:

— פאַר אונזער אַלעמענס לעבן... גאָט ווייס, צי מיר וועלן לעבן בלייבן... אַ ביטערע מלחמה... אַ שרעקלאַכע מלחמה...

פעדי לויפט צו, קוים וואָס ער שלעפט זיין שווערן קערפּער, ער איז מלא שמחה.

— באָים, איר ווייסט, — זאָגט ער מיט פרייד, — מ׳האָט גליק׳ן צוגענומען אין האָספּיטאַל און ער וועט זיין אַלראַיט.

ער זעצט זיך אוועק אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— פון וואַנען ווייסטו? — פרעגן מיר, הערשל און איך, אויף אַמאָל.

— עס זיינען איצט אָנגעקומען אַ גרופּע סאָלדאַטן, וואָס מ׳האָט געשיקט צוזאַמענקלייבן די פאַרוואונדעטע, האָבן זיי דערציילט, אַז זיי האָבן גליק׳ן אוועקגעטראָגן צו אַ שנעלע־הילף־סטאַנציע און מ׳האָט אים פון דאָרט אָפּגעשיקט אין אַ האָס־פּיטאַל.

— איך בין אים מקנא, — זאָגט הערשל.

— איך אויך, — רופט זיך אָן פעדי. — ער וועט שוין אויפ׳ן שלאַכטפעלד אזוי גיך ניט צוריקקומען...

ביי זיך אין הארצן טראַכט איך, אַז איך בין אים אויך מקנא, און שטאַרק מקנא.

פעדי ווייזט אונז, אַז ער האָט געקראָגן אַ בריוו פון זיין שוועסטער. זי שרייבט אים, אַז זי לייענט אין די צייטונגען, אַז די אמעריקאַנער סאָלדאַטן טוען אויף וואונדער אויף די שלאַכטפעלדער. זי איז שטאָלץ מיט אים, מיט איר ברודער, וואָס ער איז אַן אמעריקאַנער העלד.

פאַרשעמט לאָזט פעדי אַראָפּ זיינע אויגן צו דער ערד, ער שעמט זיך פאַר אונז, פאַרוואָס זיין שוועסטער שרייבט אַזאַ נאַרישן בריוו.

הערשל שרייט אוים מיט גאַל אין זיינע רייד: „מען נאַרט זיי דאָרט אין דער היים, מען שרייבט ניט דעם אמת, מען האָט מורא!

— עך, ווען מ׳זאָל קאָנען אַריבערשיקן אַ בריוו מיט׳ן גאַנצן אמת, און דאָס זאָל ווערן פאַרעפנטלאַכט אין די צייטונגען, וואָלט זיכער געגומען אַ סוף צו דעם בלוט־באָד, — זאָג איך צו זיי, — אמעריקע איז פאָרט ניט אַזוי פאַנאַטיש ווי אַנדערע לענדער. דער אמת וואָלט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער היים... דערהויפט האָט אמעריקע ניט געהאַט קיין רעכט צו שיקן סאָלדאַטן קיין פראַנקרייך.

— וואָס אמעריקע גנב קען זיך פאַרגינען! — שרייט אוים הערשל און פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל.

— מ׳האָט אונז אַריינגעשלעפּט אין דער מלחמה, — זאָגט פעדי, — ער גיט אַ שפּיי און קייט זיך ווייטער זיין קייטאַבאַק.

מיין קאָרפּאָראַל קומט צו און זאָגט מיר, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום זאָל איך זיין גרייט צו גיין אויף וואַך. איך בין זייער ניט צופרידן פון דער בשורה. איך בין מיד, קוים וואָס איך האַלט זיך אויף די פיס. איך בעט זיך ביי אים, איך זאָג אים,

אז איך פיל זיך ניט גוט, אָבער ער הערט זיך אפילו ניט צו צו מיינע רייד און גייט אוועק.

— איר ווייסט, — שרייט אויס הערשל, — היינט איז דאָך ערב יום־כפור.

— פון וואַנען ווייסטו? — פרעג איך אים.

הערשל נעמט אַרויס פון בוזים־קעשענע א אידישן לוח און ווייזט מיר. פעדי קוקט אויך אַריין אין לוח, כאָטש ער קען ניט קיין אידיש.

איך כאַפּ א קוק אין לוח און שריי אויס מיט פרייד:

— יאָ, טאַקע ערב יום־כפור! ווייסט איר גאָר וואָס, — רייד איך מיט אימפעט, — לאָמיר אַריינגיין צום קעפּטן און בעטן א פּאַס. אפשר וועט ער אונז לאָזן גיין ערגעץ דאַווענען.

— ווער זאָל גיין צום קעפּטען? — פרעגט הערשל.

— לאָמיר אַלע דריי גיין, — עצה'ט פעדי.

מיר לאָזן זיך גיין.

אין א קליין שטיבל מיט א האַלבן דאַך אַראָפּגעשאָסן, האָט זיך אונזער קעפּטן איינגעסטאַלירט. מיר זוכן אויף אונזער עלט־סטען סאַרדזשענט, טאָם, און מיר בעטן אים ער זאָל אונז ערלויבן אַריינצוגיין צום קעפּטען.

— צו וואָס דאַרפט איר דעם קעפּטען? — פרעגט ער אונז און פּיפּקעט זיין ליולקע.

— היינט איז ביי אונז יום־כפור, — זאָגט אים פעדי, — ווילן מיר בעטן דעם קעפּטן א פּאַס, מיר זאָלן גיין ערגעץ דאַווענען.

טאָם נעמט אַרויס די ליולקע פון מויל, שפּייט לאַנגזאַם אויס, גיט א ציי מיט זיינע געדיכטע ברעמען, שאָקלט עטלאַכע מאָל מיט'ן קאָפּ און זאָגט:

— אָלראַיט, באָיס, איך ערלויב אייך אַריינצוגיין צום קעפּטען.

פריילאַכע לאָזן מיר זיך גיין. מיר קומען צו צו דער טיר, הויבט זיך אָן א פראַגע צווישן אונז, ווער עס זאָל גיין דער ערשטער און ווער עס זאָל ריידן. הערשל זאָגט צו מיר, אז

איך דאַרף ריידן, ווייל דער קעפּטען ווייסט, אַז מיין טאַטע איז אַ רעוורענד. פּעדרי זאָגט דאָס אייגענע.

איך קלאַפּ אָן אין טיר. עס הערט זיך דעם קעפּטען׳ס שטימע: „קאָם אין!״ אַלע דריי, איינער נאָכ׳ן אַנדערן, גייען מיר אַריין אינעווייניג. מיר גיבן אים אָפּ סאַלוט. דער קעפּטען רוקט אַרויף די ברילן אויף דער נאָז און פרעגט אונז וואָס מיר ווילן.

איך זאָג אים, אַז היינט אָוונט הויבט זיך אָן ביי אונז דער הייליגער יום־טוב יום־כּפּור, זיינען מיר אים געקומען בעטן, ער זאָל די אידישע סאָלדאַטן באַפרייען פון דינסט און זיי געבן אַ פּאַס צו גיין ערגעץ דאַוונען.

— און וואָס וועט זיין, אַז מיר וועלן מאָרגן דאַרפן גיין צום פראָנט? — פרעגט ער ביי מיר.

איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומעלטער און ניט געענטפערט אויף זיין פראַגע, וואָס האָט אונז אַלע דריי געגעבן אַ שניט איבער׳ן האַרצן...

ער הויבט זיך אויף פון שטול און נעמט שפּאַנען אַהין און צוריק איבער׳ן צימער. מיר פאָלגן נאָך מיט אונזערע בליקן זיין יעדער באַוועגונג און מיר שטייען פאַר אים אויסגעצויגן, פאַרגליווערט.

— וויפיל אידישע סאָלדאַטן זענט איר? — פרעגט ער מיך און מאַכט אונז אַ צייכן, מיר זאָלן זיך האַלטן פרייער.

— זיבן, ענטפער איך אים, — מיר זיינען געווען ניין. זיינען צוויי געבליבן אויפ׳ן שלאַכטפעלד.

— וואוהין ווילט איר גיין? —פרעגט ער.

— צו דער נאָענטסטער שטאָט, — ענטפער איך.

ער זעצט זיך אַוועק צום טיש, זוכט צווישן די פּאַפּירן, געפינט אַ מאַפּע און ווייזט מיר אָן מיט׳ן פינגער אויף אַ שטאָט מיט׳ן נאָמען באַקאַראַט. זי איז צען קילאָמעטער פון דאַנען. ער ווייזט מיר אויך אָן די ליניעס אויף דער מאַפּע, ווי אַזוי מיר זאָלן אַהין גיין. ער שרייבט אָן אַ פּאַס, דערלאַנגט אים מיר און זאָגט אונז אָן, אַז אין פיר־און־צוואַנציג שעה אַרום זאָלן מיר זיין צוריק. ער הייסט אונז מיטנעמען אונזערע

גאַז־מאַסקעס, אָנטאָן אונזערע העלמעטס, און מיר זאָגט ער אָן, אַז איך בין פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די אַנדערע זעקס, מיר זאָלן זיך ניט אָנשיכּור'ן, ניט מאַכן קיין סקאַנדאַלן און, דער עיקר, זיין צוריק אין צייט. מיר באַדאַנקען אים, גיבן אים אָפּ סאַלוט און גייען אַוועק.

פעדי און הערשל זיינען געלאָפן אָנזאָגן די גוטע בשורה די איבעריגע אידישע סאָלדאַטן און זיי הייסן טאַקע שוין זיך קלייבן אין וועג אַריין.

איך טרעף אָן מיין קאָרפּאָראַל. ער זאָגט מיר, איך זאָל שוין גיין עסן און גישט וואַרטן אויף דער גאַנצער קאָמפּאַניע, ווייל די איבעריגע סאָלדאַטן וואָס גייען אויף דער וואַך, עסן שוין.

— איך בין היינט פריי פון דינסט, — זאָג איך אים און ווייז אים דעם פּאַס. ער בלאָזט זיך אָן ווי אַן אינדיק, און אָן ווערטער, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, גייט ער אַוועק זוכן אַן אַנ־דערן אויף מיין אָרט.

איך לויף צו זיך אין ביידל, כאַפּ מיין ראַזיר־מעסער, גאָל זיך אָפּ, וואַש זיך גוט אַרום, וויש אָפּ די בלאָטע פון מיינע קליידער, פון מיינע שיך. איך וויש אָפּ אַלע סמנים פון שלאַכט־פעלד.

שנעל האָט זיך צעטראָגן די נייס צווישן די קריסטלאַכע סאָלדאַטן, אַז מיר, די אידישע, האָבן געקראָגן אַ פּאַס צו גיין דאַווענען. ביי אַלע האָט געברענט די רציחה, פאַרוואָס מ'האָט אונז געלאָזט פריי. ביים עסן האָבן זיי אונז צוגעוואָרפן שטעכ־ווערטלאַך. אָבער ווער פון אונז האָט זיך עס צו זיי צוגעהערט. מיר האָבן געוואוסט איין זאַך: אַז מיר זיינען אידן און מיר זיינען שטאָלץ אויף אונזער גלויבן.

פריער פון אַלעמען זיינען מיר פאַרטיג געוואָרן מיט'ן עסן. איילנדיג האָבן מיר אויסגעוואַשן דאָס געשיר, אַוועקגעשטעלט אַלץ אין אָרדענונג, גענומען די נויטיגע זאַכן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ ווילדער געשריי פון די קריסט־לאַכע סאָלדאַטן, אַז אידן זיינען בר־מזל, האָבן מער גליק ווי

די קריסטן. אידן האָבן אי קריסטלאַכע, אי אידישע ימים־טובים. (זיי האָבן פאַרגעסן, אַז דעם פערטן יולי האָבן די אידן געאַרבעט אין קיך פאַר זיי.) מער פון אַלעמען האָט זיך געקאָכט דער, וואָס האָט געמוזט גיין אויף מיין אָרט אויף דער וואַך.

מיט פריילאַכע פּנים׳ער האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אריין און זיי איבערגעלאָזט מיט זייערע קולות הינטער אונז.

אויפ׳ן וועג האָבן מיר געשטיפּט, געלאַכט. מיר האָבן גע־אָטעמט פריי, אַוועק פון דער ביטערער אַטמאָספערע. מיר האָבן געוואָלט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען אין מלחמה.

פיר אַזייגער נאָכמיטאָג זיינען מיר אָנגעקומען קיין באַקאַ־ראַט. אַ שיינע שטאָט, מיט הויכע הייזער, אַ סך שיינע קראָ־מען, די גאַסן זיינען לעבעדיג, אַמעריקאַנער סאָלדאַטן דרייען זיך ארום די קראָמען. די פּנים׳ער פון די קרעמער, דאָס רוב פרויען, זיינען פריילאַך. וויפיל זיי הייסן זיך באַצאָלן, קריגן זיי. די פּרייזן זיינען הויכע. עס איז אַ מצוה צו נעמען אַ הויכן פּרייז ביי אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט. מיר קומען דאָך פון דער גאָלדענער מדינה. מיר טרעפן אָן עטלאַכע אידישע סאָל־דאַטן פון אַנדערע קאָמפּאַניעס. מיר באַגריסן זיך זייער פריינט־לאַך, כאָטש מיר זעען זיך צום ערשטן מאָל. זיי דערציילן אונז, אַז זיי זיינען שוין דאָ פון אין דער פרי. זיי ווייסן שוין וואו די שול איז. זיי גיבן אונז אַן עצה, אַז פריער זאָלן מיר גיין אָפּזוכן ערטער וואו צו שלאָפן.

ווען מיר האָבן שוין געהאַט באַזאָרגט דאָס שלאָפן, מאַכן מיר אָפּ צווישן זיך, אַז מיר זאָלן פאַסטן. אַלע שטימען צו. מיר גייען אריין אין אַ שענק זיך גוט אָנעסן, אויסטרינקען אַ פּאָר פלעשער וויין, כדי צו האָבן כח צו פאַסטן.

אין שענק זיצן אונזערע אידישע און אויך קריסטלאַכע סאָלדאַטן. זיי זינגען לידער, שרייען מיט פאַר׳שיכור׳טע קולות. איך בלייב שטיין און הער זיך צו צו זייער געזאַנג און צו זייערע געשרייען. איך בין נייגיריג צו הערן, וואָס זיי זינגען און וואָס זיי ריידן אין אַ שיכור׳ן צושטאַנד. און מערקווירדיג:

באַרוישט פון וויין, האָבן זיי אַרויסגעזאָגט און אַרויסגעזונגען זייער גרויסן ווייטאָג. זיי האָבן געזונגען „האום, סוויט האום" (היים, זיסע היים). אין יעדן טאָן האָט זיך געפילט זייער ווייטאָג, זייער גרויסע בענקעניש... גערעדט האָבן זיי מיט שנאה, מיט ביטערניש פון די פראַנצויזן. איינער האָט אַרונטערגעשלייַדערט עטלאַכע פלעשער פון טיש, האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו דער באַלעבאָסטע פון שענק און געשריגן מיט זיינע לעצטע כוחות:

— דו פאַסקודנע זשאַבע! צוליב וואָס האָט מען אונז אַהער געבראַכט? זיך צו שלאָגן פאַר אייך, איהר חזירשע זשאַבעס? וואָס טוען מיר, אַמעריקאַנער, אין פראַנקרייך?

ער האָט זיך צעוויינט אויפ'ן קול. חברים האָבן אים אַרויסגעפירט אויפ'ן גאַס.

אַ צווייטער גיט אַ זאָג מיט ביטערקייט:

— זיי באַרויבן אונז, באַשווינדלען אונז, און מיר, פראַאַדמס, שלאָגן זיך פאַר זיי.

ער גיט אַ וואָרף אַ פלאַש אין פענסטער אַריין און צעברעכט אַלע שויבן.

עטליכע פראַנצויזישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געזעסן ביי אַ טישל און געטרונקען וויין, האָבן דערזען וואָס דאָ טוט זיך, האָבן זיי זיך שטיל און אומבאַמערקט אַרויסגערוקט אויפ'ן גאַס און זיינען אַנטלאָפן. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר קלעפּ.

מיר האָבן געזען, אַז דאָ איז ניט קיין אָרט פאַר אונז, זיינען מיר אַריין אין אַ צווייטן שענק. אויך דאָ זיצן אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און לאָזן זיך וואוילגיין. מיר זעצן זיך אויס אַרום צוויי טישן. אַן עלטערע פרוי קומט צו און פרעגט אונז, וואָס מיר ווילן. מיר ענטפערן: פאָרק-טשאָפּס און וויין. עטלאַכע סאָלדאַטן, וואָס זיצן ביי אַנדערע טישלאַך, ריידן צו אונז אַריבער, פרעגן אונז אויס פון וועלכער דיוויזיע מיר זיינען. מיר ריידן זיך פונאַנדער פון די פאַרשיידענע שלאַכטן, וואָס מיר האָבן מיטגעמאַכט. יעדער איינער וויל דערציילן זיינע ערפאַרונגען פון פראָנט. די באַלעבאָסטע שטעלט אַוועק דריי פלעשער וויין אויף אונזער טיש און דריי אויפ'ן צווייטן טיש,

צוויי טעלער מיט טערקישע ניסלאַך, גלעזער, זאָגט עפּעס און גייט צוריק הינטער דער טומבאַנק. זי איז שטאַרק פאַרנו־מען. חברה באַשטעלן ווייַן, ניס. זי דערלאַנגט און נעמט צו די פּראַנקען. יעדער ווײַלע עפנט זי די טיר פון קיך און רעדט עפּעס אַהין אַריין.

דער טומל פון די סאָלדאַטן איז גרויס. מיר טרינקען אויס אַ פּאָר גלעזער ווייַן און האָבן שוין כמעט אויפגעגעסן אַלע ניס. הערשל ווערט אומגעדולדיג, ער איז הונגעריג, ער שרייט צו דער באַלעבאָסטע: סעי, יו! גאַטאָווא קושאַט? מיר צעלאַכן זיך אַלע אויפ׳ן קול.

אויפ׳ן טיש שטייען שוין די טעלער מיט די פּאָרק־טשאַפּס, צוויי אויף אַ טעלער. זיי שמעקן גוט. מיר עסן מיט אַפּע־טיט און מיר באַשטעלן נאָך זעקס פלעשער ווייַן. מיר ווערן אביסל שיכור. הערשל דערציילט אונז, אַז אין רוסלאַנד, ערב יום כפור, פלעגט ער אַליין אויסטרינקען אַ האַלבע קוואַרט בראָנפן, 57־גער.

פּעדי האַלט אין איין לאַכן און שרייען: ווען מ׳זאָל אונז דאָרט, אויפ׳ן פראָנט, געבן שנאַפּס און ווייַן, וואָלט ניט געווען אַזוי שלעכט...

שטיינבערג טוט פּעדי׳ן אַ קלאַפּ איבער׳ן קאָפּ און שרייט אויס: גולם, וואָס דו ביזט! דו ווייסט ניט פון דיין חיות, וואָס דו רעדסט. ווען מ׳זאָל ניט שיסן איינער אויף דעם אַנ־דערן, נאָר זיך שלאָגן אַזוי ווי פּראַיז־פּאַיטערס אין אַ רינג וואָלט שוין אויך געווען ניש־קשה!

— אָט־אָט־אָט! — רופט זיך אָן קאהן. — מיר וואָלטן באַטש זיכער געווען מיט אונזערע לעבנס.

סאָקאָלאָף הויבט זיך אויף פון דעם אָרט, וואו ער איז די גאַנצע צייט געזעסן, און אויף זיין שטיינער פרעגט ער פאַר־חלום׳ט, מיט זייער צעצויגענע ווערטער:

— דזשענטלמען! ווער, דענקט איר, וועט פאַרט געווינען די מלחמה?

הערשל צעלאַכט זיך שטאַרק און שרייט אויס:

— אָט איז ער אריינגעפאלן אזוי ווי א יאָוועץ אין סוכה! מ'רעדט פון בוידעם, קומט ער אריין מיט קלאָץ.

הערשל זעצט סאָקאָלאָף'ן אוועק צוריק אויף זיין אָרט און רעדט אים אריין אין אויער אריין: מיר וועלן געווינען די מלחמה, אמעריקע. נאָר ווען די מלחמה וועט זיין פאריבער, וועט שוין זיין נאָך אונז. מיר וועלן דאמאלסט ליגן מיט'ן אונטן ארויף, מיט דער צונג אין דרויסן.

הערשל גייט צוריק אויף זיין אָרט.

זייער רייד'ן גייט מיר ניט אין קאָפּ אריין. אין מיינע אויערן קלינגען נאָך די קולות פון יענעם סאָלדאט: וואָס טוען מיר דאָ, און פאר וועמען שלאָגן מיר זיך?

די נאכט איז צוגעפאלן. מיר הויבן זיך אויף פון אונזערע ערטער, מיר רופן צו די באַלעבאָסטע. מיר גייען אָפּ מיט שוויים, ביז וואנען מיר געפינען אוים וויפיל עס קומט איר. יעדער דערלאַנגט מיר זיין חלק געלט. איך באצאָל איר. זי זאָגט אויף ענגליש: „טהענקיו", און מיר גייען אוועק.

איך בין איבעראשט צו זען אן אמת'ע שול, אן ארון קודש, א ווייסן פרוכת, א מנורה אויף א שטענדער. פון סטעליע, איבער'ן באַלעמער, הענגט אראָפּ א גרויסער הענגלייכטער מיט א סך ליכט. עס שטייען לאנגע הילצערנע בענק מיט שמאָלע טישן, פארדעקט מיט ווייסע טישטיכער, ביי דער טיר א האנט־פאס און אויף א טשוואָק הענגט א ווייסער, לאנגער האנטוך. אן אמת'ע שול.

אויף א מינוט האָב איך פארגעסן ווער איך בין. איך האָב געקוקט אויף דעם ארון קודש און זיך געפילט אזוי גוט: איך בין א מענש אזוי ווי אלע מענשן. מיין באגייסטערונג האָט אָבער לאנג ניט אָנגעהאלטן. מיינע בליקן זיינען געפאלן אויף די סאָלדאטן, האָבן זיי מיר דערמאָנט ווער איך בין: א סאָלדאַט, וואָס האָט שוין לאנג פארלוירן זיין מענשלאכע ווערדע.

די שול איז געפאקט מיט אונזערע באַיעס. אויבן אָן זיצט א ציווילער מאן, אָנגעטאָן אין א פרינץ אַלבערט, א ווייסן קראַוואט מיט א וויים־געפרעסטער העמד. ער האָט א קליין, שווארץ בערדל, דורכגעזילבערט מיט גרויע האָר. זיין פנים איז בלאס

און אויסגעצערט. לעבן אים זיצט א פרוי פון מיטעלן וואוקס. פון אירע אויערן הענגען אראָנטער צוויי גרויסע גאָלדענע אוירינגלאַך. זי איז אָנגעטאָן אין א שווארץ זיידן קלייד און איר קאָפּ איז באַדעקט מיט א ווייסער, זיידענער פאטשיילע. לעבן דער פרוי זיצט א מיידל פון א יאָר זעכצן, אין א ווייסן קלייד און אין א שטרוי־הוט. אויף דער זעלבער באַנק זיצט אויך א פראנצויזישער אָפיציר מיט אַן אָפּגעטראָגענער יוני־פאָרם. ער איז אויך געקומען דאווענען.

ווען דער מאַן אין פּרינץ־אַלבערט האָט אונז דערזען אריינ־קומען, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, צוגעקומען צו אונז און אונז געוויזן ערטער, וואו מיר זאָלן זיך אוועקזעצן.

איך בין געווען זייער נייגעריג צו וויסן, וואו עס זיינען די איבעריגע אידן פון שטאָט. פרעג איך אים: איך זע דאָ אַזא פּיינע שול, וואו־זשע זיינען די איבעריגע אידן פון שטאָט?

ענטפערט ער מיר מיט א שמייכל:

— איך, מיין ווייב און מיין טעכטערל זיינען איצט די איינציגע אידן דאָ אין שטאָט. די איבעריגע אידן זיינען זיך צעלאָפן אין אנדערע שטעט, ווייט אוועק פון פראַנט.

איך פרעג אים מיט פארוואונדערונג:

— ווי קומט עס, וואָס איר זענט דאָ פארבליבן?

— מיין פריינט, — ענטפערט ער מיר, — איך האָב ניט וואוהין צו לויפן. איר קוקט מיך אָן, שוין דריי מאָל בין איך פארוואונדעט געווארן אויפ׳ן שלאַכטפעלד.

ער גיט א קלאַפּ מיט זיין שטעקן אין לינקען פוס און זאָגט מיר:

— איר זעט דעם פוס? ס׳איז ניט מיינער... מיינער איז איבערגעבליבן דאָרטן...

איינער פון אונזערע גיט דריי קלאַפּ אין באַלעמער. אַלע ווערן שטיל און זעצן זיך אוים אויף די בענק. א סאָלדאַט, אָנגעטאָן אין א טלית, גייט צו צום עמוד און מען נעמט דאווענען. אַלע דאווענען מיט התלהבות אויפ׳ן היימישן שטיי־גער. זייער דאווענען דערמאָנט מיר אָן דער אַלטער היים, ווען

איך פלעג, א קליין אינגל, גיין מיט מיין טאַטן אין שול אַריין צו כל־נדרי.

די היץ אין שול איז שרעקלאַך. וועקסענע ליכט, קליינע און גאָר גרויסע, האָבן זיך צעשמאָלצן און אָנגעמאַכט א טשאַד. די ענגשאַפט פון אַזוי פיל סאָלדאַטן איז פאַר מיר אוממעגלאַך אריבערצוטראָגן. מען רייבט זיך א פּלייצע אָן א פּלייצע. איך שפּאַר זיך דורך א וועג צו דער טיר און גיי אַרויס אין גאַס כאַפּן אביסל פרישע לופט.

א ווינטעלע קילט מיין פּנים. דער הימל איז שיין. איך קוק אויף אים און טראַכט: שוין לאַנג ניט געזען אזא שיינע לבנה מיט אזא ריינעם, אויסגעשטערנטן הימל...

מיט מיין רוקן שפּאַר איך זיך אָן אָן די הילצערנע שטאַכעטן, וואָס צוימען אַרום דאָס שולכעל. די לופט איז דאָ גאַנץ אַנדערש ווי אויפ׳ן שלאַכטפעלד. דאָרט איז די לופט א וואַרעמע, א שטיקעדיגע, שמעקט מיט מתים. דאָ איז זי ריין, פריש און שמעקט מיט לעבן. איך ציִ שטאַרק דעם אָטעם. איך וויל די געזונטע לופט אינגאַנצן אַריינציען אין זיך. איך וויל זיך גוט אָנטרינקען מיט איר.

פון שול שפּאַרט אַרויס דאָס ליכט דורך די פענסטער און שלאָגט אָפּ אויפ׳ן שאָסיי מיט א ברייטן, ליכטיגן פּאַס. און אַז איך קוק אויף דעם ליכטיגן שיין זע איך ווי שאָטנס באַוועגן זיך. דאָס זיינען שאָטנס פון די מתפּללים.

איך צעשפּיליע מיין ראָק און וויש אַרום מיט א טיכעלע דעם שוויים פון מיין האַלז.

איך פיל זיך פריי — א מחיה. פאַר מיר גייען פאַרביי פאַרלאָך, אַמעריקאַנער סאָלדאַטן געאָרעמט מיט מיידלאַך. איך קוק זיי נאָך און בין זיי מקנא. איך טראַכט: זיי האָבן ניט קיין מורא פאַר׳ן מאָרגן אַזוי ווי איך, זיי קלערן ניט פונ׳ם מאָרגן. כל זמן זיי לעבן, לאָזן זיי זיך וואוילגיין.

עס גייט פאַרביי א מיידל. זי באַגריסט מיך מיט „באָנסואַר" (גוטן אָוונט) און בלייבט שטיין לעבן מיר. איך ענטפער איר אויף איר באַגריסונג. זי זאָגט מיר נאָך עטלאַכע ווערטער אויף פראַנצויזיש, וואָס איך פאַרשטיי ניט. איך שטיי און

קוק אויף איר און זי אויף מיר. מיטאַמאָל הויבט זי אויף איר אָרעם און טוט דערביי אַ גוטמוטיגן שמייכל. פאַרשטיי איך באַלד, אַז זי וויל איך זאָל מיט איר גיין אויף אַ שפּאַציר. איך נעם איר האַנט און מיר לאָזן זיך גיין. אַלע ווײַלע דריי איך אויס מײַן קאָפּ אויף צוריק, צי קיינער פון אונזערע זעט מיך ניט. איך זע נאָר ווי די שאָטנס אויפ'ן שאָסיי באַוועגן זיך. איך הער ווי אַלע דאַוונען. מיר גייען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. די קולות פון די דאַוונער ווערן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז זיי שטאַרבן אינגאַנצן אָפּ.

מיר קומען צו צו אַ פּאַרק און בלײַבן שטיין ביים טויער. דורך דעם אָפענעם טויער שטעק איך אַריין מײַן קאָפּ אין פּאַרק אַריין, דערזע איך אויפ'ן גראָז ליגן פאַרלאַך... אייניגע זיצן, האַלטן זיך אַרומגענומען און קושן זיך שטאַרק. זיי רעדן ניט צווישן זיך, ווײַל זיי קאָנען זיך ניט פאַרשטיין. זייערע אויגן, זייערע ליפּן רײַדן פאַר זיי... אין דער שטילקייט פון דער נאַכט קלינגען שטאַרקער אָפּ זייערע קושן. אַ יונג געפיל ציטערט אויף אין מיר. איך קוק מיט שטאַרע אויגן אויף איר שלאַנ־קער פיגור... אירע שוואַרצע, גרויסע אויגן זאָגן מיר צו אַ וועלט מיט פרייד. זי פאַר'כשופ'ט מיך מיט איר ניט-חצופ'ישן שמייכל. איך פיל, אַז מײַן קערפּער האָט זיך מיט אַמאָל אינגאַנצן אָנ־געצונדן... איך פאַרגעס די גאַנצע וועלט, די פינסטערע מלחמה, וואָס האָט מיך גרוי און אַלט געמאַכט. איך האָב פּלוצלינג ווידער דערפילט לעבן אין זיך... איך בין צוריק יונג געוואָרן... איך גיי מיט איר אַריין אין פּאַרק און מיר ווערן פאַרטרונקען אין גראָז...

אַ מאָרגנע באַגעגעניש.

איך דריי זיך איינער אַליין אַרום אין די גאַסן. איך האָב שוין דאָס שטעטל אויסגעשפּרייזט אין דער לענג און אין דער ברייט עטלאַכע מאָל. אַלע זײַנען אַוועק אויף דער באַן-סטאַנציע: ס'איז אָנגעקומען אַ באַן מיט קליידער. מײַן סאַרדזשענט האָט מיר געוואָלט טאָן אַ טובה, האָט ער מיר געהייסן בלײַבן אין

דער היים. וואָס פאַר אַ היים? אַ שטאַל מיט פערד, בהמות און חזירים, — דאָס איז מיין היים.

אַ גלאָז ווײַן דאַרף מען טרינקען, צי ס׳גלוסט זיך, צי ניט. אַז אַ סאָלדאַט קומט פון פראָנט זיך אויסרוען אַ פּאָר טעג און אַז מען קריגט צו קויפן שנאַפּס און ווײַן, דאַרף מען און מען מוז טרינקען.

איך גיי אַרײַן אין אַ שענק. ביי אַ טישל זיצן דריי פראַנצויזישע סאָלדאַטן. זיי טרינקען ווײַן און קנאַקן ניסלאַך. איינער איז אַן עלטערער מאַן, שוין אַריבער די פופציגער, מיט גוטמוטיגע אויגן, אַ הויכער מיט האַרטע וואָנצעס וואָס שווימען אַרום אין גלאָז, בשעת ער טרינקט. דער צווייטער, אין די פערציגער, איז אַ קליינער, אַן אויסגעדאַרטער, מיט געלע וואָנצעס. דער דריטער, אַ יונגער, פון עטלאַכע און צוואַנציג יאָר, אַ געזונטער בחור מיט צוויי שוואַרצע, פייערדיגע אויגן. די הויט פון זיין פנים איז ברוין, פאַרברענט פון דער זון.

איך זעץ זיך ביי אַ טישל, ניט ווייט פון זיי. די באַלעבאָסטע קומט צו צו מיר און וואַרט אויף מיין באַשטעלונג. איך הייס זיך דערלאַנגען אַ פלאַש רויטן ווײַן, ניט זייער קיין זויערן, און אביסל ניסלאַך. זי פאַרשווינדט. איך פאַררויכער אַ סיגאַרעטל און הער זיך צו ווי די דריי מענער רעדן. זיי רעדן צווישן זיך דייטש. עס איז מיר פאַרגעקומען מאָדנע: פראַנצויזישע סאָלדאַטן רעדן דייטש. איינער פון זיי האָט באַמערקט, ווי איך בויג זיך אַריבער צו הערן ווי זיי ריידן; באַגריסט ער מיך אויף פראַנצויזיש: „באָנסואַר". איך ענטפער אים אויף ענגליש: „העלאָ!" די אַנדערע צוויי דרייען אויס זייערע קעפּ צו מיר, קוקן מיר אין פנים און זאָגן מיר: „העלאָ". איך ענטפער זיי.

די באַלעבאָסטע ברענגט מיר צו דעם ווײַן. איך באַצאָל איר, גיס אָן אַ גלאָז ווײַן און טו דעם ערשטן זופּ. מיינע בליקן האָבן זיך בעגעגנט מיט די בליקן פון דעם, וואָס איז געזעסן מיט׳ן פנים צו מיר. דאָס איז געווען דער נידעריגער, דער דאַרער. פּלוצלינג גיט ער אַ זאָג צו מיר: „קאָמען זי העריבער", און ער מאַכט מיט דער האַנט, איך זאָל צוקומען צו זייער טיש.

איך האָב זיך זייער דערפרייט: אַ קלייניגקייט, פּראָנצויזן רעדן דייטש, וועל איך זיך מיט זיי דורכשמועסן.

איך נעם מיין פלאַש וויין, דאָס גלאָז, די נים. זיי רוקן צו אַ שטול צו זייער טיש און איך זעץ זיך אַנקעגן דעם אינגסטן. מיר באַגריסן זיך נאָך אַמאָל, דעם מאָל שוין מיט די הענט. דער עלטערער גיסט אָן פון זייער וויין פיר גלעזער און רוקט צו צו מיר אַ גלאָז.

איך נעם דאָס גלאָז אין האַנט, הויב זיך אויף פון שטול און זאָג:

— לאָמיר טרינקען פאַר דעם אונטערגאַנג פון דייטשלאַנד!"

דער אינגסטער פון זיי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז רויט געוואָרן פאַר רציחה. פון זיינע אויגן האָט געשפּריצט פייער. ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש, און צורוקנדיק זיין פּנים נאָענט צו מיר, האָט ער מיך איבערגעפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

ער איז גרייט געווען מיך איינצושלינגען.

אויף אַ פּאָר סעקונדן האָב איך זיך פאַרלאָרן. איך האָב זיך דערשראָקן פאַר אים. זיין אויסזען האָט אויף מיר ארויפגעוואָרפן אַ מורא. די אַנדערע צוויי האָבן זיך אויך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער. איך בין געוואָרן צעמישט. איך האָב אויף דעם מאָמענט ניט געקענט קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. באַלד אָבער בין איך געקומען צו זיך. איך האָב זיך אריבערגעבויגן מיט אַ האַלבן קערפּער איבער דעם טיש, וואָס האָט אונזביידן צעשיידט, און אריינקוקנדיג אים אין פּנים אריין, האָב איך איבערגעזאָגט די פריערדיגע ווערטער: „לאָמיר טרינקען פאַר דעם אונטערגאַנג פון דייטשלאַנד!" — און האָב ווילד אויסגעשריגן: „טרינק, דו הונט!"

דער עלטערער פון זיי האָט אַ פּנים פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטס וועט דערפון ניט ארויסקומען, האָט ער דער ערשטער געכאַפּט זיין גלאָז וויין און ברייט ארויסגערעדט: „מיר מוזן דאָך אַלע טרינקען פאַר דעם אונטערגאַנג פון דייטשלאַנד"...

אין זיין קול האָט זיך געפילט אַ הייזעריגקייט. מיר האָבן אויסגעטרונקען די גלעזער ווײַן און זיך אָוועקגעזעצט.

איך האָב אָנגעגאָסן די גלעזער פון מיין ווײַן. זיי האָבן מיך געבעטן, איך זאָל דעם איינגסטן געבן די האַנט. מיר האָבן זיך געגעבן די הענט און מיר האָבן זיך איבערגעבעטן. מיר האָבן גערעדט פון דער מלחמה. ווען איך האָב זיי געפרעגט, ווער זיי זיינען, האָט מיר דער עלטערער דערציילט, אַז זיי זיינען דייטשן. פאַר דער מלחמה האָבן זיי דאָ געוואוינט. אין עלזאַס־לאָרעין האָבן געוואוינט מער דייטשן ווי פראַנצויזן. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג זיי צוגענומען צום מיליטער. צום פראָנט שיקט מען זיי ניט, זיי טוען היים־אַרבעט, שטעלן אויף קאַזאַרמעס, לאָדן אָן וואַגאָנען מיט אַמוניציע, נייען סאָלדאַטסקע קליידער, באַאַרבעטן די פעל־דער און נאָך אַזעלכע אַרבעטן.

איצט איז מיר שוין קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס ער האָט זיך געגן מיר אַזוי אָוועקגעשטעלט. איך הויב זיך אויף, געזעגן זיך מיט זיי און צום איינגערן זאָג איך:

— דו האָסט גליק, וואָס דו האָסט אָנגעטראָפן אויף מיר. אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט דיך אַרויסגעפירט אויפ׳ן גאַס און דערשאָסן.

דער דאַרער מישט זיך אַריין: ס׳איז בלויז געווען אַ שפּאַס, ניט מער. זיי בעטן זיך ביי מיר, איך זאָל ניט אַוועקגיין, און אויב איך וויל, זאָל איך מיט זיי גיין אין זייער קאַזאַרמע, זיי האָבן דאָרט זייער גוטן ביר. איך באַדאַנק זיי און זאָג, אַז איך מוז צוריקגיין צו מיין קאָמפּאַניע.

אויפ׳ן וועג טראַכט איך פון דער מאָדנער באַגעגעניש. עס טוט מיר שטאַרק הנאה, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט. וואָלט אין דעם שענק געווען נאָך אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, וואָלט מען זיי אַלע דריי דערשאָסן. איך טראַכט און באַוואונדער זיין מוט; ער האָט ניט מורא געהאַט זיך שטעלן געגן מיר און זיך אָננעמען פאַר זיין פאָטערלאַנד, וויסנדיג, אַז ער איז איינ־געשטעלט מיט זיין לעבן.

דאָס שטעטל באַקאַראַט געהער צו עלזאַס־לאָרעין. די גאַסן זיינען ברוקירטע. וואו־ניט־וואו אויף די שאָסייען זעען זיך גרויסע לעכער — סמנים פון באָמבעס, וואָס די שונאים האָבן פון עראָפּלאַנען ארונטערגעוואָרפן. די הייזער זיינען פארלאַטעט, כמעט אַלע איינוואוינער זיינען דאָ געשעפט־לייט. זינט אַמעריקע האָט גענומען ברענגען אהער אירע סאָלדאַטן, איז דאָס שטעטל אויפגעריכט געוואָרן. יעדער איינער האָט פון פראָנט־צימער געמאַכט אַ קראָם, צוגעשלאָגן צו די ווענט פּאָליצעס און ארויפגעלעגט פארשיידענע סחורה׳ס צום פארקויפן. זיי האַלטן אויך זייער סחורה אין דרויסן, לעבן די הייזער. אויף גרויסע ברייטע טישן ליגן אויסגעלייגט שפּיגעלאַך, קעמעלאַך, זיידענע ציכלאַך פאַר זאָפּע־קישעלאַך, אויסגעהאָפטן מיט קוויטן, מיט אויפשריפטן, שלייקעס, ליולקעס, ציגאַרעטן־שפּיצלאַך, פּאָרט־סיגאַרן, דייטשע ספּראָנטשקעס מיט אַן אויפשריפט: „גאָט איז מיט אונז״. מען קאָן דאָ אויך קריגן אַ גוטן מאָלצייט אָפּצועסן, וויין, שנאַפּס, געפּרעגלטע קאַרטאָפל, „פרענטש פרייד פּאָטייטאָס״, וואָס די פראַנצויזן האָבן זיך ערשט אויסגעלערנט צו מאַכן פון אונזערע סאָלדאַטן.

פרויען, יונגע און אַלטע, שטייען אין די גאַסן ביי גרויסע טישן און פארקויפן פארבאָטענע קאַרטלאַך, פאָטאָגראַפיעס פון נאַקעטע מענער און פרויען. מען קען דאָ אַלץ קריגן פאַר געלט, אַפילו אַ פרוי.

אַז מען קוקט זיך צו צו די מענשן, זעט מען, אַז זיי אַרט ניט די מלחמה. פארקערט, זיי האָבן גאָר הנאה פון איר. מען מאַכט גוטע געשעפטן. זיי האָבן שכל און שינדן פון אונז די הויט. פאַר אַ שטיקל שאָקאָלאַד, וואָס אין דער היים קאָסט עס צוואַנציג סענט, בעט מען ביי אונז פינף פראַנק (אַ דאָלער), און מיר גיבן זיי. זיי ווייסן שוין, אַז ווען אַ סאָלדאַט וויל עפּעס, איז געלט קיין מניעה ניט.

די מענשן האָבן שטיל אין הארצן גאָט געבעטן, אַז די מלחמה זאָל זיין אויף לאַנגע יאָרן. זייערע אייגענע, וואָס זיינען אַוועק אין דער מלחמה, זיינען שוין לאַנג טויט, אָדער

ליגן ערגעץ אין א האָספּיטאַל פאַרוואונדעט. נאָך עמיצן פון דער פאַמיליע האָבן זיי שוין ניט צו שיקן, אָדער זיי זיינען נאָך צו יונג און די גאָר אַלטע טויגן שוין ניט. רחמנות צו די פרעמדע איז ניטאָ. די מלחמה האָט אין זיי דעם רחמנות־געפיל געטויט. זיי טראַכטן זיך: זאָל די מלחמה וואָס לענגער אָנ־האַלטן, זאָלן אַריבערקומען וואָס מער אַמעריקאַנער סאָלדאַטן מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וועט מען לייזן וואָס מער געלט.

איך האָב אויף זיי געקוקט מיט א געפיל פון עקל. ווען מען האָט עפּעס געקויפט, האָט מען באַלד געקענט דערקענען אין זייערע אויגן ווי געלט־גייציג זיי זיינען. זיי האָבן מיט זייערע אויגן נאָכגעפאָלגט אונזער יעדער באַוועגונג, צי מיר נעמען זיך שוין צו דער קעשענע.

הערשל האָט זיך מיט איין קרעמער גוט אָפּגערעכנט: מיר האָט זיך פּלוצלונג פאַרגלוסט אָנצוהויבן רויכערן א ליולקע. רוף איך הערשלען פאַר'ן מבין. מיר גייען אריין אין א קראָם. אן עלטערער מאַן פרעגט אונז מיט א סך חניפה, וואָס מיר ווילן. מיר ווילן קויפן א ליולקע, זאָג איך. איך נעם אריין מיין גראָבן פינגער אין מויל און סמאָטשקע מיין פינגער, ער זאָל פאַרשטיין וואָס איך וויל קויפן. ער נעמט ארויס א שאַכטל מיט ליולקעס און איך הויב אָן קלייבן. הערשל גייט פון איין פּאָליצע צו דער צווייטער און באַקוקט די פאַרשיידענע זאַכן, וואָס מען קאָן דאָ קריגן. איך קלייב אויס א ליולקע. ער זאָגט מיר: צען פראַנק. איך פרעג הערשלען: וואָס זאָגסטו? א חצי פויגל, ענטפערט מיר הערשל. איך דינג זיך מיט'ן קרע־מער אויף שטום־לשון און דינג אַראָפּ דריי פראַנק. איך קויף די ליולקע. הערשל שילט אים גוט אָן אויף רוסיש, געמישט מיט אידישע מכות, און מיר גייען ארויס.

אויפ'ן וועג זאָגט מיר הערשל מיט א שמייכל: דער חזיר, א נאָמען נאָך אים, האָט אין אייך קיין ריוח ניט געמאַכט.

— סטייטש, האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אז מער ווי א האַלבן דאָלער זאָל איך ניט געבן, און איך האָב דאָך באַצאָלט זיבן פראַנק. דאָס מאַכט דאָך אוים אויף אונזער געלט א דאָלער און א האַלב!

שטופּט ער אַריין די האַנט אין קעשענע, נעמט פון דאָרט אַרויס אַ ליולקע און זאָגט:

— דאָס האָב איך פאַרדינט, ווען איר האָט זיך מיט אים געדונגען. איך האָב נאָך עפּעס! — שרייט ער אויס מיט פריידן און נעמט אַרויס פון דער צווייטער קעשענע אַ פּאָר טוצן פון די פאַרבאַטענע קאַרטלאַך.

נעבאַך, געווירט...

איך קלאַפּ אָן אין אַ טיר, קומט אַרויס אַ שיינע, געזונטע פרוי, אַ דיקלאַכע, פון אַ יאָר פינף־און־פערציק אויפ'ן אויסזען. איך פרעג זי אויף פראַנצויזיש: האָסטו אפשר פאַר אונז אַ פּלאַץ צום שלאָפן? ענטפערט זי אויף דייטש: יאָ. זי פירט אונז אַרויף אויפ'ן ערשטן שטאָק. גייענדיג אויף די טרעפּ, זאָג איך צו הערשלען: האָסט געהערט, זי האָט געענטפערט „יאָ", זי מוז זיין אַ אידישע. הערשל ענטפערט, אַז ער האָט באַלד דערקאָנט אין איר פּנים, אַז זי איז אַ אידישע. זי ווייזט אונז אַ צימער. מיר זיינען ביידע שיר נישט אוועקגעפאַלן אין חלשות פאַר פרייד, דערזעענדיג דאָס בעט. איך פרעג זי: וויפיל? און זי ענטפערט: צוויי פראַנק. מיר זיינען צופרידן. זי שטעלט אַרויף אַ טשייניק וואַסער אויפ'ן אויוון, וואַרפט צו אַ פּאָר שטיקלאַך האָלץ, דאָס פייער ווערט גרעסער און מיר וואַרימען זיך ביים פלאַם. אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן מיט איבערגעשראָקענע אויגן לויפט אַריין פון גאַס. זי רעדט אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער און מאַכט מיט די הענט אַזוי ווי אַ שטומע. מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל איז איר טאָכטער.

מיר זעצן זיך צום טיש און קוקן אויף דעם קליינעם לעמפּל. דאָס גלעזל איז שוואַרץ פון רויך. הערשל נעמט אַראָפּ דאָס גלעזל, דרייט אַרויס דעם קנויט. איין זייט קנויט איז שפּיציג. מיט'ן גראָבן פינגער מאַכט ער צורעכט דעם קנויט און דרייט אים ווידער אַריין. די פרוי האָט דערווייל אויסגעווישט דאָס

גלעזל. אין צימער איז אביסל ליכטיגער געוואָרן. די פרוי האָט אונז געבראַכט טיי צום טיש. מיר האָבן הנאה פון יעדן זופּ, כאַטש מיר טרינקען די טיי אָן צוקער. הערשל איז זיך גאָר מחיה. דאָס מיידל זיצט אויך ביים טיש, לעבן הערשלען, און נעמט פון אים די אויגן ניט אַראָפּ. פּלוצלינג כאַפּט זי אים אַרום, הויבט אָן גלעטן זיין פּנים און זיך שפּילן מיט זיינע שיטערע האָר. ער ווערט פאַרצווייפלט און פרעגט מיך מיט די אויגן: וואָס פאַר אַן אַנשיקעניש איז דאָס? ער וויל זיך פון איר באַפרייען. זי האַלט אים אָבער פעסט אַרומגענומען ביים האַלז און הויבט אים אָן צו קושן. איר מאַמע זאָגט אונז, אַז זי איז אַביסל געריררט פון זינען.

הערשל שרייט: געוואַלד, נעמט זי אַוועק פון מיר! נאָך אַ משוגענע פעלט מיר צו מיינע צרות. ער ווערט אין כעס. די מאַמע שרייט אָן אויף דער מיידל. מיט שרעק אויף איר פּנים נעמט דאָס מיידל אַראָפּ אירע הענט פון הערשלען און בלייבט זיצן ביים טיש, אַ ברוגז'ע. מיר טרינקען געמיטלאַך די טיי. אין אַ פּאָר מינוט אַרום כאַפּט זי אים ווידער אַרום און גלעט אים. „וואָס אַזוינס האָט זי דערזען אויף מיר?" צעשרייט זיך הערשל און ווייזט איר אָן מיט דער האַנט אויף מיר, אַז זי זאָל זיך נעמען צו מיר. „ער איז אַ שיינער בחור", זאָגט ער צו איר אויף ענגליש. זי לאָזט אים נישט אָפּ, ביז ער רייסט זיך אַרויס פון אירע הענט, הויבט זיך אויף פון זיין אָרט און וויל אַריינגיין אין צווייטן צימער זיך לייגן שלאָפן. דאָס מיידל לויפט אים נאָך און בעט זיך ביי אים, ער זאָל איר געבן אַ קוש. איך זאָג צו הערשלען: ס'איז אַ רחמנות, נעבאַך, אַ געשטראָפטע, גיב איר אַ קוש און ווער פּטור.

ער דרייט מיט'ן קאָפּ אַהין און אַהער. זיין פּנים ווערט רויט. קענטיק, אַז ער טראַכט וואָס ער זאָל טאָן. ער טוט איר אַ קוש, גייט אַריין אין צווייטן צימער און פאַרמאַכט די טיר מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ.

דאָס מיידל איז אויך אַוועק שלאָפן. נאָר איך און די פרוי זיינען געבליבן אַליין אין צימער. זי דערלאַנגט מיר נאָך אַ גלאָז טיי און נעמט פאַר זיך אויך איינע. מיר זיצןביידע

ביים טיש אויף איין באַנק זייער נאָענט צוגערוקט איינס צום צווייטן. איך טרינק די טיי און רעד צו איר. איך פרעג זי: ווי אַזוי לעבט זיך אייך דאָ? ענטפערט זי מיר: נישט גוט, מיין פריינט. די איינציגע מענשן, וואָס לעבן גוט, זיינען די קרעמער. איר, אַמעריקאַנער, גיט זיי צו לייזן אַ סך געלט: ביז איר זייט געקומען זיינען אַלע איינוואוינער פון דער שטאָט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

איך זיץ נאָענט לעבן דער פרוי און נישט ווילנדיג ריר איך אָן מיט מיינע קני אירע פיס. איך כאַפּ מיין קני שנעל אַוועק, אָבער באַלד קריג איך אַ באַגער צוריק צוצוטוליען מיינע פיס צו אירע. איך רוק זיך צו נאָך נענטער צו איר. מיינע פיס דערפילן אַ וואַרימקייט. איך פיל, אַז מיין גאַנץ בלוט איז מיר מיטאַמאָל געקומען אין פּנים אריין... איך הער נישט מער, וואָס זי רעדט צו מיר. איך ברען פון חשק. אין מיין מוח לויפן דורך פאַרשיידענע געדאַנקען, און איך טראַכט וויפיל פאַר־געניגן איך וואָלט איצט געקאָנט האָבן מיט דער פרוי. איך טראַכט: אפשר זאָל איך עס איר זאָגן, און אפשר וועט זי באַ־ווילין מיין פאַרלאַנג? אפשר וועט זי האָבן רחמנות צו אַן עלנטן, וואָס ריכט זיך יעדער מינוט צו שטאַרבן... באַלד קומט מיר אָבער אויפ'ן געדאַנק: וואָס וועל איך אָבער טאָן, אַז זי וועט זיך אָפּזאָגן? זאָל איך זי מיט געוואַלט אריינשלעפּן אין איר שלאָף־צימער און האָבן מיין פאַרגעניגן?... איך בין דאָך סיי־ווי־סיי געוואָרן אַ הפקר־יונג...

איך וויל צו איר רעדן, אָבער איך האָב נישט קיין מוט. ווי געזונקען איך בין דאָ געוואָרן, קאָן איך עס איר פאָרט נישט זאָגן. איך פרעג ביי איר:

— איז אייער מיידעלע געבוירן געוואָרן אַזעלכע?

— ניין, — ענטפערט זי מיר, — עס איז ערשט דאָ צוויי יאָר, זינט זי איז אַזוי.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? — פרעג איך ביי איר.

זי טוט אַ שווערן זיפץ און זאָגט מיר:

— אַז איך בין נישט קיין פראַנצויזישע פרוי, ווייסט איר שוין. איך בין אַ דייטשע. מיידלוויז האָב איך געדינט אין

דער שטאָט, אין אַ רייך הויז. מיין מאַן איז געווען אַ פּריינט פון דער פאַמיליע, וואו איך האָב געדינט. ער פלעגט אָפּט אַהין אַריינקומען. מיר האָבן זיך באַקענט, האָבן זיך פאַרליבט. מיר האָבן חתונה געהאַט און געלעבט גליקלאַך. איך האָב געבוירן אַ קינד. דאָס איז זי — זי ווייזט מיר אָן מיט דער האַנט אויף דער טיר, וואו דאָס מיידל איז אַוועק שלאָפן.

— וואו איז אייער מאַן? — פרעג איך נייגיריג.

— מיין מאַן איז יאָ קאַפּוט, טויט, — ענטפערט זי, און אירע אויגן ווערן אָנגעפילט מיט טרערן.

— שוין לאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן?

— צוויי יאָר, — ענטפערט זי און ווישט אויס די אויגן מיט׳ן טישטוך וואָס ליגט אויפ׳ן טיש, — זיי האָבן אים ערמאָרדעט. מיין מאַן איז אַהיימגעקומען אויף אורלויב. ער האָט געדינט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, ער איז געווען אַ סאַרדזשענט. קיינער האָט זיך ניט געריכט, אַז די מערדער וועלן אונז באַפאַלן. אין אַ פרימאָרגן איז דאָס געווען. זייערע עראָפּלאַנען זיינען געקומען צופליען און האָבן באָמבאַרדירט די שטאָט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געוואָרן ווי משוגע, אַלע האָבן גענומען פּאַקן די זאַכן און געוואָלט אַנטלויפן פון דאַנען. נאָך איידער מיר האָבן צייט געהאַט זיך איינצופּאַקן זיינען זיי אַריין אין שטאָט. זיי האָבן געשטאָכן יעדן איינעם, וועמ עס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. מיין מאַן האָט זיך אַקעגן-געשטעלט. ער האָט געוואָלט באַשיצן מיך און מיין קינד, האָבן זיי אים דערשטאָכן. ווען ער איז שוין געלעגן אין אַ טייך בלוט און האָט נאָך געזשיפּעט, האָבן זיי אין אים אַריינגעיאָגט אַ פּאָר קוילן.

זי ווייזט מיר אָן אין אַ ווינקל פון צימער און זאָגט:

— אָט אין יענעם ווינקל איז ער אויסגעגאַנגען...

זי גייט צו צו אַ שראַנק, נעמט פון דאָרטן אַרויס אַ סאַרדזשענט׳ס יוניפאָרם און דריקט עס שטאַרק צו איר האַרץ... זי קושט די קליידער, צעוויינט זיך שטיל און זאָגט: — זיינע קליידער... זיינע קליידער...

איך האָב זי געוואָלט טרייסטען, איר עפּעס זאָגן, האָב איך

מיין מויל ניט געקענט עפענען... איך בין געבליבן זיצן א פאַרגליווערטער, אָן לשון.

זי האָט צוריק אריינגעהאנגען די יוניפאָרם, האָט זיך צוריק־געזעצט לעבען מיר און ווייטער דערציילט:

— מיין אָרים קינד האָט צוגעזען די גאַנצע טראַגעדיע, ווי זיי האָבן איר פאָטער ערמאָרדעט. זי איז געוואָרן היסטעריש און האָט געשריגן מיט פאַרצווייפלטע קולות... פלוצלינג איז זי אנשווייגן געוואָרן, און פון יענעם טאָג אָן האָט זי אויפגעהערט צו ריידן. און רעדט זי שוין א פּאָר געציילטע ווערטער, איז עס אויך נישט ווי א קלאָרער מענש...

איר פּנים ווערט פלוצלינג אָנגעצונדן. מיט פאַרביטערטן צאָרן שרייט זי אויס:

— פאַרדאַמט זאָל ווערן קייזער ווילהעלם!

דריי אזיינער פאַרטאָג האָב איך דערפילט, אַז איך בין פון איר דערציילונג אַלט געוואָרן. זי האָט מיך אין גאַנצן צעבראָכן.

איך האָב זיך אויפגעהויבן. מיט טיפן רחמנות־געפיל האָב איך געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט". זי האָט מיט׳ן לעמפּל מיר צוגעלויכטן און איך בין אריין אין צימער.

איך האָב פאַרמאַכט די טיר. ביי דער שיין פון דער לבנה האָב איך זיך אויסגעטאָן שטיל, כדי איך זאָל הערשלען ניט אויפוועקן. א מידער, א צעבראָכענער, האָב איך זיך אריינגע־לייגט אין בעט אריין און האָב לאַנג געטראַכט פון דער געשיכטע וואָס זי האָט מיר דערציילט.

אין די ארגאָן־וועלדער.

שבת, דעם 21טן סעפּטעמבער, 1918. מיר לאָזן זיך ווי־דער גיין צום פראָנט. אונזער מעדזשאָר און אונזער קעפּטן רייטן ביידע אויף פערד פאָראויס, און מיר, מיט שווערע פּעק אויף די פּלייצעס, שלעפּן זיך נאָך הינטער זיי. קיינער פון אונז ווייסט ניט, וואוהין מען פירט אונז איצט. איינער זאָגט, אז מען פירט אונז צוריק אויף דעם סען־מיעל־פראָנט, און אַן אנדערער זאָגט, אז מען פירט אונז אין די ארגאָן־וועלדער. זיי שפּאַרן זיך אויף די העכסטע טענער. הערשל שרייט צו זיי:

— שווייגט שטיל! וואָס איז דער חילוק אויף וועלכן פראָנט, איר וועט סיי ווי סיי דער׳הרג׳ט ווערן.
חברה ענטפערט אים קלייך?
— וואָס איז דער מער, רוסקי? האָסט מורא?
— וואָס איז מיט אייך, הערשל? — רייד איך אים אוים
— איר קענט זיי ניט? איר דאַפט זיך מיט זיי אָנהויבן?
זיין פנים ווערט אָנגעצונדן און מיט כעס זאָגט ער צו מיר:
— אזעלכע יאָלדן! גייען און שפּארן זיך אויף וואָס פאַר א פראָנט מען פירט אונז...
ער שאָקלט עטלאָכע מאָל מיט׳ן קאָפּ, טוט א קוק אויפ׳ן עולם און וואָרטשעט ארוים:
— אַמעריקע גנב! ווער עס גייט מלחמה האַלטן! ... איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — רעדט ער ווייטער מיט ווייטאָג — איך ווייס ניט, ווי אַזוי מיר לעבן נאָך. ס׳איז נאָר עפּעס א נס פון הימל. קוקט נאָר אָן אונזערע סאָלדאַטן; זיי קענען גוט שפּילן באָל, פרעסן קענדי, קייען טאַבאַק, באָקסן, אָבער סאָל־דאַטן?! — די ביקס איז דאָך צו שווער פאַר זיי... איר זעט?— ווייזט ער אָן אויף איינעם, וואָס גייט לעבן אונז — קוקט אָן א סאָלדאַט! דער פּאַק אויף זיינע פּלייצעס איז דאָך גרעסער פון אים... זיי דאַרט זיינען יונגען מיט ביינער. מען קען דאָך פון איין דייטש מאַכן דריי אַמעריקאַנער...
— אָבער אונזערע וואַרפן זייער גוט האַנט־גראַנאַטן, — זאָג איך אים.
— יאָ — ענטפערט ער מיר — וואַרפן גראַנאַטן קענען זיי טאַקע. אָבער וואָס וועט זיין, ווען עס וועט קומען צו „נאַ שטיכי“? יענע דאַרט זיינען קינסטלער מיט׳ן באַיאָנעט.
—צו דעם וועט קיינמאָל ניט קומען — ענטפער איך אים מיט א ניט־זיכערן טאָן.
הערשל גיט א שווערן זיפץ און זאָגט:
— הלואי זאָל איך בלייבן א ליגנער.
דער וועג איז א שווערער. מיר גייען אָפּ אין שוויים. יעדע פופצן מינוט רוען מיר. מיר זיינען אין כעס אויף אונזער מעי־

דזשאַר, פאַרוואָס ער גיט אונז ניט גענוג צייט צו רוען. איידער מיר זעצן זיך אויס, הערט מען שוין די געשרייען פון די אָפיצירן: „פאָל אין! פאָרוואָרד! מאַרטש!"

אַז מיר הערן נאָך אַמאָל פון די אָפיצירן אַ געשריי, מיר זאָלן רוען, ווערן עטלאַכע חברה אין כעס און הייבן אָן שרייען אין דער הויך:

— העי, מאַיאָר, דיין פערד איז מיד?

אויפ'ן וועג זעען מיר, ווי אויף ביידע זייטן שאָסעי שטייען אויסגעשטעלט זעכצן־אינטשיגע אַרטילעריע־גראַנאַטן. לעבן זיי שטייען אויך צוויי־אינטשיגע גראַנאַטן. דער ערשטער, וואָס האָט דאָס דערזען, שרייט אויס: „העי, בויס! זעט, וואָס פאַר געסט מיר האָבן דאָ!" ער ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף די גראַנאַטן און שרייט אויס: „מאַט און דזשעף!*) אַלע קוקן און לאַכן, אפילו די אָפיצירן לאַכן אויך פון דעם וויץ. די צוויי־אינטשיגע גראַנאַטן קוקן טאַקע אויס קאָמיש לעבן די זעכצן־אינטשיגע. הערשל זאָגט, אַז ווען אַזאַ זאַך טרעפט פון הינטן, טראָגט עס אַוועק שטיקערווייז אויף מיילן־ווייט...

שפּעט אין אָוונט זיינען מיר געבליבן שטיין לעבן אַ וואַלד. מען האָט אונז געהייסן אַהין אַריינקריכן און מאַכן אונזערע נעלענערס.

— גאָט צו דאַנקען, מיר דאַרפן ניט גיין ווייטער! — שרייען אַלע.

מיר קריכן אַריין אין וואַלד. עס איז דאָרטן שטאָק פינ־סטער, מען קען ממש מיט די הענט אָנטאַפּן די פינסטערניש. די הויכע, געדיכטע ביימער פאַרשטעלן דעם הימל מיט דער לבנה און די שטערן, וואָס האָבן אונז באַלויכטן דעם גאַנצן וועג. אָנצינדן אַ ליכט, אַז מיר זאָלן קענען זען, וואו צו געפינען אַ טרוקן שטיקל אָרט, טאָר מען ניט. אַלע מאָל שרייט אָן אַנדע־רער: „אָ, טייוול, איך בין אַריינגעפאַלן אין שמוץ." אַנדערע ענטפערן: „קלאָג נישט, ברודער, ביסט אויף מלחמה."

---

*) פאַרשוינען פון באַוואוסטער קאַריקאַטורן סעריע, — איינער אַ קאַרליק, דער אַנדערער אַ ריז.

— אין גיהנום זיינען מיר, נישט אויף מלחמה, —הערן זיך שטימען.

מיט אונזער ארומקריכן אין וואלד האָבן מיר צעטראָטן דאָס שמוץ, וואָס אנדערע סאָלדאטן, וועלכע זיינען דאָ געווען מיט אַ פּאָר טעג פריער פאר אונז, האָבן איבערגעלאָזן. די לופט איז געוואָרן פול מיט אַ שטיקעדיגן געריך. אלע ווײַלע שרייט אויס אן אנדערער: „פע, איך ווער דערשטיקט!" זיי פרעגן, צי די מעידזשאָרס, קעפּטנס און לייטענאַנטן וועלן דאָ אויך שלאָפן.

לייטענאַנט דיווייַ, וועמען מיר האָבן ליב, לאָזט זיך גלייך הערן מיט זיין צאַרטער שטימע: „יאָ, באָיס, מיר זיינען אלע דאָ!" ער בעט זיך ביי אונז:

— באָיס, ס'איז מלחמה, ס'איז אַ גיהנום... מען מוז אָנ־נעמען אלץ פאַר ליב. כ'בעט אייך, זייט גוטע באָיס, שרייט ניט, לאָמיר דאָ איבערשלאָפן די נאכט. אין דער פרי וועלן מיר זען, וואָס מיר קענען טאָן.

זיינע רייד בארואיגן אונז.

מיטאמאָל דערהערן מיר, ווי עטלאכע דייטשע עראָפּלאַנען פליען איבער אונזערע קעפּ. אלע בלייבן אָן לשון...

די הויכע געדיכטע ביימער דערלאָזן ניט, אז מיר זאָלן זיי קענען זען, נאָר מיר דערקענען זיי דורך דעם קלאַפּן פון זייערע מאָטאָרן. מיר האָבן זיך שוין אויסגעלערנט זיי צו דערקענען.

אויף מאָרגן האָבן מיר אויסגעפונען, אין וואָס פאר אַ שמוץ מיר זיינען געלעגן... מיר האָבן געפונען ערגעץ אין וואלד אַ קאַלוזשע מיט ברודנע וואסער, האָבן מיר דאָרט ארומגעוואשן די שיך, אויסגעוואשן אונזערע קאָמאַשן. מיר האָבן אפּגעוואשן די פאַרטריקנטע פינגער־צייכנס פון אונזערע פנים'ער, ארומגעווישט די קליידער. אונזערע קאָלדרעס, וואָס מיר האָבן אונטערגעלייגט, האָבן מיר געמוזט פאַרברענען.

אַ גאַנצן טאָג גייען אונז פארביי מחנות סאָלדאטן פון פאַר־שיידענע דיוויזיעס. עס פאָרן גרויסע אויטאָמאָבילן מיט אמוניציע. פערד און אייזלען שלעפּן אויך וועגענער מיט אמוניציע. עס ציען זיך פארביי אומאויפהערלאכע שורות קאַנאָנען מכל המנים.

אַלץ ציט זיך צום פראָנט. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אז דאָ גרייט מען זיך צו דער אמת'ער שחיטה.

איך זוך אויף דעם דאָלמעטשער פון אונזער דיוויזיע, א גוטמוטיגן פראַנצויז, שטענדיג מיט א שמייכל אויפ'ן פנים. איך בעט אים, ער זאָל מיר זאָגן, וואו מיר געפינען זיך און צוליב וואָס מען האַלט אין איין אריינפירן אהער אזוי פיל סאָלדאטן, אַמוניציע און קאַנאָנען. ענטפערט ער מיר, אז מ'גרייט זיך צו א גרויסער שלאַכט. מיר גייען איצט אַטאַקירן די ארגאָן־וועלדער... איצט געפינען מיר זיך אויף דער לינקער זייט פון ווערדון, הינטער דעם באַרג דריי־הונדערט־און־פיר... רעכטס פון אונז ליגט דער באַרג, וואָס מ'רופט „דעד מענ'ס היל" (דער באַרג פון טויטע). מען האָט אים געקרוינט מיט אזא נאָמען — דערציילט ער מיר, — ווייל דאָרטן ליגן באַגראָבן א קאַרגער מיליאָן סאָלדאטן, אונזערע און זייערע.

— די דייטשן — זאָגט ער מיר ווייטער — זיינען דאָרט גוט באַפעסטיגט. זיי ליגן דאָרט איינגעגראָבן אין טיפע שטיי־נערנע גראָבנס, טראַנשייען. זיי האַלטן דאָרט זייערע בעסטע סאָלדאטן, די פּרייסישע גוואַרדיע, דעם קרוין־פּרינצ'ס אַרמיי. עס איז אוממעגלאַך זיי צו אַטאַקירן. אַלע מאָל, ווען מיר פלעגן אָנהויבן אַן אַטאַקע אויף זיי, האָבן זיי אונז צוריקגעשטויסן, און מיר פלעגן איבערלאָזן א סך טויטע הינטער זיך, — און מיט א שמייכל גיט ער צו: — אפשר וועט איר, אַמעריקאַנער, האָבן מער מזל פון אונז.

— ווען וועלן מיר אָנהויבן אונזער אַטאַקע? — פרעג איך אים נערוועז.

— עס וועט נאָך געדויערן א פּאָר טעג — ענטפערט ער מיר — מיר מוזן זיך גוט צוגרייטן.

ער גיט מיר א קלאַפּ מיט זיין שטעקעלע אין פּלייצע, טוט א זאָג: „ניט געזאָרגט!" — און גייט אַוועק.

הערשל לויפט צו מיר צו א פאַרסאָפּעטער:

— איר זעט, פון אינדערפרי אָן.... אַלץ אהין.

ער ווייזט מיר אָן אויף די סאָלדאטן און אַטאָמאָבילן, וואָס ציען זיך אָן א סוף צום פראָנט.

מאָנטאָג אינדערפרי, דעם 23טן סעפּטעמבער, 1918, זאָגט אונז אונזער קעפּטן:

— באָיס, דאָנערשטאָג גייען מיר צום פראָנט. פאַרלירט ניט קיין מוט, מיר וועלן די שונאים פאַרטרייבן. דאָס, וואָס די פראַנצויזן האָבן ניט געקאָנט באַווייזן אין אַזוי פיל יאָרן, וועלן מיר איצט באַווייזן. זייט וויסן, באָיס, — רעדט ער ווייטער מיט אַ ווייכן קול, — קיין טראַנשייען זיינען דאָרט ניטאָ... אויב אפילו עס זיינען דאָרט יאָ פאַראַן „דאָג־אויטס" אָדער טראַנשייען, וועלן מיר זיי אויך נישט נוצן. מיר זיינען ניט געקומען אַהער פון אַמעריקע, האָבן נישט איבערגעלאָזט אונזערע היימען, אונ־זערע ווייבער און קינדער, אונזערע טאַטעס און מאַמעס, כדי אַריינצולייגן זיך דאָ אין טראַנשייען און פאַרציען די מלחמה אויף נאָך אַ פּאָר יאָר. מיר מוזן מאַכן אַ סוף. אָן אָפענע מלחמה! — שרייט ער אויס און זיין שטאַרקע שטימע קלינגט אָפּ איבער'ן גאַנצן וואַלד — מיר וועלן זיך שלאָגן מענטש־צו־מענטש, און דאָס וועט ברענגען דעם סוף מיט אַ זיג פאַר אונזער לאַנד! אונזער דיוויזיע וועט זיין די ערשטע צו אַטאַקירן, — זאָגט ער אונז אָן די בשורה, — הינטער אונז וועלן זיין דריי דיוויזיעס אין רעזערוו. אונזער ערשטער באַטאַליאָן וועט אַטאַ־קירן דאָנערשטאָג אינדערפרי, ביינאַכט וועלן מיר פאַרנעמען זייער פּלאַץ און אַטאַקירן ווייטער...

יעדן טאָג האָט מען אונז אויסגעטיילט, וואָס מיר האָבן געזאָלט מיטנעמען מיט זיך: צוועלף האַרטע ביסקוויטס, וואָס מען האָט פריער געדאַרפט צוברעכן אַ פּאָר ציין, איידער מ'האָט אָפּגעביסן אַ שטיקל; אַ בלעכל מיט פלייש, אַ בלעכל מיט טאָ־מעיטאָס, און אַ גרויס ברויט. דאָס איז געווען פאַר אונז. דער־נאָך האָט מען געטיילט פאַר זיי, פאַר אונזערע שונאים: 120 געווער אַמוניציע, 15 האַנט־גראַנאַטן, אַ גרויסע שער איבערצו־שניידן די דראָטן וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט און עטלאַכע עלעקטרישע ראַקעטן.

מיר שפּרייטן אויס אויף דער ערד אונזערע לייווענטענע ביידלאַך, לייגן אַהין אַריין אונזערע אייגענע זאַכן און מאַכן אַ פּעקל. יעדערער שרייבט אויף זיין נאָמען אויף זיין פּעקל. מיר

ליגן צוזאַמען די פּעקלאַך אויף איין אָרט. אויף די פּלייצעס טוען מיר אָן אַ לייכט פּעקל: די אַלע עסנס, וואָס מען האָט אונז געגעבן, אַ ריין פּאָר אונטערוועש, צוויי פּאָר זאָקן, אַ ראַזיר־מעסער, אַ שטיקל זייף און אַ ווייסן ריינעם האַנטוך.

מיר זיצן ביינאַכט אויף דער פייכטער ערד און ציטערן פון קעלט.

דער אויסברוך.

פּונקט צוועלף אַזייגער ביינאַכט האָט אונזער אַרטילעריע אָנגעהויבן צו שיסן. די ערד האָט אונטער אונז געציטערט. פאַר־ציטערטע זיינען מיר אויפגעשטאַנען פון אונזערע ערטער. דאָס פייער פון די קאַנאָנען האָט געברענט דעם גאַנצן הימל אַרום אונז. די רויטקייט האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך די געדיכטע ביימער און האָט באַלויכטן אונזערע פּנים׳ער. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דער קאַנאָנען־שיסעריי, וואָס אונ־זערע האָבן אַריבערגעשיקט צו זיי. זעקס אַזייגער אינדערפרי זיינען מיר שוין געשטאַנען גרייט זיך צו יאָגן נאָך אונזערע שׂונאים.

הערשל שטייט לעבן מיר. מיר זיינען אין אַ געדריקטער שטימונג. אַ בייז געפיל פון שנאה קעגן דער גאַנצער וועלט קרימט אויס אונזערע פּנים׳ער אין אַ ביטערער גרימאַסע. מיר האָבן זיך אַליין פיינט, פאַרוואָס מיר זיינען איצט דאָ.

לייטענאַנט דיוויי, וועמען אַלע האָבן ליב דערפאַר, ווייל די אָפיצירישע קליידער האָבן אים ניט געמאַכט פאַר אויס מענטש, אַזוי ווי די אַנדערע, זאָגט צו אונז:

— באָיס, פינף פערציק פאַרטאָג איז אונזער ערשטער באַטאַליאָן געגאַנגען „אָווער די טאָפּ״, און עס זיינען געווען וויניג פאַרלוסטן.

די צעשראָקענע פּנים׳ער ווערן אַ ביסל פרייליכער. ער זעט. אויב מיר האָבן אָנגעטאָן די גאַז־מאַסקעס אין דער ריכטיגער פּאָזיציע, טאָמער קומט אַ גאַז־אַטאַקע... ער פרעגט, צי אַלע האָבן אָנגעפילט די ביקסן מיט קוילן... צי יעדער איינער האָט

א פולע פלאַש מיט וואסער. באלד הערט זיך אונזער קעפּטנ׳ס שטארקע שטימע: „סעקאַנד באטאליאָן! אטענשאָן, פאָרווארד מארטש! — און מיר לאָזן זיך גיין.

מיר קלאַפּן שטארק מיט אונזערע שיך אויף די שטיינער. אונזערע אויגן קוקן ווייט, ווייט... דאָס שיסן פון אונזערע ארטי־לעריע־קאנאָנען האלט נאָך אָן מיט דערזעלבער שטארקייט און שנעלקייט ווי נעכטן. וואָס מער מיר גייען, אַלץ שטארקער הערט זיך דאָס שיסן. די הערצער קלאַפּן. מיר דערזעען אונזער ארטי־לעריע. עס שטייען אויפגעשטעלט אלערליי קאנאָנען, זיי קראַכן און בליצן, און דער רויך קריכט אין האלז. די גאָר גרויסע קאנאָנען זיינען איינגעמויערט אין דער ערד. ווען זיי שיסן אויס, גיט זיך א ריס די ערד ארום, און עס דערהערט זיך א שווערער קרעכץ. מיר ווערן טויב פון זייער אומאויפהערלאכן קראַכן.

מיר גייען ווייטער און זיי שיסן איבער אונזערע קעפּ. ניט ווילנדיג בויגן מיר ארונטער די קעפּ, כאָטש מיר ווייסן גוט, אז די קוילן פליען גאַנץ הויך איבער אונז.

מיר קומען צו צו א גרויסן בית־עולם. אונזערע אָפיצירן הייסן אונז זיך אָפּשטעלן רוען.

איך גיי צו צום פּלויט און קוק אויף די ווייסע צלמים, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אָן א שיעור אין לאנגע שורות, אזוי ווי סאָלדאטן אויף א פּאראד.

דער בית־עולם ציט זיך פון א טאָל אויף א הויכן בארג ארויף. אומזיסט ווילט זיך געפינען דעם סוף פון די ווייסע הילצערנע שורות.

אונזער דאָלמעטשער האָט מיר דערציילט, אז דער מיליטער־רישער בית־עולם איז נישט דער גרעסטער אין פראנקרייך: דאָ ליגן בסך־הכל הונדערט און דרייסיג טויזנט סאָלדאטן...

איך טראכט: באלד וועלן די טויטע פראנצויזן צוקריגן נייע שכנים, — אמעריקאַנער...

אויפ׳ן וועג טומלט זיך, עס פאָרן שווערע אָטאָמאָבילן, אייזלען און פערד שלעפּן וועגענער מיט אמוניציע און פּראָ־וויאנט. אונזערע אינזשענירן גראָבן די ערד און ארבעטן אריין טעלעפאָנען. אבסערוויר־באלונען הענגען איבער אונזערע קעפּ

און רוקן זיך לאַנגזאַם גלייך מיט אונז. דער הימל איז שוואַרץ פון הונדערטער עראָפּלאַנען. זיי פליען אַוועק ווייט צום שונא, קומען דערנאָך צוריק צו אונז און גיבן אונז סיגנאַלען. מען שרייט, מען ליאַרעמט, עס קאָכט ווי אין אַ זודיגן קעסל. דער גאַנצער פראָנט קאָכט, קלאַפּט און ברענט.

אַ וואָגן מיט אַמוניציע פאַלט אַריין אין אַ גרוב. די פערד פאַלן. אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן שלעפּן זיי אַרויס. מען שרייט אויף די פערד, אויף די אייזלען, מען קאַטעוועט זיי מיט שטעקנס. זיי שלעפּן די וועגענער מיט געבויגענע קעפּ. זייערע קני ברעכן זיך אונטער דער שווערער משא.

אין דעם רעש און טומל ווייזט זיך מיר גאָר אויס, אַז איך בין אויף אַ גרויסן יאַריד, וואו די גאַנצע וועלט איז זיך צונויפגעקומען. מיר מישן זיך אויס מיט׳ן עולם און מיר פילן זיך היימיש. דער שרעק פאַר׳ן טויט האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעטאָן פון אונז. מיר זעען, אַז מיר זיינען ניט אַליין.

פון אונזערע שונאים הערט מען ניט קיין פּיפּס. איך טראַכט ביי זיך, אַז זיי אַנטלויפן מסתמא. מיר גייען אַלץ פאָראויס, און ביסלאַכווייז פאַרלירן מיר דעם טומל הינטער אונז. עס ווערט טרויעריג אויף דער נשמה. אויפ׳ן וועג קומען אונז אַנקעגן אונזערע סאָלדאַטן, פירנדיג אויף טראָג־בעטלאַך פאַרוואונדעטע, פאַרסמ׳טע פון גאַז און טויטע סאָלדאַטן...

ווען איך האָב דאָס דערזען, האָב איך געפילט, אַז עס האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין מיין האַרץ, און איך האָב אַ שטאַרקן ציטער געטאָן מיט מיין גאַנצן קערפּער. איך גיי איצט אַהין...

אַ סאָלדאַט, וואָס איז געגאַנגען ביי מיין זייט, איז מיטאַמאָל אַוועקגעפאַלן אין חלשות: עס האָט אים צו שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצן. מיר וואַרפן אים אַוועק אָן אַ זייט, כדי ער זאָל ניט ווערן צוטראָטן פון די מיליאָנען פיס, און מיר גייען ווייטער.

מיר שרייען אַריבער צו די, וואָס קומען אונז אַנקעגן:

— וואָס הערט זיך דאָרט?

— ס׳איז אַ גיהנום! — ענטפערן זיי — ס׳איז אַ שרעקלאַכע מלחמה!

איך גיב איצט אויף אלע האָפענונגען אויפ׳ן לעבן. איך גיי איצט באַגעגענען דעם טויט...

עס קומען אונז אַנקעגן דייטשע געפאַנגענע, געפירט פון אונזערע סאָלדאטן. זיי גייען ניט ליידיג. זיי טראָגן אויף בעט־לאַך אונזערע און זייערע פארוואונדעטע. איך קוק זיך איין אין די פארוואונדעטע, און עס הויבט מיר אָן צו שווינדלען פאר די אויגן פון דעם, וואָס איך זע. איך בין מקנא די דייטשע געפאַנ־גענע, וואָס מען פירט זיי אוועק פון פראָנט. זיי גייען און טאַנצן זיך אונטער. זיי זיינען פריילאך, זיי לאכן...

שוין פיר יאָר, ווי זיי האָבן קיין שמייכל ניט געגעבן. זייערע אויסגעצויגענע קערפערס, זייערע געלע געזיכטער, זייערע טיף־ארייגעגראָבענע, אויסגעלאָשענע אויגן זאָגן עדות אויף דעם. איצט לאכן זיי, ווייל זיי זיינען לעבן געבליבן. זיי ריידן פון זייער היים, פון ווייב און קינד, פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברי־דער, פריינט... אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געוואַרט אויף דער גליקלאכער מינוט אַריינצופאלן אין געפאנגענשאפט.

אונזערע שונאים הויבן אָן אַריבערשיקן ארטילעריע־קוילן. מיט פארצווייפלטע געשרייען ציען מיר זיך אוים אויף דער נאַסער ערד. מיר וואַרטן ביז דאָס קראַכן פון אויפרייס איז פארביי. מיט שרעק הויבן מיר זיך אויף און גייען ווייטער.

מיר טרעפן אָן א גרויסן וואָגן מיט עסנווארג. א שווארצער, געזונטער פערד שלעפט דעם וואָגן און סאָפעט שווער. א געדיכ־טער שוים רינט אַרונטער פון זיין מויל. דער וועג איז שווער, די רעדער זינקען אַלע ווײלע איין אין אַ גרוב, דער אָנטרייבער שוויצט. ער שרייט און שילט און קאַטעוועט דעם פערד מיט א גראָבן שטעקן... אַ פּאַרע זעצט פון דעם פערד, וואָס איז דורכ־געווייקט מיט שוויים. אַ שראַפּנעל טרעפט דעם פערד אין רוקן. ער הויבט אָן רעווען מיט מורא׳דיגע קולות. דער געשפאַן האַלט אים צו, לאָזט אים נישט פאַלן. דער אָנטרייבער שפרינגט אַראָפּ פון וואָגן, שפּאַנט אים שנעל אוים. דער פערד בלייבט זיצן מיט צעשפרייטע פיס און בלוט רינט פון זיין רוקן־ביין. א ליוטענאַנט לויפט צו שנעל, לייגט צו זיין קאַלטן רעוואָלווער צום פערד׳ס אָן אויער. דער פערד קוקט אויף אים מיט צוויי גרויסע אויגן,

וואָס בעטן: העלף מיר! ... דער ליוטענאַנט גיט אַ דריק דאָס צינגל, דאָס אָרימע באַשעפעניש גיט אַ שטאַרקן ציטער מיט'ן גאַנצן קערפּער, אַ דריגע מיט די פיס, אַ פינטל מיט די אויגן און בלייבט ליגן טויט...

מיר ליגן שוין ווידער אין אַ וואַלד און וואַרטן אָנצוהויבן די אַטאַקע. דאָס וואַרטן איז נאָך ערגער, ווי דאָס גיין... אין דער צייט, וואָס מיר זיינען דאָ געלעגן אין דער פינסטערער נאַכט, איז אונזער אַרטילעריע צוגעקומען נעענטער צו אונז און האָט אָנגעהויבן אַריבערצושיסן איבער אונזערע קעפּ...

פאַרטאָג לאָזן מיר זיך גיין. אויפ'ן וועג וואַלגערן זיך ביקסן, איבערגעקערטע טענקס, אַמעריקאַנער און דייטשע העלמעטס, מאַנטלען און נאָך זאַכן, וואָס האָבן פריער געהערט צו מענטשן... מיר זעען אויך ליגן אַמעריקאַנער און דייטשע טויטע סאָלדאַטן.

וואָס ווייטער מיר גייען, אַלץ מער טויטע זעען מיר. די איינציגע, וואָס לעבן נאָך דערווייל, זיינען מיר.

איך גיי זייער נאָענט פאַרביי אַ טויטן דייטש. איך בלייב שטיין. איך בין נייגיריג צו זען, וואו עס האָט אים געטראָפן. איך דערזע אַ שוואַרצע אויסגעברענטע לאָך אין מיטן זיין שטערן. איך טראַכט ביי זיך, אַז ווען אַ קויל טרעפט אין מח, מוז זיין געפערלאַך. מען ווערט מאָמענטאַן דער'הרג'עט. איך רוק טיף אַרונטער מיין העלמעט איבער'ן שטערן, אַריבער מיינע ברעמען: אפשר וועט מיר דער העלמעט באַשיצן פון אַ קויל אין מח.

מיט אַמאָל דערהערן מיר די געשרייען פון אונזערע אָפיצירן, אַז מיר זאָלן זיך אַוועקלייגן. מיר פאַלן אַלע ווי אַ שווערע משא צו דער ערד. אונזערע אָפיצירן האָבן מיט זייערע פאַר־גרעסער־גלעזער דערזען אונזער שונא.

מיר ליגן און פילן מיט שרעק: באַלד וועט זיך אָנהויבן די שחיטה. נאָענט פון אונז פאַלן עטלאַכע קוילן. איין קויל שלאָגט זיך אָן אָן מיין העלמעט און גליטשט זיך אַרונטער מיט אַ פייף אין מיין רעכטן אויער. זייערע גראַנאַטן רייסן אויף די ערד אַרום אונז און לאָזן איבער טיפע גריבער. מיר רירן זיך נישט מיט קיין אבר: מיר האָבן מורא, זיי זאָלן אונז ניט דער־

זען. מיר ליגן מיט פארביסענע ליפּן אזוי לאנג, ביז דאָס קראַכן ווערט פארשטומט. דעמאָלט הויבן מיר זיך אויף און גייען ווייטער.

איך גיי און טראכט: פארוואָס האָבן זיי פּלוצלינג אויפגעהערט צו שיסן אויף אונז? אפשר ציען זיי זיך צוריק?...

הינטער א בארג, צווישן א סך קליינע געדיכטע בוימלאַך, זיינען זיי געלעגן באהאלטן. מיר האָבן זיי בשום אופן ניט געקאָנט זען. אבער זיי אונז — יאָ. זיי האָבן אונז געזען אָנקומען. זיי האָבן אונז געלאָזט צוקומען פינף הונדערט שריט פון זיי און האָבן אָנגעהויבן האָגלען אויף אונז פון אלע זייטן. עס פאלן פון אונז עטלאכע אויפאמאָל מיט אויסגעשרייען: אָ, גאד! העלפּ מי! אי עם הוירט! („גאָט, העלף מיר! איך בין פארוואונדעט!“)

מיר ווארטן ניט אויף קיין באַפעל: מיר ציען זיך אויס פלאַך אויף דער ערד. מיר דערזעען זיי און מיר דערקענען זיי אין זייערע טיפע העלמעטס ביז איבער די אויערן. זיי לויפן ניט צו אונז. זיי שטייען אויף אָן אָרט און שיסן אויף אונז אָן רחמנות מיט קוילן־ווארפער.

מיר דערהערן די געשרייען פון אונזערע אָפיצירן, מיר זאָלן צוריקלויפן. אונזערע אָפיצירן האָבן, אפנים, פארשטאַנען, אז ווען מיר וועלן דאָ לענגער ליגן, וועלן זיי אונז אינגאנצן אויסראָטן. מיר לויפן אויף צוריק און עס פאלן פון אונז צענדליגער, הונדערטער. אלע שרייען פאר ווייטאָג און שרעק מיט באַנומענע קולות. זייערע ארטילעריע־קוילנס רייסן אָפּ הענט, קעפּ, פיס... טרעפט עס אין פלייצע, האקט עס איבער אין צווייען.

א גראַנאַט האקט אראָפּ דעם קאָפּ פון א סאָלדאט, וואָס זיצט אויף א וואָגן. ער האָט געהאַט געפירט א פאַס מיט וואַסער צו אונז. דאָס בלוט פלייצט פון זיין האלז, אקוראט ווי דאָס וואַסער, ווען עס לויפט אריבער פון א זודיגן סאַמאָוואַר. ער פאלט ארונטער אויף דער ערד און איז אינגאַנצן איינגעטונקען אין בלוט. ער האָט אפילו קיין איין געשריי נישט געטאָן.

עס ווערט מיר שווארץ פאר די אויגן. עס פליען מיר

פאַרביי הענט, פיס און שטיקער פלייש... איך לויף ווי א משו־גענער הונט... די פאַרוואונדעטע לויפן נאָך עטלאַכע שריט און פאַלן אוועק... אַלע לויפן, יעדער איינער וויל אַנטלויפן פון טויט. די ניט־געטראָפענע פליען ,שפרינגען איבער די פאַרוואונדעטע, איבער די טויטע, ביז די כחות לאָזן זיך ביי זיי אויס... מיר פאַלן פאַר מידקייט צו דער ערד. אָבער עפּעס אַ געהיימער כח הויבט אונז באַלד צוריק אויף, און מיר לויפן ווייטער... מען לויפט און מען שרייט מיט פאַרצווייפלטע קולות: „מאַמע! גאָט! גאָט! מאַמע!"

איך פאַל ווידער מיט'ן פּנים צו דער ערד, און דאָס מאָל קען איך זיך מער ניט אויפהויבן. מיינע כחות האָבן זיך אין גאַנצן פון מיר אָפּגעטאָן. איך דריי אוים מיין קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי ווייט מיינע אויגן קענען כאַפּן. איך זע ווי מען לויפט, מען פאַלט. איך פאַרליר פון אויג אונזערע סאָל־דאַטן. זיי זיינען אַנטלאָפן. איך דריי אוים מיין קאָפּ אַהין, צו די שונאים. איך זע זיי ניט. איך הער נאָר ווי זייערע קוילן פייפן און עקספּלאָדירן.

איך בין אַרומגערינגלט מיט בערג טויטע און פאַרוואונדעטע. זייער וויינען און קרעכצן קען איך ניט איבערטראָגן. איינער שרייט: „העלף, ברודער!" ווער איך אויף אים אָנגעצונדן מיט רציחה, ווייל איך קען אים ניט העלפן. צווישן מיר און אים פליען פאַרביי טויזנטער קוילן. קרענקט עס מיך, וואָס ער רופט מיך אין אַזאַ צייט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָ, וואו איך ליג, קאָן עס מיך אויך טרעפן פונקט אַזוי ווי אים, דאָך וויל איך זיך פון אָרט ניט רירן. איך וויל זיך אויפהויבן און אַנטלויפן. מיינע פיס דינען מיר אָבער נישט. עס איז אַ שרעקלאַך געפיל, ווען איינער וויל אַנטלויפן פון טויט און די פיס זאָגן זיך אָפּ אים צו העלפן.

ווי אַ וואָרעם רוק איך זיך אויפ'ן בויך עטלאַכע הונדערט מעטער, ביז איך קריך אַרוים פון געפאַר. איך האָב געהערט, ווי די קוילן, וואָס זיינען געקומען פון אַ ביקס אָדער אַ קוילן־וואַר־פער, האָבן געפּלאַצט הינטער מיר.

איך קריך אַריין אין גרוב. איך וויל זיך באַשיצן פון די

גראַנאַטן, וואָס בושעווען אַרום מיר. איך דערהער פּלוצלינג דאָס זשומען פון אַ דייטשן עראָפּלאַן. איך זינק טיפער אין גרוב. דער עראָפּלאַן צירקלט עטלאַכע מאָל אַרום מיר. איך מאַך זיך טויט, איך האָב מורא אַ ריר צו טאָן מיט אַן אבר, ער קען מיר נאָך מכבד זיין מיט אַ בלייערן „איי". מיט אַ ווינקל פון אויג קוק איך זיך איין און איך זע, ווי ער טראָגט זיך אַוועק פון מיר.

פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, ווער איך שטאַרק ווי אַ גבור. איך הויב זיך אויף און נעם לויפן. איך לויף אַזוי שנעל, אַז מיינע פיס רירן קוים אָן די ערד. איך דערזע אונזערע העל־מעטס. פון דערווייטנס, זע איך, ווי זיי גראָבן די ערד. זיי גראָבן זיך איין אין טראַנשייען. אָן אָן אָטעם לויף איך צו זיי און פאַל אַוועק אויף דער ערד לעבן זיי.

איך קוק זיך צו: פרעמדע פּנים׳ער. איך הויב אָן זוכן איבער דער גאַנצער ליניע, דערזע איך, ווי אונזער קעפּטן זיצט הינטער אַ בוים און קוקט מיט צוויי גרויסע פעלד־גלעזער. איך זוך הערשלען, איך רוף זיין נאָמען. עס קומט ניט קיין ענטפער. אַ סאָלדאַט זאָגט צו מיר: „הער אויף שרייען. גראָב זיך בעסער איין. מיר וועלן דאָ ליגן איבער נאַכט".

איך כאַפּ מיין לאָפּעטע און הויב אָן גראָבן מיין קבר... עס קרענקט מיך זייער, וואָס איך ווייס ניט, וואָס מיט הערשלען איז געשען. איך האָב מורא, אפשר איז ער פאַרוואונדעט אָדער נאָך ערגער... אהין זיינען מיר געגאַנגען זייט־ביי־זייט, לויפנדיג צוריק האָבן מיר זיך פאַרלוירן.

זיי טרעפן צו אונז מיט עטלאַכע גראַנאַטן. זיי עקספּלאָדירן און דעקן צו עטלאַכע סאָלדאַטן מיט אַ באַרג ערד און שטיינער. ביז מ׳שלעפּט זיי אַרויס, זיינען שוין איינציגע טויט...

איך גראָב מיין קבר טיף. עס גייען שוין מער ניט קיין טרערן פון מיינע אויגן. ביז היינט האָט נאָך געלעבט אין מיר אַ שטיקל מענש, אָבער איצט בין איך געוואָרן אַ חיה. איך האָב פיינט געקראָגן אַלע מענשן פון דער וועלט. מיין כאַראַק־טער איז מיטאַמאָל געוואָרן האַרט ווי שטיין. עס אַרט מיך מער ניט פאַר די טויטע. איך הער זיך מער ניט צו צו די קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע. מיר ליגט נאָר אין זינען איין זאַך:

איך וויל לעבן!... ביז היינט, אַז איך האָב געזען פאַרוואונדעטע, אָדער טויטע, אַפילו ביי אונזערע „שונאים", האָט אַ געפיל פון רחמנות זיך גערירט אין מיר. דאָס געפיל איז איצט אין מיר אָפּגעשטאָרבן. איך האַלט פעסט מיין ביקס אין האַנט און טראַכט: ווען איך אָנטרעפן אַ שונא, איז אָן רחמנות... אויפ'ן שלאַכטפעלד טאָר מען אויף קיינעם קיין רחמנות ניט האָבן. היט דיין אייגן לעבן, שטעל פריער יענעם, איידער יענער שטעכט דיך.

דעמזעלבן טאָג האָבן מיר נאָך אַמאָל געפּרואווט צוקומען צום שונא. אונזערע אָפיצירן האָבן גערעכנט, טאָמער וועט זיך דאָס זיי איינגעבן, אָבער די דייטשן האָבן אויף אונז ווידער גענומען פייערן און מיר זיינען דעמזעלבן טאָג צום צווייטן מאָל צוריקגעלאָפן, איבערלאָזנדיג פרישע קרבנות. אַפילו די טענקס, וואָס פאָרן גלייך אריין אין שונא'ס לאַגער, האָבן זיי אויך מיט שווערע קאַנאָנען־קוילן צוריקגעטריבן.

ביי אונזערע פון פריער געמאַכטע גריבער שטייען אויסגע־שטעלט אָפיצירן מיט די רעוואָלווערן אין די הענט. זיי ערוואַרטן אונז. מיר קומען צו, שרייען זיי אויס צו אונז: „לייגט זיך אַוועק מיט'ן פנים צום שונא!" מיר שפּרינגען אָדער פאַלן אריין אין די גריבער, מיט'ן פנים און מיט דער ביקס צום שונא.

מיר זיינען מיד, צעבראָכן. דער היינטיגער טאָג האָט אונז אַזוי פאַרמאַטערט, אַז מיר פילן ניט קיין גאַנצן אבר. כאָטש מיר זיינען הונגעריג, דאָך גלוסט זיך אונז ניט צו עסן. מיר שלעפּן נאָר יעדער וויילע אַרויס דאָס קליינע טאָרבעלע טאַבאַק, וואָס איז אויסגעווייקט פון שוויס, פאַרדרייען אַ סיגאַרעטל און רויכערן.

די זון הויבט אָן אונטערגיין. ווייט פון אונז איז דער הימל איינגעטונקען אין פאַרשיידענע קאָלירן. מיר שפּיגלען זיך אין זיי. איך דערמאָן זיך אָן קעמפּ לי: יעדן פאַרנאַכט פלעגן מיר זיך אויסזעצן אויפ'ן גראָז, זיך איינקוקן אין דעם שיינעם זון־אונטערגאַנג און זינגען פאַטריאָטישע לידער. עס דערמאָנט זיך מיר, ווי מיר האָבן געזונגען דאָס ליד:

„דהי סטאַרס און סטראַיפּס וויל וועיוו אָווער דזשווירמעני

דזשאָסט עבאוט עי ייר פראָם נאו" („די פּאָן פון שטערן און שטרייפן וועט פלאַטערן איבער דייטשלאַנד אין א יאָר ארום").

איך זאָג צו זיך אליין: ניין! נאָכדעם, וואָס זיי האָבן אונז היינט באוויזן, וועט די אמעריקאַנער פאָן נאָך אזוי גיך ניט פלאַטערן איבער דייטשלאַנד.

פאַר מיינע אויגן שוועבן פאַרשיידענע בילדער. איך זע, ווי די יונגע רעקרוטן זיינען איצט אויסגעזעצט אויפ'ן גראָז אין א רעדל, פונקט ווי מיר זיינען אמאָל געזעסן. דער קעפּטן זיצט אין דער מיט און חזר'ט מיט זיי איין די לידער. ער האַלט פאַר זיי פּאַטריאָטישע רעדעס, און זייערע הערצער קלאַפּן. זיי וואָלטן שוין געוואָלט, אז מ'זאָל זיי וואָס גיכער שיקן קיין פראַנקרייך, און זיי ווילן מאַכן א סוף צו די דייטשן. איך טראַכט: ווי אַנטוישט זיי וועלן עס ווערן, ווען מען וועט זיי ברענגען אַהער, אין דעם גיהנום!...

איך פאַרטראַכט זיך וועגן מיין היים, מיין טאַטע־מאַמע... איך דערזע מיין מאַמע'ס געשטאַלט, און טרערן נעמען זיך גיסן פון מיינע אויגן... איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב זיי א סך מאָל ניט געפאָלגט און האָב זיי דערמיט פאַרשאַפט עגמת־נפש. איך וויל זיך איצט אַליין אויספּאַטשן פאַר מיין אַמאָליגער נאַרישקייט. אוי, ווי איך וואָלט איצט געוואָלט זיין אין דער היים און זיי ווייזן, וואָס פאַר א גוטער זון איך בין!...

דאָס בילד רופט ביי מיר ארויס א בענקשאַפט צו דער היים. איך בויג טיף אַרונטער מיין קאָפּ אין גרוב, אז קיינער זאָל ניט זען, ווי איך וויין... איך וויין זיך גוט אויס. דערנאָך גיב איך א שטאַרקן טרייסל מיט'ן קאָפּ. איך וויל מיט געוואַלד אַראָפּ־טרייסלען פון זיך די שטימונג, מיט געוואַלד פאַרגעסן אָן די, וואָס זיינען מיר אזוי ליב. אין אזא צייט צו טראַכטן פון דער היים איז פונקט אזוי ווי צו נעמען א שאַרפן מעסער און שניידן פון זיך שטיקערווייז.

אין דער פאַרנאַכטיגער שטילקייט הערן מיר דייטלאַך דאָס קרעכצן פון די, וואָס גוסס'ן. עטלאַכע קריכן צו אונז צו און עס ציען זיך נאָך זיי לאַנגע פּאַסן בלוט... זיי האָבן מורא צו

בלייבן ביינאַכט צווישן אַזוי פיל טויטע. מיר פאַרבינדן זיי די וואונדן און טראָגן זיי אַוועק צו דער שנעלע־הילף־סטאַנציע.
עטלאַכע צענדליג סאָלדאַטן שיקט מען אַרויס צונויפצוקלייבן די פאַרוואונדעטע. די קוילן טרעפן אויך אייניגע פון יענע סאָל־דאַטן. דעמאָלט בלייבן זיי ליגן אומבאַהאָלפן און וואַרטן, אַז מען זאָל קומען זיי אויפהויבן.

„אויף נאָ־מענס־לענד".

די נאַכט איז אַ פינסטערע און עס רעגנט שטאַרק. מיר ליגן אין בלאָטיגע גריבער. זיי שיסן צו אונז מיט זייערע שווערע קאַנאָנען. זיי שיסן אויס צו דריי און צו פיר קוילן אויף איין אָרט. אין אַ מינוט אַרום טרעפן שוין זייערע קוילן אויף אַן אַנדער אָרט: זיי זוכן אונז.
יעדן מאָל, וואָס זיי שיסן אויס פון אַ קאַנאָן, דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ און די קאַנאָן טוט אַזש אַ קרעכץ. צוזאַמען מיט דער קויל, וואָס די קאַנאָן שפּייט אַרויס פון איר לאַנגן האַלז, רייסט זיך אויך מיט אַ גרויס שטיק פייער. עס פאַלט אַ שאַרף ליכט אויף דעם אָרט, וואו די קאַנאָנען שטייען, און מיר דערזעען קלאָר די פיגורן, וואָס פאַרען זיך אַרום די קאַנאָנען.
אַז מיר הערן, ווי אַזוי זיי אַרבעטן מעשים, פאַרלירן מיר אונזערע נשמות נאָך איידער זיי טרעפן אונז.
זיי שיסן אויך אויף אונז מיט קאַנאָנען, וואָס זייערע קוילן פאַלן נישט אויף דער ערד, נאָר זיי פּלאַצן אין דער לופטן. די קוילן צופאַלן זיך אויף צענדליגער שטיקלאַך און ערשט דערנאָך פאַלן די צענדליגע שטיקלאַך בליי מיט אַ שטאַרקער קראַפט צו דער ערד און זיי פאַרוואונדן צו צען און פופצן סאָלדאַטן אויף אַמאָל.
אַלע מאָל ווען איך הער זייערע קאַנאָנען קרעכצן, ווייזט זיך מיר נאָר אויס, אַז זיי קרעכצן אויף דעם חורבן וואָס זיי מאַכן אָן. די קוילן פליען צו אונז מיט אַן אומעטיגן פּייף: וואַ־אַ־אַ־אַ! אַזוי ווי זיי זאָלן וויינען אויף דער בלוטיגער שטיקל אַרבעט, וואָס מען שיקט זיי טאָן.
אונזער אַרטילעריע שווייגט אויך ניט. פון ביידע זייטן

דונערט און בליצט. פון הימל רעגנט מיט וואסער און מיט קוילן. מיר ווערן דורכגעווייקט פונ׳ם רעגן, נאָר די קעפּ ווערן נאַס פון שוויס אונטער די אייזערנע היטלען. איך פיל, אז די הויט פון מיין קאָפּ ווערט מיר פאַרברענט פון היץ.

צוועלף ביינאַכט זאָגט אונז אָן אַ לייטענאַנט די בשורה, אז אין אַ האַלבער שעה ארום וועט אונזער אַרטילעריע אויפהערן צו שיסן און פּאַטרולן וועלן זיך ארויסלאָזן אויף „נאָ-מענס-לענד" („קיינעמ׳ס לאַנד"), זעקס אַזייגער אינדערפרי דאַרף אונזער דיוויזיע גיין „אָוועד די טאָפּ", מוזן בכן די פּאַטרולן זיך ארויסלאָזן פריער אויסצוגעפינען, ווי ווייט זייערע אינפאַנטעריע-סאָלדאַטן ליגן, ווי ווייט זייערע מאַשין-ביקסן זיינען.

דער לייטענאַנט פרעגט אונז:

— באָים, ווער וויל זיך פרייוויליג אָנשליסן אין דעם פּאַטרול?

בלויז אַ פּאָר געציילטע שטימען רופן זיך אָן, די איבעריגע שווייגן.

אַזאַ פּאַטרול דאַרף באַשטיין פון פערציג ביז פופציג מאַן. דער לייטענאַנט זעט, אז עס געפינען זיך נישט קיין סך בעלנים, גיט ער זיך אַן עצה: ער גייט פון איין סאָלדאַט צום צווייטן און זאָגט:

— דו וועסט זיך דאָך ניט אָפּזאָגן צו גיין? איאָ, דו וועסט גיין?

אַ סאָלדאַט האָט נאָך קיינמאָל ניט צוריקגעוויזן דעם פאַר-לאַנג פון אַ לייטענאַנט, — און אויף אַזאַ אופן האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצוקלייבן פופציג סאָלדאַטן.

פּאָר אַזאַ אַטאַקע שיקן אַלע קאָמפּאַניס ארויס פּאַטרולן.

צו דער באַשטימטער צייט הערט אונזער אַרטילעריע אויף צו שיסן און מיר לאָזן זיך ארויס אויף גאָט׳ס באַראָט.

איך דערזע הערשלען צווישן דער גרופּע. אין דער פינ-סטער האָב איך אים דערקענט. איך בין געוואָרן מלא שמחה. איך קוק זיך צו צו אים. ער שטייט אַן אָנגעכמורעטער.

איך שריי אויס:

— הערשל!

ער דרייט זיך אויס צו מיר און כאַפּט מיך אַרום מיט די ווערטער:

— אוי, פרידמאַן! גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר זעען זיך! איך האָב זיך געערגערט, איך האָב געמיינט, אַז איר זייט אָדער פאַרוואונדעט אָדער, חלילה, טויט...

— איך האָב וועגן דיר אויך אַזוי געטראַכט — ענטפער איך אים.

— איר האָט געזען דאָס שטיקל אַרבעט, וואָס זיי האָבן היינט באַוויזן? — פרעגט ער — ווער ווייס, וואָס דאָ וועט זיך נאָך אָפּטאָן! איר ווייסט דאָך אוודאי, וואוהין מיר גייען איצט? איך וויל זיין לעבן אייך. איר זאָלט זיך נאָר ניט פאַרלירן. איר זאָלט זיך ניט פאַרלאָזן אויף זייער יושר. איר זאָלט ניט וואַרטן אויף קיין נסים. איר זאָלט זיין דער ערשטער צו געבן דעם שטאָך.

מיר גייען און שלאָגן זיך אָן אָן די טויטע, וואָס זיינען היינט געפאַלן. די פאַרוואונדעטע האָט מען שוין דאָס רוב אויפגעקליבן. מיר קריכן אריין אין אַ פינסטערן וואַלד און שטעלן זיך אויס איינער הינטער דעם אַנדערן. איינער האַלט זיך אָן דעם צווייטנ׳ס פּאַסיק, כדי מיר זאָלן זיך ניט פאַרלירן אין דער פינסטער. אַלע ווײַלע באַווייזן זיך זייערע עלעקטרישע שטערנדלאַך, — זיי זוכן אונז. מיט אונזערע צוואַנגען שניידן מיר איבער די שטעכיגע דראָטן, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט. מיר צערייסן זיך די הענט, די פיס, אָבער מיר גייען אַלץ ווייטער, טיפער אין וואַלד, צו זיי.

כל זמן זייערע קוילן טרעפן אונז נאָך נישט, זיינען מיר צופרידן וואָס דער לייטענאַנט האָט אונז אויסגעקליבן. אין דער שטיל זאָגט איינער צום אַנדערן: ס׳איז בעסער צו גיין, איידער צו ליגן אויף איין אָרט אין דער בלאָטע און ווערן פאַרשטייפט ליגנדיג. איינער טרייסט דעם אַנדערן: מיר קענען דאָך דאָרט אויך דער׳הרג׳עט ווערן, וואָס איז דען דער חילוק?

אויפ׳ן וועג באַפעלט אונז דער לייטענאַנט, מיר זאָלן בלייבן שטיין, מיר זאָלן זיך אָפּרוען.

די ערד איז נאַס און בלאָטיג. מיר לאָזן אַראָפּ אונזערע ביקסן אויף דער ערד און שפּאַרן זיך אָן זיי אָן.

דער לייטענאַנט רעדט צו אונז אין דער שטיל:

— אויב די דייטשן זאָלן אויף אונז נישט שיסן און אונז נישט מאַכן שווער דעם וועג, דאַרפן מיר באַלד צוקומען צו זייערע ליניעס. געדענקט, — וואָרנט ער אונז, — אַז איר וועט זיי דערזען זאָלט איר נישט וואַרטן אויף מיין קאָמאַנדע. איר טאָרט זיך נישט פאַרלירען. אַז איר וועט איינזען, אַז איר דאַרפט אויף זיי שיסן, זאָלט איר שיסן. וועט איר זיין נאָענט פון זיי, זאָלט איר וואַרפן האַנט־גראַנאַטן, שטעכן... אַלע אַנדערע פּאַטרולן וועלן טאָן דאָס איינענע און עס וועט אונז אַזוי געלינגען זיי צו באַזיגן. דאָס וועט מאַכן מעגלאַך פאַר אונזער דיוויזיע און פאַר די אַנדערע אַמעריקאַנער דיוויזיעס צו גיין אַלץ ווייטער, אוועקנעמען פון אונזערע שונאים מאָנפּאָקאָן און אוואַנסירן ביז סיערזש. דערנאָך וועט אַן אַנדער דיוויזיע אונז פאַרבייטן.

מיר גייען. מיר קומט אוים צו גיין זייט־ביי־זייט מיט'ן לייטענאַנט. איך זע, ווי ער בויגט זיך איין צו דער ערד און הויבט אויף אַ ביקס.

— דאָס, — מאַכט ער צו מיר, — וועט מיר באַלד בעסער צוניץ קומען, ווי מיין רעוואָלווער.

איך ענטפער אים נישט. מיין האַרץ איז פאַרקלעמט. עס הויבט מיר אָן טריקענען אין האַלז, און איך דערפיל אַ ווייטאָג אין גומען.

מיר גייען אַזוי אַפּ אַ שעה. פּלוצלינג דערהערן מיר טריט. אונזער לייטענאַנט זאָגט אונז אין דער שטיל, אַז דאָס קומען „זיי" אונז אַנקעגן. זיין קול ציטערט בעת ער רעדט, און דאָס וואַרפט אויף אונז אַן נאָך אַ גרעסערן פּחד.

מיר גייען אַזוי ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס. וואָס ווייטער מיר גייען, אַלץ נענטער קומען מיר איינער צום אַנדערן. עס פּלאָנטערן זיך די געדאַנקען ביי מיר אין קאָפּ: איך זע זיך שוין אַ טויטן... מיט אַלע מיינע כחות קלאַמער איך זיך אָן מיין ביקס... איך בין גרייט צו דערלאַנגען.

איך גיי און טראַכט: באַלד וועלן מיר זיך אָנטרעפן מיט

זיי. וועט מיר אָנקומען א שוואַכערער פון מיר, וועל איך אים דערשטעכן. וועל איך אָבער אָנטרעפן א שטאַרקערן פון מיר, וועט ער מיך דערשטעכן. וואו וועט ער אַריינרוקן זיין באַיאָנעט? אין גאָרגל? אין האַרץ? אין בויך? איך וועל פאַלן צו דער ערד, ס'וועט מיר שטאַרק וויי טאָן און איך וועל שרייען און וויינען א לאַנגע צייט, ביז איך וועל שטאַרבן. פון דעם טיפסטן שטאָך אַפילו מוטשעט מען זיך ביז מען שטאַרבט. מען כאַפּט זיך מיט ביידע הענט צו דעם אָרט, וואו מען ווערט געשטאָכן, און די הענט ווערן רויט. און דער, וואָס מען טרעפט אים אין גאָרגל, איז מיט יעדן קרעכץ, וואָס ער טוט, שפּאַרט זיך אַרויס א שטראָם בלוט. איך טראַכט אַז איידער צו כאַפּן א שטאָך פון א באַיאָנעט, זאָל מיך בעסער טרעפן א גראַנאַט און מיך מאַמענטאַן דער'הרג'ענען.

פּלוצלינג דערהערן מיר א קול. מיר זעען קיינעם ניט, נאָר איינער שרייט עפּעס אויף דייטש, אָבער וואָס ער שרייט פאַר־שטייען מיר נישט. מיר הערן לויפן. מיר דערשרעקן זיך אויף א מינוט, נאָר באַלד ווערט אונז גרינגער אויף די פּאַרוויטאָגטע הערצער. נאָכ'ן לויפן דערקענען מיר, אַז זיי לויפן ניט צו אונז, נאָר אַנטלויפן גאָר. דער לייטענאַנט באַפעלט אונז צו יאָגן זיך נאָך זיי.

מיר יאָגן זיך עטלאַכע הונדערט מעטער. מיר דערזעען איינעם פון זיי. ער שטייט מיט זיינע הענט פאַרריסן אין דער הויך. מיר בלייבן שטיין. מיר דערזעען באַלד, ווי ער האַלט אין איין האַנט א רעוואָלווער. ער בעט זיך ביי אונז מיט די ווערטער: „פּליז, קאַמעראַד! פּליז, קאַמעראַד!"... אין א מאָ־מענט פון אויפרעגונג האָט זיך אונזער לייטענאַנט פאַרלאָרן: אויף דער משוגע'נער מינוט האָט ער נישט געוואוסט, וואָס ער טוט, האָט ער אין יענעם אַריינגעשאָסן פיר קוילן. יענער איז אומגעפאַלן און מיט פאַרצווייפלטע קולות געשריען: „פּליז... פּליז, קאַמעראַד... פּליז, קאַמעראַד!..."

מיר לויפן צו צו אים. איינער נעמט אַרויס דעם רעוואָל־ווער, וואָס ער האָט נאָך געהאַלטן אין זיין האַנט. יעדער קרעכץ

זיינער רייסט ביי מיר ארויס א שטיק הארץ... איינער טוט אים א נעם אויף דער פּלייצע און מיר קערן זיך אום. אַלע פּופצן מינוט נעמט אים אַן אַנדערער אויף דער פּלייצע. זיין בלוט באפלעקט אונזערע קליידער. איך טראָג אים און איך טראַכט: פּונקט אַזוי האָב איך געזען אַ קצב טראָגן אַ געשאָכטענעם קאַלב...

אַ גרויל גייט דורך אַלע מיינע אברים...

מיר ברענגען אים צו אונזער דאָקטאָר. דער דאָקטאָר פּאָ־רעט זיך ארום אים. ער זשיפּעט נאָך און קרעכצט: „מוטער... מוטער...“ אין אַ האַלבער שעה ארום איז ער שוין געווען טויט. פון די פּאַפּירן, וואָס מיר האָבן אין זיין קעשענע געפונען, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ער איז געווען אַ לייטענאַנט. זיין נאָמען איז געווען שייפער. מיר האָבן אויך געפונען ביי אים אַ בילד פון זיין מוטער. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר פופציג, דער קאָפּ האָר כמעט אינגאַנצן ווייס, מיט אַ מוטערלאַך־צאַרטן אויס־דרוק אויפ׳ן פּנים. אויף דער אַנדערער זייט בילד איז געווען אויפגעשריבן: „גאָט זאָל זיין מיט דיר, מיין זון“.

מיר זיצן מיט אָפענע אויגן און וואַרטן אויף דעם מאָרגנ־שטערן. מיר ווילן, אַז ער זאָל זיך קיינמאָל ניט באַווייזן. ווען מיר דערזעען אים, גיט עס אונז אַ שטאָך אין האַרצן, ווייל מיר ווייסן, אַז ווי נאָר עס וועט ווערן טאָג, וועלן מיר אויפסניי אָנ־הויבן אונזער אַטאַקע, און דאָס איז דאָס שרעקלאַכסטע...

דערווייל שווייגט מען אויף ביידע זייטן. איבער׳ן גאַנצן פראָנט הערט מען ניט קיין שאָרך. אַפילו די לעבעדיגע באַ־וועגן זיך אויך ניט. מיר שרעקן זיך פאַר אונזער אייגענעם שאָטן...

פּאַרטאָג גיט אונזער אַרטילעריע דעם טאָן, און פון ביידע זייטן הויבט אָן צו טראַסקען, אַז עס פאַרהילכט אַזש די אויערן. אויף די פעלדער הילכט זייער שטאַרק אָפּ דאָס קראַכן פון די קאַנאָנען. אַ סך סאָלדאַטן ווערן טויב. מיר שיקן אריבער צען קוילן צו זייערע דריי. מען לאָזט אונז וויסן, אַז אַזוי ווי עס וועט נאָר ווערן טאָג, וועט אונזער אַרטילעריע אויפהערן צו שיסן און מיר וועלן גיין „אָוועף די טאָפּ“...

אַן אַטאַקע.

שבת פאַרטאָג, דעם 29טן סעפּטעמבער, 1918, זיינען אונזערע עראָפּלאַנען געפלויגן צו זיי. זיי האָבן אַרונטערגעקוקט צו זיי און געזען, וואָס אונזער אַרטילעריע האָט אויפגעטאָן. צו אונז האָט מען צוגעבראַכט נאָך סאָלדאַטן מיט מאַשין־האַרמאַטן.

אונזער אַרטילעריע הויבט אָן צו שיסן אַריבער אונזערע קעפּ מיט רויך, כדי אונזערע שונאים זאָלן נישט קאָנען זען, אַז מיר גייען צו זיי.

האַלב נאָך פינף אַזייגער פאַרטאָג זאָגט אונז אונזער קעפּטן, אַז היינט מוזן מיר אויספילן די אויפגאַב, וואָס מען האָט אונז באַשטימט, דאָס הייסט, נעמען מיט שטורעם דאָס שטיקל לאַנד, וואָס די הויפּט־קאָמאַנדע האָט פאַר אונז אָנגעצייכנט...

מיר ליגן אין אונזערע קברים, ווי געשטאָרבענע. מיר קוקן וויט מיט אונזערע פאַרמאַטערטע אויגן. מיר זיינען נערוועז, מיר האַלטן צו די ביקסן — דאָס איינציגע, וואָס קען אונז אפשר העלפן... מיר טאַפּן אַרום די גאַז־מאַסקעס, צי זיי זיינען ריכטיג אָנגעטאָן.

פון דערווייטנס דערזעען מיר דעם באַרימטן באַרג, וואָס מען רופט „דער באַרג פון טויטע". דעם באַרג דאַרפן מיר פריער נעמען. עס באַפאַלט אַ פּחד, אַז מען קוקט אַרויף צו אים: ער איז אינגאַנצן צעאַקערט. מען קען זען פון דערווייטנס, אַז עס וואַלגערן זיך דאָרט ביינער...

אויפ'ן וועג דערזע איך צוויי דייטשן ליגן אין אַ גרוב. זיי האַלטן די הענט אין דער הויך און ציטערן פאַר קעלט און שרעק. זיי שרייען:

— קאַמעראַד!... קאַמעראַד!...

אונזער לייטענאַנט זאָגט צו מיר:

— פרעג זיי אויס, וואָס עס טוט זיך אין זייערע ליניעס.

איך זעץ זיך אַוועק לעבן זיי און פרעג זיי:

— ווי אַזוי קומט איר אַהער?

זיי דערציילן:

— ווען איר האָט אָנגעהויבן אויף אונז צו שיסן, האָבן

מיר פאַרשטאַנען, אַז איר גייט אויף מאַנפּאַקאַן. מיר האָבן דעמאָלט בײדע אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז מיר זאָלן זיך צו אייך איבערגעבן. מיר ווילן זיך ניט שלאָגן, און אַזוי ווי דער גאַנצער פראָנט איז געוואָרן פול מיט רויך, וואָס איר האָט געשאָסן, — איינער האָט דעם צווייטן נישט געקענט זען, — זיינען אונזערע סאָלדאַטן אַנטלאָפן אויף דער אַנדערער זייט באַרג. מיר זיינען געבליבן אין דער גרוב און האָבן געוואַרט ביז איר וועט אָנקומען און מיר וועלן זיך איבערגעבן.

איך דערצייל דעם ליטענאַנט, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט, און ער הייסט זיי אַליין גיין אין אונזערע ליניעס, ביז זיי וועלן אָנקומען צו אונזער ערשטע־הילף־סטאַנציע און דאָרט וועט מען זיי איבערנעמען.

איך פרעג אים:

— ליטענאַנט, פאַר וואָס שיקט איר נישט איינעם פון אונז מיט די געפאַנגענע?

ער ענטפערט מיר:

ערשטנס, וועלן זיי נישט אַנטלויפן, און צווייטנס מוז איך איצט האָבן יעדן סאָלדאַט דאָ, ווייל ווער ווייסט, וויפיל זיי זיינען דאָרט אין צאָל אויף׳ן שלאַכטפעלד.

מיר וואַרפן זיך אויף דער ערד און הויבן אָן די אַטאַקע. זיי ענטפערן אונז אָפּ מיט אַ געגן־אַטאַקע. זייערע קוילן פאַלן צו נאָענט פון אונז. ניט ווייט פון מיר דערזע איך אַ גרוב, וואָס זייערע קוילן האָבן געמאַכט. איך באַשליס אַהין אַריינצוקריכן. איך בין צוגעקראָכן, האָב זיך אַריינגעקאַטשעט און בין אַרויפגעפאַלן אויף אַ טויטן קערפּער, וואָס איז געלעגן פאַרשאָטן מיט ערד, נאָר זיינע הענט און אַ שפּיץ פון זיין העלמעט האָבן זיך אַרויסגעזען. אַ פּאָר מינוט בין איך געבליבן ווי פּאַראַליזירט. די האָר אויף׳ן קאָפּ האָבן מיר אָנגעהויבן שטעכן אַזוי ווי נאָדלען. עס פאַלט אַ שראַפּנעל. איך בויג זיך טיף אַרונטער, און מיין פּנים רירט זיך אָן אָן די צוויי הענט, וואָס האָבן מיך אַזוי איבערגעשראָקן. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז אָט קלאַמערן זיך די הענט אַרום מיין האַלז און דערשטיקן מיך...

דאָס קנאַלן פון די ביקסן און קאַנאָנען האָט מיך צוריקגע-

בראַכט צו מיינע חושים. איך שיס אַריבער, אַלע שיסן. די לופט ווערט אָנגעפילט מיט רויך. זייערע קוילן פאַלן נאָענט פון מיר. איך וויל זיך באַשיצן נעגן די קליינע שדים, וואָס טאַנצן אַרום מיר, און איך באַשליס אַרויסצושלעפן דעם טויטן, אים אַוועקלעגן פון פאָרנט אַנקעגן מיר, אַזוי אַז די קוילן, וואָס פליען צו מיר, זאָלן אים טרעפן. איך שלעפּ אים אַרויס פון אונטער דער ערד, דערזע איך, אַז עס איז אַ דייטש. ער טראָגט נאָך דעם העלמעט אויף'ן קאָפּ. זיין פּנים איז האַלב אָפּגעריסן, עס הענגען נאָך זיינע גרויסע געלע ציין. ער איז אָנגעבלאָזן און אַ שרעקלאַכער געזוך טראָגט זיך פון אים. איך פיל, אַז איך ווער דערשטיקט, אָבער איך האַלט אים: ער קומט מיר צוניץ. עס עקלט מיך, איך קען אויף אים ניט קוקן. וואוהין איך זאָל ניט אַוועקדרייען מיינע אויגן פון אים, זע איך אים אַלץ. איך קוק צום פראָנט, מיינע אויגן זיינען אָנגעשטרענגט צו שיסן אין ציל. דאָך פאַלן מיינע בליקן אויף זיין מיאוס'ן פּרצוף. איך דריי אים איבער מיט דער פּלייצע צו מיר, איך לעג אַוועק מיין ביקס אויף אים און שיס. קוילן לעכערן אים דורך און פאַלן אַריין צו מיר אין גרוב אַריין.

מיר אַוואַנסירן ווידער. אויף יעדן טריט פאַרלירן מיר סאָל־דאַטן. פון דערווייטנס דערזעען מיר שפּיצן פון אייזערנע היט־לען. זיי ליגן אויף דער אַנדערער זייט באַרג און שיסן אַריבער. מיר ווערן ווילד, אונזערע מוחות צינדן זיך אָן, די אויגן ווערן אָנגעלאָפן מיט טרערן, מיט בלוט. דאָס האַרץ הויבט אָן וויינען, מען שרייט פאַרצווייפלט, און די אויערן הערן נישט וואָס מען שרייט; מען ווערט ווילד און משוגע.

מיט ווילדע קולות לויפן מיר צו זיי. זיי פאַרשניידן גאָר אָן אַ שיעור פון אונזערע. ווען מיר קומען צו אַ הונדערט מעטער פון זיי, פאַלן מיר צו דער ערד. מיר נעמען אונזערע האַנט־גראַנאַטן און רוקן זיך אויף די בייכער נעענטער צו זיי. מיר וואַרפן אַריבער די גראַנאַטן איינס נאָכ'ן אַנדערן, און — זי־י־פּ! — דער אויפ־רייס ברעכט פאַנאַנדער... זייערע געשרייען מאַכן אונז אינגאַנצן ווילד. מיר זיינען מער ניט קיין מענשן, נאָר ווילדע חיות. מיר האָבן אַלע איין געדאַנק: זיי דאַרט אַלע אויס'הרג'ענען!...

מיר הויבן זיך אויף און מיר לויפן צו זיי. מיר וואַרפן גראַנאַטן און טרעפן אין די קעפּ, אין די בייכער, אין די פּנים'ער... די קולות פוןביידע זייטן טראָגן זיך ביז אין די הימלען. מיר זיינען ווילד און פאַרצווייפלט, מיר בעטן גאָט און רופן: מאַמע!

דער גאַנצער פראָנט איז משוגע...

מיט אויסגעשטשירעטע ציין וואַרפן מיר זיך אויף זיי. אונ־זערע ווילדע פּנים'ער דערשרעקן זיי. זיי וואַרפן אוועק די ביקסן, הויבן די הענט אין דער הויך און שרייען: קאַמעראַד! קאַמע־ראַד! אַ סך שטעלן זיך אַנקעגן. רעכטס פון מיר שטעכט אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט אַ דייטש און טרעפט אים גלייך אין גאָרגל אריין. מען שטעכט דעם וואָס שטייט נאָך אויף די פיס, און מען שטעכט נאָך אַ מאָל דעם וואָס ליגט שוין אויף דער ערד הילפלאָז. אַפילו טויטע שטעכט מען...

אָט זע איך ליגן איינעם אין אַ טייך בלוט; ער קוקט מיט זיינע גרויסע אויגן. זיי מאַכן זיך יעדער ווייל האַלב צו. עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי פרעגן: פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַר־וואָס האָט איר מיר אָפּגעהאַקט מיין לעבן?

אָט זע איך ווי אַ סאָלדאַט מוטשעט זיך און קען ניט ארויס־ציען דעם באַיאָנעט פון זיין קרבן. ער האָט געהאַט יענעם דורכ־געשטאָכן דאָס האַרץ און דער באַיאָנעט האָט זיך דאָרט פאַר־האַקט. דער סאָלדאַט שיסט אויס זיין ביקס, די ביקס שפּרינגט אָפּ אויף צוריק און אַזוי ארום ציט ער ארויס דעם באַיאָנעט.

איך לויף מיט ווילדע אויגן, ווי אַ צורייצטע חיה. עס קומט מיר אַנקעגן איינער מיט אַ גרויסער בלאָנדער באָרד. ער שרייט פאַרצווייפלט: קאַמעראַד! קאַמעראַד! די ווילדע חיה אין מיר זעט ניט, אַז ער האַלט זיינע הענט אין דער הויך און הערט אויך נישט זיינע פאַרצווייפלטע געשרייען. איך וואַרף זיך אויף אים מיט מיין ביקס, דער שפּיץ פון מיין באַיאָנעט רירט אָן זיין ברוסט. איך דערהער פּלוצלינג זיינע פאַרצווייפלטע קולות, און זיינע איבערגעשראָקענע אויגן דערשרעקן מיך. איך צי צוריק מיין ביקס און נעם אים אין געפאַנגענשאַפט... איך טרעט אויף טויטע, מיינע שיך זיינען איינגעטונקען אין בלוט.

אַמ טרעפֿן זיך צוזאַמען צוויי. ביידע שטעכן איינס ס׳אַנ־דערע אין דער זעלבער צייט און פֿאַלן ביידע צו דער ערד.

פֿון דערווייטן דערהערן מיר דאָס קנאַקן פֿון אַ מאַשין־ביקס. מיר זעען זי ניט. זי איז פֿאַרשטעלט, קאַמופֿלאַזשירט. מיר לאָזן זיך לויפֿן צו דעם אָרט, פֿון וואַנען די קוילן קומען. זאַלבע־פֿינפֿט יאָגן מיר זיך אַהין. צוויי פֿאַלן אין גיכן. מיר זיינען פֿופֿציג מעטער פֿון דאָרט. מיר וואַרפֿן אַריבער האַנט־גראַנאַטן און עס ווערט דאָרט שטיל. צוויי דייטשן קריכן אַרויס פֿון דער נעסט. זיי האַלטן די הענט אין דער הויך. מיר שטייען לעבן זיי, מיט די שפּיצן פֿון אונזערע באַיאָנעטן רירן מיר אָן זייערע בייכער. איינער איז נאָך באַהאַלטן, ער וויל ניט אַרויסקומען. אונזערער אַ סאָלדאַט וואַרפֿט אויף אים אַ גראַנאַט און מיר גייען אַוועק מיט די צוויי.

פּלוצלונג הייבן אָן פֿאַלן קוילן לעבן אונז — קוילן פֿון אונ־זער אייגענער אַרטילעריע: זיי מיינען, אַז זיי שיסן אויף די דייטשן. מיר זיינען צו שנעל געלאָפֿן, זיינען מיר שנעלער אָנ־געקומען צו די דייטשע ליניעס, פֿריער ווי אונזערע האָבן אויסגע־רעכנט. דערווייל פֿאַלן עטלאַכע פֿון אונז פֿון אונזערע אייגענע קאַנאָנען. די עראָפּלאַנען, וואָס פֿליען מיט אונז, בעת מיר מאַכן די אַטאַקע, קערן זיך שנעל אום און לאָזן וויסן, אַז זיי זאָלן אויפֿהערן צו שיסן.

פֿיר אַזייגער נאָכמיטאָג זיינען מיר שוין אין סיערדזש און מיר גראָבן זיך איין. אייניגע סאָלדאַטן ליגן אַזוי ווי פֿאַר־טשאַדעטע. זיי ווייסן נישט וואָס ס׳האָט פּאַסירט, צי לעבט מען, צי איז מען טויט, און ווען זיי קומען צו זיך לויבן זיי גאָט פֿאַר זיין חסד.

אונזער קעפּטן קומט צו אונז צו און מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין פּנים זאָגט ער צו אונז:

— באָיס, מיר האָבן אונזערס גענומען. איצט דאַרפֿן מיר האַלטן די פּאָזיציע ביז אַ צווייטע דיוויזיע וועט אונז פֿאַרבייטן.

ער גייט צו צו אַ סאָלדאַט, וואָס טראָגט אַ שטייג מיט טייבעלאך. ער נעמט פֿון שטייג אַרויס צוויי טייבעלאך. צו זייערע פֿליגל בינדט ער צו צעטעלאך און ער לאָזט זיי אָפּ.

אונזערע שונאים דערזעען די טייבעלאך, הויבן זיי אָן אויף זיי צו שיסן. די טייבעלאך הויבן זיך אויף גאַנץ הויך און ווערן דערטרונקען צווישן די וואָלקנס און פליען מיט די צעטעלאך צו אונזער גענעראַל שטאַב.

די דייטשן, וואָס זיינען אנטלאָפן, האָבן זיך ערגעץ אָפּגע־שטעלט און שיקן אריבער צו אונז אַלערליי סאָרטן גאַז, — גאַז צו ניסן, זענעפט־גאַז, ברען־גאַז און נאָך פארשיידענע אַנדערע מינים גאַז. מיר ניסן, עס שטיקט אונז, עס שמאַרצט אונז אין די אויגן, עס גיסן זיך ביי אונז טרערן, כאָטש מיר טראָגן אונ־זערע גאַז־מאַסקעס. זיי רייסן פון אונז שטיקער, אָבער מיר רירן זיך ניט פון אָרט.

מיר פירן אוועק די געפאַנגענע ווייט הינטער אונז. די דייטשע אַרטילעריע שיסט אונז נאָך און הרג׳עט אויס זייערע אייגענע סאָלדאַטן. די געפאַנגענע ווערן פארצווייפלט און הויבן אָן לויפן. זיי ווילן וואָס גיכער אַנטלויפן פון דעם גיהנום.

פאַרנאַכט האָט אונזער אַרטילעריע אָנגעהויבן שיסן איבער אונזערע קעפּ אַ גאַנצע שעה אָן אויפהער. די דייטשן זיינען שטום געבליבן. אונזערע קאַנאָנען פירט מען אַלץ נענטער און נענטער צו אונז. מיר ווייסן דאָס, און יעדער איינער פון אונז איז צופרידן, ווייל מיר ווייסן ווי וויכטיג זיי זיינען דאָ.

איך רוק זיך צו צו אַ פאַרוואונדעטן. איך וויל אים העלפן פארבינדן זיין וואונד. איך קאָן אָבער בשום אופן נישט איינ־האַלטן דאָס בלוט, וואָס גיסט זיך פון אים: אַ שטיק געזעס איז פון אים אָפּגעריסן. זיינע וואָלענע הויזן און זיין ווינטער־מאַנטל זיינען דורכגעווייקט מיט שוואַרץ בלוט. ער קרעכצט. איך גיב אים אביסל וואַסער צום מויל. מיט זיינע פאַרגליווערטע אויגן דאַנקט ער מיר. איך קוק זיך צו צו אים, ער ליגט אויף אַ זייט און בייסט זיינע ליפּן פאַר ווייטאָג. איך פרעג זיך אַליין: פון וואַנען נעמט זיך צו מענשן אַזוי פיל בלוט?

אונזער דאָקטאָר גייט צו צו אים, טאַפּט אָן דאָס אויפגע־ריסענע אָרט. מיט באַדויערונג שאָקלט ער מיט׳ן קאָפּ און גייט אָפּ צו אַן אַנדערן.

די לייכט־פאַרוואונדעטע העלפט ער פאַרבינדן און טרייסט זיי, אַז באַלד וועט מען זיי צונעמען פון דאַנען.

איך קוק זיך צו צו די טויטע, וואָס ליגן מיט האַלב אָפענע אויגן: זיי דריקן אויס שנאה, צאָרן, פאַראַכטונג. איך קען אויף זייערע פנים׳ער איבערלייענען די לעצטע ווערטער זייערע: פאַר־וואָס קומט עס אונז? פאַר וועמען הרג׳עט מען אונז? איך קוק אויף זיי און טראַכט: אָט אַזוי וועל איך אויך באַלד ליגן, ס׳איז דאָך אוממעגלאַך צו בלייבן לעבן.

מיר ליגן מיט גרויסע אויגן געצילט צו זיי, אפשר וועלן זיי אונז אין מיטן דער נאַכט אַטאַקירן?

איך פאַרטראַכט זיך וועגן מיין היים, מיין מאַמען... איך בין איצט אין אַזאַ געפאַר, אַז אפילו אַ מאַמע קען אויך ניט העלפן. פלוצלינג שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך זע ניו יאָרק, די איסט סאַיד, בראָדוועי, מענשן איילן ערגעץ, מען זינגט, מען טאַנצט, מען פאָרט אין אויטאָמאָבילן, אין סאָבוועיס, עס קאָכט, עס איז לעבעדיג.

און איך ליג דאָ אַ טויטער, כאָטש איך לעב...

אָט שטעלט זיך מיר פאָר שטאַרק׳ס קאַפע, האוסטאָן־גאַס און צווייטע עוועניו. עס איז דאָרט אַ לעבעדיגע וועלט... אַק־טיאָרן, שרייבער, מאָלער, אַלערליי קינסטלער, עטלאַכע אַלטע דייטשן זיצן ביי די טישלאַך. מען שמועסט, מען היצט זיך, מען שפאָרט זיך, ווער עס וועט געווינען די מלחמה. מען רעכנט אויס וויפל פאַרלוסטן אַמעריקע האָט געהאַט, וויפל דייטשן מען האָט גענומען געפאַנגען. די קעלנער סערווירן, דערלאַנגען צו די טישן. אָט דערזע איך ווי איינער בייסט איין אַ שטיק געשמאַקן פרוכט־קוכן. איך וויש די סלינע פון מויל. איך בין מקנא יענע מענשן, וואָס זיי פירן די מלחמה אין שטאַרק׳ס קאַפע און פאַר־בייסן מיט קוכן.

מיין גרוב ווערט פול מיט וואַסער. איך האָב מורא זיך אַ ריר צו טאָן, ווייל אונטער מיין געזעס איז נאָך טרוקן. מיר זיינען אַלע הונגעריג. די פאָרציעס וואָס מען האָט אונז מיט־געגעבן, האָבן מיר שוין לאַנג אויפגעגעסן. אפילו פון די האַרטע קיכעלאַך איז אויך נישטאָ מער קיין זכר.

א סאָלדאַט לויפט מיר פאַרביי און זאָגט:
— גיי גיך, מען טיילט ברויט מיט קאַפע.
שנעל ווי א בליץ שטעל איך זיך אויף, און דאָס רעגן־וואַסער, וואָס האָט זיך אויף מיר געהאַלטן די גאַנצע צייט, גיסט זיך אַרונטער. איך לויף צו דעם אָרט, וואו ער האָט מיר אָנגעוויזן, אָבער איך בין געקומען צו שפּעט. ס'איז שוין גאָרנישט געבליבן. א בייזער, קום איך צוריק צו מיין גרוב. זי איז פול מיט וואַסער. איך בין אין כעס אויף דעם סאָלדאַט, וואָס צוליב אים בין איך פון דאַנען אַרויסגעקראָכן. איך קאָן בשום אופן נישט אַריינזעצן זיך צוריק אין דער נאַסקייט. באַלד דערהער איך אָבער עטלאַכע קוילן קומען, — און איך זיץ שוין איינעווייניג. וואָלט אפילו די גרוב געווען פול מיט קויט, וואָלט איך איצט אויך אַהין אַריינגעשפּרונגען...

„פאַרוואַונדעטע".

אונזערע סאָלדאַטן קלייבן אויף די פאַרוואַונדעטע און טראָגן זיי אַוועק צו א שנעל־הילף־סטאַנציע. מען האָט אונז געגעבן א באַפעל, מיר זאָלן די דייטשן אויך אויפקלייבן. אז זיי ליגן שוין אויף אונזער זייט און גייען אָפּ מיט בלוט, זיינען זיי אונזערע און מיר דאַרפן זיי העלפן.

איך זע ווי צוויי סאָלדאַטן לעגן אַוועק זייער טראָג־בעטל. אויף דעם ליגט א פאַרוואַונדעטער. זיי ווישן אָפּ דעם שווייס פון זייערע פנים'ער און פאַלן אַוועק אויף דער ערד צו כאַפּן דעם אָטעם. זיי זיינען מיד, די וועגן זיינען בלאָטיג און שווער, און נאָך שווערער מאַכט זיי דער דייטשער סאָלדאַט, וועמען זיי טראָגן...

איך קוק זיך צו צום פאַרוואַונדעטן. איך זע ליגן א שטיק פון א מענשן... קוים וואָס ער זשיפּעט נאָך. א האַלבער קערפּער ווייקט אין בלוט, זיין פנים איז געל און שפּיציג, ערטערוייז שוין אָנגעבלאָזן (אַזעלכע פנים'ער זיינען מיר גוט באַקאַנט, זיי ווערן געשוואָלן שטאַרבנדיג). ער ליגט רואיג, עס אַרט אים שוין ניט קיין שום זאַך, קיין ווייטאָגן פילט ער שוין ניט... אַלץ וואָס עס לעבט נאָך אין אים, זיינען זיינע צוויי טיפע לעכער אין קאָפּ, פון וואַנען עס זעען זיך סמנים פון אויגן...

איך פרעג אים:

— קאַמעראַד, ווילסט אביסל וואַסער?

— איך האָב מורא, — ענטפערט ער, קוים וואָס איך הער — מיין בויך איז אָפן...

איך וויל זען וואו ער איז געטראָפן, אפשר וועל איך קענען פאַרבינדן זיין וואונד מיט דעם באַנדאַזשיר־מאַטעריאַל, וואָס איז צוגעשפּיליעט צו זיין פּאַסיק. איך צושפּיליע זיינע קליידער און מיינע הענט ווערן נאַס און רויט... ער ליגט און שווייגט, קוקט מיט זיינע, כמעט אינגאַנצן אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקט זיך פאַר מיר, איך זאָל אים קיין שלעכטס נישט טאָן. איך האָב דערזען, אַז איך קען אים ניט העלפן, אפילו אַ דאָקטאָר וועט אים שוין אויך ניט העלפן: זיין בויך איז אינגאַנצן אויפגעריסן און עס שפּאַרן ארויס שוואַרצע קישקעס...

— מיר איז קאַלט, — זאָגט ער שוואַך.

איך געפין ערגעץ אַ ווינטער־מאַנטל און דעק אים איין. איך דערקען אויף זיין פּנים, אַז ער איז מיר דאַנקבאַר... איך קוק אויף אים מיט רחמנות, איך טראַכט:

ווען ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין ביקס און האָט זיך צו אונז איבערגעגעבן, האָט ער אוודאי אין זינען געהאַט, אַז איצט ווערט ער פּטור פון דעם שרעקלאַכן שלאַכטפעלד, ער וועט זיין ביי אונז אַ געפאַנגענער ביז די מלחמה וועט זיך ענדיגן, דערנאָך וועט ער פאָרן אַהיים, צו זיין טאַטע־מאַמע, צו זיין ווייב און קינד. איז פּלוצלינג געקומען צופליען אַ קויל פון זיינע אייגענע ברידער, האָט זיין בויך איבערגעהאַקט אויף צווייען און געמאַכט אַ סוף צו זיינע שיינע חלומות...

ער ליגט איינגעדעקט מיט דעם אַמעריקאַנער ווינטער־מאַנטל און פּירט אָן אַ קאַמף מיט'ן מלאך־המות...

איך הער ווי איין סאָלדאַט פרעגט ביים צווייטן:

— נו, וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אים?

— וואָס הייסט וואָס? — מיש איך זיך אריין — טראָגט אים צו דער שנעלע־הילף־סטאַנציע.

— צום טייוול! — בייזערט זיך איינער אויף מיר. — גענוג וואָס מיר טראָגן אונזערע, דאַרפן מיר זיך נאָך איינרייסן די

קישקעס טראַגנדיג די לויזיגע דייטשן? לאָמיר אים אריינ־טראָגן אין וואַלד — און פּטור!

איך האָב געפילט, אַז מיין גאַנצער קערפּער האָט פאַר כעס אַ ציטער געטאָן. מיין מוח האָט זיך אָנגעצונדן. איך האָב געפילט, אַז די אָדערן אין מיינע שלייפן ווערן געשוואָלן און באַלד וועלן זיי פּלאַצן. איך בין אָבער באַלד געקומען צו זיך און זיך געכאַפּט, וואו איך געפין זיך. ס'איז מלחמה, דאָ טאָר מען זיך ניט אָננעמען אַן אַנדערנס קריוודע. דאָ דאַרף מען אויף קיינעם קיין רחמנות ניט האָבן ווי נאָר אויף זיך אַליין, און אַז מען וויל ניט כאַפּן פון אַן אייגענעם אַ שטאָך אין האַלז, דאַרף מען הערן, זען און שווייגן... מיט בליקן פון ווייטאָג האָב איך זיי נאָכגעפאָלגט, ביז זיי זיינען מיט אים פאַרשוואונדן אין מיטן וואַלד, צווישן די געדיכטע בוימער.

זעקס טעג כסדר, אָן אויפהער, האַלט אָן אונזער אַטאַקע און זייער געגן־אַטאַקע... די פיס טרעטן שוין ניט אויף דער הוילער ערד...

מיר טרעטן אויף טויטע און פאַרוואונדעטע... דאָס אומ־אויפהערלאַכע שיסן פון זיי דאַרט לאָזט אונזערע סאָלדאַטן ניט צוקומען אויפצוקלייבן די טויטע און פאַרוואונדעטע... דער ריח פון בלוט און נבלה שטיקט אונז צום חלש'ן. אַלע מאָל ברעכט אַן אַנדערער אויס די גרינע גאַל, ווייל עפּעס אַנדערש ליגט ניט אין מאָגן... מיר הונגערן שוין... קיין וואַסער איז אויך נישטאָ... מיר לויפן צו אַ גרוב, וואו עס האָט אריינגע־רעגנט. מיר ווילן טרינקען דאָס קויטיגע וואַסער, דערזעען מיר ארומשווימען אַ שטיק פון אַ קאָפּ... מיר שאַרן אָוועק דעם קאָפּ, נעמען אָן אַ זשמעניע וואַסער און נעצן איין די צונג און די ליפּן...

ביי מיין זייט ליגט אַ טויטער, מיין חבר פון שוץ־גראָבן. כדי זיך צו דערוואַרימען, שלעפּ איך אראָפּ דעם אויבער־ראָק פון מיין טויטן חבר (ער דאַרף אים שוין ניט) און איך וויקל זיך איין אין אים... איך שטעק אריין די הענט אין די קעשענעס און געפין דאָרט צוויי האַרטע קאָרזשעס. פאַר פרייד פאַרליר איך אַזש מיין נשמה און גריזשע דאָס פאַרדאַרטע קיכל, וואָס איז האַרט ווי שטאָל.

אין דער פינסטער זע איך אָנקומען סאָלדאַטן מיט טראָג־בעטלאַך. זיי לעגן ארויף די פאַרוואונדעטע און לויפן מיט זיי שנעל אַוועק.

פון ביידע זייטן איז שטיל. אַלע צען אָדער פופצן מינוט באַווייזן זיך עלעקטרישע שטערנדלאַך פון זיי דאָרט. זיי פליען זייער הויך ביז זיי פאַלן פאַנאַנדער.

איך ליג און טראַכט, ווי איך בין אָפּגעשניטן פון דער אמת׳ער וועלט, פון דער לעבעדיגער וועלט. איך דערמאָן זיך אָן דער היים, אָן דעם לעצטן פסח, ווי איך בין אַהיימגעקומען. איך דערזע מיין טאַטן, מיין מאַמען, מיינע שוועסטער און ברידער און זיך אַליין, ווי מיר זיצן ביי אַ וויים־געדעקטן טיש. מיין טאַטע איז אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל און אין אַ ווייסער יאַר־מעלקע. ער זיצט אויבנאָן, אויף אַ ברייטער שטול מיט צוויי קישנס אָנגעלענט.

פון דעם בילד ווערט מיר אַזוי גוט, אַז עס וואַרעמט מיך אין אַלע אברים. איך דערמאָן זיך ווי אַלע ביים טיש האָבן זיך געשפּאַרט מיט מיר, אַז נאָר איך זאָל פרעגן די פיר קשיות. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט און מיין אינגערער ברודער, לייזער, האָט פאַר מיר געפרעגט די קשיות... איך פיל דעם טעם פון די אַלע גוטע מאכלים, איך טרינק איין כוס נאָך דעם אַנדערן. איך לעב איצט אין אַן אַנדער וועלט...

באַלד אָבער פאַל איך אריין אין מרה־שחורה. איך דערזע דאָס טרויעריגע בילד נאָכ׳ן סדר. ווען אַלע זיינען געגאַנגען שלאָפן בין איך און מיין מאַמע געבליבן זיצן ביים טיש. זי האָט אויף מיר דערקענט, אַז איך בין אומרואיג און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. זי איז צו מיר צוגעשטאַנען, איך זאָל איר זאָגן, וואָס מיר איז. פאַר וואָס איך בין די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געזעסן ביים סדר, געווען אַזוי מרה־שחורה׳דיג און בין עס נאָך איצט. זי האָט זיך געשראָקן, אפשר בין איך, חלילה, קראַנק. איך האָב איר ניט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש און אויס־זאָגן דעם אמת. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך פיל זיך גוט, אַז עס ווייזט זיך איר נאָר אויס, אַז איך בין ניט מיט אַלעמען. זי האָט מיר ניט געגלויבט און האָט מיך באַשוואוירן ביי איר

לעבן, אַז איך מוז איר אַלצדינג דערציילן, וואָס מיט מיר איז, קיין זאַך ניט פֿאַרלייקענען. און אַז איך האָב איר געזאָגט: „מאַמע, מען האָט מיך צוגענומען פֿאַר אַ סאָלדאַט!" — האָט זי ביי מיר ארויסגענומען מיין הארץ, ווען זי האָט ארויסגעשריען: „אוי, ווי איז דער מאַמען"... איך האָב זיך דערשראָקן פֿאַר איר פּנים, וואָס איז מאָמענטאַן פֿאַרענדערט געוואָרן. ביי די ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען אויפֿ'ן טיש און האָבן שוין געצאַנקט, האָט איר פּנים אויסגעזען נאָך בלאַסער ווי דאָס ווייסע טישטוך וואָס איז געלעגן אויפֿ'ן טיש. איר פֿאַרטוך, וואָס זי האָט געטראָגן, האָט זי נאָס געמאַכט מיט אירע טרערן. איך האָב געפּרואווט זי טרייסטן: „מאַמע, וויין ניט, איך וועל אהיימקומען אַ געזונטער. די מלחמה וועט שוין לאַנג ניט אָנהאַלטן. איך בין דאָך ניט דער איינציגער". מיין טרייסטן האָט ניט געהאָלפֿן. זי איז די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן צופוסנס פֿון מיין בעט און געוויינט, און האָט נאָך נישט אויפֿגעהערט צו קלאָגן און וויינען. די בריוו, וואָס איך דערהאַלט פֿון דער היים, זאָגן דערויף עדות, זיי זיינען באַפֿלעקט מיט אירע טרערן.

עס ווערט מיר היים און קאַלט פֿון די בילדער, וואָס פּלאָנטערן זיך אין מיין קאָפּ, און דאָס אַלץ רופֿט ביי מיר ארויס נאָך אַ שטאַרקערן פֿאַרלאַנג צום לעבן. שטיל ביי מיר אין האַרצן שריי איך צו זיך אַליין: „איך וויל לעבן! איך וויל ניט גע־הרג'עט ווערן!" איך דערשרעק זיך פֿאַר זיך אַליין, איך האָב מורא, אַז איך ווער געדירט פֿון זינען... איך ווער פֿאַרצווייפֿלט און וויל אַנטלויפֿן. אָבער וואוהין לויפֿט מען, אַז אַלץ ארום מיר ברענט?

עס קומט מיר אויפֿ'ן געדאַנק אַ סצענע, וואָס איך האָב געזען, ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר: אין דעם הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט, האָט דער באַלעבאָס געכאַפּט אַ מייזל אין אַ פּאַסטקע. ער האָט די פּאַסטקע מיט'ן מייזל ארויסגעטראָגן אין גאַס, האָט אריינגעגאָסן אהין נאַפֿט און אריינגעוואָרפֿן אַ ברענענדיק שוועבעלע... דאָס מייזעלע האָט זיך אָנגעצונדן. איך האָב עס געזען לויפֿן הין און צוריק איבער דער פּאַסטקע. ס'האָט געקוויטשעט פֿאַרצווייפֿלט ביז ס'איז געפֿאַלן...

אַט אַזוי זײַנען מיר דאָ, מיר ברענען און קווײטשען... ביז מיר פֿאַלן...

אונזערע סאָלדאַטן לויפֿן אַרום פֿאַרשוויצטע, מיט טראַג־בעטלאַך, און רײניקן אָפּ דעם פֿראָנט. זײ גראָבן אויס טיפֿע, ברייטע גריבער און וואַרפֿן אין זײ אַרײַן טויטע דײַטשן, פֿראַנצויזן און אַמעריקאַנער. דער טויט פֿאַראײניקט זײ.

וואָכן אָדער חדשים שפּעטער גראָבט מען צוריק אויף די קבֿרים און מען שלעפּט אַרויס אונזערע סאָלדאַטן. מיר דער־קענען זײ אָן די קלײדער, און באַגראָבן זײ צום צווייטן מאָל, שוין אײנציקווײַז.

יעדער סאָלדאַט טראָגט אויפֿ׳ן האַלז צוויי בלעכלאַך אויף אַ שטריקל. אויף די בלעכלאַך איז אויסגעקריצט דער נומער מיט׳ן נאָמען פֿונ׳ם סאָלדאַט. מיר נעמען אַרונטער די בלעכלאַך פֿון די טויטע סאָלדאַטן, קלאַפּן זײ צו אויף שטיקער האָלץ און קלאַפּן די שטיקער האָלץ אַרײַן אין די קבֿרים. אַ סך נעמען ווערן פֿאַרביטן. און ביי די טויטע, וואָס עס פֿעלן זײ די קעפּ, פֿעלן אויך די בלעכלאַך...

מײַנע אויגן זעען דאָ צו אַזעלכע זאַכן, וואָס אַפֿילו די רײַכ־סטע פֿאַנטאַזיע קאָן זיך אַזוינס נישט פֿאָרשטעלן. איך זע טויטע מענטשן שטײן אויף זײערע פֿיס. אין אַ הויף, אַרומגעצאַמט מיט ברעטער, האָט מען אַרײַנגעלאָזט געפֿאַנגענע, מער ווי פֿיל עס האָט דאָרט געקאָנט אַרײַן. מען האָט זײ דאָרט אַרײַנגעקוועטשט, ממש צוגעפּרעסט אײנס צום אַנדערן. זײ האָבן נישט געקאָנט אַ ריר טאָן מיט קײן אבֿר. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זײ באַדאַרפֿט פֿאַרבלײַבן אין דער ענגער שטײג. פֿאַרטאָג האָט מען זײ גע־זאָלט אָפּשיקן אין אַ געפֿענגעניש־לאַגער. זײערע ברידער האָבן בײַנאַכט אונז מכבד געווען מיט אַ גאַז־אַטאַקע. פֿון ענגשאַפֿט האָבן די געפֿאַנגענע נישט געקאָנט אַרויפֿכאַפּן אין צײַט די גאַז־מאַסקעס אויף זײערע פּנים׳ער און זײ זײַנען דערשטיקט געוואָרן. פֿון ענגשאַפֿט האָבן זײ אויך נישט געקאָנט אַוועקפֿאַלן און זײ זײַנען אַזוי געבליבן שטײן, פֿאַרגליווערטע, טויטערהייט...

מיר דרײען די קעפּ אַהין און אַהער. מיט אונזערע מידע אויגן זוכן מיר די סאָלדאַטן, וואָס דאַרפֿן קומען אונז פֿאַרבײַטן.

אינדערפרי האָבן מיר דערזען אונזערע סאָלדאַטן אָנקומען. מיר ווערן פריילאַך און מיר שרייען: „זיי קומען! זיי קומען!“ מיר פאַרגעסן אָן אונזערע שונאים און דרייען זיך צו זיי אויס מיט אונזערע רוקנס. מיר זיינען נייגיריג צו זען, ווי אַזוי אונזערע סאָלדאַטן קומען אָן.

עס שלעפּן זיך טענקס און הינטער זיי גייען סאָלדאַטן אָן א שיעור. זיי זעען אויס פון דער ווייטן אַזוי ווי מוראַשקעס.

די דייטשן האָבן דערזען אָנקומען אונזערע סאָלדאַטן, האָבן זיי גענומען פייערן איבער אונזערע קעפּ, כדי צו פאַרשטעלן פאַר אונזערע סאָלדאַטן דעם וועג צו אונז.

מיר זעען ווי אונזערע סאָלדאַטן פאַלן צו דער ערד. זיי וואַרטן איבער ביז דעם שונא'ס אַרטילעריע-קוילן פּלאַצן און רייסן אויף די ערד, איבערלאָזנדיג נאָך זיך טיפע גריבער. מיר זעען, ווי אונזערע סאָלדאַטן הויבן זיך אויף און שפּרינגען אריין אין די גריבער. ווען די דייטשן בלייבן שטיל, קריכן אונזערע סאָלדאַטן ארויס פון די גריבער און לויפן צו אונז.

איבערגעשראָקענע, מיט געבויגענע קעפּ לעגן זיי זיך אוועק לעבן אונז און נעמען איבער דעם פראָנט. זיי קוקן אונז נאָך און זעען אונז מקנא, וואָס מיר גייען אוועק פון דאַנען.

די דייטשן שיסן אויף אונז. מיר הויבן אָן לויפן. די פאַרוואונדעטע כאַפּן מיר ארויף אויף די פּלייצעס און לויפן ווייטער, ביז די כחות לאָזן זיך אונז אויס און די פיס ווערן אַזוי ווי צוגעשטוקעוועטע...

דער שונא שיקט אונז נאָך זיינע קוילן. אונזערע סאָלדאַטן פאַלן פאַרוואונדעטע, טויטע... עס ווערט ביטער אויף דער נשמה. איצט, ווען מיר פאַרלאָזן שוין דאָס שלאַכטפעלד, גלוסט זיך נאָך מער נישט צו פאַרלירן דאָס לעבן...

מיר שטעלן זיך אָפּ לעבן א שמאָלן טייך. אויף דער אַנדערער זייט איז א בארג. די אָפיצירן זאָגן אונז, אז ווען מיר וועלן אריבערקריכן דעם בארג, וועלן מיר זיין אויסער געפאַר. אַלע אויגן קוקן אויף דעם בארג און ווינשן זיך צו זיין אויף דער אַנדערער זייט. דאָס בריקל איז צובראָכן פון אַלע זייטן, קוים וואָס עס האַלט זיך. אונזער לייטענאַנט-קוירנעל הייסט

אונז אַריבערלויפן דאָס בריקל מיט לייכטע טריט, איינציגווייז, כדי דאָס בריקל זאָל זיך ניט איינברעכן.

פּלוצלינג הויבן אָן פאַלן קוילן לעבן אונז. אַ סאָלדאַט לויפט אַרויף אויפ׳ן בריקל. באַלד דערהערט זיך אַ פּליוסק, אַ קויל האָט אים געטראָפן און ער איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער... עס ברעכט אויס אַ פּאַניק צווישן אונז; אַ סך לויפן אַריבער דאָס בריקל און אַ סך פאַלן אין וואַסער. איינציגע קריכן אַריין אין וואַסער, שלעפּן אַרויס די פאַרוואונדעטע און גייען אַריבער דעם טייך...

אונזער קאָמפּאַניע שטייט נאָך אויף דער זייט. איך זע סאָלדאַטן לויפן אויפ׳ן באַרג. זיי פאַלן, הויבן זיך שנעל אויף און לויפן ווייטער. די פאַרוואונדעטע בלייבן אָבער ליגן, אָדער זיי קאַטשען זיך אַרונטער פונ׳ם באַרג...

אונזער קאָמפּאַניע קומט אויס די לעצטע אַריבערצוגיין. איך זע ווי דער לייטענאַנט-קוירנעל לאָזט זיך גיין אויפ׳ן בריקל. איך בין שנעל אַרויף און בין געגאַנגען גלייך מיט אים, ביי זיין לינקער האַנט. ווי אַ קליין קינד, וואָס זוכט שוץ ביי דער מאַמען, אַזוי האָב איך געזוכט שוץ ביי אים.ביידע זיינען מיר אַריבערגעלאָפן דאָס בריקל.

מיר זיצן שוין אויף דער אַנדערער זייט באַרג ביי אַ וואַלד און העלפן די פאַרוואונדעטע פאַרבינדן זייערע וואונדן. מיר זיינען מיד און הונגעריג און עסן איז ניטאָ וואָס. אונזער קעפּטן זאָגט אונז, אַז ניט ווייט פון דאַנען קען מען קריגן ברויט און עפּעס צום ברויט. אַ פינף־און־צוואַנציג מענשן לאָזן מיר זיך גיין אַהין. מיר קומען צו צו אַ צובראָכענער שטאָל, זעען מיר שטיין אַ גרויסן וואָגן מיט אַ סך עסנוואַרג. אויפ׳ן וואָגן שטייען צוויי סאָלדאַטן און גיבן אונז צוואַנציג שוואַרצע פראַנ־צויזישע ברויט, פּופּצן בלעכלאַך מיט בעבלאַך און נאָך עטלאַכע בלעכלאַך מיט טאָמייטאָס און איינגעמאַכץ.

מיט פריילאַכע פּנימ׳ער און מיט פולע הענט גייען מיר צוריק. אויפ׳ן וועג בייסן מיר אָפּ שטיקער ברויט און מיר האָבן הנאה. די סאָלדאַטן, וואָס טראָגן די בלעכלאַך, קומען צו די סאָלדאַטן וואָס טראָגן דאָס ברויט און בייסן אָפּ שטיקער.

פלוצלינג הויבן אָן פליען קוילן צווישן אונזערע פיס. מיר פאַלן אויף דער ערד און אַלץ פאַלט ארויס פון די הענט... מיר הויבן זיך אויף און מיר לויפן ווייטער. מיר פאַלן און מיר לויפן, מיר שפּרינגען צווישן די מזיקים וואָס זייערע מאַשין־ביקסן שיקן צו אונז אַריבער. פון די 25 זיינען אַכט צוריקגע-קומען, די איבעריגע זיינען געבליבן אויפ׳ן וועג און צוזאַמען מיט דעם ברויט און די בלעכלאַך האָבן זיי זיך געבאָדן אין בלוט...

די הונגעריגע זיינען אונז באַפאַלן ווי די היישעריקן. א גליק, וואָס מיר האָבן אונזער חלק אויפ׳ן וועג אויפגעגעסן. דער סאַרדזשענט פאַרשרייבט אין א ביכעלע די נעמען פון די וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט. הערשל קוקט אויף מיר מיט צוויי הונגעריגע גרויסע אויגן און איך גיב אים פון קעשענע זיין חלק. איך האָב אים ניט פאַרגעסן.

אַלע זיינען אומעטיג, זיי באַדויערן אונזער דורכפאַל. ס׳אַרט זיי ניט פאַר די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געבליבן אויפ׳ן וועג, נאָר פאַרוואָס מען האָט ניט געבראַכט דאָס גאַנצע עסן...

אין וואַלד ליגן דייטשן און שיסן אויף אונז. מיר לאָזן זיך אריין אין דעם שטעכיגן וואַלד זיי זוכן. די צווייגן צו-שטעכן אונז די פּנים׳ער, די הענט און די פיס. זיי שיסן אויף אונז און מיר זעען זיי ניט. די פראַנצויזישע אַרטילעריע איז געוואָויר געוואָרן, אַז אין דעם וואַלד געפינען זיך דייטשן. זיי האָבן אָבער ניט געוואוסט, אַז מיר זיינען אריין אינ׳ם וואַלד זיי זוכן. האָבן די פראַנצויזן גענומען פייערן אויפ׳ן וואַלד. דאָס שיסעריי האָט איבערגעקערט די בוימער מיט די וואָרצלען און אונז טיף אריינגעגראָבן אין דער ערד. צוריקלויפן קענען מיר ניט, דער וועג איז שטעכיג. מיר שפּרינגען אַריבער די אומגעפאַלענע בוימער און מיר פאַלן אַרויף אויף די פאַרוואונ־דעטע. אונזער קעפּטן האָט גלייך אויסגעשאָסן אַן עלעקטרישן ראַקעט, כדי די פראַנצויזן זאָלן זען, אַז מיר זיינען אין דעם וואַלד, און באַלד זיינען די פראַנצויזן אַנשוויגן געוואָרן. מיר זיינען אַרויס פון וואַלד און מיר האָבן מיטגענומען וויפיל פאַר־וואונדעטע מיר האָבן נאָר געקענט...

די דייטשן האָבן אויך געזען אונזער ראַקעט, האָבן זיי אָנגעהויבן פייערן מיט זייערע אַרטילעריע אויף אונז. מיט אונזערע קעפּ טיף אַריינגערוקט אין די אַקסלען לויפן מיר און שרייען פאַרצווייפלט. וואו מיר לויפן, פליען קוילן און רייסן אָפּ שטיקער פלייש. מיר לויפן און מיר שרייען, די קוילן ליאַרעמען און די פאַרוואונדעטע קרעכצן. די מזל׳דיגע אַנטלויפן. לויפנדיג, קוקן אַלע מיט די אויגן אויף די סאָלדאַטן, וואָס לויפן מיט׳ן ברויט אין די הענט. אויב זיי וועלן לעבן בלייבן נאָך דעם געלויף, ווילן זיי זיין זיכער, אַז זיי וועלן קענען כאַפּן אַ שטיקל ברויט און שטילן דעם הונגער. פאַלט ביי איינעם אין געלויף אַרויס אַ ברויט פון די הענט, בויגט זיך אַן אַנדערער איין און הויבט עס אויף און לויפט ווייטער... איצט טראַכט יעדער איינער נאָר פון צוויי זאַכן: לעבן בלייבן און עסן...

לויפנדיג זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף, וואָס איז געווען איינגאַנצן צושאָסן, בלויז סמנים פון הייזער זיינען דאָרט פאַרבליבן. מיר זעצן זיך אויף די ציגל און איינגעפאַלענע ווענט און מיר טיילן זיך מיט׳ן ברויט. שטשורעס האָבן דערשמעקט דעם ריח פון ברויט, זיינען זיי אַרויסגעקראָכן פון הינטער די חורבות זוכן ביי אונז עסן. מיר וואַרפן אויף זיי אַ ציגל. זיי אַנטלויפן און קומען גלייך צוריק. איינער כאַפּט אַ טויטן שטשור ביים עק און וואַרפט אַ צווייטן סאָלדאַט אין פּנים אַריין. חברה לאַכן. יעדן מאָל כאַפּט אַן אַנדער סאָלדאַט דעם שטשור און וואַרפט אים אַריין צווישן עולם.

מיר קריכן אַרויף אויף אַ בוידעם פון אַ שטאַל. אויף דעם בוידעם ליגט אַ סך שטרוי און היי. מיר לעגן זיך שלאָפן.

באַלד דערפילן מיר, אַז מיר זיינען ניט אַליין... שטשורעס און מייז שפּרינגען אַרום. זיי פאַרטשעפּען זיך אָן אונז און לויפן אַוועק. חברה דעקן זיך איבער מיט זייערע קאָלדרעס אַריבער די קעפּ, נורען זיך איין און ווערן באַלד אַנשלאָפן.

זינט קאַרפּאַראַל מעקלאַפלין האָט געקראָגן אַ ביס פון אַ שטשור, בעת ער איז געשלאָפן, און עס איז אים פאַרבליבן אַ סימן אויף דער לינקער באַק, האָט הערשל אויסגעפונען אַן אייגן מיטל ווי אַזוי זיך צו באַשיצן פון אַ ביס אין פּנים. ער נעמט

זיין רעגן-מאַנטל, לעגט אים ארויף אויפ'ן קאָפּ, און פון ביידע אָרבל מאַכט ער אַ שטאַרקן קנופּ ביים האַלז. אַזוי אַרום קענען די פיר־פיסיגע חיה'לאַך ניט צוקומען צו זיין פּנים. איך קען אָבער בשום אופן ניט פאַרשטיין ווי אַזוי ער ווערט ניט דער־שטיקט.

איך קען ניט ליגן. יעדן מאָל, וואָס אַ שטשור שפּרינגט אויף מיר ארויף, גרוילט אויף מיר דאָס לייב און עס הויבט מיר אָן צו איבלען אויפ'ן האַרצן און איך ברעך אויס אַלץ, וואָס איך האָב געגעסן.

איך באַשליס, אַז היינטיגע נאַכט וועל איך ניט שלאָפן. עלעהיי איך בין נאָך אַ נאַכט געווען אויפ'ן שלאַכטפעלד...

איך זיץ און הער זיך איין ווי די שטשורעס קאָמאַנדעווען. איך הער ווי זיי טאָפּטשען מיט זייערע דינע פיסלאַך אין שטרוי, אין היי. מיט אַמאָל בלייבן זיי שטיל. זיי האָבן זיך אָפּגע־שטעלט לעבן די סאָלדאַטסקע פעקלאַך, וואָס ליגן ביי זיי צו־קאָפּנס. זיי האָבן דערשמעקט אונזערע רעזערוו־פּאַרציעס אין די פעקלאַך.

איך זיץ שטיל און ריר זיך ניט פון אָרט. איך וואַרט נאָר, אַז אַ שטשור וועט צוקומען צו מיר און זיך נעמען צו מיין פעקל, וועל איך אים מכבד זיין מיט דער הילצערנער זייט פון מיין ביקס.

איך הער ווי זיי גריזשען די האַרטע ביסקוויטס, וואָס זיי האָבן דערטאַפּט אין די פעקלאַך, און זייער גריזשען גרילצט מיר שרעקלאַך אין די אויערן. איך קען עס ניט פאַרטראָגן. אַ גרויל גייט דורך אַלע מיינע אברים פון עקל צו די פיר־פיסיגע חיה'לאַך. איך וועך אין כעס און טו מיט מיין ביקס אַ שטאַרקן קלאַפּ אין שטרוי און זיי צולויפן זיך. עס בלייבט שטיל אויף אַ ווײַלע. באַלד אָבער הער איך ווי זיי קומען צוריק און הויבן ווידער אָן צו גריזשען.

דורך די צעבראָכענע ווענט שפּאַרט זיך אריין די פינסטערע נאַכט מיט אַ פוילער קעלט. איך ציטער פאַר גרויל און קעלט. איך רוק זיך צו זייער נאָענט צו הערשלען. ער שלאָפט געשמאַק און קרעכצט פון שלאָף. איך הער דאָס שווערע אָטעמען פון

די אַנדערע סאָלדאַטן. אַלע שלאָפן, נאָר איך איינער מיט אַזוי פיל שטשורעס שלאָפן ניט. מיר זיינען וואַך. איך פיר אָן מיט זיי אַ מלחמה אין דער פינסטער. איך בין אויף זיך אַליין אין כעס, פאַרוואָס איך בין אַנדערש פון די איבעריגע סאָלדאַטן. מיר זיינען אַלע געווען זעקס מעת-לעת אויפ'ן שלאַכטפעלד. די גאַנצע זעקס מעת-לעת האָבן מיר קיין אויג ניט צוגעטאָן. מיר זיינען צוריקגעקומען פון פראָנט מידע, צובראָכענע, — און זיי, ווי נאָר זיי האָבן זיך אַוועקגעוואָרפן אויפ'ן היי, זיינען זיי באַלד איינגעשלאָפן. זיי ווייסן אַפילו ניט, אַז מיר ליגן דאָ אין אַ נעסט פון שטשורעס און מייז. זיי שלאָפן. און איך? איך שלאָף ניט. איך בין מיד פונקט ווי זיי, און אַ סך שוואַכער פון זיי, און דאָך קען איך ניט איינשלאָפן. איך מוז טראַכטן איידער כ'וועל אנשלאָפן.

איך זיץ אַזוי איינגעקאָרטשעט אין דרייען און טראַכט ווי איך און נאָך אַ סאָלדאַט האָבן אַוועקגעטראָגן דזשאָן אָ'ניעל צו דער שנעלע-הילף-סטאַנציע. דעם גאַנצן וועג, וואָס מיר האָבן אים געטראָגן, האָט ער געיאָמערט. ער האָט זיך געקאָר־טשעט פאַר ווייטאָג, און דאָס האָט אונז נאָך שווערער געמאַכט דעם וועג. זיין פּנים האָט זיך יעדער רגע געביטן אין פאַרשיי־דענע קאָלירן, און פון זיין מויל האָט געזעצט אַ שוים. ביז מיר האָבן אים געבראַכט צו דער ערשטער סטאַנציע, איז פון אים געוואָרן אַ צוזאַמענגעדרייטער קנויל. זיין פּנים האָט גע־קראָגן אַ קאָליר פון אַש. מען האָט שוין מער ניט געקענט דער־קענען דעם געזונטן דזשאָן אָ'ניעל, דעם פאַרמער פון אַלאַבאַמאַ סטייט. מיר האָבן געטראָגן אויפ'ן בעטל אַ שווער שטיק ערד, וואָס וויינט און קלאָגט... ס'איז געווען פאַרטאָג ווען דעם שונא'ס קויל האָט אים געפּאַקט. מיר זיינען געלעגן אין טיפע גריבער. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו טאָן זיין באַדערפעניש. אַזוי ווי עס איז נאָך געווען פינסטער, האָט ער צו אונז געזאָגט: נאָך וואָס זאָל ער דאָס טאָן אין גרוב, דאָרט וואו מיר שטייען? די שונאים קענען דאָך סאַי ווי ניט זען אין דער פינסטער וואָס עס טוט זיך אין אונזערע רייען. ער איז ארויסגעשפּרונגען פון גרוב און האָט זיך אַוועקגעזעצט... עס האָט ניט גענומען קיין

איין מינוט און ער האָט מיט זיינע קולות און געוואַלטן איבער־געשריגן דאָס קראַכן פון די קאַנאָנען און דאָס בייזע פייפן פון די קוילן. איך און נאָך אַ סאָלדאַט האָבן אים אריינגעשלעפּט צוריק אין גרוב אריין. וואו ער איז געווען פאַרוואונדעט, האָבן מיר ניט געקענט זען. ס'איז נאָך געווען פינסטער אין דרויסן. נאָר נאָך זיינע קולות נאָך האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער איז שווער פאַרוואונדעט. ערשט ווען מיר האָבן אים געבראַכט אין דער הילף־סטאַנציע, וואָס איז געשטאַנען אַן ערך צוויי מייל הינטער'ן פראָנט, און ווען אַ דאָקטאָר האָט פון אים אראָפּגע־שלעפּט די הויזן, האָבן מיר דערזען, אַז דער גליד איז ביי אים אָפּגעריסן.

איך זיץ און טראַכט ווייטער, ווי אַזוי דאָס שלאַכטפעלד האָט געבראַכט אַן ענדערונג אין די באַציאונגען פון די קריסט־לאַכע סאָלדאַטן צו אונזערע אידישע סאָלדאַטן. זיי חבר'ן זיך מיט אונז. דאָס וואָרט „דזשו" געברויכן זיי שוין ניט אַזוי אָפט. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון קעמפּ לי, ווירדזשיניע, ביז די ערשטע טראַנשייען אין דער ערשטער שלאַכט־ליניע, הויבט אָן ביסלאַכווייז צו פאַרשווינדן. אַפילו די גאָר פאַרגרעבטע פון זיי, וואָס פלעגן צו אונז ניט איין מאָל אויס־שרייען, אַז מיר זיינען ניט קיין הונדערט־פּראָצענטיגע פּאַטריאָטן, אַז מיר וועלן אַנטלויפן ווען מיר וועלן ארויפקומען אויף דעם שלאַכטפעלד, — אויך זיי האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען נישט געווען גערעכט אין זייער מיינונג וועגן אונזערע אידישע סאָל־דאַטן. זיי האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן, אַז די אידישע סאָלדאַטן גייען צום פראָנט גלייך מיט זיי, און מיר אַנטלויפן ניט. עטלאַכע סאָלדאַטן זיינען געווען אַנטלאָפן, ווען מיר זיינען געגאַנגען צום פראָנט, איז צווישן די אַנטלאָפענע געווען איין איד. די איבעריגע זיינען געווען קריסטן, און דוקא אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאַט פרייוויליג אָנגעשלאָסן. זיי האָבן אויך געזען ווי הערשל דער איד האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון אַ קריסט בעת אַ גאַז־אַטאַקע. דער קריסטלאַכער סאָלדאַט איז ניט געווען געניט רירעוודיג און האָט די גאַז־מאַסקע ניט ארויפגע־כאַפּט אין צייט אויף זיין פּנים, האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט

גאַז און איז מאַכטלאָז געפאַלן צו דער ערד. דאָס שיסערײַ איז געווען אומרחמנות׳דיג, אָבער הערשל האָט אײַנגעשטעלט זײַן אייגן לעבן און איז געלאָפן ראַטעווען אַ קריסטלאַך לעבן. ער איז צוגעשפּרונגען צו דעם סאָלדאַט, וואָס האָט שוין געהאַט געבראָכן מיט דער גרינער גאַל, און האָט אים אָנגעטאָן די גאַז־מאַסקע.

זיי האָבן אויך געזען ווי אידיש בלוט רינט פּונקט אַזוי ווי קריסטלאַך בלוט, און עס זײַנען פון זייערע פּנים׳ער פלוצלינג פאַרשוואונדן די סימנים פון פאַרביסנקייט צום אידן, און אויף זייער אָרט האָבן זיך באַוויזן סמנים פון מורא, שרעק און פאַר־צווייפלונג. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם מיאוס׳ן טויט דאָ אויפ׳ן שלאַכטפעלד, און דער שרעק האָט געליײַטערט זייערע געפילן. דער שרעק האָט ברייט געעפנט זייערע אויגן און זיי האָבן דערזען אין וואָס פאַר אַן אומגליק זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן. זיי האָבן דערפילט דעם גרויל, די אוממענשלאַכקייט פון מלחמה. דאָס אַלץ האָט געהאָלפן צו פאַרקניפּן פרײַנטשאַפט צווישן קריסט און איד. איצט חבר׳ן זיי זיך מיט אונז. און מיר אַלע אינאיינעם שילטן מיט טויטע קללות די אוממענשן, וואָס זײַנען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דער מלחמה.

אַז איך וועל נאָך אַמאָל ווידער שפּילן טעאַטער, איז איצט פאַר מיר איבעריג צו טראַכטן. ווען אפילו אַ נס זאָל געשען און איך וועל אַהיים קומען אַ גאַנצער, אָן אַ וואונד, בין איך אָבער גייסטיג פאַרוואונדעט. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען, ווי צענדליגער טויזנטער מענשן פאַלן אָן אַן אויפהער, האָב איך גלייך דערפילט, אַז מײַן מוח האָט זיך איבערגעקערט. מײַן מאַרך האָט זיך אָנגעצונדן, און עס ברענט נאָך. און אפשר וועט שוין אייביג אַזוי ברענען. איך בין נערוועז. איך שרעק זיך פאַר מײַן אייגענעם שאָטן. און אַז איך דערהער אַ ליאַדע שאָרך, הויבט מײַן גאַנצער קערפּער אָן זיך טרייסלען, פּונקט ווי עס טרייסלט זיך אַ קערפּער וואָס אַ גראַנאַט רייסט פון אים אַרונטער דעם קאָפּ... איך בין דאָך אַ משוגע׳נער. ווי אַזוי וועל איך זיך קענען ווײַזן פאַר מײַנע חברים? איך וועל זיך שעמען פאַר זיי, אַז זיי זאָלן זען, וואָס פון מיר איז געוואָרן.

איך וועל זיך אָפּזונדערן פון זיי, ווייל זיי וועלן מיר סיי ווי סיי ניט פאַרשטיין. קיינער וועט מיך ניט פאַרשטיין. איך וועל לעבן אַן אייגענע וועלט און וועל קיינמאָל ניט אויפהערן צו טראַכטן ווי אַזוי שאַפט מען אָפּ מלחמה, וואָס איז פון אייך אַלע, דאָרט אין דער היים, אַזוי ווייט, אַזוי פרעמד...

אויפ׳ן וועג צום פראָנט.

מיר גייען צום פראָנט. הערשל גייט לעבן מיר און טאַפּט אַלע מאָל אָן מיט דער האַנט דעם סידור, וואָס ער טראָגט מיט זיך, און מורמלט אין דער שטיל: שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ אחד. און אַז איך הער ווי ער בעט צו גאָט, דערשרעק איך זיך און מורמל אויך אין דער שטיל: „שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ אחד”, און זע, צי איך האָב ניט פאַרלוירן די קמיע (קאַמייע), וואָס איך טראָג די גאַנצע צייט אויף מיין האַלז.

די קמיע האָט מיר מיין טאַטע מיטגעגעבן. איידער ער איז געוואָרן אַ שוחט, איז ער געווען אַ סופר. האָט ער אַליין אויף אַ שטיקל פּאַרמעט אויפגעשריבן דאָס קאַפּיטל תהילים: „מאין יבוא עזרי”. ער האָט דאָס שטיקל פּאַרמעט צונויפגעדרייט און עס אַריינגעלייגט אין אַ קליין גאָלדן פּלעשעלע וואָס ער האָט ספּעציעל באַשטעלט ביי אַ גאָלדשמיד. ער האָט דאָס פּלעשעלע צוגעטשעפּעט צו אַ קייטל און עס מיר געגעבן, אַז איך זאָל עס אָנטאָן, ווען איך וועל אָנקומען אין קעמפּ.

איך האָב עס אפילו ניט געוואָלט נעמען ביי אים. אָבער ער איז צו מיר צוגעשטאַנען, מיין מאַמע אויך, און איך האָב די קמיע ביי אים גענומען און צוגעזאָגט, אַז איך וועל זי אָנטאָן אויפ׳ן האַלז.

אין קעמפּ ליע האָב איך גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן אָן דער קמיע. נאָר ווען איך האָב דערזען מיין טאַטן אין קעמפּ, בעת ער איז געקומען צו מיר אויף באַזוך, ביין איך גליך אַריינגע־לאָפן אין קאַזאַרמע, האָב אַרויסגענומען פון מיין פּעקל זאַכן די קמיע און האָב זי אָנגעטאָן, — טאָמער פרעגט ער מיך, צי איך

טראָג זי, זאָל איך אים קענען ווייזן אז יאָ. און עס איז טאַקע שפּעטער אַזוי געווען. ער האָט מיך געפרעגט, און איך האָב אים געהאַט וואָס צו ווייזן.

ביינאַכט, ווען איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, ביים אויסטאָן זיך, האָב איך געוואָלט אַרונטערנעמען די קמיע פון האַלז, נאָר עפּעס אַ בלינד געפיל האָט מיך ניט דערלאָזן, און איך טראָג נאָך די קמיע עד־היום. דער פּראָנט, די נויט, אין וועלכער מיר געפינען זיך — דאָס מאַכט אונז פאַר אַבערגלויביגע.

מיר בלייבן נעכטיגן אין אַ דאָרף דרייסיג מייל הינטער'ן פראָנט. דאָס דאָרף שטייט אויף הויכע בערג, און די בערג זיינען געדיכט באַוואַקסן מיט שוואַרצע ווייַנטרויבן. חברה וואַרפט זיך אויף די ווייַנטרויבן אַזוי ווי הונגעריגע וועלף. מען פּליקט און מען שטופּט אין מויל אַריין, ביז די בייכער הויבן אָן אויפצולויפן. מיר ניאָרן זיך אַזוי אוים אין די בלאָטיגע ווייַנגערטנער, אַז ווען מיר הויבן זיך אויף, זעען מיר אַלע אוים ווי מיר וואָלטן זיך געהאַט אויסגעבאָדן אין אַ טייך בלויען טינט...

אין דעם הויז, וואו הערשל, איך און נאָך עטלאַכע סאָלדאַטן האָבן געדאַרפט איבערנעכטיגן, דרייט זיך אַרום גאָר אַן אַלטער מאַן מיט אַ פאַרצאָגט פּנים. ער טראָגט אַ פּאָר דראָטענע ברילן אויף דער שפּיץ נאָז און ער איז שוין גוט איינגעהויקערט. יעדער איינער פון אונז איז אים באַלד מכבד,—ווער מיט אַ טאָרבעלע טאַבאַק, ווער מיט עטלאַכע פּאַרטיגע סיגאַרעטן. הערשל איז אים מכבד מיט אַ גרויס שטיק קיי־טאַבאַק. דער אַלטער ווייזט אונז אָן אויף אַ צעבראָכענער שטאַל, וואו עס ליגט אַ סך שטרוי און היי. יעדער פון אונז נעמט אָן פולע הענט שטרוי אָדער היי, טראָגט עס אַריין אין שטוב און צעשפּרייט עס אויפ'ן דיל. מיר צענעמען אונזערע פּעק, נעמען אַרוים די קאָלדרעס און גרייטן זיך צו געלעגערס.

אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן זיצט ביים אויוון. זי גיט אַכטונג, אַז דאָס פייער זאָל גוט ברענען. לעבן איר זיצט אַ יונג מיידל פון אַ יאָר 18. זי שיילט קאַרטאָפל און וואַרפט אַריין די אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל אין אַ טאָפּ, וואָס זי האַלט צווישן אירע

פּיס. חברה דערזעט די פּרויען, הויבט מען זיך אָן שאַרן צו זיי. יעדער איינער לויפט שנעל צו זיין פּעקל און קומט צוריק מיט א שטיק שאָקאָלאַד אין האַנט. מיר גיבן די פּרויען שאָקאָלאַד און זיי באַדאַנקען אונז. מיר זיינען פריילאך. מיר ריידן מיט די פּרויען. זיי ענטפערן אונז, נאָר זיי פאַרשטייען ניט, וואָס מיר ריידן צו זיי און מיר פאַרשטייען ניט, וואָס זיי ריידן צו אונז. אָבער מיר ריידן. עס ווערט א געמישעכץ פון שפּראַכן: ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש און רוסיש. מיר פראַ־ ווען א סעודה פון ברויט מיט קאַרטאָפל. חברה מאַכט שוין לויז די פּאַסיקעס. הערשל קלאַפּט זיך אין בויך און שרייט:

— שוין, שוין, עס גייט שוין מער ניט אריין.

איינער טוט א זאָג צו הערשלען:

— העי, רוסקי, דו ביזט דאָך א רוסישער סאָלדאַט... פרעג נאָר ביי די פּרויען, צי זיי וועלן אונז געבן...

הערשל צושרייט זיך אויף זיי:

— מער ליגט אייך ניט אין זינען, חזירים?...

איך זאָג צו הערשלען:

— וואָס־זשע, הערשל, דו וואָלסט זיך אָפּגעזאָגט פון אזעל־ כע שיינע פּרויען?

ענטפערט ער מיר:

— איר פאַרגעסט וואוהין מיר גייען. ווי טאָרן מיר איצט אפילו טראַכטן פון פּרויען? ווי טאָרן מיר אצינד זינדיגן?

ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און רעדט ווייטער:

— זאָל זיך אייך ניט גלוסטן, קומט בעסער שלאָפן, ווייל מאָרגן ווען מיר שוין ניט קענען שלאָפן, סיידן מיר וועלן זיין טויט...

מיר האָבן זיך אויסגעטאָן און זיך אוועקגעלייגט אויף אונ־ זערע געלעגערס. די אַנדערע סאָלדאַטן האָבן זיך אויך באַלד גע־ לייגט שלאָפן. פון אונזערע געלעגערס האָבן מיר ארונטערגע־ שריען צו די צוויי פּרויען און צו דעם אַלטן מאַן: „א גוטע נאַכט!" זיי האָבן אונז געענטפערט און האָבן פאַרלאָשן דאָס קליינע לעמפּל, וואָס איז געשטאַנען אויף א טיש ניט ווייט פון׳ם

אויוועז, און זיינען אריין אין א צווייטן חדר. די לבנה האָט זיך אריינגעשפאַרט דורך די קליינע פענסטער און האָט אָפּגע־שלאָגן אויף דעם דיל, וואו מיר זיינען געלעגן, א שטאַרקן בלויען קאָליר. מיר האָבן זיך גוט איינגעוויקלט אין אונזערע קאָל־דרעס און זיינען איינגעשלאָפן.

שרעקלאַכע קרעמפּן אין בויך האָבן מיך אויפגעוועקט פון מיין טיפן שלאָף. איך זעץ זיך אויף אויפ׳ן געלעגער. איך זע ניט קיינעם פון מיינע מיטשלעפער. הערשל איז אויך ניטאָ. איך כאַפּ אַרויף אויף זיך די שיך און מיין רעגן־מאַנטל און לויף אַרויס אין דרויסן. איך טרעף דאָרט זיצן כאַפּטעס סאָלדאַטן אין צעוואָרפענע גרופּעס. זיי רויכערן, קרעכצן און שילטן די אַרמיי. זיי שילטן פראַנקרייך מיט אירע ווייַנטרויבן.

איך הער ווי הערשל שרייט צו מיר:

— קומט אַהער, אָט דאָ בין איך.

און זיצנדיג אויף מיינע פיס, רוק איך זיך צו אים צו. ער זאָגט מיר:

— פרעגט שוין גאָר נישט, וואָס פאַר א נאַכט איך האָב. איך לויף דאָך שוין צום דריטן מאָל. אַמעריקע גנב האָט א תל געמאַכט פון מיין מאָגן. איך האָב געהאַט א מאָגן, טשוועקעס האָב איך געקענט עסן און עס האָט מיר ניט פאַרשאַדט. נאָר אין אַמעריקע האָבן מיר די רעסטאָראַנען פאַרשאַדט. איר הערט, — זאָגט ער ווייטער צו מיר, — אין רוסלאַנד, מיט א יאָר צען צוריק, האָב איך זיך געוועט מיט א חברה, אַז איך וועל אויף איין מאָלצייט אויפעסן צוואַנציג פרישע פלעצלאַך מיט א פונט וואורשט און פאַרטרינקען מיט פינף פלאַש ביר. נו, ווער מיינט איר, האָט געוואונען? איך!

די נאַכט איז א לעבעדיגע. קיינער פון אונז שלאָפט ניט. אַלע מאָל קומען צו נייע זיצערס.

מיר גייען אריין צוריק אין שטוב. דער בעל־הבית דרייט זיך אַרום א באַרוועסער. מיר האָבן אים אויפגעוועקט. דאָס יונגע מיידל שלאָפט אויך ניט. זי דרייט זיך אויך אַרום א באַרוועסע. אירע שוואַרצע האָר זיינען צופּאַטלט. זי טראָגט א רויט אונטער־קליידל, אָן א בלוזע. איך האַלט זיך ביים בויך און קוק אויף

אירע נאַקעטע פיס. איך באַוואונדער איר קאָפּ שווארצע, לאַנגע האָר, וואָס זיינען געדיכט אַזוי ווי אַ וואַלד. איך קוק אויף איר נאַקעטן האַלז, אירע נאַקעטע אָרעמס און אירע בריסט, וואָס שטייען אָפּ פון אונטער איר שלאָף־העמד. איך עס זי אויף מיט די אויגן.

איך באַקלאָג זיך פאַר דעם אַלטן. איך רעד צו אים אויף שטום־לשון, אַז איך האָב קרעמפּן אין בויך... ער קוקט אויף מיר און זעט ווי אַזוי איך קרים זיך און האַלט זיך ביים בויך. ער האָט רחמנות אויף מיר און פירט מיך אַריין אין אַ קליין חדר׳ל וואו עס שטייט אַ הילצערן בעט, גאָר אַן אַלט־פרענקיש בעט. ער ווייזט מיר אָן מיט דער האַנט, אַז איך זאָל זיך אַהין אַריינלייגן. איך לייג זיך אַריין אין בעט, נורע זיך איין אין קישן און דעק זיך גוט איין מיט דער פּערינע. ער ברענגט מיר אַריין מער ווי אַ האַלב טיי־גלאָז מיט שנאַפּס. איך טרינק עס אויס מיט איין אָטעם און דערפיל באַלד אַ וואַרימקייט אינע־ווייניג אין בויך. מיט אַ צען מינוט שפּעטער ברענגט ער מיר אַריין אַ הייסן אָנגעברענטן ציגעל איינגעוויקלט אין שמאַטעס. ער לייגט דעם ציגל אַרויף אויף מיין בויך, זאָגט מיר עפּעס, וואָס איך פאַרשטיי ניט, און גייט אַוועק.

איך ליג אַזוי אָפּ אַ שעה, פיל איך, אַז מיר איז אַ סך לייכ־טער געוואָרן. איך הויב נאָר אָן איינדרימלען, דערפיל איך, אַז עמיצער שטייט לעבן מיר. איך עפן אויף די אויגן, דערזע איך דאָס מיידל שטיין לעבן מיר. אין האַנט האַלט זי נאָך אַן אָנגעברענטן ציגל איינגעוויקלט אין אַ דיקער שמאַטע. איך וואַרף אַרויס דעם קאַלטן ציגל פון בעט און נעם ביי איר צו דעם הייסן. זי קוקט אויף מיר מיט רחמנות. איך נעם אָן איר וואַרימע האַנט און טו זי אַ לייכטן ציה צו זיך. זי זעצט זיך אַוועק אויפ׳ן בעט. איך האָב באַלד דערפילט, אַז מיין קערפּער ציטערט... איך זעץ זיך אויף און קוק נייגעריג אויף איר. איך זע ווי אירע בריסט גייען אויף און אָפּ, אויף און אָפּ. איך גלעט איר פּנים, און לייכט בויג איך איין איר קאָפּ צו מיר און טו איר אַ קוש. זי רוקט זיך צו נענטער צו מיר. לייגט אַרויף איר האַנט אויף מיין קאָפּ און הויבט אָן גלעטן מיינע האָר... מיר ריידן

ביידע נישט אויס קיין וואָרט. איך העלף איר זיך אריינלייגן אין מיין בעט. מיר דריקן זיך שטאַרק איינס צום אַנדערן. די ווארימקייט פון איר קערפּער פארברענט מיך שיר... איך פיל אזוי ווי א הייסע כוואַליע האָט מיך אַרומגעכאַפּט... מיר נעמען זיך שטאַרק אַרום, און איך גראָב איין מיין פּנים צווישן אירע הייסע, האַרטע בריסט...

„העלדן."

דער אַסיען־רעגן שמייסט אונז בייז און שטעכיג אין די פּנים׳ער. מיר נעמען א סך געפאַנגענע. אויף א סך ערטער שטעלן זיי זיך אפילו ניט אַנקעגן: ווי נאָר זיי דערזעען, אַז מיר לויפן צו זיי, ווארפן זיי באַלד אוועק זייער געווער, הויבן אויף די הענט און שרייען „קאַמעראַד" — זיי גיבן זיך אונטער. איך טראַכט, אפשר האָבן זיי זיך אַלע צוזאַמענגערעדט און באַשלאָסן צו מאַכן א סוף צו דער שרעקלאַכער מלחמה? אַנדערש וואָלטן זיי זיך אַנקעגנגעשטעלט, אזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן ביז איצט.

מיר ריידן צווישן זיך: מן הסתם האָט דאָרטן ביי זיי אויסגעבראָכן א רעוואָלוציע, זיי זיינען פאַרט געקומען צום שכל.

א טאָג שפּעטער האָבן אונז די עסטרייכישע קאַנאָנען צו־וויסן געגעבן, אַז מיר זיינען נאָך ווייט פון׳ם סוף. זיי האָבן אָנגעהויבן פון אונז צו רייסן שטיקער. מיר ווערן פאַרצווייפלט. אונזער אַרטילעריע שטייט ווייט הינטער אונז און קען אונז ניט קומען צוהילף.

דאָ וואו מיר ליגן איצט, איז א פריי פעלד. זיי קענען אונז זען. קיין „דאָג־אוטס" זיינען נישטאָ. מיר קריגן א באַפעל, אַז מיר זאָלן אריינקריכן אין די גריבער, וואָס זייערע קוילן מאַכן, אפשר וועלן מיר זיך אין זיי קענען אביסל באַשיצן.

א סאָלדאַט, וואָס ליגט אין ערד א מעטער ווייט פון מיר, הויבט פּלוצלינג אָן צו שרייען מיט משונה׳דיגע קולות:

— איר שמוציגע שטשורעס, איר׳ט מיך נישט פאַקן!

ער כאַפּט זיין ביקס און שפּרינגט אַרויס פון גרוב.

מיר דערשרעקן זיך פאר זיין אויסזען. ער שרייט ווילד, א שוים זעצט פון זיין מויל. מיר שרייען צו אים: „וואוהין פליסטו, נאר איינער?" — און נאך איידער מיר האבן אים געקענט דערגרייכן און ארײַנשלעפן אין א גרוב, האט דעם שונא'ס א קויל אים געטראפן גלייך אין קאפ אריין. ער איז אוועקגע־פאלן. ער האט נאך באוויזן זיך אנצוכאפן מיט דער האנט ביים קאפ און איז מאמענטאן געווען טויט. דאס בלוט האט זיך דורכגעשפארט צווישן זיינע פארגליווערטע פינגער און האט באגאסן זיין פנים.

איך האב אים געקענט נאך פון קעמפ לי. יאהאן, האט ער געהייסן, א קוילן־גרעבער פון פענסילווייניע, א געזונטער בחור מיט ברייטע אקסלען. איין אויג איז ביי אים געווען קאסאקע. ער האט זיך פרייוויליג אנגעגעבן פאר א סאלדאט און דערפאר האט מען זיין קרום אויג ניט באטראכט פאר קיין חסרון. די ערשטע וואך, ווען מיר זיינען אנגעקומען קיין פראנקרייך, פלעגט ער ארומגיין צווישן די סאלדאטן און ביי יעדן איינעם פרעגן: ווען דענקסטו וועט מען אונז אוועקשיקן צום פראנט?

דעם טאג, וואס מ'האט אונז געלאזט וויסן, אז ביינאכט פירט מען אונז אריין אין די טראנשייען, האט ער געטאנצט פאר פרייד. מיט באגייסטערונג פלעגט ער פוצן זיין ביקס, זי צודריקן צום הארצן, גלעטן און אויסשרייען מיט זיין געזונטן קול:

— צום טייוול! אז איך וועל זיין אויפ'ן פראנט, מוז איך מיט דער ביקס שיסן צען דייטשן. מיין מיידל האט מיר אזוי אנגעזאגט.

און אז איך האב אים אמאל א פרעג געטאן:

— הער, יאהאן, וואס וועט אבער זיין, אז נאך איידער דו וועסט טרעפן דעם ערשטן דייטש, וועלן זיי דיר טרעפן?

האט ער זיך שטארק צעלאכט און געענטפערט:

— גיי שוין גיי, עס וועט ניט פאסירן!

דער פראנט האט אים אינגאנצן איבערגעביטן. ער איז געווארן גאר אן אנדער מענש. עס איז געווען שווער אים צו דערקענען. זיינע רויטע, געזונטע באקן זיינען געווארן בלאס

און איינגעפאלן, זיינע קאַסאַקע אויגן האָבן זיך טיף אַריינגערוקט אין קאָפּ אריין. ער פלעגט זיך באַקלאָגן: „גאָט, עס איז א שרעקלאכע מלחמה, א גיהנום!” ער האָט זיין גוטן אַפּעטיט צום עסן אויך פאַרלוירן און איז מער ניט געלאָפן נאָך א צווייטער פּאָרציע.

מ׳פלעגט אים זען ארומגיין איינער אליין, א פאַרטראַכטער, און מורמלען צו זיך אליין. ער האָט אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסן דאָס שרעקלאכע, וואָס ער האָט מיט זיינע אויגן געזען. ער פלעגט ריידן, אז מלחמה איז גאָר אַנדערש, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע; ריידן פון זיין מיידל, וואָס האָט נאָר געוואָלט אַז ער, איר חתן, זאָל זיין אַ העלד און שיסן דייטשן; זי האָט אים איינגערעדט, אז ער זאָל זיך אָנשליסן אָן דער אַרמיי. דאָ, אויפ׳ן פראָנט, האָט ער זיך שטאַרק דער־שראָקן פאַר׳ן טויט. זיין מוח האָט די מלחמה־משוגעת ניט געקענט אריבערטראָגן... ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון גרוב...

איך ליג אין מיין אליין־געמאכטן קבר און טראכט פון א נאַרישן בריוו, וואס איך האָב געקראָגן פון מיינעם א פריינד, א טאָג אַיידער איך בין אָנגעקומען אהער. ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם בריף, צינדט עס אין מיר אָן מיין בלוט. דער פריינט מיינער שרייבט מיר, אז איך זאָל זיין בראַוו, איך זאָל זיין אַ העלד...

איך טראַכט, אז די מענטשן אין דער היים שטעלן זיך נאָך פאָר די יונגע געזונטע בחורים, וואָס מ׳האָט אוועקגעשיקט קיין פראַנקרייך, דערפאר קאָנען זיי נאָך טראַכטן, אַז מיר זיינען העלדן. ווען זיי זאָלן אונז איצט אָנקוקן, וואָלטן זיי געזען בלויז אונ־זערע שאָטנס. אַין דער קורצער צייט, וואס מיר געפינען זיך דאָ, זיינען מיר געוואַרן אלט און איינגעהויקערט און אויף אונ־זערע פּנימ׳ער איז אויסגעגאָסן דער טויט. ס׳איז שווער צו זיין א העלד, ווען מ׳זעט דעם טויט פאר די אויגן. דאָ איז דער טויט גרויזאם און מיאוס, און דערפאר שרעקן מיר זיך אזוי אַלע פאר אים. און ווען אימיצער פון אונז באַווייזט יאָ אמאָל עפּעס א העלדישקייט, איז דאָס נאָר דערפאר, ווייל מיר ווילן ראַ־טעווען אונזערע אייגענע לעבנס. ווען מענשן זעען דעם טויט

פאַר די אויגן, טוען זיי אַלץ, וואָס עס איז אין זייער מאַכט, אַבי נאָר צו בלייבן לעבן...

איך רעד אין געדאַנק צו מיין פריינט, וואָס האָט מיר געשריבן דאָס קלוגע בריוול, און צו אַלע אַנדערע אַזוי ווי ער: איר זענט ווייט פון אונזער גיהנום, דערפאַר הייסט איר אונז זיין העלדן און איר רופט אונז העלדן. דאָס גרוייזאַמע וועט פאַר אייך אייביג בלייבן אַ סוד.

אָבער די אַלע ציווילע מענשן, וואָס וואוינען אין די לענדער, וואו די מלחמה בושעוועט און זעען מיט זייערע אויגן ווי מיר ווערן איינגעשלונגען פון די פלאַמען, וואָס רינגלען אונז אַרום, — די מענשן טראַכטן גאָר אַנדערש ווי איר. זיי ווייסן דעם אמת...

עס טרעפט, אַז עס גייען אוועק טעג אויפ'ן שלאַכטפעלד און מיר זעען ניט אונזערע שונאים. מיר זעען ניט מיט וועמען מיר שלאָגן זיך. מיר זעען קיין זאַך ניט, נאָר מיר הערן פון יענער זייט דאָס קראַכן פון זייערע קאַנאָנען און ביקסן, וואָס ליגן ערגעץ באַהאַלטן. מיר ווערן גע'הרג'ט אין די טויזנטער. קען מען זיין העלדן קעגן קאַנאָנען?

אויפ'ן שלאַכטפעלד זיינען נישטאָ קיין העלדן און מ'דאַרף ניט קיין העלדן. אַלץ, וואָס מ'דאַרף דאָ, איז — וואָס מער קאַנאָנען־פלייש. און ווער עס וועט קענען מקריב זיין מער מענשלאַכע לעבנס, דער וועט געווינען די מלחמה.

„סואוועניר'ן"

יעדער סאָלדאַט איז להוט צו קריגן אַ סואוועניר פון די דייטשן. כאַפּט מען געפאַנגענע, רייסט מען אַראָפּ די קנעפּלאַך פון זייערע רעק, די בלעכלאַך פון זייערע היטלען. פאַר אַ שטיקל ברויט גיבן די דייטשן אַליין אָפּ די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אַלץ, וואָס זיי האָבן ביי זיך, — מעסערלאַך, ציגאַרן־שפּיצלאַך, שפּיגעלאַך און נאָך אַנדערע זאַכן.

איך שטיי און קוק אויף די דייטשע געפאַנגענע: אַלטע צעבראָכענע מענשן, קוים וואָס זיי לעבן. די אינגערע זיינען בלאַס, איבערגעשראָקן, זייערע קליידער אינגאַצן צעריסן, פון

זייערע שטיוול קוקן אַרויס שפּיצן פון שמוציקע פינגער. איך גיי צו צו אַ יונגען געפאַנגענעם און פרעג אים ווי אַלט ער איז.

— זיבעצן יאָר, — ענטפערט ער מיר. דער מאַמעס מילך ליגט נאָך אויף זיינע ליפּן. איך גיב אים אַ שטיקל שאָקאָלאַד און ער באַדאַנקט מיר. ער בייסט אָפּ אַ שטיקל און אַ פרייד באַווייזט זיך אויף זיין פּנים. און ווען ער שמייכלט, זעט מען נאָך מער אָן, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ קינד.

איך גיי צו צו אַן עלטערן דייטשן געפאַנגענעם און פרעג אים:

— ווי גייט עס, קאַמעראַד?

ער ענטפערט מיר ניט. ער קוקט בייז אויף מיר. פון זיינע קליידער דערקען איך, אַז ער איז אַן אָפיציר.

— ווילסט אַ ציגאַרעט? — פרעג איך אים.

— דאַנקע שיין, — ענטפערט ער. איך זע, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרביסענעם יונקער, לאָז איך אים איבער. נאָך איידער איך בין אָפּגעגאַנגען פון אים אַ צוואַנציק טריט, האָבן שוין חברה אַמעריקאַנער אַרומגעפליקט זיינע קליידער און אָפּגעריסן אַלע קנעפּלאַך. און אַלע געפאַנגענע, וואָס האָבן דאָס געזען, האָבן שטאַרק געלאַכט.

איך בעט איינעם, ער זאָל מיר ווייזן דאָס ברויט, וואָס ער האַלט אונטער׳ן אָרעם. ער דערלאַנגט מיר דאָס ברויט: שוואַרץ ווי קויל, ווייך, ניט אויסגעבאַקן און שווער, שווער פון׳ם וואַסער אין דעם.

— אַפילו אַזאַ ברויט גיט מען אונז אויך ניט גענוג, — זאָגט ער צו מיר.

אייניקע טראָגן דווקא נייע קליידער, נייע שטיוול: זיי זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען צום פראָנט, זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין צייט צו צערייסן די קליידער, ווען זיי זיינען אריינגעפאַלן צו אונז.

— עס וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן די מלחמה, — זאָגט מיר איינער פון די געפאַנגענע. — מיר האָבן שוין ניט קיין סאָלדאַטן. איר זעט, מיר האַלטן שוין ביי קינדער, — און ער ווייזט מיר אָן אויף אַ אינגל, וואָס שטייט און קראַצט זיך.

דער גרויסער ראָק, וואָס ער טראָגט אויף זיך, דעקט אים אינ־גאנצן צו, עס זעט זיך נאָר ארויס זיין קינדיש פּנים מיט א גע־שוירן פלאקסן קעפּל.

— זענט איר צופרידן, וואס איר זענט אריינגעפאלן צו אונז? — פרעג איך ביי אן עלטערן פון זיי.

— מיר זיינען גליקליך! — שרייען זיי אלע אוים — וואָלט איר, אמעריקאנער, גלייך געקומען, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראכן, וואָלט שוין איצט געווען נאָך אלעמען, אָבער עס וועט סאי ווי לאנג נים דויערן, דער סוף איז נאָענט.

מ׳האָט אויסגעקליבן עטליכע צענדליג סאָלדאטן פון אונזערע אויף אוועקצופירן די געפאנגענע פון פראָנט. אויפ׳ן וועג דער־זע איך אויף דער ערד א דייטשע ביקס מיט א באיאָנעט. איך בויג זיך איין און הויב זי אויף. איך האָב שטענדיג פיינט געהאט אויפצוהויבן עפעס פאר א סואוועניר, נאָר דאָס מאָל בין איך געווארן נייגיריג. דער באיאָנעט האָט געצויגן מיין אויפמערק־קייט, ווייל ער איז אביסל אנדערש פון אונזערע. אונזער בא־יאָנעט איז דרייפערטל יארד לאנג, מיט א שפּיץ, איין זייט איז א שארפע; זייער באיאָנעט איז בלויז א האלבן יארד לאנג, אויך מיט א שפּיץ, ער האָט אָבער אנדערע מעלות: ער איז ברייטער און די שארפע זייט האָט קארבן אזוי ווי ביי א זעג. מען שטעכט זי אריין און מען זעגט איבער דעם גאָרגל אָדער דאָס הארץ.

איך טראָג זיך ארום מיט מיינע סואוועניר און טראכט: ווען עס געשעט א נס און די מלחמה ענדיגט זיך איצט, וואָלט איך אהיימגעבראכט די צוויי מתנות פאר אן אָנדעק.

כמעט אלע אמעריקאנער סאָלדאטן טראָגן זיך ארום מיט סואוועניר. יעדער איינער האָט אויף אן אנדער אופן געפונען זיין סואוועניר. א סך האָבן דערביי אפילו פארלאָרן זייערע לעבנס. זייער נייגיריגקייט איז געווען אזוי גרויס, אז אונטער א רעגן פון קוילן האָבן זיי זיך איינגעשטעלט און באזוכט די טויטע דייטשן און אלץ ביי זיי צוגענומען. א סך אמעריקאנער סאָלדאטן פלעגן שוין בלייבן ליגן לעבן די טויטע דייטשן.

איך האָב איינמאָל געזען ווי א סאָלדאט האָט בשום אופן

ניט געקענט אַרונטעררייסן ביי אַ טויטן דייטש אַ רינגל פון פינגער, ווייל דער פינגער איז געווען שוואַרץ און געשוואָלן. ער האָט זיך געמוטשעט איבער דעם פינגער, עס איז אָבער ניט געגאַנגען. רויט פון כעס, האָט ער געטאָן אַ ציארויס זיין באַיאָנעט און מיט איין שטאַרקן קלאַפּ אַרונטערגעהאַקט דעם פינגער. ער האָט אַרונטערגענומען דאָס רינגל און האָט דעם פינגער אַוועקגעוואָרפן.

הערשל פלעגט אויך ליב האָבן זיך אַ פּאָרע צו טאָן לעבן אַ טויטן. ער האָט אָבער ניט געזוכט קיין סואוועניר, ער איז ניט געקראָכן צו די קעשענעס. אַלץ וואָס ער האָט גע־זוכט איז געווען ברויט אָדער אַ קאָלדרע.

ווען מיר האָבן איבערגעגעבן די געפאַנגענע צו אַנדערע סאָלדאַטן און זיינען צוריקגעגאַנגען אויף דעם פראָנט, אונטער אַ האָגל פון קוילן, האָב איך צו זיך געזאָגט: דו נאַרישער מענש, דו רעכנסט אַהיימצוברענגען אַ מתנה פון דעם שלאַכט־פעלד? ווייסטו דען ניט, אַז פון דאַנען איז שווער צוריק אַהיים צו קומען? זעסטו דען ניט מיט דיינע אייגענע אויגן די בערג טויטע און פאַרוואונדעטע? אָט באַלד וועסטו פאַלן טויט און אַ דייטשער סאָלדאַט וועט זיך אַרומטראָגן מיט דיין ביקס, מיט דיין באַיאָנעט.

מיט מיין גאַנצן כח האָב איך אַוועקגעוואָרפן מיינע סוא־וועניִרן. ניין, איך וויל ניט זיין אַזוי נאַריש און זיך אַרומ־טראָגן מיט אַ סואוועניר פון אַ טויטן מענשן, און חלומ׳ען עס אַהיים צו ברענגען, און אַזוי חלומ׳ענדיג אַליין ווערן דער־הרג׳עט און באַגראָבן מיט׳ן סואוועניר...

„אין בעלגיע."

די נאַכט פון 21טן אָקטאָבער, 1918, האָט מען אונז אַריינגעפירט אין טיפע „דאָג-אוטס" און פון דאַנען האָבן מיר געדאַרפט אָנהויבן אונזער אַטאַקע אויף איפּרים.

אונזער דיוויזיע האָט מען געשיקט קיין בעלגיע ניט מחמת אונזער העלדישקייט, נאָר ווייל מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן צד אין דער משפחה: דער מלחמה־מיניסטער, ניוטאָן בעיקער,

איז אַ בירגער פון שטאָט אָחייאָ און אונזער דיוויזיע איז אויך געקומען פון דאָרט. האָט ער גע׳פועל׳ט, אַז אונזער דיוויזיע זאָל קריגן דעם גרויסן כבוד צו זיין פון די ערשטע סאָלדאַטן, וואָס זאָלן פאַריאָגן דעם שונא פון בעלגיע.

נאָך דעם גרויסן פאַרלוסט, וואָס מיר האָבן געליטן אין די אַרגאָן-וועלדער, האָט מען פאַר אונזער אָפּפאָר קיין בעלגיע צוגעבראַכט פרישע סאָלדאַטן אויף אויסצופילן דעם פּלאַץ פון די, וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרלוירן.

די פרישע סאָלדאַטן, וואָס מיר האָבן צוגעקראָגן, קוקן אונז אויס מאָדנע. זיי זיינען נייגיריג צו הערן וואָס מיר רעדן. זיי רוקן זיך צו, שטעלן אָן מויל און אויערן און שלינגען יעדן וואָרט. אריינמישן זיך מיט אַ וואָרט דערוועגן זיי זיך ניט, ווייל זיי זיינען נאָך דאָרט ניט געווען. דאָ אין בעלגיע וועט ערשט זיין זייער ערשטער פראָנט.

איך הער זיך צו ווי זיי רעדן צווישן זיך. איינער זאָגט צום צווייטן:

— גאָט ווייס, אין וואָס פאַר אַ פייער מען פירט אונז!

אויך הערשל הערט זיך צו צו זייער שמועס. ער מישט זיך אריין מיט אַ וואָרט און צו מיר זאָגט ער, אָנווייזנדיג אויף זיי:

— קוק זיי נאָר אָן, מאַלאָקאָסאָסן! זע נאָר וועמען מען האָט אונז צוגעשיקט!...

אויף זייערע יונגע פּנים׳ער ליגט אַ מורא, אָבער די מורא איז נאָך ניט קיין באַשטימטע, זיי ווייסן נאָך ניט גענוי פאַר וואָס זיך צו שרעקן. איך באַדויער זיי: באַלד וועלן זיי טאַנצן דעם משוגע׳נעם טאַנץ. באַלד וועלן זיי אויסגעפינען, אַז „דאָרט" איז דער סוף פון לעבן. באַלד וועלן זיי געוואָר ווערן פון דעם שרעקלאכן סוד, וועלכן מען קען ניט ווייסן, ביז מען קומט אויפ׳ן פראָנט, וואו מען דערוויסט זיך דעם אמת...

אונזערע שונאים זיינען דאָ גוט באַפעסטיגט. זיי האָבן געהאַט גענוג צייט זיך צוצוגרייטן מיט טיפע, אייזערנע דאַגאַוטס. שוין פיר יאָר ווי זיי ליגן דאָ. מיר שרעקן זיך, אפשר זיינען זיי דאָ נאָך שטאַרקער באַפעסטיגט ווי אין די אַרגאָן-וועלדער.

מיר, די עלטערע סאָלדאַטן, זיינען גלייכגילטיג. פאַר אונז איז שוין ניט קיין חילוק, צי זיי זיינען דאָ שטאַרק, צי ניט. מיר האָבן שוין פון לאַנג אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען צו בלייבן לעבן. אונזערע טעג, אפשר מינוטן, זיינען געציילטע.

די בעסער־דערצויגענע סאָלדאַטן רעדן צווישן זיך פון זייערע היימען. פאַר זיך אַרט זיי שוין מער ניט, עס טוט נאָר וויי דאָס האַרץ פאַר די נאָענטע אין דער היים.

פאַרטאָג קריכן מיר אַרויס פון די אונטערערדישע קברים און לאָזן זיך גיין נעענטער צום פראָנט. אַ פוילע קעלט נעמט אונז דורך און מיר באַגעגענען אויך אַ רעגן. די ערד ווערט בלאָטיג. מיט רעגן אין פנים, מיט אונזערע פיס אין בלאָטע, ווערט דער וועג פאַר אונז זייער שווער. קיין הייזער אָדער ציווילע מענשן באַגעגענען מיר ניט, אַלץ וואָס מיר זעען, איז הימל, ערד און סאָלדאַטן.

צוויי אַזייגער ביי־טאָג קומען מיר אָן נאָענט צום פראָנט. מיר בלייבן שטיין, מיר האָבן מורא ווייטער צו גיין: זיי וועלן אונז דערזען. מיר ליגן אויף די נאַסע פעלדער ביז עס ווערט נאַכט.

ביים שיין פון דער לבנה לאָזן מיר זיך ווייטער גיין, און וואָס מער מיר גייען, אַלץ נעענטער קומען מיר צום פראָנט. אַנקעגן דערזעען מיר אַלע מאָל אויפגיין זייערע עלעקטרישע שטערנדלאַך. פאַר די יונגע רעקרוטן איז דאָס אַ נייס, זיי ווייסן ניט וואָס דאָס באַדייט, און אפשר מיינען זיי, אַז זיי זיינען אין דער היים און היינט איז דער פערטער יולי? אין דער שטיל זאָגן מיר זיי אָן די בשורה, אַז מיר זיינען נאָענט צום פראָנט. זיי כאַפּן אַ ציטער...

מיר קריכן אַריין אין די טראַנשייען, וואָס פראַנצויזישע סאָלדאַטן האָבן פאַר אונז געגראָבן. מיר נעמען איבער ביי די פראַנצויזן דעם פראָנט.

ביים שיין פון דעם שונא׳ס ראַקעטן דערזעען מיר שפּיצן פון הייזער. אין דער שטיל רעדן מיר צווישן זיך, אַז מיר ליגן הינטער אַ שטאָט. אונזערע אָפיצירן גייען אַרום אין די טראַנ־שייען און קלייבן סאָלדאַטן צו האַלטן וואַך פאַר אַ גאַז־

אטאקע. איך קריך ארויס פון דער ערד און שטיי אין היט. פון אנקעגן דערהער איך פּלוצלונג דאָס קלאַפּן פון אַ מאשין־ביקס און קוילן הויבן אָן צו פליען צווישן מיינע פיס. איך ווארף זיך אויף דער ערד, איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. אראָפּ־לויפן צוריק אין טראַנשיי האָב איך מורא, איך שטיי דאָך אויף וואַך. איך מוז דאָך שטיין, וואו מען האָט מיך אוועקגעשטעלט. באַלד דערהער איך די שטים פון אַ לייטענאַנט:

— גיך, שפּרינג אריין אין טראַנשיי !

און איך בין שוין אינעווייניג.

אָן אָן אָטעם פרעגט ער מיך:

— ביזט פאַרוואונדעט ?

איך ענטפער אים, אַז ניין.

— האָסט מזל, בחור, — זאָגט ער צו מיר.

ער זאָגט מיר אָן, אַז איך זאָל מער ניט ארויסגיין.

איך זיץ מיט מיין קאָפּ ארונטערגעבויגן און היט. פיר אזייגער פאַרטאָג הויבט אָן אונזער ארטילעריע צו באָמבאַרדירן איבער אונזערע קעפּ. דאָס קלאַפּן פון די קאַנאָנען מאַכט אונז טויב. מיט יעדן שאָס רייסט זיך ארויס אַ שטיק פייער. די דייטשן שווייגן אויך נישט. זיי ענטפערן, און עטלאַכע קוילן פאַלן אריין אין אונזערע טראַנשייען. עטלאַכע סאָלדאַטן פון אונזערע ווערן פאַרוואונדעט.

מיר הערן ווי די דייטשן רעדן הויך אויף'ן קול, אָבער צוליב דעם קלאַפּן פון די קאַנאָנען איז אונז שווער צו הערן, וואָס זיי רעדן. מיר הערן נאָר זייערע קולות, מיר הערן ווי פערד קלאַפּן מיט זייערע פּאָדקאָווע אויף שטיינער, מיר הערן ווי עס ראָלן זיך רעדער אויף אַ שאָסיי.

איך טראַכט ביי זיך: אפשר אנטלויפן זיי. אין דער שטיל זאָג איך צו הערשלען:

— דו הערסט, וואָס דאָרטן טוט זיך ? זיי אנטלויפן.

— ווייס איך וואָס! — ענטפערט מיר הערשל. — עס ווייזט זיך אייך אויס. ניט אזוי גיך וועלן זיי אָפּטרעטן.

אַ נאַכט פון אנגסטן פאַרגייט און אַ כמאַרנער פרימאָרגן קומט אָן. מיר שטייען און מיר ציען אויס אונזערע ביינער,

מיר זײַנען אײַנגעקאַרטשעט געוואָרן פון זיצן. מיר קריכן ארויס פון די טראַנשײען. איצט האָבן מיר פאַר אונזערע שונאים נישט מורא. אַז אונזער אַרטילעריע שיקט צו זיי אַריבער די קעלבלאַך בלײַ, האָבן זיי איצט מיט זיך צו טאָן. מיר ווייסן דאָס, ווײַל בײַ אונז איז אויך אַזוי...

פּונקט זעקס אַזייגער אין דער פרי האָט אונזער אַרטילעריע אויפגעהערט צו באָמבאַרדירן. מ'האָט אונז גלײַך געלאָזט וויסן, אַז אונזער ערשטער באַטאַליאָן איז זעקס אַזייגער געגאַנגען „אָווער די טאָפּ", און מען זאָגט אונז אויך אָן, אַז מיר דאַרפן זיך שוין לאָזן אין וועג אַרײַן. מיר מוזן זיי אָניאָגן און איבערבייטן.

דער טומאַן איז זיך צוגאַנגען און מיר האָבן געקענט זען דאָס שטעטל, הינטער וועלכן מיר זײַנען געלעגן. מיר וואַרטן אויפ'ן באַפעל צו גיין. דערווײַל כאַפּן מיר אַ ציטער, עס קלאַפּט אונז אַ צאָן אָן אַ צאָן פאַר קעלט. באַלד דערהערן מיר די געשרייען פון אונזערע אָפיצירן:

— פאָל אין! פאָרוואַרד מאַרטש!

מיט די ביקסן געצילט צום שונא, לאָזן מיר זיך גיין. מיר גייען אָפּ צען מינוט, באַפעלט מען אונז, אַז מיר זאָלן אַביסל אונטערלויפן. מיר לויפן אַרײַן אין שטאָט, זעען מיר ליגן אויף די שאָסייען אַ סך זעקלאַך מיט צעמענט, פון די זעקלאַך האָבן די דײַטשן אויפגעשטעלט באַריקאַדן און אונזער אַרטילעריע האָט זיי צושאָסן. אויף די וועגן טרעפן מיר ליגן עטלאַכע טויטע סאָלדאַטן אונזערע. איך קוק זיך צו צו איינעם, ער ליגט אויפ'ן רוקן, איין פוס איז בײַ אים אַריבערגעדרייט אויפ'ן צווייטן, זײַן גאָמבע איז רויט מיט פאַרטריקנט בלוט. אויף זײַן פּנים איז דוקא צוגאָסן אַ רוהיגקייט. ער זעט אויס ווי ער וואָלט גע־שלאָפן.

אין דער צווייטער גאַס הערן מיר שוין דאָס קרעכצן פון אונזערע און פון די דײַטשע פאַרוואונדעטע. מיר וואַרפן זיי צו אַ בליק פון מיטלייד און לויפן ווײַטער. מיר קומען צו צו אַ וואַסער. מיר זוכן אַ בריק, זעען מיר, אַז פון דער בריק איז גאָרניט גע־בליבן. אויפ'ן וואַסער שווימען אַרום שטיקער האָלץ... מיר

קריכן אריין אין וואסער ביז'ן בויך און גייען אריבער. מיר לויפן אַלץ ווייטער און פילן ניט די נאַסקייט, עס איז אונז הייס, עס זעצט פון אונז אַ פּאַרע. עס קומען אונז אַנקעגן דייטשע געפאַנגענע. איינער פון אונזערע שרייט צו זיי אריבער:

— וואָס מאַכט דער קייזער?

מיט פרייד ענטפערן עטלאַכע:

„ער איסט יאַ קאַפּוט", און טאַנצן זיך אונטער.

לעבן אַ הויז שטייען עטלאַכע ציווילע מענשן. זיי דערציילן מיר, אַז אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיי געלעגן באַהאַלטן אין קעלער. דורך די פענסטער האָבן זיי אונז דערזען, זיינען זיי ארויסגעקומען אונז באַגריסן. אַן אַלטע פרוי, אַ קליינינקע, אַן אויסגעדאַרטע, מיט הונדערטער קנייטשן אויף איר פּנים, פאַלט צו מיינע פיס. זי קושט מיינע בלאָטיגע שיך און צלמ'ט זיך. זיי זעען אין אונז די ישועה, אַ פרייד ליגט אויף זייערע אויסגעמוטשעטע פּנים'ער. אין די הענט האַלטן זיי גרויסע ערדענע קרוגן מיט מילך און בעטן זיך ביי אונז, מיר זאָלן טרינקען.

מיר זשליאָקען זיך אָן און גייען ווייטער.

פיר אַזייגער נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך איינגעגראָבן. די דייטשן האָבן זיך געלאָזט הערן מיט זייערע קאַנאָנען און מיר האָבן נישט געקאָנט גיין ווייטער.

איך הער אימיצן קרעכצן. איך דריי אויס דעם קאָפּ און דערזע קעלי'ן, פּעט קעלי. ער איז אַ געזונטער יונג, וואָס קען זיך שלאָגן מיט די קולאַקעס, אַ פּרייז-פייטער. איך בין איבערראַשט אים דאָ צו טרעפן. איך ווייס, אַז ער איז אַ פייגלינג. ער איז פון יענע, וואָס ווערן נעלם אויפ'ן וועג צום פראָנט. אַזעלכע זיינען געווען אין די טויזנטער. זיי פלעגן זיך ארומשלייען אין די דערפלאַך, ביז מען פלעגט ארויסשיקן גרויסע טראָקס זיי צוזאַמענקלייבן און ברענגען זיי צו זייערע קאָמפּאַניעס. ער ליגט פאַרקרימט און קרעכצט. ער קוקט אויף מיר מיט צוויי איבערגעשראָקענע אויגן און שרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם שאָטן. ער שרעקט זיך אַפילו פאַר די קוילן, וואָס עקספּלאָדירן ווייט פון אים. ווי ער דערהערט נאָר דעם קנאַק פון אַ קויל, מיינט ער אַז אָט פליט זי צו אים. ער אַקערט מיט זיין נאָז די ערד.

איך טראַכט: וואָלט ער געווען אין די אַרגאַן־וועלדער, וואָלט ער איצט ניט אַזוי מורא געהאַט. ער וואָלט אויך, אַזוי ווי מיר, דערקענט נאָך דעם פייפן פון די קוילן, וואוהין זיי פליען. ער וואָלט אויך געוואוסט, אַז די קויל, וואָס טרעפט, הערט מען ניט פליען. זי קומט צופליען אָן אַ ליאַרם און טוט אָפּ איר בלוטיג שטיקל אַרבעט.

איך קריך צו אים צו און טרייסט אים. איך זאָג אים אָן די בשורה, אַז היינט וועלן מיר ווייטער ניט גיין, מיר וועלן דאָ איבערליגן די נאַכט.

איך דערקען ווייסבערג׳ס קול. ער רופט מיך שטילערהייט. ווי קומט ער אַהער? ער געהער דאָך אויך צו דער חברה, וואָס האָבן אַ טבע צו ווערן פאַרפאַלן אין מיטן וועג. ער איז אַ נידעריג פאַרשווינדל מיט צוויי שוואַכע פיס. דער קאָליר פון זיין פנים איז ווי געלער וואַקס. איך פרעג אים:

— ווי קומסטו אַהער?

— איך ווייס אַליין נישט, ווי איך קום אַהער, — ענטפערט ער מיט אַ ציטער אין דער שטים, — איך האָב זיך נישט גע-קאָנט אַרויסדרייען.

איך הייס אים, ער זאָל זיין גרוב מאַכן טיפער און זאָג אים אָן, ער זאָל למען השם ניט האַלטן דעם קאָפּ אין דער הויך.

איך קריך צוריק צו מיין גרוב און עס פאַרדריסט מיך זייער, פאַרוואָס הערשל איז ניטאָ דאָ מיט מיר. ער ליגט איינ-געגראָבן אַ הונדערט און פופציג מעטער ווייטער פון מיר. איידער מיר זיינען געפאָרן קיין בעלגיע, האָט מען אים אריינגעזעצט איז אַן אַנדער פלאַטון (אַ קאָמפּאַניע איז צעטיילט אין פיר פלאַטונס). מען האָט אים אַרויסגענומען פון מיין פלאַטון און אַריינגעזעצט אין אַן אַנדערן. ער ווייסט וואו איך ליג, און איך ווייס וואו ער ליגט. מיר האָבן צווישען זיך אָפּגערעדט, אַז ביינאַכט וועט ער שוין צוקריכן צו מיר און אָפּליגן די גאַנצע נאַכט לעבן מיר. דערפאַר טאַקע גראָב איך מיין גרוב אַביסל ברייטער, כדי עס זאָל קענען אריין נאָך אַ מענש.

די דייטשן לאָזן זיך הערן זייער אָפּט. זיי הויבן אָן צו טרעפן אין אונזערע רייען. איך ווער אומרואיג. אונזער אַרטי-

לעריע שווייגט, ווייס איך, אַז זי רוקט זיך איצט צו נעענטער צו אונז.

ווייסבערג קומט צוקריכן צו מיין גרוב און קאַטשעט זיך אריין, ער איז מער טויט ווי לעבעדיג.

— ביזט פאַרוואונדעט? — פרעג איך אים מיט שרעק.

— ניין, —ענטפערט ער מיר, — איך האָב מורא אַליין צו ליגן אין מיין גרוב, בין איך געקומען צו דיר.

פון דעם שונא'ס אומאויפהערלאכן שיסן ווייס איך, אַז דאָ וועט זיך באַלד צופלאַקערן אַ גרויס פייער. איך דריי זיך אויס צו ווייסבערג'ן און נעם ריידן:

— אַזוי ווי, — זאָג איך, — דו ליגסט שוין מיט מיר אין איין גרוב, ווייל איך מיט דיר עפּעס אָפּמאַכן. אויב איך וועל געטראָפן ווערן, ווייס איך, אַז דו קענסט מיר ניט העלפן. דו ביסט צו שוואַך, אַז דו זאָלסט מיך קענען אַוועקטראָגן צו אַן ערשטע-הילף־סטאַנציע, ווייל איך פון דיר אַן אַנדער זאַך: ביי מיר אין בוזים־קעשענע ליגט אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין פּלימעניצע דאָראַ און פון מיין שוועסטערל העלען. כ'האָב אויך עטלאכע הונדערט פראַנק. ווייל איך, אַז דו זאָלסט מיר געבן דיין האַנט און דיין וואָרט, אַז אויב איך וועל פאַלן, זאָלסטו דאָס אַרויס־נעמען פון מיין קעשענע און באַהאַלטן ביי זיך, אָדער דו זאָלסט עס אַוועקגעבן הערשלען, און ווער פון אייך ביידן עס וועט בלייבן לעבן, זאָל דאָס אָפּשיקן צו מיין מאַמען. דערפאַר גיב איך דיר מיין וואָרט און מיין האַנט, אַז אויב דו וועסט געטראָפן ווערן, וועל איך דיך גלייך אַרויפלייגן אויף מיינע פּלייצעס. עס וועט מעגן זיין דאָס גרעסטע פייער, וועל איך מיט דיר פליען צו אַן ערשטע-הילף־סטאַנציע.

מיר האָבן זיך געגעבן די הענט.

דאָס מעקען פון אַ ציג וואַרפט אויף מיר אַן אַ פּחד. זי יאָמערט און שרייט מיט פאַרצווייפלטע קולות, פּונקט אַזוי ווי מיר שרייען, ווען מיר ווערן פאַרצווייפלט. איך שטעל אָן מיינע אויערן און הער זיך איין, פון וואַנען די געשרייען טראָגן זיך. איך זע אַ שטיבל עטלאכע הונדערט מעטער אַוועק פון

דעם אָרט, וואו איך ליג. דאָס מעקען ציט מיך צו זיך. איך פיל, אַז איך וועל זיך ניט באַרואיגן, ביז איך וועל נישט זען די ציג, וואָס וויינט אַזוי האַרצרייסנדיג. איך האָב דאָך שוין אין מיין לעבן געהערט ווי ציגן מעקען און בעקען, אָבער אַזוי וויינען און רעווען האָב איך נאָך ניט געהערט. איך זאָג צו ווייסבערג'ן:

— הערסט, אַ ציג וויינט... אויפ'ן שלאַכטפעלד וויינען אַלע...

אויף אַלע פיר הויב איך אָן צו קריכן אַהין, צו דער שטור־מער באַשעפעניש. ווייסבערג בעט זיך ביי מיר:

— פאָלג מיך, גיי ניט אַהין. דו שטעלסט איין דיין לעבן.

ווי נאַריש עס איז אָבער צו טראַכטן פון לעבן, אַז איך געפין זיך דאָ. איך הער זיך ניט צו צו אים. איך זאָג אים, אַז איך וועל באַלד זיין צוריק און איך קריך פון אים אַוועק.

אויפ'ן וועג פאַלן דייטשע קוילן נאָענט פון מיר. אַזוי ווי די בינען פליען זיי פאַרביי מיינע אויערן. איך צי זיך אויס אויפ'ן בויך און די קוילן פאַלן אָן אויפהער. זאָל עס מעגלאַך זיין, אַז זיי האָבן מיך דערזען?... איצט קאָן איך שוין נישט צוריקקריכן צו מיין גרוב און אויך ניט אַהין פון וואַנען עס הערט זיך דאָס מעקען פון דער ציג. איך קוק אין ווייסבערג'ס זייט. ער שרייט עפּעס אַריבער צו מיר. פאַר גרויס אויפרעגונג הער איך ניט, וואָס ער שרייט. עס טוט מיר שוין באַנג פאַרוואָס איך האָב אים ניט געפאָלגט...

די קולות פון דער ציג הילכן אָפּ שטאַרק אויפ'ן פרייען פעלד. מיט אַנגסטן רוק איך זיך אויף מיין בויך, ווי אַ שלאַנג, און קריך צו צום הויז.

דאָס הויז האָט נאָר דריי ווענט, די פערטע איז אינגאַנצן איינגעפאַלן. איך גיי אַריין אינעווייניג, דערזע איך שטיין אַ ראָבע ציג, צוגעבונדן מיט אַ דיקער שטריק צו אַ הילצערנעם בעט. דאָס בעט איז איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף. די ציג האַלט זיך קוים אויף אירע דאַרע פיס און אַ הויכער ביין שטעקט אַרויס פון איר רוקן. אירע אויגן זיינען פייכט...

ווען זי האָט מיך דערזען, איז זי שטיל געבליבן. זי האָט

אויסגעדרייט צו מיר איר קאָפּ און שוואַך, זייער שטיל האָט זי ארויסגעקרעכצט: בע-בע. לעבן איר איז געשטאַנען א האַלבער עמער מילך. אין א ווינקל איז געשטאַנען א פּעסל מיט וואַסער. איך געפין א כּלי, שעפּ אָן אביסל וואַסער און גיב דער ציג צו טרינקען. מיט דעם וואַסער, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער כּלי, האָב איך באַגאָסן איר קאָפּ. איך האָב זי אביסל אָפּגעפרישט.

אויף דער ערד קאַטשען זיך פּעדערן און פליען איבער דער שטוב. א הילצערנע שאַפע ליגט איבערגעקערט און טעפּלאַך וואַלגערן זיך אויף דער ערד.

איך גיי ארויס אויף דער גאַס. די ציג זעט מיך ניט מער, הויבט זי ווידער אָן רעווען. איך דריי זיך ארום דעם הויז און ביי דער טיר דערזע איך א טויטן — א ציווילער מאַן ליגט אויפ׳ן בויך. עס גיט מיר א שטאַרקן שווינדל פאַר די אויגן. איך בין צוגעוויינט נאָר צו טויטע סאָלדאַטן.

ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו דער טויטער ליגט, דערזע איך א גרויסע גרוב, צוועלף מעטער די לענג און זעקס מעטער די טיף. איך קוק אריין אינעווייניג. איך דערזע דאָרט א גאַנצע פאַמיליע. זיי דערשרעקן זיך פאַר מיר, זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין אַמעריקאַנער סאָלדאַט. איך זאָג צו זיי אין דייטש:

— שרעקט זיך ניט, איך בין אַן אַמעריקאַנער.

און ווי איך האָב נאָר ארויסגערעדט דאָס וואָרט „אַמערי־קאַנער”, האָט זיך א פרייד אויסגעשפּרייט אויף זייערע אויסגע-מוטשעטע פּנים׳ער.

איך קוק זיך צו ווי זיי ליגן, איינער אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן צווייטן, און פרירן. עס איז סוף אָקטאָבער און עס איז שוין גוט קאַלט. איך שטיי ביים גראָבן און רעד צו זיי ארונטער:

— פון ווען אָן ליגט איר דאָ? — פרעג איך זיי.

א יונגע פרוי פון א יאָר 30 ענטפערט מיר, אַז זיי ליגן דאָ פון נעכטן אָן. ווען זיי האָבן דערהערט דאָס שיסן פון אונזער אַרטילעריע, זיינען זיי ארונטערגעלאָפן אין קעלער. דאָרט האָבן זיי דערהערט, אַז דאָס הויז פאַלט איין, ווייל אונזער אַר־

טילעריע האָט געטראָפן גלייך אין הויז אריין. די דייטשן זיינען געלעגן אין דעם גראָבן און האָבן געשאָסן מיט מאַשין-ביקסן. שפּעטער, ווען די דייטשן זיינען געווען געצוואונגען פון דאַנען צו אַנטלויפן, זיינען זיי ארויסגעקראָכן פון קעלער און זיך באַהאַלטן אין דעם גראָבן.

— ווער איז ער? — פרעג איך און ווייז אָן מיט דער האַנט אויף דעם טויטן.

— דאָס איז מיין ברודער, — ענטפערט זי מיר.

— ווי אַזוי איז ער דער׳הרג׳עט געוואָרן?

א וואָלקן באַדעקט איר פּנים.

— די פארפלוכטע הינט! — שיפּעט זי ארויס מיט צאָרן און ווייזט מיט דער האַנט צום פראָנט...

זי בלייבט א ווײַלע שטיל. טרערן באַווייזן זיך אין אירע אויגן. איך דערקען אין איר פּנים, אַז זי לעבט איצט איבער נאָך א מאָל די טרויעריגע געשעעניש.

זי ווישט אויס די אויגן מיט׳ן ארבל און דערציילט מיר, אַז איידער די דייטשן האָבן זיך געלאָזט אַוועקגיין, זיינען זיי אריין אין שטאָל און האָבן ארויסגענומען דריי פערד און א קו. דער ברודער אירער האָט זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן ניט אַוועקנעמען דאָס לעצטע, וואָס זיי פארמאָגן, און דערפאַר האָבן זיי אין אים אריינגעשאָסן דריי מאָל...

איך זיץ ביים גראָבן און הער זיך איין צו אירע רייד. פּלוצלינג פאַלט א קויל נאָענט פון אונז און איך ליג שוין אין גראָבן גלייך מיט זיי. איך קוק זיך צו צו די צוויי יונגע קינדער, וואָס ליגן דאָ, א אינגל פון א יאָר צוועלף און א מיידל פון א יאָר ניין. זייערע פּנים׳ער דריקן אויס געבעט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן ביי מיר: „האָב אויף אונז רחמנות, ראַטעווע אונז!”

איך לעג אריין מיין האַנט אין קעשענע און געפין דאָרט א פאַרדאַרט קיכל. איך צוברעך עס אויף צווייען און טייל זיי איין. זיי כאַפּן די שטיקלאַך קיכל און קוויקן זיך. די פרוי באַדאַנקט מיר.

אין גראָבן ליגט אויך אַן אַלטע פרוי פון עטלאַכע און

אַכציג יאָר. איר פּנים איז געל און צוקנייטשט. אירע הענט זיינען באַדעקט מיט בלויע אָדערן. אַרום איר מויל איז שוואַרץ־בלוי. זי ליגט און ציטערט. די יונגע פרוי דערציילט מיר, אַז די אַלטע איז איר עלטער־באָבע. זי איז אַ קראַנקע און קען זיך נים רירן פון אָרט.

איך דערהער טריט. אימיצער קומט צו אונז. באַלד דערזע איך אַריבערגעבויגן איבער׳ן גראָבן אונזער לייטענאַנט סטיוו.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעגט ער מיך.

איך שפּרינג אַרויס פון גראָבן און דערצייל אים, אַז דאָס געשריי פון אַ ציג האָט מיך אָהער געבראַכט.

— איך האָב אויך די גאַנצע צייט געהערט אַ ציג שרייען, — זאָגט ער צו מיר. — וואו איז זי?

— אין הויז, — ענטפער איך אים און פיר אים אַהין אַריין. די יונגע פרוי גייט אויך מיט אונז.

דער לייטענאַנט שטייט, קוקט אויף דער ציג און שאָקלט אומעטיג מיט׳ן קאָפּ.

די פרוי געפינט עטלאַכע פאַרדאַרטע שטיקלאַך ברויט. זי לייגט דאָס ברויט אַריין אין אַ הילצערנע שיסל, גיסט אַריין אַביסל וואַסער און שטעלט עס אַוועק לעבן דער ציג. די ציג הויבט אָן שלינגען. די פרוי פרעגט ביי אונז, צי מיר ווילן טרינקען אַ ביסל מילך, און זי דערציילט אונז, אַז נעכטן, איידער זיי זיינען אַרונטער אין קעלער, האָט זי געהאַט אויסגעמאָלקן די קו. דער לייטענאַנט און איך באַדאַנקען זי. מיר זאָגן זיך אָפּ. מיר האָבן אפילו יאָ געוואָלט טרינקען אַ ביסל מילך, נאָר אַז מיר האָבן אַריינגעקוקט אין עמער און געזען, וויפיל שטויב דאָרט שווימט אַרום, איז אונז פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט.

פאַרנאַכט איז מיין גרוב שוין געוועזן אַ ברייטערע און אַ טיפערע. הערשל איז שוין אויך מיט אונז. מיר זיינען זיך ממש מחיה, וואָס מיר זיינען ווידער צוזאַמען. הערשל האָט מיטגע־בראַכט פון אַ שטאַל אַ באַרג מיט שטרוי, האָט אַראָפּגעשלעפּט פון צוויי טויטע דייטשן די אויבער־רעק, האָט צוגענומען זייערע קאָלדרעס. מיר האָבן זיך גוט אויסגעבעט, אַריינגערוקט זיך אין

שטרוי, זיך איבערגעדעקט מיט די רעק און קאָלדרעס און עס איז אונז געווען ווארים.

הערשל שלעפּט ארויס פון זיינע קעשענעס אַ בלעכל מיט בעבלאך, אַ האַלבן ברויט, וואָס איז דורכגענעצט פון רעגן און שוויים. ער עפנט דאָס בלעכל, צושניידט דאָס ברויט און פרעגט ביי מיר, צי איך האָב די פוטער, וואָס ער האָט מיר נעכטן גע-געבן צום באַהאַלטן. איך זוך אין מיינע קעשענעס.

— ניטאָ! מסתמא האָב איך פאַרלוירן, — זאָג איך אים.

ער ווערט אַ ביסל אין כעס און בורטשעט אונטער:

— וואָס דען? אַז איך טראָג ניט מיט זיך, פאַרלירט מען. פאַרוואָס פאַרליר איך ניט?

— ס'וועט זיין גוט אָן פוטער... — קרעכצט ארויס ווייס-בערג.

מיר עסן ברויט מיט בעבלאך און מיר האָבן הנאה... הערש-עסט און בורטשעט:

— אויפ'ן שלאַכטפעלד דאַרף מען עסנווארג אָפּהיטן. אַז מ'איז הונגעריג, האָט מען ניט קיין כח דורכצוגיין אַזוי פיל צרות... פון היינט אָן און ווייטער וועל איך זיך שוין אויף קיינעם מער ניט פאַרלאָזן...

— ערגער זיך ניט פון אַזאַ נאַרישקייט, — זאָג איך צו אים. — נאַ דיר דערפאַר אַ גוטן סיגאַרעט, אַ „קעמל".

מיר פאַררויכערן און הערשל שמייכלט צו מיר. ער רעדט ווייטער:

— אַז ניט דאַרף איך דען די פוטער פאַר זיך? איך וויים, אַז איר האָט ליב ברויט מיט פוטער, דערפאַר האָב איך טאַקע אייך געגעבן די פוטער צו טראָגן, און די פגירה, — ווייזט ער אָן אויף ווייסבערג'ן, — וואָלט זיך אויך מחיה געווען מיט אַ שטיקל ברויט מיט פוטער.

מיר שוויצן די גאַנצע נאַכט. די אונטערגעלייגטע שטרוי, די רעק און די קאָלדרעס וואַרימען אונז שוין אַביסעלע צופיל.

אונזערע שונאים שיסן די גאַנצע נאַכט אָן אויפהער. מיר, אָבער, הערן זיי ווי דעם קאָטער. זיי טרעפן ניט צו אונז. אונ-זער אַרטילעריע האָט מורא צו שיסן צו זיי: זיי וויסן, אַז

דאָרט, וואו זיי געפינען זיך, זיינען דאָ א סך ציווילע מענשן, האָבן זיי מורא, אז די קוילן וועלן אויס׳הרג׳ענען די אומשול-דיגע בעלגיער. דערפאַר שוויגן זיי נאָך. די דייטשן ווייסן פון דעם סוד, פאַרוואָס מיר שיסן נים, נוצן זיי אוים זייער גאַנצע מאכט און טראַסקען אריבער צו אונז גאַר אָן אן אויפהער.

ניין אזייגער אין דער פרי קריגן מיר א באפעל צו אוואַנסירן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר דאַרפן אוואַנסירן אזוי, אז אונזער אַרטילעריע זאָל זיך נים לאָזן הערן מים צוויי־דריי שעה פריער איבער אונזערע קעפּ.

אויפ׳ן וועג קומען אונז אָן אנקעגן גאַנצע מחנות מענשן, מענער, פרויען און קינדער. זיי לויפן ווי טשערעדעס צושראָ-קענע שעפּלאך. א סך פון זיי זיינען צובלוטיגט. זיי לויפן פון די שטעטלאך, וואו די דייטשן געפינען זיך נאָך. די דייטשן שיסן זיי נאָך מערדעריש. כאָטש די דייטשן ווייסן, אז די ציווילע מענשן האָבן נים קיין גאַז-מאַסקעס, שיסן זיי דאָך אויף אונז מים גאַז־באָמבעס. זיי שטעלן זיך נים אָפּ פאַר קיין זאך. מיר טוען שנעל אָן אונזערע גאַז-מאַסקעס. אָבער זיי, די אָרימע מענער, פרויען און קינדער, זיי שרייען, זיי וויינען, פאַלן צו דער ערד, טרינקען זיך אָן מים גאַז. זיי ברעכן מים בלוט, זייערע פּנים׳ער אויפגעלאָפן און זיי ווערן דערשטיקט.

א בלאַסע פרוי מים צעשויבערטע האָר לויפט צו צו מיר. זי וויינט און קלאָגט פאַר מיר: „וואו איז א דאָקטאָר?״... זי האַלט א קינד אויף די הענט, א מיידעלע מים א קאָפּ בלאָנדע לאָקן.

— צו וואָס דאַרפסטו א דאָקטאָר? — פרעג איך זי.

— עפּעס איז מים מיין קינד, — וויינט זי פאַר מיר.

זי דערציילט מיר, אז א גאַנצע נאַכט איז זי מיט׳ן קינד געלעגן אין קעלער. זיי האָבן דערפילט דעם גאַז, וואָס די דייטשן האָבן אריבערגעשאָסן.

איך באַטראַכט דאָס קינד און זאָג איר:

— דיין קינד איז טויט.

זי שרייט מים פאַרצווייפלטע קולות:

— וואו איז דער דאָקטאָר? ראַטעוועט מיין קינד!...

איך מוז גיין ווייטער. אין איילעניש זאָג איך צו איר:
— פאָלגט מיך און גייט אוועק פון דאַנען.

איך ווייז איר אָן, אין וואָס פאַר א ריכטונג זי זאָל גיין. דאָרט וועט זי זיין אויסער געפאַר. זי לויפט אוועק פון מיר, ווי א משוגע'נע, און האַלט אין איין שרייען:
— א דאָקטאָר! א דאָקטאָר!

די גאַסן זיינען שוואַרץ פון די אַלע מענשן, וואָס קומען אונז אַנקעגן. זיי לויפן דערשראָקענע, זיי זיינען האַלב-משוגע. אַז עס קומט צופליען א קויל פון די דייטשן, ציען זיי זיך אויס אויף דער ערד און שרייען אַרויס אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער. זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט, אַז ווען מען הערט דאָס בייזע פייפן פון א קויל, דאַרף מען זיך וואַרפן אויף דער ערד. אַמאָל העלפט עס און אַמאָל ניט. זיי הויבן זיך אויף פון דער ערד און לויפן ווייטער. אַלע ווילן אַנטלויפן פון טויט.

עס קומט מיר אַנקעגן א טשערעדע פון זעקס-און-צוואַנציג ווייסע שעפעלאַך. דער פאַסטוך טראָגט דאָס איינגסטע שעפעלע אויף די הענט. ס'איז זייער שוואַך און ס'קען ניט גיין. דער פאַסטוך דערציילט מיר, אַז דריי מעת-לעת איז ער מיט די שעפע-לאַך געלעגן באַהאַלטן אין א קעלער. ער האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן זאָלן ניט צונעמען די שעפעלאַך. זיי נעמען צו אַלץ, וואָס זיי טרעפן אונטער דער האַנט. ער וויינט פאַר מיר:
— איך און מיינע שעפעלאַך זיינען הונגעריג. דעם ערשטן טאָג, וואָס מיר זיינען געלעגן אין קעלער, האָבן מיר נאָך געהאַט עפּעס צום עסן. איך האָב פאַרזאָרגט. איצט אָבער — ס'איז שוין צוויי מעת-לעת, אַז מיר האָבן מער ווי אַביסל וואַסער ניט פאַרזוכט.

איך הער זיך צו צו זייער בעקען און מעקען. זייערע קולות מישן זיך אויס מיט די מענשלאַכע קולות, און עס ווערט א כאָר פון האַרצרייסנדיגער מוזיק. זיי דערמאָנען מיך אָן דער ראַ-בער ציג.

אַן אַלטער, אויסגעדאַרטער מאַן, מיט צוויי טיפע אויגן, וויינט פאַר מיר ווי א קינד. ער רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר מיר:

— פיר יאָר האָבן זיי אונז געמוטשעט, דעם לעצטן ביסן ברויט האָבן זיי פון אונזער מויל ארויסגעריסן. זיי זיינען גע-שלאָפן אין אונזערע בעטן און מיר האָבן זיך געוואַלגערט אין די שטאַלן. זיי האָבן געשענדט אונזערע טעכטער און פאַר-פלייצט דאָס גאַנצע לאַנד מיט ממזרים.

ער שאָקלט מיט׳ן ווייסן קאָפּ און רעדט ווייטער:

— איצט שיסן זיי אויף אונז. זיי שיסן אויף זייערע געליבטע, אויף זייערע קינדער... פאַרשאָלטן זאָל ווערן אזא פאָלק!

מיר לויפן אריין אין א שטעטל. אין עטלאַכע גאַסן האַלטן זיך נאָך אויף דייטשן. זיי זיינען אין די הייזער. ביי די פענ-סטער האָבן זיי אוועקגעשטעלט פרויען און קינדער, און דורך די פענסטער שיסן זיי ארונטער צו אונז. מיר האָבן מורא צוריק-צושיסן, אפשר וועלן מיר טרעפן אומשולדיגע מענשן. מיר ווערן ווילד פון צאָרן. מיט שווערע פאַרלוסטן פון אונזער זייט לויפן מיר אריין צו זיי, און אונזערע באַיאָנעטן ווערן נאַס און רויט...

איך פלעג א סך מאָל טראַכטן, אז אויף די דייטשן איז פונקט אזא רחמנות, ווי אויף אונז. מען צווינגט זיי, פּונקט אזוי ווי אונז, צו שיסן אויפ׳ן „שונא". אָבער דאָ, אין בעלגיע, האָבן זיי אויסגעזען אין מיינע אויגן גאָר אַנדערש. דאָס גרויסע ציוויליזירטע פאָלק, מיט אזא רייכער קולטור, זיינען גאָר באַר-באַרן. זיי באַגייען געגן די בעלגיער אַזעלכע גרויליגקייטן, אז ווילדע שבטים קענען שוין ניט זיין ערגער. סאָלדאַטן און אָפי-צירן פלעגן גיין פון הויז צו הויז און באַצווינגען פרויען.

איך בין געווען שטאָלץ, וואָס איך בין געווען אַן אַמערי-קאַנער סאָלדאַט. דאָס רוב אַמעריקאַנער זיינען געווען פריינטלאַך צו די געפאַנגענע, האָבן רחמנות געהאַט אויף די פאַרוואונדעטע און מיט פרויען זיינען אַלע געווען „דזשענטללייט". מיר האָבן זיך ערלויבט א שפּאַס צו טאָן, מיר האָבן געמאַכט א פּאָרשלאַג, אָבער באַצווינגען — דאָס ניט. אַמעריקע האָט אין אונז איינ-געפלאַנצט א דרך ארץ פאַר א לעידי, און מיר היטן עס אָפּ. פאַר אונזער דזשענטלמאַנישקייט קומט אונזער אַמעריקע א יישר

כח. די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַ געמיש פון אַן אַ שיעור פעלקערשאַפטן און זיינען נישט אַזוי קולטורעל, ווי די דייטשן, זיינען אָבער דאָ געווען אין יעדן פּרט איידעלער און מענשלאַכער פון די דייטשן. דאָ האָבן מיר געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי די דייטשן האָבן זיך נוקם געווען אין אומ־שולדיגע מענשן. מיר האָבן געזען די איבערגעשראָקענע פרויען און קינדער, די בערג ציווילע טויטע.

זיי האָבן אונטערגעצונדן די שטעט און דערפלאַך, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן. בייטאָג האָבן מיר געזען נישט מער ווי רויך און ביינאַכט אויך די פלאַמען, וואָס האָבן רויט געמאַכט דעם הימל.

איך ליג אויף מיין פּאָזיציע, מיינע אויגן אָנגעשטרענגט צום שונא. פּלוצלינג דערפיל איך אימיצן הינטער מיר. איך דער־שרעק זיך: זאָל עס אפשר זיין אַ דייטש? איך דריי אוים מיין קאָפּ, און איך דערזע אַן אַלטן מאַן. ער שטייט און שאָקלט זיך לעבן מיר. איך דערקען אויף אים, אַז ער איז שכור. איך פרעג אים:

— האָסט שנאַפּס?

— יאָ, — ענטפערט ער מיר.

— גיב מיר אַ ביסל, — זאָג איך.

— קום צו מיר אין הויז, וועל איך דיר געבן, — ענט־פערט ער.

— וואו וואוינסטו? — פרעג איך אים.

ער ווייזט מיר אָן מיט'ן פינגער אויף אַ קליין ווייס שטי־בעלע, וואָס שטייט אויף דער אַנדערער זייט שאָסיי.

איך נעם מיין ביקס און לאָז זיך גיין מיט אים. ער פאַלט פון די פיס. מיין סאַרדזשענט זעט, ווי איך גיי אַוועק פון מיין פּאָזיציע, פרעגט ער מיך וואוהין איך גיי. איך ענטפער אים, אַז מיין וואַסער־פלאַש איז ליידיג, גיי איך זי אָנפילן מיט וואַסער.

אין שטיבל דערלאַנגט מיר דער אַלטער אַ טונקעלע פלאַש. איך קער זי איבער אין מויל אריין און צי אָן אָן אויפהער. ווען איך ווער פאַרטיג, קען איך לאַנג ניט כאַפּן דעם אָטעם. דער אַלטער פאַרלאַנגט פינף פראַנק. איך באַצאָל אים, באַהאַלט די

פלאַש אין קעשענע און גיי צוריק צו מיין פּאָזיציע. אין דער שטיל זאָג איך צו הערשלען:

— טו אַ זופּ.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט ער מיך.

— פרעג ניט קיין קשיות. זופּ!

ווייסבערג ליגט און קוקט מיט שפּיציגע אויגן אויף דער פלאַש, וואָס הערשל האַלט שוין אין דער האַנט. הערשל שלעפּט אַרויס דעם פּאַפּירענעם פּאַרשטאָפּער און הויבט אָן שלינגען, און בשעת מעשה באַווייזן זיך סמנים אויף זיין פּנים, אַז ער איז צופרידן. ווייסבערג האַלט זיין קאָפּ אַרויפגעריסן און קוקט גייגעריג, ווי הערשל טרינקט.

הערשל שלעפּט אַרויס די פלאַש פון מויל, און אָן אָן אָטעם זאָגט ער צו מיר:

— ווען מען וועט מיך לעגן שערבלאַך אויף די אויגן, וועל איך אייך ניט פאַרגעסן פאַר אָט דעם טרונק.

הערשל׳ס פּנים איז שוין רויט, ווי אַ בוריק, און זיינע אויגן זיינען נאַס. ווייסבערג טוט אַלע מאָל אַ שלונג און אַ הוסט, אַ שלונג און אַ הוסט... ביידע זיינען גייגעריג, זיי ווילן וויסן, וואו איך האָב געפונען דעם אוצר. איך דערצייל זיי, ווי אַזוי דאָס איז געשען.

מיר קומען אַריין אין אַ דאָרף. עס דרייען זיך דאָרט אַרום עטלאַכע צענדליג מענשן. אַ סך הייזער זיינען כמעט אין גאַנצן פאַרברענט. אויף דער ערד זשאַרעט זיך נאָך דאָס פייער. אַ באָרוועס, אָפּגעריסן אינגל דערציילט מיר, אַז די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן דעם דאָרף און האָבן מיט זיך מיטגענומען וויפיל אָקסען, קי און פערד זיי האָבן אין איילעניש געקאָנט פאַרכאַפּן.

איך האָב געקראָגן אַ באַזונדער סימפּאַטיע צו דעם אינגל. אַז איך קוק אויף אים, פאַרגעס איך אָן זיך און איך האָב אויף אים רחמנות. איך גיב אים אַ האַלב ברויטל און אַ גאַנץ בלעכל בעבלאַך. הערשל זאָגט צו מיר:

— ס׳איז אַ רחמנות. ס׳איז אַ מצוה.

איך גיי מיט דעם אינגל אַריין אין אַ הויז. קיין מענשן זיינען דאָרטן ניטאָ, נאָר איך מיט אים. איך טו אָן ריין וועש

און דאָס אַלטע וועש גיב איך אים אוועק... ער זאָגט מיר, אַז ס'איז אים קאַלט, און פרעגט, צי קאָן איך אים געבן אַ ווינטער־ראָק. ניט ווייט פון דעם הויז ליגן עטלאַכע טויטע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. זאָג איך צו אים:

— גיי צו אַ טויטן און שלעפּ אַראָנטער אַ מאַנטל!

ער לאָזט זיך גיין. ווען ער איז שוין אויפ'ן וועג, דער־מאָן איך זיך, אַז איך האָב ניט געטאָרט אים לאָזן גיין אַליין: טאָמער דערזעט אים ווער פון אונזערע זיך פּאָרען אַרום אַ טויטן סאָלדאַט, וועט מען אים דערשיסן. איך רוף אים און ער קערט זיך אום צוריק.

הערשל און איך לאָזן זיך אַוועק צווישן די טויטע און מיר קומען באַלד צוריק מיט אַן אויבער־ראָק און אַ פּאָר שיך. דאָס אינגל דערפרייט זיך מיט אונזער מתנה, און ער פרעגט אונז: אפשר קענען מיר אים אויך געבן אַן אַמעריקאַנער ביקס פאַר אַ סואווענירּ... דאָס קאָנען מיר שוין אים ניט צוליב טאָן.

די דייטשן האָבן זיך ערגעץ באַפעסטיגט. זייערע קוילן מאַכן ביי אונז אַן אַ חורבן. איין קאַנאָנען־קויל דער'הרג'עט עטלאַכע מיט אַמאָל און דעקט זיי צו מיט אַ באַרג ערד. וועגן דעם דאַזיגן טויט זאָגן מיר: „זיי הרג'ענען און באַגראָבן דיך אין דערזעלבער צייט". איך זע, ווי מענשן שלעפּן זיך אויף אַלע פיר. איך קען זיי ניט דערקענען, ווייל זייערע פּנים'ער, הענט, פיס און זייערע קליידער האָבן איין קאָליר — רויט. איך ליג צווישן בערג פאַרוואונדעטע. איך גיי שיר ניט אַראָנטער פון זינען פון זייער קרעכצן. די לייכט־פאַרוואונדעטע שרייען העכער פון די שווער־פאַרוואונדעטע. אַ סך פון די שווער־פאַרוואונדעטע שווייגן אינגאַנצן. איך קוק זיך צו ווי זיי שטאַרבן. איך הער זייער כאָרכלען.

איך רוק זיך צו צו איינעם, וואָס ווײנט אויפ'ן קול. איך דערקען אים: דאָס איז „סלים". ער איז געווען דער פרייװאַכ־סטער יונג אין אונזער קאָמפּאַניע. מיר פלעגן הנאה האָבן פון זיין זינגען, פון זיינע וויצן. זיין פּנים האָט שטענדיג געלאַכט. איך זע ווי איין פוס זיינער וואַלגערט זיך אין בלוט, זיין פּנים קרימט

זיך, ער בייסט שטאַרק זיין אונטערשטע ליפּ, ער וויינט און קרעכצט און בעט זיך ביי מיר:

— פּליז, העלפּ מי! דו סאַמטהינג פאַר מי! אי דאָנ׳ט וואָנט טו דאַי. (איך בעט דיך, העלף מיר, טו עפּעס פאַר מיר, איך וויל ניט שטאַרבן).

לעבן אים ליגט אַ לאַנגער באַנדאַזש, האַלב אויסגעשמירט אין בלאָטע. ער האָט פריער געהאַט ארויסגענומען דעם באַנ־דאַזש. ער האָט אַליין געוואָלט פאַרבינדן זיין וואונד, האָט ער אָבער ניט געקענט. איך נעם מיין מעסער, שנייד אויף די הויזן פון זיין פאַרוואונדעטן פוס. אַ שטיק פלייש איז אַראָפּגעריסן ביז׳ן ביין. איך וויקל ארום מיט׳ן באַנדאַזש זיין פוס, און כדי איינצוהאַלטן דאָס בלוט, צי איך שטאַרק איין דעם באַנדאַזש, און זיינע קולות טראָגן זיך ביז׳ן הימל אריין.

מיט זיינע פיס פלעגט סלים קענען אויסטאַנצן יעדער מע־לאָדיע, וואָס מען האָט געשפּילט. איך קוק אויף זיין פאַר־וואונדעטן פוס און טראַכט: ער וועט שוין קיינמאָל ניט קאָנען טאַנצן...

איך קוק אויף די טויטע און אויף די פאַרוואונדעטע, און איך הויב אָן צו ציטערן פאַר מיין אייגן לעבן.

איך זאָג צו הערשלען, איך בעט זיך ביי אים:

— הערשל, טו מיר אַ טובה און שיס מיך אין אַ האַנט, אָדער אין אַ פוס. זאָל מען מיך פון דאַנען אַוועקנעמען. איך האָב שוין מער קיין כח ניט אויסצוהאַלטן. מיינע נערוון זיינען צוטרייסלט. איך קען שוין מער ניט אָנזען אַזוי פיל טויטע, אַזוי פיל פאַרוואונדעטע.

הערשל זאָגט זיך אָפּ. ער וויל ניט. ער האָט מורא.

מיר ליגן איינס לעבן אַנדערן און מיר שיסן אַריבער צו אונזערע שונאים. זיי שווייגן אויך ניט. זיי רייסן פון אונז שטיקער. די ערד ארום אונז איז אין גאַנצן צואַקערט. הערשל און איך זיינען נאָך גאַנצע. ער קוקט אויף מיר מיט זיינע איבערגעשראָקענע אויגן און ער מורמלט:

— שוין, ברודער, שוין, גיטאָ מער קיין האָפענונג! באַלד וועלן מיר ליגן...

ער וויינט און קלאָגט אויפ׳ן קול. ער שרייט מיט משונה׳-דיגע קולות: „שמע ישראל! שמע ישראל!" איך כאַפּ אים ארום מיט מיינע לעצטע כחות און נעם אים טרייסלען.

— הערשל, פאַרליר זיך ניט! — זאָג איך צו אים — לאָז מיר מאַכן אַ סוף צו דיין שרעק פאַר׳ן טויט. איך וועל דיך שיסן אין אַ האַנט, אָדער אין אַ פוס, און מען וועט דיך אַוועקנעמען פון דאַנען. אַוועקנעמען פון דעם שרעקלאַכן פראָנט.

מיט אַ שוואַך קול זאָגט ער צו מיר:

— מ׳דאַרף ניט, מ׳טאָר ניט... אפשר וועט פאָרט גאָט העלפן...

איך ווער מלא־רציחה, און פאַרביטערט שריי איך אויס:

— ווער וועט אונז העלפן? גאָט?!

הערשל דערשרעקט זיך פאַר מיינע רייד און שטאַמלט:

— וואָס רעדט איר, וואָס זאָגט איר? זיינט איר ביים זינען?

הלואי וואָלט איך נישט געווען ביים זינען, וואָלט מיין מוח מיך אַזוי פיל נישט געמאַטערט. איך בין פאַרצווייפלט. איך זע דאָך, אַז אונזער וויינען און בעטן צו גאָט העלפט נישט. איך בין שוין טויב פון די געשרייען, וואָס די סאָלדאַטן שרייען אויף די שלאַכט-פעלדער. די קריסטן וויינען און בעטן: „גאָד העוו מוירסי אָן אָס!" (גאָט, האָב רחמנות אויף אונז). די אידן וויינען און קלאָגן: „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד". אונזערע שונאים בעטן אויך צום זעלבן גאָט און שרייען: „גאָט, זיי מיט אונז!" און די דייטשע אידישע סאָלדאַטן שרייען אויך: „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד". אַלע בעטן צו איין־און־דעמזעלבן גאָט, ער זאָל אונז העלפן בייקומען איינס ס׳אַנדערע... מען קען דאָך פון זינען אַראָפּ פון טראַכטן. ווי אַזוי קאָן דאָס זיין? מיר אַלע זיינען דאָך זיינע קינדער. און אויב עס איז יאָ פאַראַן אַ גאָט אין הימל, איז ווי אַזוי קאָן ער צוזען ווי זיינע קינדער שעכטן איינס ס׳אַנדערע אויס?

פון קינדוויז אָן האָבן מיינע עלטערן און מיינע מלמדים איינגעוואָרצלט אין מיין מח, אַז גאָט איז באַרמהאַרציג, אַן אל רחום וחנון. איז וואו איז דאָ זיין רחמנות?...

פון קינדוויז אָן האָט מען מיך געהאַלטן אין איין שרעקן:

זינדיג נישט, ווייל גאָט שטראָפט די זינדיגע. זיינען דען אַלע מיליאָנען קינדער, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אויף די שלאַכטפעלדער אין טייכן בלוט, זיינען זיי דען אַלע זינדיגע?

באַלד אָבער דערשרעק איך זיך פאַר מיינע אייגענע געדאַנקען. וואָס טו איך? ווי טאָר איך איצט אַזוי טראַכטן! ווי טאָר איך אויף דעם שלאַכטפעלד זינדיגן געגן גאָט? שטיל אין מיינע געדאַנקען הויב איך אָן תשובה טאָן: גאָט, זיי מיר מוחל. דו ביזט גרויס, דו ביזט מאַכטיג, העלף מיך און ראַטעווע מיך אַרויס פון דאַנען. און איך טראַכט: אפשר האָט ער אויף אונז אויסגעגאָסן זיין צאָרן, און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אונז, ווייל מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין דער בלוטיגער מלחמה? מיר פאָלגן נישט אויס זיין געבאָט פון די עשרת הדברות: „לא תרצח", איר זאָלט נישט הרג'ענען! פאַרוואָס טויטן מיר די דייטשן און זיי אונז? פאַרוואָס שלאָגן מיר זיך קריסטן הרג'ענען קריסטן, אידן הרג'ענען אידן, איין ברודער הרג'עט דעם צווייטן. פאַרוואָס? וואו איז אונזער שכל? פאַרוואָס פירן מיר זיך אַזוי ווי די אַמאָליגע ווילדע שבטים? מיר זיינען דאָך ציוויליזירטע מענשן. פאַרוואָס שווייגן מיר די באַשאַפער פון מלחמה? לאָמיר אומברענגען אַ יחיד פאַר אַ רבים און מאַכן אַ סוף.

מיר יאָגן זיך צום שונא. אויפ'ן וועג זע איך ליגן אַ טויט פערד. איך קוק זיך צו, זע איך אַז דאָס פערד איז געטראָפן געוואָרן פון אַ קאַנאָנען־קויל. אַ האַלבער געזעס איז ביי אים איינגאַנצן אויסגעבערענט.

איך זע ווייטער, ווי איינער, אַ ציווילער, לויפט און שלאָגט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ. ער שרייט: „העלפט! העלפט!" ער פאַלט צו מיינע פיס און יאָמערט: „העלפט, מיין מאַמע ברענט!"...

איך ווער אַ פאַרציטערטער.

אַ האַלבן מייל אַנקעגן אונז זע איך הייזער געמישט מיט רויך. דער מאַן וויינט און דערציילט מיר, אַז ער האָט זיין מאַמע געוואָלט פאַרהיטן פון אַ קויל, האָט ער זי באַהאַלטן אין קעלער. איצט האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די הייזער און

אויך דאָס הויז, וואו זיין מאַמע געפינט זיך. זי איז אַלט און קראַנק און קען זיך אַליין ניט ראַטעווען. ער אַליין האָט מורא אַהין צו לויפן; ער איז קוים אַנטלאָפן פון זייערע קוילן... איך קוק אויף אים. איך זע ווי ער טאַנצט אַרום אויף ביידע פיס, ער קאָן אויף קיין אָרט ניט איינשטיין, זיינע האָר פון קאָפּ זיינען צושויבערט. זיינע קליידער זיינען צוכראַסטעט.

ער ברעכט די פינגער פון די הענט. נאָך אַ פּאָר מינוט און ער וועט אַרונטער פון זינען.

איך לאָז אים איבער און גיי ווייטער. וואָס פאַר אַ באַ־טרעף האָט דאָ אַן אַלטע, קראַנקע מאַמע, אַז דאָ ליגן אַזויפיל יונגע מענטשן און וואַלגערן זיך אין זייער אייגן בלוט?...

אויפ'ן פרייען פעלד שטייען אויסגעשטעלט פּלויטן פון שטעכיגן דראָט. דער קאָרפּאָראַל הייסט מיר לויפן פאָראויס און איבערשניידן די דראָטן מיט אַ גרויסער שאַרפער שער. לויפנדיג זע איך, אַז פון די אַנדערע סקוואָדן (אַ גרופּע פון אַכט סאָלדאַטן) לויפן אויך סאָלדאַטן. עס לויפן אַ פּאָליאַק, אַ רוס און אַן איטאַליענער. מען שיקט אויסלענדער. אַן אויס־לענדער איז ביליגער פון אַ „יענקי"...

איך לויף צו די שטעכיגע דראָטן און עס פּאַרדריסט מיך, פאַרוואָס צווישן זיבן קריסטן און איין איד האָט ער דווקא מיך אויסגעקליבן פאַר דער אַרבעט. שטאַרק געוואונדערט אויף מיין קאָרפּאָראַל האָב איך זיך ניט, ווייל איך קען אים זייער גוט: ער איז אַן אירלענדער און האָט פיינט אידן. ניט איינמאָל האָב איך אים געהערט ריידן צו זיינע קאַמעראַדן וועגן אונז אידן: די „שינים" זיינען „נאָ גוד"... אין קעמפּ לי פּלעג איך אַזעלכע באַליידיגונגען ניט פאַרשווייגן, אָבער דאָ מוז מען אָפּווישן די ליפּן און מאַכן אַ שווייג. מענשלאַכע לעבנס זיינען דאָ זייער ביליג. פאַר אַ וואָרט, וואָס זאָל אים ניט געפעלן, קען ער מיר אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ, און ס'וועט זיין פאַרפאַלן. אַהיים צו מיין מאַמען וועט מען שרייבן: „דיין זון איז גע'הרג'עט געוואָרן אין שלאַכט".

מיט אונזערע שערן האַקן מיר איבער די דראָטן, מיר מאַכן

א פרייען וועג פאַר די הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן, וואָס גייען הינטער אונז. פּלוצלינג הער איך ווי מיין קאַרפּאָראַל שרייט צו מיר: „מעיק איט סנעפּי, אָר אַי'ל טעיק עי שאָט עט יו" (מאַך עס שנעלער, אַניט וועל איך דיך דערשיסן).

איך ווער א פאַרציטערטער: גאָט, וואו בין איך דאָ אריינגעפאַלן? איך בין איצט אין געפאַר פוןביידע זייטן. איך בין צווישן צוויי פייערן — פאַרנט די דייטשן און הינטן מיין אייגענער קאַרפּאָראַל. אין מח פאַלט מיר איין א געדאַנק, איך זאָל זיך צו אים שוין ווארפן מיט מיין ביקס און מיט'ן באַיאָנעט אים איינשניידן דעם גאָרגל... איך ביים מיינע ליפּן און שווייג.

מיט א ביטער האַרץ, מיט שנאה צו דער גאַנצער וועלט, באַזונדערס צו מיין קאַרפּאָראַל, גיי איך אַלץ ווייטער און ווייטער. די דייטשן שיסן צו אונז פון אַלע זייטן און זיי טרעפן. איך זע ווי מיין קאַרפּאָראַל פאַלט. ער שרייט פאַרצווייפלט: העלפּט! העלפּט. איך האָב דערפילט מיטאַמאָל ווי א שטיין איז מיר אראָפּ פון האַרצן...

מיין האַרץ איז פול מיט נקמה. איך וויל צוגיין צו אים און אריינשרייען אים אין פּנים אריין: — שטאַרב, דו הונט! אַזעלכע באַשעפענישן ווי דו דאַרפן נישט לעבן. אַזעלכע ברואים'לאַך טוען סיי־ווי־סיי נישט קיין גוטס דער וועלט, און א אידן אוודאי נישט. ער ליגט מיר גוט אין די ביינער, אָט דער שונא־ישראל. קיין אַנדער וואָרט ווי „דזשו בעסטאַרד", אָדער „שיני", האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט פאַר א אידישן סאָלדאַט. איצט קוק איך אויף אים מיט שנאה און זע ווי ער ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד און שרייט מיט פאַרצווייפלטע קולות: „העלפּ, ברודער, העלפּ!"

איך לויף אים פאַרביי, נאָר עפּעס א געהיימע קראַפט שטעלט מיך אָפּ און מיין געוויסן הייסט מיר, איך זאָל צו אים צוגיין... איך לויף צו אים צו. ער רעוועט ווי אַן אָקס. ער בעט זיך ביי מיר: „העלפּ מיר, ברודער לעבן!" זיין געבעט און זיין בלוט האָבן ווייך געמאַכט מיין האַרץ. איך זעץ זיך אַוועק לעבן אים. איך דערזע, אַז זיין האַנט איז אינגאַנצן איבערגעהאַקט. זי האַלט זיך ניט מער ווי אויף א שטיקל הויט. איך ריים אויף זיין באַנ־

דזשיר-מאַטעריאַל און זייער פּאַרזיכטיג, איך זאָל אים נישט ווי טאָן, וויקל אים איך ארום די האַנט. איך נעם אים דערנאָך אויף דער פּלייצע און טראָג אים צו אַן ערשטע-הילף-סטאַנציע.

אויפ'ן וועג פרעג איך אים: ווייסטו, ווער איך בין?

שוואַך ענטפערט ער מיר, קוים וואָס איך הער זיינע ווער-טער: „יאָ, איך דערקען דיך", — און ער ווערט אַנטשוויגן. איך טראָג אים און איך רעד צו זיך אַליין: דאָס בין איך דער „דוירטי דזשו", דער „שיני-סאָלדזשער", וועמען דו האָסט אַזוי שטאַרק פיינט. מיט עטלאַכע מינוט פריער האָסטו מיך געוואָלט שיסן און איצט טראָג איך דיך אויף מיין פּלייצע. איך וויל ראַטעווען דיין לעבן.

איך גיי אָפּ אין שוויס. דער וועג איז בלאָטיג און ער איז שווער. מיינע פיס וואַקלען זיך פון דער שווערער משא. איך לאָז זיך אַרונטער אויף די קני און פּאַרזיכטיג לייג איך אים אַוועק אויף דער ערד. איך רעד צו אים. ער ענטפערט נישט. איך טאָרע אים עטלאַכע מאָל. ער איז טויט. איך לאָז אים איבער. איך לאָז זיך לויפן צו מיין קאָמפּאַניע. אויפ'ן וועג טראַכט איך, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס ער איז געשטאָרבן. אפשר ווען ער וואָלט געבליבן לעבן, וואָלט ער געהאַט צו דער-ציילן פאַר אַלע קריסטן, אַז אַ „שיני-סאָלדזשער" האָט געראַ-טעוועט זיין לעבן...

ביי טאָג ליידן מיר ניט אַזוי פיל פון די קליינע חיה'לאַך. מיר קומען אָפּ מיט אַ שטאַרקן קראַץ דאָ און דאָרט, און זיי בלייבן שטיל אויף אַ קורצע ווײַלע. די גרעסטע צרות האָבן מיר פון זיי ביינאַכט. זיצן נאָענט פון אַן אויוון, וואָס ברענט, איז סכנות-נפשות: זיי דערפילן באַלד די וואַרימקייט, הויבן זיי אָן ארומצוקריכן. מיר קראַצן אַרונטער די הויט פון זיך. מיר גייען אום מיט וואונדן אויף אונזערע לייבער. אין די גרעסטע קעלטן שטייען מיר אָפּ גאַנצע שעה'ן אין דרויסן, כדי די „קוטים", ווי מיר רופן זיי דאָ, זאָלן פילן די קעלט. און אַז ס'איז קאַלט, ליגן זיי איינגעלייגט.

קיין איבערקלייבער זיינען זיי דוקא ניט: זיי בייסן די

אַפּיצירן פּונקט אַזוי גוט ווי די פּראָסטע סאָלדאַטן. אַלע קראַצן זיך און שילטן די „לויזיגע" פראַנקרייך.

מיר שטייען אויסגעצויגן. דער מאַיאָר האַלט פאַר אונז אַ רעדע. ער זאָגט אונז, אַז אין אונזערע ווייטערע שלאַכטן וועלן מיר אָנווענדן גאַנץ אַנדערע מעטאָדן ווי ביז איצט. מיט די נייע מעטאָדן וועלן מיר גלייך אריינמאַרשירן אין דייטשלאַנד. די לייז בייסן אונז און מיר ווערן נערוועז. מיר דרייען זיך אויף אונזערע ערטער, מיר קלאַפּן מיט די פיס אויף די ערטער, וואו עס בייסט אונז, און דאָ וואו מיר קענען ניט דערגרייכן מיט די פיס, נוצן מיר די הענט. דער מאַיאָר רעדט און מיר קראַצן זיך. זיינע רייד קריכן אונז ניט אין קאָפּ אריין. מיר ווילן בעסער, ער זאָל אונז זאָגן, ווען מען וועט אונז פירן אין באָד אריין. דער מאַיאָר זעט ווי מיר קראַצן זיך, שרייט ער אויס צו אונז:

— וואָס איז מיט אייך דער מער, באָיס? איר זייט לויזיג?

— יעס, סער! — ענטפערן אַלע ווי איינער, — מיר זיינען לויזיג!

דער מאַיאָר צעלאַכט זיך אויף אַ קול און מיט אַ קאָמישער מינע אויפ'ן פּנים זאָגט ער:

— וואָס מיינט איר, איך בין ניט לויזיג?

און ער הויבט זיך טאַקע גלייך אָן צו קראַצן אויף אַלע זייטן. ער צעלאָזט אונז און זאָגט אונז צו, אַז ער וועט אויס־געפינען צי אין דער געגענט איז ערגעץ פאַראַן אַ באָד, און אויב יאָ, וועט ער אויך גיין מיט אונז אין באָד אריין.

אין איין שטאַל וואוינען פערציג סאָלדאַטן. די ווענט זיינען מיט אַ סך לעכער. אַ שטיק דאַך איז ארונטערגעריסן. אַז מיר הויבן אויף אונזערע אויגן צו דער סטעליע, זעען מיר דעם הימל. מיר ליגן אויף פאַרפוילטער שטרוי, פּונקט אַזוי ווי די עטלאַכע חזירים, וואָס שלאָפן אויך אין שטאַל. די חזירים שטייען אָפּ־געצוימט באַזונדער אין אַ קליין קעמערל. הויבן זיי אָן צו ריטשען אויף זייער חזיר'שן שטייגער, איז וואָס עס קומט אונז נאָר אין די הענט אריין, כאַפּן זיי אין די קעפּ.

ווינט, רעגן און קעלטן פעלן אונז דאָ ניט. נאָר די גרעסטע פון אַלע מכות זיינען די כנים. ביז טאָג זיצן מיר אויף אונזערע

געלעגערס, זיי לאָזן אונז ניט שלאָפן. זיי מוטשען אונז ביז משוגעת. פאַר כעס רייסן מיר זיך די האָר פון קאָפּ, מיר שיכור'ן זיך אָן, אפשר, ווען מיר וועלן זיין שיכור, וועלן מיר ניט פילן ווי זיי קריכן ארום. אָבער דעם גרעסטן שיכור מאַכן זיי ניכטער.

מיר הויבן זיך אָן צו לויזן. מיר קערן איבער אונזערע העמדער און גאַטקעס אויף דער לינקער זייט, מיר שפּרייטן זיי אוים אויף דער קני. אין איין האַנט האַלטן מיר אַ ברענענדיג ליכט און מיט צוויי פינגער פון דער צווייטער האַנט טראָגן מיר זיי איבער פון העמד אויפ'ן פלאַם אַרויף. מיט גרוים כוונה קלייבן מיר זיי אויף, מיר בראָטן אונזערע „שונאים" און עס טוט אונז הנאה.

איין סאָלדאַט פרעגט ביים עולם:

— באָים, וואָס רעכנט איר, גענעראַל פּוירשינג זיצט איצט אויך אין אַ שטאַל און לויזט זיך?

— אָט באַלד, — ענטפערט איינער, — ער זיצט איצט אין פאַריז אין די שענסטע קאַבאַרעטן, טרינקט שאַמפּאַניער און פאַרברענגט מיט שיינע פרויען.

מיר ריידן און עס קנאַקט. אַז מען וואַרפט אַרויף אַ לויז אויף אַ ברענענדיג ליכט, טוט זיך דער קנויט אַ טוק און די לויז גיט זיך אַ צאַפּל.

ביים לויזן זיך זיינען מיר קאָלעגיאַל, איינער העלפט דעם צווייטן. מיין סאַרדזשענט וואַנעדאַ זאָגט צו אונז:

— סעי, באָים, לאָמיר האָבן אַביסל שפּאַס.

— וואָס פאַר אַ שפּאַס? — פרעגן מיר אים נייגיריג.

— לאָמיר נעמען אַ טעלער, מיר וועלן אַהין אַריינוואַרפן אידישע און אירישע לייז, און לאָמיר זען, צי זיי וועלן זיך שלאָגן.

מיר לאַכן און מיר ווילן האָבן אַביסל שפּאַס. אַ סאָלדאַט ברענגט גלייך זיין בלעכענעם טעלער. איין רעדל זעצט זיך אַרום מיין העמד און איין רעדל אַרום אַן אירישן. מיר קלייבן לייז און וואַרפן זיי אין טעלער אַריין. דער סאָלדאַט, וואָס האַלט

דעם טעלער, גיט גוט אכטונג, אז זיי זאָלן זיך ניט צוקריכן. מיר ציילן אָפּ דריי הונדערט און מיר פֿאַרברענען זיי. אַלע קייכן פון געלעכטער. מיר קוקן זיך צו און האָבן הנאה ווי עס קנאַקן און ברענען די „אידישע" און די „קריסטליכע" לייז.

מיר שלאָפֿן ניט קיין נעכט. ווערן מיר הונגעריג אין מיטן נאכט, גייען עטלאכע סאָלדאטן זוכן עסן. עס איז גע־קומען צו מיין ריי. איך און עטלאכע סאָלדאטן כאפּן זיך אריין אין דער שטאַל, וואו עס איז אונזער קיך. א סאָלדאט אויף דער וואך דרייט זיך ארום מיט'ן ביקס אויפ'ן אקסל און היט, אז קיינער זאָל ניט אריינגיין בא'גנב'ענען די קיך. אין דער פינסטער געפינען מיר וואָס מיר ווילן. דער סאָלדאט, וואָס היט, מאכט זיך ניט־זעענדיג. מיר האָבן צווישן זיך אָן אָפּמאַך, אז ווען איך וועל שטיין אויף דער וואך און ער וועט קומען זוכן עסן, וועל איך אים אויך ניט זען.

מיר ברענגען עטלאכע שווארצע ברויטלאך, א פינף פונטיגע קאַן מיט פּאַטעקע. הערשל און נאָך צוויי סאָלדאטן ברענגען צוקאטשען א פעסל וויין; זיי האָבן אָפּגעשטאָט א וויזיט ערגעץ אין א קעלער.

אונזער אונטערוועש לופטערט זיך אין דרויסן. מיר זיינען איינגאנצן אויסגעטאָן, און נאקעטע, מיט פרייליכע פּנים'ער, זעצן מיר זיך צו דער סעודה. די ערד אונטער אונז ווערט נאָס פונ'ם וויין, ווייל ביים אָנגיסן אונזערע בלעכענע קווערטלאך, גיסט זיך מער אוים אויף דער ערד.

מיט פולע מאָגנס און געשוואָלענע קעפּ זינגען מיר לידער אין מיטן נאכט. חברה קאטשען זיך אויף דער נאסער ערד און שווימען אין בלאָטע. אַן איירישער שייגעץ מיט צוויי מייזן־אויגעלאך זאָגט צו אונז:

— באָיס, איך גיי דערשיסן די חזירים, וואָס שלאָפֿן מיט אונז אין איין שטאַל.

ער וואַקלט זיך צו צו זיין געלעגער, שלעפּט ארוים זיין רעוואָלווער און אריבער מיין און הערשל'ס קעפּ פליען דורך

פינף קוילן. די עטלאַכע רגע'ס, וואָס מיר זיינען געלעגן אויף דער ערד, דערשראָקענע, האָבן אונז אינגאַנצן אויסגעניכטערט.
הערשל שרייט:

— אפילו ווען מען איז ניט אויפ'ן פראָנט, איז מען אויך ניט זיכער מיט'ן לעבן!

ער גייט צו צום שייגעץ, זאָגט אים גאָרניט, — פאַר כעס האָט ער פאַרלוירן דאָס לשון, — און מיט זיין גאַנצן כח דער־לאַנגט ער יענעם אַ זעץ אונטער דער מאָרדע. דער שייגעץ זינקט שווער צו דער ערד און אַלע סאָלדאַטן שרייען מיט זייערע שיכור'ע קולות:

— גוד באָי, דזשו, גיוו הים ענאָדהער וואַן! (גיב אים נאָך איינעם).

„אין אַ דאָג־אַוט".

אין דרויסן איז שטאַק פינסטער און עס מבול'ט. אויפ'ן שלאַכטפעלד האָבן מיר אָפּט אַזעלכע נעכט, מיר מוזן דאָ בלייבן ליגן, עס איז פאַר אונז אוממעגלאַך ווייטער צו גיין. אין דער פינסטער דערטאַפּן מיר עטלאַכע „דאָגאַוטס". די פלינקערע כאַפּן זיך אַהין אריין, די איבעריגע בלייבן ליגן אין די בלאָטעס. נאָס, דורכגעווייקט ביז'ן ביין, שטייען מיר אין דעם לעבעדיגן קבר, וואָס רופט זיך „דאָג־אַוט".

אַ סאָלדאַט שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ גראָב שטיקל ליכט. אַ צווייטער רייבט אויס אַ גאַנץ פּעקל שוועבעלאַך, ביז ער צינדט אָן דאָס שטיקל ליכט. זיי שמעלצן אָן דאָס ליכט אויף אַ גרויסן קאַסטן, וואָס שטייט אין דער מיט.

מיר קוקן אַרום אונזער נייע קוואַרטיר. ביי די ווענט זיינען אויפגעקלאַפּט פון ברעטער אַ פּאָר בעטן, איינס איבער'ן אַנדערן. אויף דער ערד ליגן עטלאַכע קליינע קעסטעלאַך, פאַר־שטייען מיר, אַז דער גרויסער קאַסטן איז דער טיש און די קליינע קעסטעלאַך זיינען צום זיצן. מיר הענגען אויף אַ פּאָר רעגן־מאַנטלען אויף דער אָפענער לאָך, דורך וועלכער מיר זיינען אַהער אריינגעקראָכן. מיר הענגען אויף די מאַנטלען צוליב

צוויי זאַכן: דער רעגן זאָל ניט אַזוי אַריינגיסן און מען זאָל פון דרויסן ניט זען, אַז דאָ לייכט זיך.

זייער אַרטילעריע אַרבעט מעשים, זייערע קוילן פאַלן נאָענט פון אונז, שפּריצן מיט פייער, כאַפּן זיך אויך אַריין צו אונז, כאָטש דער אַריינגאַנג איז פאַרהאַנגען מיט אונזערע רעגן־מאַנטלען. מיט זייער טראַסקן און קנאַקן רייסן זיי ביי אונז אַרויס די געדערים. מיר שטייען שטיל און מיר הערן זיך צו, וואָס אין דרויסן טוט זיך. מיר זיינען אין אַ געדריקטער שטימונג. כאָטש דאָס קלאַפּן פון די קאַנאָנען און דאָס עקספּלאָדירן פון די קוילן מאַכן אָן אַ ליאַרעם, פונדעסטוועגן הערן מיר אויך דאָס וויינען און שרייען פון אונזערע סאָלדאַטן, וואָס ווערן געטראָפן. איינער טוט אַ זאָג:

— וואָס זאָגט איר עפּעס צו דער מוזיק? פיינע מוזיק, אַ? די פּריצעס ווערן גאָר ניט מיד!...

הערשל קומט צו צו מיר און זאָגט מיר שטיל:

— מיר וועלן היינט שוין דאָ האָבן די אמת'ע נאַכט...

עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן פאַר שרעק און קעלט.

איך ענטפער אים:

— זיי האָבן אונז אויסגעפונען, דערפאַר אַרבעטן זיי אַזעלכע מעשים...

— ווער וויים צי מיר וועלן דערלעבן ביז מאָרגן, — שרייען עטלאכע.

— לאָמיר בעסער אַרויסקריכן אין דרויסן, — שרייען אַלע. — דאָרט וועלן מיר אַריינכאַפּן איינציגווייז, ניט אַלע מיט אַמאָל...

פּלוצלינג קאַטשעט זיך אַריין אַ סאָלדאַט. ער וויינט און שרייט:

— העלפט! העלפט!

מיר לעגן אים אַוועק אויף אַ בעטל, רייסן פון אים אַרונטער די נאַסע קליידער און פאַרבינדן די וואונד. ס'האָט אים געטראָפן אין אַקסל.

אין דרויסן טאַנצן אַרום מיליאָנען שדים...

דזשים קעלי שרייט פלוצלינג אויס:

— באָיס, זעט נאָר וואָס איך האָב געפונען! — און אין האַנט האַלט ער אַ פלאַש מיט קאָניאַק.

מיר דערזעען, אַז אויף דער ערד וואַלגערן זיך אַ סך לעדיגע פלעשער פון שנאַפּס און ביר. חברה כאַפּן די פלעשער, שמעקן זיי און פּאַסמאַקעווען זיך: אַ מחיה... קאָניאַק, ביר!...

— זיי האָבן דאָ גאַנץ גוט געלעבט, — זאָגן עטלאַכע סאָלדאַטן, — וואָס דען, מיר לעבן? אונז גיט מען קענדי מיט וואַסער... אַפילו די פראַנצויזן זיינען בעסער אָפּ פון אונז, זיי גיט מען ווייַן...

אַלע ווערן ברוגז און זאָגן:

— פאַר אונזער געלט גיט מען זיי צו טרינקען וויין און שנאַפּס.

דזשים האָט דערווייל מיט'ן שפּיץ פון אַ מעסער אַרויסגעשלעפּט דעם קאָרעק פון דער פלאַש. אָבער ווי נאָר ער וויל אָנהויבן טרינקען, אַזוי שפּרינגט אונטער גאָלדשטיין און כאַפּט אַרויס די פלאַש פון דזשים'ס האַנט און זאָגט צו אים:

— איך וועל צוערשט פאַרזוכן און זען אויב ס'איז טאַקע אמת'ער קאָניאַק...

הערשל מישט זיך אַריין:

— גיט מיר, — זאָגט ער, — אויף שנאַפּס בין איך אַ בעסערער מבין פון אייך ביידן.

דזשים ווערט בלאַס, ער קריצט מיט די ציין פאַר כעס. ער שווייגט אָבער, ווייל ער האָט מורא פאַר גאָלדשטיינ'ען. ער ווייסט, אַז יענער קען דערלאַנגען אין באַק אַריין. גאָלדשטיין האָט אַמאָל געהערט, ווי אַ קריסט האָט געזאָגט, אַז די אידן זיינען פּראָ־דייטשן, האָט ער פון זיך אַרונטערגעוואָרפן דעם ראָק און יענעם אַרויסגערופן זיך שלאָגן. ער איז ניט לאַנג אין אונזער קאָמפּאַניע. מען האָט אים צו אונז געבראַכט נאָך דער שלאַכט אין די אַרגאָן־וועלדער. מיט הערשלען און מיט מיר איז ער גלייך געוואָרן אַ גוטער־ברודער.

ער איז אַ וואוילער געזונטער בחור, מיט אַ קאָפּ שוואַרצ־

געקרויזטע האָר און כיטרע אויגן. ער קען ניט קיין מלאָכה. ער ווייסט ניט, וואָס עס הייסט אַרבעטן. ער פלעגט מאַכן אַ לעבן פון קאָרטן. ער קומט פון העריסבורג, פענסילווייניא. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי צוליב ביזנעס. ער האָט געוואוסט, אַז סאָלדאַטן האָבן ליב צו שפילן קאָרטן און בײנד־לאַך, האָט ער מיטגעבראַכט אַזעלכע קאָרטן, אַז ווען ער קוקט אויף דער לינקער זייט, ווייס ער וואָס פאַר אַ קאָרט דאָס איז. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז די ווערפלאַך (ביינדלאַך) זיינען אָנגעלאָדענע, און ווען ער קאַטשעט זיי אויף דער ערד, מוז ער קריגן דעם נומער וואָס געווינט. ער האָט אין דער אַרמיי געמאַכט אַ סך געלט. דאָס געלט פלעגט ער אוועקשיקן זיין מאַמען.

דאָ, אין פראַנקרייך, האָט ער אויפגעהערט צו שפילן. ער וויל מער ניט שווינדלען. ער האָט דערזען, וואָס דאָ טוט זיך, האָט ער מורא באַקומען פאַר גאָט: ער ווייסט, אַז אויסשווינד־לען ביי מענשן געלט איז אַ זינד און גאָט שטראָפט די זינדיגע... ער האָט שוין פון לאַנג אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויב ער וועט דערלעבן אַהיימצוקומען, וועט ער ווערן אַן אָנשטענדיגער מענש.

גאָלדשטיין גיט יעדן איינעם אַ זופּ פּונ'ם פלעשל, דערנאָך לייגן מיר זיך אוועק: ווער אויף די בעטלאַך און ווער אויף דער ערד.

אין דרויסן איז שטיל געוואָרן. דאָס שיסן האָט אויפגע־הערט. מיר אָטעמען אָפּ אַביסל פרייער. אין דאַג־אוט הערשט אַ טויטע שטילקייט. פּלוצלינג שרייט איינער אויס:

— באָיס, איך האָב געפונען נאָך אַ פלאַש שנאַפּס!

שנעל ווי אַ בליץ שפּרינגען מיר אַלע אויף און רינגלען אים אַרום. ער צעלאַכט זיך און זאָגט אונז:

— איך האָב אייך אָפּגענאַרט.

מיר זידלען אים גוט אויס און לעגן זיך צוריק אויף אונ־זערע ערטער.

גרויסע אָנגעפּרעסענע שטשורעס מיט גראָבע פעטע קאַרבן אויפ'ן קאַרק שפּאַצירן זיך פריי צווישן אונז. זיי האָבן פאַר

אונז קיין מורא ניט. עס לעבט זיך זיי דאָ גאַנץ גוט. קיין פלייש צום פרעסן פעלט זיי ניט. די סאָלדאַטן, וואָס ליגן אויף דער ערד, שרייען ארויף צו די, וואָס ליגן אויף די בעטלאַך, אַז מיר האָבן צוגעקראָגן געזעלשאַפט. א שטשור פארקריכט צו הערשלען אין פעקל. הערשל איז אים מכבד מיט דער היל־צערנער זייט פון ביקס.

איינער, וואָס ליגט אויף דער ערד, רופט זיך אָן צו גאָלד־שטיינ׳ען:

— הער, גאָלדשטיין, לאָמיר זיך בייטן מיט די געלעגערס. דו האָסט דאָך פאַר קיין זאַך ניט קיין מורא!

— און א מכה ווילסטו ניט — ענטפערט גאָלדשטיין.

אַלע צעלאַכן זיך, כאָטש זיי ווייסן ניט וואָס דאָס וואָרט „מכה" מיינט.

דער רעגן שפּאַרט זיך דורך די רעגן־מאַנטלען און עס רעגנט אריין. די פוילע קעלט נעמט דורך אַלע אברים. מיר הענגען נאָך אויף א גרויסע קאָלדרע. די שטשורעס האָבן מורא פאַר וואַסער און זיי צוקריכן זיך אין זייערע לעכער.

— שוין איינמאָל א לעבן! — וואָרטשעט איינער בייז פון זיין געלעגער, — אַמעריקע מיט אַן ארמיי. סאָלדאַטן דאַרף מען געבן וויין, שנאַפּס, ביר! — שרייט ער אויף א קול און אַלע גיבן אים רעכט.

א צווייטער רופט זיך אָן:

— איך בין געווען א נאַר. איך האָב זיך אַליין אָנגע־שלאָגן. צוליב וואָס? קומען אהער ליגן אין נאַסע גריבער? גע׳הרג׳עט ווערן? אין דער היים האָבן מיר געמיינט, אַז מלחמה איז א שפּילכל. ס׳איז דאָך נאָך ערגער פון גיהנום!

— הערט, באָים! — שרייט איינער אוים אויף א קול — ווען עמיצער זאָל איצט צו מיר צוקומען, און מיר זאָגן: מאָרי, איך נעם דיך אַוועק פון דאַנען און פיר דיך אהיים, נאָר מיט א באַדינג, אַז דיין גאַנץ לעבן זאָלסטו ארבעטן פאַר מיר אָן געלט, נאָר פאַר עסן און שלאָפן, — וואָלט איך געכאַפּט דעם דזשאָב און נאָך א קוש געטאָן אים אין . . .

דאָס לעצטע וואָרט שרייט ער אויס אויפ'ן קול.

— קוש דערווייל מיך און זאָל זיין שטיל! — בייזערט זיך גאָלדשטיין.

הערשל רעדט אויף זיין באַסאָווער שטימע אין דער שטיל:

— סעי, באָיעס, קיפּ סטיל, יו אַר אין די פראָנט לאַין... דאָנ'ט טאָק! (חברה, זייט שטיל, איר זייט אויפ'ן פראָנט... רעדט נישט!).

— גיי שוין גיי, — ענטפערן אים עטלאַכע שטימען, — אויב די פריצעס האָבן אויף דיר אַן אויג, וועט דיר שוין גאָר־נישט העלפן.

א שטאַרקער דונער און א בליץ פונ'ם שונא, און מיר ווערן אַלע שטום. הערשל קרעכצט:

— אהא, עס הויבט זיך שוין אָן, זיי וואויען שוין!

מיר לעבן דורך שווערע טעג און ביטערע נעכט. איך טראַכט ניט מער פונ'ם מאָרגן. דער היינט איז אַן אייביגקייט. מיר ווייסן שוין, וואָס עס וועט פאָרקומען מאָרגן, איבערמאָרגן און איבעראיאָר, אַזוי ביז'ן סוף פון דער מלחמה, כאָטש עס גלויבט זיך אונז גאָרנישט, אַז עס קען אמאָל קומען א סוף.

איך וויל מאַכן שלום מיט'ן געדאַנק, אַז ס'איז פיל בעסער צו שטאַרבן איידער צו ליגן דאָ א לעבעדיגער אין די קברים. די געשטאָרבענע ווערן דאָך פאַרט פריי פון דער שרעקלאַכער מאַטערניש. יעדער סעקונדע וואַרטן מיר אויף דעם טויט און אין דעם וואַרטן ליגט אונזער אמת'ער שרעק... דאָס וואַרטן מאַכט אונז גרוי און אַלט. מיר ווערן משוגע, אַז מיר דערזעען דעם טויט... דאָ זעט מען אים, ער שווידערט אונז אויף. מיר דערשרעקן זיך פאַר אים און דערפאַר ווילן מיר ניט שטאַרבן. אונזער לעצט ביסל כח, וואָס מיר פאַרמאָגן נאָך, לעגן מיר אריין אין אונזערע הענט. מיר שיסן, מיר שטעכן, מיר וואַרפן האַנט־גראַנאַטן, מיר לעשן אויס לעבנס... כל־זמן איך לעב, ברענג איך אום צענדליגער לעבנס פאַר מיין אייגן לעבן... טרעפן זיי מיך, באַפרייען זיי מיך פון אייביגן שרעק...

אין דרויסן רוקן זיך די ענגלישע קאַנאָנען. די ענגלישע

סאָלדאַטן שטעלן זיך אָפּ נאָענט פון אונז און הויבן אָן אַריבער־שיסן איבער אונזערע קעפּ. אויף איין וועג האָבן זיי איבער די דראָטן, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט, כדי ס׳זאָל אונז ניט זיין שווער צוצוקומען צו זיי. מיר ליגן מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם און הערן זיך איין ווי אָפּט די דייטשן ענטפערן.

סאָלדאַטן האָבן שטאַרק הנאה צו ריידן פון פרויען, טאָקע דערפאַר ווייל מיר זיינען זשעדנע נאָך פרויען. אפילו דאָ, מיט׳ן מלאך המות פאַר אונזערע אויגן, קומט אונז אויך דאָס שיינע געשלעכט אַרויף אויף די געדאַנקען. מיר ריידן צווישן זיך און מיר לויבן שטאַרק די פרויען וואָס מיר האָבן אַמאָל געקענט נאָענט.

איינער באַרימט זיך, אַז אין דעם דערפל, וואו מיר זיינען איינגעשטאַנען, אין דער וואָך, וואָס מיר זיינען שוין געווען אויף אונזער וועג קיין בעלגיע, האָט זיך אין אים איינגעליבט אַ שיין מיידל. אַלע זיצן אויף די גלעגערס, און אַז זיי דער־הערן דערציילן אַ מעשה פון אַ מיידל, קענען זיי ניט איינליגן. אַ ברייטער שמייכל צעגיסט זיך אויף זייערע פּנים׳ער און אַלע הערן זיך נייגיריג צו צו דער מעשה. דער סאָלדאַט דערציילט:

— הערט אַן איינפאַל פון אַ מיידל! זי קושט מיך, זאָגט, אַז זי האָט מיך ליב, און וויל נישט אַנדערש, נאָר איך זאָל איר צוזאָגן, אַז איך וועל מיט איר חתונה האָבן, און וויל פון מיר מיין רינג פאַר אַ משכון.

אַלע בויגן זיך מער אַריבער צו אים און פרעגן אים נייגיריג:

— נו, וואָס האָסטו געטאָן?

ער טוט אַ וואָרף ביידע הענט אין דער הויך און ווייזט אויפ׳ן פינגער.

— דעם רינג האָב איך שוין ניט, — זאָגט ער, — איך האָב אים איר אָוועקגעגעבן און איך האָב איר אויך צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיט איר חתונה האָבן.

זיינע אויגן גייען אים איבער פאַר נחת און מיט אַ שמייכל ענדיגט ער:

— ס'האָט אָבער די ווערט געהאַט...

— יו אַר עי לאַקי גאַי! („ביסט אַ מזל'דיגער יונג!") — זאָגן עטלאַכע ארויס מיט קנאה.

— הערט נאָר בעסער וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, — הויבט אָן אַן אַנדערער דערציילן. — איך האָב אַמאָל אין אַ שטעטל זיך באַקענט מיט אַ מיידל. איך האָב איר געקויפט שאָקאָלאַד און אַנדערע נאַשערייען און גיי מיט איר צו איר אין הויז. נו, ווען מען, מיינט איר, האָב איך דאָרט געטראָפן זיצן? אונזער שלעכטן לייטענאַנט, דעם הונט. ער איז געזעסן ביים טיש און געגעסן. אַזוי ווי ער האָט מיך נאָר דערזען מיט זיינע משוגע'נע אויגן, האָט ער זיך צושריגן אויף מיר. ער האָט מיך גוט אויסגעזידלט און מיך ארויסגעטריבן פון שטוב. ער איז דאָרט געבליבן, דער הונט... איך קען וועטן, אַז ער האָט דאָרט פאַרווילט גאָר נישקשה'דיג, אַז טרעפן זאָל אים אַ דייטשע קויל...

זיין פּנים צינדט זיך אָן און ער גיט צו:

— ווען איך זאָל ניט מורא האָבן פאַר קיין מיליטערישן געריכט, וואָלט איך אים דערשאָסן, דעם שמוציגן הונט...

אין דרויסן האָט אויפגעהערט רעגענען, נאָר דאָס שיסן הערט אַלץ ניט אויף. די קאַנאָנען קלאַפּן, כריפּען, און רוחות טאַנצן אַ טאַנץ... מען לאָזט אונז וויסן, אַז מיר דאַרפן ארויס־קריכן. מיר ווערן נערוועז. מיר טוען אָן די פּעקלאַך אויף די פּלייצעס, נעמען די ביקסן, און מיט געבויגענע קעפּ קריכן מיר ארויס אין גאַס. גאָלדשטיין, הערשל און איך האַלטן זיך צוזאַמען. מיר טאַפּטשען מיט אונזערע פיס אין בלאָטע. מיר פאַרטשעפּען זיך אין די טויטע און פאַלן איבער זיי.

די דייטשן שלאָגן זיך שוין פיר יאָר. פון וואַנען נעמט זיך צו זיי אַזוי פיל כחות? וואו נעמען זיי אַזוי פיל אַמוניציע? זיי זיינען נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק, גלייך ווי די מלחמה וואָלט זיך ערשט היינט אָנגעהויבן.

איך הער ווי גאָלדשטיין גיט אַ געשריי:

— אָה, מאָדהער! אי עם הוירט! (אוי, מאַמע, איך בין פאַרוואונדעט!).

אַ קויל האָט אים געטראָפן אין בויך.

הערשל כאַפּט אים אויף די פּלייצעס און מיר לויפן צו אַ דאָג־אַוט. מיר פאַלן אַריין אַהין. איך גיי אָפּ מיט שוויס, ביז איך צינד אָן אַ ליכט.

הערשל שלעפּט פון אים אַראָפּ די קליידער, ביים טונקעלן שיין פון ליכט זעען מיר שוואַרץ בלוט, געמישט מיט הויט און פלייש און קישקעס... גאָלדשטיינ׳ס פּנים איז פאַרקרימט, ער איז פאַר׳חלש׳ט. די קויל, וואָס האָט אים געטראָפן, האָט, אַפּנים, זיין קערפּער פאַרטויבט און ער פילט נאָך קיין שטאַרקן ווייטאָג. הערשל וויקלט אים אַרום מיט אַ באַנדאַזש און דער ווייסער באַנדאַזש ווערט רויט פון גאָלדשטיינ׳ס בלוט.

גאָלדשטיין עפנט פּלוצלינג ברייט פונאַנדער די אויגן און מיט פאַרצווייפלטע קולות הויבט ער אָן רופן:

— מאַמע! מאַמע!

ס׳ווערט מיר קאַלט אין אַלע גלידער. נאָדלען שטעכן מיין קערפּער... איך זע ווי ער וויל זיך אויפהויבן, ער פאַלט אָבער באַלד צוריק... ער איז כמעט אינגאַנצן איבערגעהאַקט אויף צווייען.

מיט אַ טרוקן מויל זאָג איך צו אים:

— דו וועסט זען, גאָלדשטיין, דו וועסט זיין אַלרייט, וועסט געזונט ווערן. אַזוי ווי עס וועט נאָר ליכטיג ווערן אין דרויסן, וועט מען דיך נעמען אין אַ שפּיטאָל און דו וועסט פּטור ווערן פונ׳ם פראָנט.

הערשל רעדט אויך צו אים:

— גאָלדשטיין, איך בין דיר מקנא, דו וועסט שוין באַלד דאָ ניט זיין...

גאָלדשטיין עפנט זיינע אויגן. ער קוקט אויף הערשלען, ער קוקט אויף מיר, זיינע אויגן זוכן עפּעס. איך שלינג אַרונטער די טרערן און פרעג אים:

— גאָלדשטיין, דו דערקענסט מיך?

שוואַך רעדט ער אַרויס:

— שור, אַי נאָו יו, אַי׳ל נעווער פאָרגעט יו... יו אַר אַי

ריעל פעל (אודאי דערקען איך דיך, איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ביסט אַן אמת׳ער חבר).

זיינע אויגן ווערן אָנגעפילט און אַ שטראָם טרערן באַנעצט זיין פּנים. ער קרימט זיך, ער קרעכצט, ער רופט:

— מאַמע! מאַמע!

עס הויבט מיר אָן שטיקן אין האַלז. איך פּיל, אַז איך ווער דערשטיקט, איך קען שוין מער ניט צוריקהאַלטן מיינע טרערן. איך ווער היסטעריש און הויב אָן קלאָגן אויפ׳ן קול... הערשל קלאַפּט זיך מיט די קולאַקעס אין קאָפּ און שרייט:

— גאָט, גאָט! האָב אויף אונז רחמנות!

ער לויפט הין און צוריק און שרייט מיט משונה׳דיגע קולות:

— גאָט, ראַטעווע אונז!

זיינע געשרייען וואַרפן ארויף אויף מיר אַ פּחד, איך דער־שרעק זיך פאַר אים: אפשר איז ער פּלוצלינג משוגע געוואָרן?...

— הער אויף צו שרייען, הערשל! — שריי איך צו אים. — גאָלדשטיין שטערבט זיך פאַר דיר.

ער בלייבט שטיל און זעצט זיך לעבן גאָלדשטיינ׳ען אויף אַ קליין קעסטעלע. איך קוק אויף דעם גוסס. מיט מיין אַרבל וויש איך כסדר מיינע אויגן, איך וויל ניט, אַז גאָלדשטיין זאָל זען ווי איך וויין.

אַ שוואַך, גרוי ליכט שפּאַרט זיך אריין דורך דעם אריינ־גאַנג. איך לאָז זיי איבער און לויף ארויס אין דרויסן. איך שפּרינג צווישן טויזנטער קוילן און איך קען קיין דאָקטאָר ניט געפינען. די דאָקטוירים זיינען אַ פּאָר מייל הינטער אונז. איך טרעף אַן ליוטענאַנט דיוויי. איך דערצייל אים, אַז גאָלד־שטיין ליגט אין אַ דאָג־אויט און שטאַרבט. אויף זיין פּנים באַווייזט זיך אַ מינע פון רחמנות און ער זאָגט צו מיר:

— וואָס קענען מיר מאַכן?

ער פרעגט מיך, וואו גאָלדשטיין ליגט, און מיר לאָזן זיך ביידע גיין אהין...

איך דערקען ניט הערשלען. ער זיצט אויף דעם זעלבן אָרט, וואו איך האָב אים איבערגעלאָזט. אין האַנט האַלט ער

גאָלדשטיינ׳ם פעלד־גלעזער, פון הינטער זיין העלמעט קוקט ארויס א גרויסער שטערן מיט א סך קנייטשן. ער דערלאַנגט מיר די פעלד־גלעזער און מיט ליפּן, וואָס באַוועגן זיך ניט, מאַכט ער צו מיר:

— נעמט! — ער ווייזט אָן מיט׳ן קאָפּ אויף גאָלד־שטיינ׳ען און רעדט ווייטער: — ער האָט מיך געבעטן, אז איך זאָל אייך איבערגעבן די גלעזער.

מעכאַניש נעם איך זיי צו. איך טו א קוק אויף גאָלד־שטיינ׳ען: ער ליגט רואיג מיט האַלב־אָפענע אויגן...

לייטענאַנט דיוויי בויגט זיך א פּאָר מאָל איין איבער גאָלד־שטיינ׳ען. ער הערט זיך צו צו זיין האַרץ, ער עפנט ברייטער זיינע אויגן... באַלד דרייט ער זיך אום צו אונז, שאָקלט מיט זיין גרויען קאָפּ און זאָגט שטיל:

— לעט׳ם גאָ, באָיס... („לאָמיר גיין”).

מיולאַבעק, בעלגיע.

נאָכמיטאָג זיינען מיר אָנגעקומען קיין מיולאַבעק, אין בעלגיע, א קליין שטעטל מיט גרויסע בלאָטעס. מיר זיינען אהער געקומען זיך אויסרוען פון דער איפּרעס־אָפענסיווע און אין איינוועגס האָט מען אונז געזאָלט רעאָרגאַניזירן. מיר האָבן אין איפּרעס פארלאָרן א סך סאָלדאַטן.

ביז מיר זיינען צוגעקומען צום באַשטימטן אָרט, וואו מיר האָבן זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן, האָבן מיר שוין געהאַט אַלע איינוואוינער פון שטעטל ארום אונז, יונג און אַלט, קינד און קייט.

מיר שטעלן זיך אָפּ לעבן א הויכן מויער, פיר עטאַזשן הויך. אין דעם הויז איז אַמאָל געווען א פאַבריק פון סעלצער־וואַסער. איצט שטייט עס פּוסט. מען זעט ניט מער ווי פיר לעדיגע ווענט. די פענסטער זיינען צובראָכן. וואו ניט וואו שטעקט נאָך ארויס א שטיקל גלאָז, סימנים פון שויבן. אונז קומט אויס צו פארנעמען דעם אויבערשטן עטאַזש. מידע

שלעפּן מיר זיך אויף די הילצערנע טרעפּ. די טרעפּ קרעכצן אונטער אונזערע פיס.

אַלע זעצן זיך אוים אויף דער פּאָדלאָגע. מיר שפּאַרן זיך אָן מיט די פּלייצעס אָן די ווענט. מיר ציען אוים די פיס און מיר סאָפּען שווער. מיר האָבן זיך אָנגעמאַטערט ביז מיר זיינען אהער ארויפגעקראָכן.

הערשל האָט פארכאַפּט אַ שטיקל פּאָדלאָגע און מאַכט שוין אַ געלעגער פאר זיך און פאר מיר. מיר פרייען זיך, אז היינט וועלן מיר אריינכאַפּן דעם אמת'ן שלאָף.

חברה ליגן אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע און שילטן דעם קוכער:

— גע'הרג'עט זאָל ער ווערן, דער שמוציגער הונט, וואָס עס נעמט אים אזוי לאַנג אָפּצוקאָכן דעם לויזיגן סאָפּער.

א צווייטער שרייט:

— עס מוז שוין אודאי זיין פאַרטיג, ווייל דעם גאַנצן טאָג, וואָס מיר זיינען געגאַנגען אהער, איז די קיך מיט אונז מיטגעפאָרן און די קעסלען האָבן געקאָכט.

א דריטער זאָגט:

— איך קאָן זיך ווערטן, אז די אָפיצירן עסן שוין. זיי זיינען דאָך מיוחסים.

א סיגנאַל פון טרומפּייט שלאָגט איבער דעם שמועס: מען רופט אונז עסן. ווי די ווילדע וואַרפן מיר זיך אויף די פּעקלאַך, כאַפּן ארויס דאָס געשיר און פליען צו די טרעפּ. מען שטופּט זיך, מען שילט זיך, איינער קריכט איבער דעם צווייטנ'ס קאָפּ. אין איילעניש קאַטשען זיך עטלאַכע ארונטער די טרעפּ, צוקלאַפּן זיך די הענט, די פיס. מען לויפט צו דער קיך.

אַלע פרעסן מיט גרוים אַפּעטיט. מיר טונקען איין דאָס שווארצע ברויט אין דעם סאָוס, שטופּן אָן א פול מויל, די יויך רינט ארוים פון פיסק איבער דער מאָרדע. מיר איילן זיך. איינער וויל איבעריאָגן דעם צווייטן מיט'ן עסן, כדי

מיר זאָלן קענען פאַרכאַפּן די ערשטע פּלעצער אין דער ריי צו קריגן אַן איבעריגע פּאָרציע.

אינמיטן עסן טראָגט זיך איבער אונזערע קעפּ דאָס רוישן און קלאַפּן פון דייטשע עראָפּלאַנען. מיר דאַרפן זיי ניט זען צו וויסן, אַז דאָס זיינען דייטשע. די מלחמה האָט אונז אויס־געלערנט און מיר דערקענען זיי נאָך דעם קלאַפּן פון דעם מאָטאָר. עס ברעכט אויס אַ פּאַניק. מיר לויפן מיט די טעלער אין די הענט, און לויפנדיג גיבן מיר אַכטונג, אַז מיר זאָלן, חלילה, ניט אויסגיסן פון די שיסלען. מיר שרייען מיט מורא׳־דיגע קולות:

— אַנדער קאָווער! באַהאַלט זיך!

עס דויערט ניט קיין דריי מינוט, און די גאַס איז ליידיג. אַלע זיינען אין די שטאַלן, אין די הייזער, וואו מיר האָבן נאָר געקענט געפינען אַ פּלאַץ זיך צו באַהאַלטן פאַר דעם אויבערשטן שווארצן מלאך המות.

דאָס קלאַפּן פון די מאָטאָרן הערט זיך שטאַרקער. זיי זיינען נאָענט. באַלד דערהערט זיך ערגעץ אַן אויפרייס, אַ צווייטער, אַ דריטער. זיי וואַרפן אַרונטער באָמבעס. חברה שלינגען אין זיך שנעל אַריין דאָס עסן.

זיי פליען איבער אונזערע קעפּ, און מיר האַלטן אונזערע הערצער אין די הענט. מיטאַמאָל ווערן מיר פריילאַך: מיר האָבן געהערט ווי אונזערע עראָפּלאַנען קומען אָן. מיר האָבן זיי אויך דערקענט אָן דעם קלאַפּן פון די מאָטאָרן. באַלד דערהערט זיך דער אַלטער באַקאַנטער „פּאָ־פּאָ־פּאָ־אָ!” מאַשין־ביקסן שיסן. די עראָפּלאַנען שיסן איינס אויפ׳ן אַנדערן.

מיר שטעקן אַרויס די קעפּ און גייען גלייך אַרויס אויף דער גאַס. איצט האָבן מיר שוין נישט קיין מורא פאַר זיי.

מיר פאַררייסן די קעפּ צום הימל. ערגעץ אויף דעם האָריזאָנט איז דער הימל איינגעטונקען אין אַ ים מיט קאָלירן. מיר קוקן אַרויף צו די עראָפּלאַנען און זעען ווי זיי פירן אַ מלחמה אין דער לופטן. איינער שיסט אַריבער צום צווייטן. אונזערע האַרמאַטן אונטן שיסן אַרויף אויף די דייטשע עראָ־

פּלאַנען. די קוילן, וואָס טרעפן ניט אין די עראָפּלאַנען, בלייבן שטעקן ערגעץ אין דער כמאַרע. אונזערע זיינען פיר געגן זייערע דריי. איך זע ווי אַ דייטשער עראָפּלאַן טראָגט זיך אָפּ. ער פליט ווייט־ווייט אַוועק פון אונז. ער ווערט קליין ווי אַ פויגעלע. איך קוק אים נאָך, ביז ער ווערט ערגעץ פאַרלאָרן צווישן די וואָלקנס.

איין דייטשער עראָפּלאַן ווערט געטראָפן פון אונזערע האַר־מאַטן. ער ווערט באַלד ארומגעכאַפּט פון פלאַמען. מיר זעען, ווי ער דרייט זיך אין דער לופטן און פאַלט מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ צו דער ערד. אויך דעם צווייטן עראָפּלאַן האָבן אונ־זערע ארונטערגעשאָסן.

הערשל פרעגט:

— נו, וואָס וועט איצט זיין?

מאָסקאָוויטש זאָגט:

— איך קען וועטן, אַז באַלד וועלן קומען אַנדערע עראָ־פּלאַנען. זיי האָבן מן הסתם אויסגעפונען, אַז מיר זיינען דאָ אין דער געגנט.

— וואָס־זשע בלייבט צו טאָן? — פרעגט הערשל און איז שוין בלאַס.

— קראַנק זיינען זיי געוועזן, — הויבט ער באַלד ווידער אָן, — אויסצוזוכן פאַר אונז אַ בעסער פּלאַץ צו רוען? פּונקט דאָ האָבן זיי אויסגעקליבן!

— איך האָב אַן עצה, — רוף איך זיך אָפּ.

— וואָס פאַר אַן עצה? — פרעגן הערשל און מאָסקאָ־וויטש מיט נייגיר.

— הערט, — זאָג איך, — איך בין זיכער, אַז די דייטשן וועלן אונז אינמיטן דער נאַכט באָמבאַרדירן.

— וואָס־זשע קענען מיר טאָן? — פרעגן זיי ביידע און אַ מורא ליגט שוין אויף זייערע פּנים'ער.

— איך האָב אַ פּלאַן, — זאָג איך צו זיי. — לאָמיר לאָזן אונזערע געלעגערס און לאָמיר אַוועקגיין אַ פּאָר קילאָ־מעטער פון דאַנען, וואו עס זיינען נישטאָ קיין סאָלדאַטן.

מיר ווילן זיך אַריינכאַפּן אין אַ שטאַל, אָדער אויף אַ בוידעם. און אפשר וועט מען אונדז אַריינלאָזן ערגעץ אין אַ הויז. אין ערגסטן פאַל ערגעץ אונטער דעם פרייען הימל, אַבי נישט דאָ.

זיי שטימען איין מיט מיין פּלאַן.

ווי נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן מיר זיך אַוועקגע־גנב׳עט פון די איבעריקע סאָלדאַטן, איך, הערשל און מאַסקאַ־וויטש, און זיינען אַוועק זוכן ערטער צום שלאָפן.

די וועגן זיינען פול מיט גריבער, און די בלאָטעס זיינען טיף. אָנציינדן די לאַמטערנעס, וואָס הענגען אויף הויכע סלופּעס, טאָר מען ניט. אין די הייזער ברענט מען נאַפט־לאָמפּן אָדער ליכט, די פענסטער זיינען פאַרהאָנגען מיט גראָבע קאָלדרעס, אָדער מיט שווערע מאַנטלען, כדי קיין שטראַל ליכט זאָל זיך ניט אַרויסשפּאַרן אויף דער גאַס.

מיר זיינען געבליבן שטיין ביי אַ הויז צוויי עטאַזשן די הויך. דורך אַ שפּאַרונע האָבן מיר דערזען, אַז אינעווייניג איז ליכטיג.

— לאָמיר דאָ פּרואוון, — זאָג איך צו מיינע צוויי חברים.

איך שפּאַר אָן מיין רעכטן פוס אויף דעם ערשטן טרעפּ. דריי טרעפּ פירן צו דער טיר. איך קלאַפּ אָן שטיל. מען ענטפערט ניט. איך קלאַפּ אביסל שטאַרקער, דערהערן מיר ווי עמיצער ריגלט אָפּ די טיר. די טיר עפנט זיך און אַ יונגער געזונטער, זיבעצן־יאָריגער בחור באַווייזט זיך אויף דער שוועל און זאָגט אונדז אויף ענגליש:

— גוּד איוונינג!

איך פרעג אים, צי מיר קענען אַריינגיין אין הויז. מיט אַ ברייטן שמייכל פאַרבעט ער אונדז העפלאַך אין הויז אַריין און פאַרריגלט די טיר הינטער אונדז.

אינעווייניג דרייען זיך אַרום פיגורן. מיר קענען ניט זען קיין פּנים׳ער, ווייל עס איז אונדז נאָך פינסטער אין די אויגן פון דער גאַס, און צו די שאָטנס זאָגן מיר אַלע דריי מיט־אַמאָל:

— גוד איוונינג!

צוויי פרויען־שטימען ענטפערן אונז. איך שטיי א ווײַלע און מײַנע אויגן געוויינען זיך צו צו דעם האַלב־ליכט אין צימער. אין א ווינקל, ווייט פון פענסטער, שטייט א קליין קעראָסין־לעמפּל, דער קנויט טוקט זיך און וואַרפט אַן אומעטיג ליכט אין צימער אריין.

אין צימער שטייען שיינע געבעטע שטולן, א זאָפע. אויפ׳ן דיל ליגט א טעפּיך, — דאָס האָב איך דערפילט מיט מײַנע פיס, ווען איך האָב נאָר ארײַנגעשטעלט א פוס אין צימער. א מיטל־יעריגע פרוי מיט אַן אריסטאָקראַטיש פּנים בעט אונז זיך זעצן. מיר פארשטייען, אז דאָס מוז זײַן די באַלעבאָסטע פון הויז.

דער בחור רוקט מיר אונטער א ווייכע שטול און אַליין זעצט ער זיך אויפ׳ן דיל נעבן מיר. הערשל און מאָסקאָוויטש זעצן זיך אויף דער זאָפע. אין ווינקל ביים פענסטער זיצט א יונג מיידל פון א יאָר אכצן. איר קאָפּ איז באקרוינט מיט לאַנגע בלאָנדע האָר. איר פּנים איז אויסגעצערט און זאָגט עדות אויף די פיר יאָר מלחמה. אָבער מען דערקענט נאָך געננוג איר שיינקייט. זי רעדט ניט קיין וואָרט. זיצט אביסל פארשעמט. אמאָל טרעפן זיך מײַנע אויגן מיט אירע און זי כאַפּט זיי שנעל אוועק. דאָס בחור׳ל רעדט צו מיר אויף דייטש. ער דערציילט, אז אַלע מענשן אין בעלגיע ריידן גוט דייטש. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פון די דייטשן. פיר יאָר ווי זיי זײַנען דאָ געזעסן.

פון א צווייטן צימער קומט אריין אַן אַלטע זיבעציג־יאָריגע פרוי. אַלע אין הויז רופן זי „מוטער". די אַלטיטשקע האָט אַלע קינדער דאָ אין הויז אויפגעצויגן. זי דינט שוין אין דעם הויז העכער פערציג יאָר.

די אַלטיטשקע דערפרייט זיך מיט אונז און פארשווינדט אין קיך. זי איז אוועק מאַכן טיי. דער בחור הויבט זיך אויף פון דיל און זאָגט צו אונז מיט א פריילאכער מינע:

— איר וועט זיך דאָך ניט אָפּזאָגן פון א טרונק ווײַן. — ער וואַרט אפילו ניט אויף אונזער ענטפער און ווערט נישט.

די מאַדאַם דערציילט אונז, אַז ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און זיי זיינען געוואָרן, אַז די דייטשן זיינען ביי דער גרעניץ, האָבן זיי באַגראָבן פינף הונדערט פלעשער וויין אויפ'ן הויף. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז די דייטשן זאָלן אויסטרינקען דעם וויין. איצט איז זי גליקלאַך, וואָס זי קען אונז, אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, מכבד זיין מיט אַזאַ גוטן וויין.

הערשל שמייכלט אונטער, זיינע אויגעלאַך ווערן פריילאַך. די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן קענען ניט איינשטיין אויף אַן אָרט. מאָסקאָוויטש ווינקט צו אונז צופרידן און דערווייל גיט ער זיך אַ קראַץ. דאָס כאַפּט ער אריין, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן.

דאָס מיידל הויבט זיך אויף פון איר שטול. זי אַנטשולדיגט זיך פאַר אונז און גייט אריין אין קיך. איך פיל, אַז מיין הארץ האָט אָנגעהויבן האַסטיג צו קלאַפּן. איר צאַרט איידל פּנים, איר שווייגן האָבן געוועקט אין מיר אַ שטיל, רייצנדיג געפיל, אַ בענקעניש... פאַנטאַסטישע געדאַנקען קומען אין קאָפּ אריין: ווען די מלחמה זאָל זיך היינט ענדיגן און זי זאָל מיך ליב האָבן, וואָלט איך זי געבראַכט צו מיין מאַמען אַ מתנה פונ'ם שלאַכטפעלד.

זי און די אַלטיטשקע באַווייזן זיך אין טיר. זי טראָגט אויף אַ זילבערנער טאַץ דריי גלעזער טיי. די אַלטיטשקע טראָגט אויף אַ טעלער היימיש־געבאַקטן לעקאַך. זיי שטעלן דאָס אַלץ אַוועק אויף דעם קליינעם טישל, וואָס שטייט הינטער דעם לעמפּל. אַלבערט, — אַזוי האָט דער בחור געהייסן, — ברענגט פיר פלעשער וויין, וואָס ער האָט זיי געהאַט געעפנט אין קיך.

הערשל האַלט זיין גלאָז וויין אין האַנט און טרינקט ניט. ער וואַרט אויף מיר. ער וויל צוערשט זען, וואָס איך וועל טאָן. איך טראָג איין גלעזל וויין צו דער מאַדאַם, אַ צווייט גלעזל דער אַלטיטשקער, און מיט ציטערדיגע הענט און אַ רויטן פּנים

גיב איך איין גלעזל דער מיידל. איך נעם מיין גרויס גלאָז וויין און זאָג:

— א גיכער פרידן!

און מיר אַלע טרינקען. טרינקענדיג קוק איך אויף איר און איך פיל ניט, אז איך האָב שוין אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע גלאָז וויין.

הערשל פּאָסמאָקעוועט זיך און טוט א זאָג:

— וואַזשנער וויין!

איך גיס אים אָן נאָך א גלאָז און מיט איין אָטעם ציט ער עס אריין און ענדיגט מיט א פריילאכן קרעכץ:

— אָ, גוט!...

מאָסקאָוויטש האָט זיך אָפּגעזאָגט פון נאָך א גלאָז. מיר פארטרינקען מיט הייסער טיי, פארבייסן מיט לעקאך און מיר שוויצן.

איך רוף אַלבערט'ן אוועק אָן א זייט און פרעג אים, אויב עס איז דאָ פאראן פּלאַץ פאר אונז וואו צו שלאָפן.

ער ענטפערט מיר גלייך מיט א ברייטן „יא" און פרעגט עפּעס ביי דער מאדאם אויף פלעמיש.

די מאדאם פרעגט אונז, צי מיר ווילן שוין גיין שלאָפן. הערשל און מאָסקאָוויטש ענטפערן, אז יא. איך זאָג, אז איך בין נאָך ניט שלעפעריג, כאָטש אין דער אמת'ן בין איך זייער מיד און שלעפעריג.

הערשל און מאָסקאָוויטש טרינקען אויס נאָך צו גלעזלאך וויין, זיי ווינשן אַלעמען א גוטע נאכט און גייען ארויס פון חדר מיט אַלבערט'ן. די אַלטיטשקע און די מאדאם ראמען אָפּ פון טיש און טראָגן אוועק די גלעזער און די טעלער אין קיך אריין. איך און דאָס מיידל בלייבן אַליין אין צימער.

זי זיצט אויף דער זאָפע פארטראכט. איך נעם זיך אָן מיט מוט און זעץ זיך אוועק לעבן איר און פרעג זי:

— וואָס טראכט איר?

מיט א ליבן שמייכל אויף אירע ליפּן ענטפערט זי מיר:

— מיר ועלן דאָ אייביג האָבן פון וואָס צו טראכטן...

איך האָב פלוצלינג דערפילט א פאַרלאַנג זי צו באַרירן. איך האָב זיך אָבער באַהערשט און מיין האַנט איז געפאַלן אויף דער פיאַנאָ, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי דער זאָפע.

— איר שפילט פיאַנאָ? — האָב איך זי געפרעגט.

— יאָ, איך שפּיל פיאַנאָ, — האָט זי שטיל געענטפערט,

— אָבער איך האָב שוין פיר יאָר ניט געשפילט.

— שפּילט עפּעס פאַר מיר, — בעט איך זי, און כדי איר צו באַווייזן, אַז איך בין ניט אַבי ווער, אַז איך האָב אויך אַ שטיקל שייכות מיט קונסט, אַז איך בין אַ מבין, — אַ סימן, אַז איך קען אָנרופן די נעמען פון עטלאַכע באַרימטע קאָמפּאָ־זיטאָרס, גיב איך אַ זאָג:

— שפּילט פאַר מיר עפּעס פון וואַגנער׳ס מוזיק.

אַ פאַרציטערטע, איז זי אויפגעשפרונגען. איר פּנים איז נאָך בלייכער געוואָרן. איך האָב זיך פאַר איר דערשראָקן.

— וואָס איז מיט אייך? — האָב איך זי צערטלאַך גע־פרעגט.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳האָט פלוצלינג מיט איר פּאַסירט.

זי האָט זיך באַרואיגט און געלאָסן געענטפערט:

— וואַגנער?! איך זאָל שפּילן וואַגנער? קיינמאָל אין מיין לעבן וועל איך זיין מוזיק ניט שפּילן! איך שפּיל ניט קיין מוזיק פון אַ דייטש!...

איך האָב גלייך איינגעזען מיין ביטערן טעות און האָב זיך אַנטשולדיגט. עס איז מיר גאָר פון קאָפּ אַרויס, אַז וואַג־נער איז געווען אַ דייטש.

— ווי האָט זיך אייך געלעבט אין די פיר יאָר, וואָס די דייטשן האָבן זיך דאָ געפונען? — האָב איך זי געפרעגט.

— מיר האָבן זיי ניט געקענט פאַרטראָגן, — האָט זי גע־ענטפערט. — זיי זיינען אַ געמיין פאָלק.

זי האָט גערעדט פון זיי מיט שנאה. זי האָט געציטערט, ווען זי האָט גערעדט פון זיי. פלוצלינג גיט זי אַ זאָג:

— ווער ווייס, אפשר וועלן זיי נאָך צוריקקומען.. זיי זיינען

ניט ווייט פון דאנען. זיי וועלן צוברעגנגען נאָך סאָלדאטן, פאַר־שטאַרקערן זייער ארמיי און אָנהויבן אַ קאָנטר־אַטאַקע אויף אונז.

איך פאַרזיכער זי, אַז אַזאַ זאַך וועט שוין קיינמאָל ניט פּאַסירן. איך ריר אָן איר וואַרעמע האַנט און טרייסט זי.

— איר דאַרפט זיך מער ניט שרעקן פאַר זיי. זיי האָבן פאַר אונז, אַמעריקאַנער, מורא.

אַ לעבעדיג פּייערל פלאַקערט אויף אין אירע אויגן.

— איך וועל אייך עפּעס ווייזן, — זאָגט זי מיר, — אַ סואַוועניר, וואָס איז מיר הייליג. אייביג וועל איך דעם סואַ־וועניר היטן.

זי הויבט זיך אויף און גייט ארויס פון צימער. איך בלייב אַליין און קראַץ זיך פלינק גוט אָן אויף די ערטער, וואו עס בייסט מיר שוין דעם גאַנצן אָוונט.

זי קומט צוריק מיט אַ ווייס טיכעלע אין האַנט.

— איר זעט? — זאָגט זי צו מיר, ווייזנדיג דאָס טאַשן־טיכל מיט בלוט־פלעקן, — מיט צוויי יאָר צוריק זיינען צו אונז געקומען צופליען צוויי ענגלישע עראָפּלאַנען עפּעס אויסקוקן, האָבן דייטשע עראָפּלאַנען זיי ארומגערינגלט און האָבן זיי ארונ־טערגעשאָסן. איך און מיין ברודער, אַלבערט, האָבן דאָס געזען. מיר זיינען גלייך אַוועק אויף דעם אָרט, וואו די עראָפּלאַנען זיינען ארונטערגעפאַלן. איין עראָפּלאַן איז גלייך צושמעטערט געוואָרן, און דער לייטענאַנט, וואָס איז געווען אינעווייניג, איז אויפ׳ן אָרט דער׳הרג׳עט געוואָרן. דער לייטענאַנט פונ׳ם צווייטן עראָפּלאַן האָט נאָך געלעבט. ער האָט זיך געראַנגלט מיט׳ן טויט.

איך נעם פון איר האַנט דאָס טיכעלע און קוק אויף די בלוט־פלעקן. זי זעט ווי אַזוי איך באַקוק דאָס טיכל, רעדט זי צו מיר מיט אַ שטיל ווייגענדיג קול:

— מיט דעם טיכל האָב איך אָפּגעווישט דאָס בלוט פון זיינע וואונדן.

זי פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. אויף איר שטערן באַווייזן זיך עטלאַכע קנייטשן. איר פּנים דריקט אויס צער. זי טוט אַ זיפץ און זאָגט:

— אויף מיינע הענט איז ער אויסגעגאַנגען...

זי דערציילט, אַז דעם זעלבן אָוונט האָט זי מיט איר ברודער אויסגעגראָבן אַ גרוב ניט ווייט פון זייער הויז, און זיי האָבן אים באַגראָבן. שפּעטער זיינען די דייטשן געקומען צו דעם צוברעכענעם עראָפּלאַן און זיי האָבן דאָרטן ניט געפונען דעם טויטן, האָבן זיי זיך גלייך גענומען טשעפּען צו זייער פאַמיליע.

זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז זיי ווייסן פון גאָרניט. אָבער די דייטשן האָבן אַזוי לאַנג געזוכט און גענישטערט, ביז זיי האָבן געפונען דעם קבר דורך אַ ברעטל, אויף וועלכן זי האָט געהאַט אויפגעשריבן די דאַטע, ווען די ענגלענדער זיינען דער'הרג'עט געוואָרן. די דייטשן האָבן צוריק אויפגעגראָבן דעם קבר, אַרויס־געשלעפּט דעם טויטן און ביז היינט ווייסן זיי ניט, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט'ן טויטן קערפּער.

מיט כעס פרעגט זי ביי מיר:

— קען מען ריידן פון אַזאַ פאָלק אָן שנאה, אָן ביטער־קייט? — און אירע ווערטער ווערן איבערגעריסן פון אַ שלוכצן... טרערן באַווייזן זיך אין אירע גרויע אויגן...

איך רוק זיך נענטער צו צו איר. איך גלעט איר האַנט. איך וויל זי בארואיגן. איך פיל איר וואַרעמען, דופּטיגן אָטעם. איך וויל זי אַרומנעמען, צודריקן צו מיין פאַרבענקט האַרץ, אויסקושן אירע אַלע גלידער... איך האַלט זיך אָבער צוריק: איך האָב מורא, אַז זי וועט עס אָננעמען פאַר אַ ניט איידעלע האַנדלונג. זי וועט מיך האַלטן פאַר אַ גראָביאַן, אַ חזיר. זי קען דאָך ניט אַריינקריכן אין מיין האַרץ און אויסגעפינען מיינע ערלאַכע און ריינע געפילן צו איר.

אַלבערט קומט אַריין אַ פריילאַכער און מיט אַ הויך קול זאָגט ער צו מיר:

— אייערע קאַמעראַדן שלאָפן שוין.

ער זעצט זיך אַוועק און רעדט צו מיר:

— איר ווייסט, אין מאַי האָבן די דייטשן געזאָגט, אַז ניי־יאָר וועלן זיי פייערן אין פאַריז.

ער צולאַכט זיך שטאַרק און דערציילט מיר ווייטער:

— ווען איר, אַמעריקאַנער, האָט זיי פון דאַנען פאַרטריבן, בין איך צוגעלאָפן צו עטלאַכע געפאַנגענע, וואָס איר האָט גענומען, און האָב זיי א פרעג געטאָן:

— ווען וועט איר זיין אין פאַריז?

זי פאַלט אריין אין זיינע רייד און זאָגט:

— אָבער מיט אונזער בירגערמייסטער ווען מיר זיך אָפּרעכענען.

— וואָס איז מיט אייער בירגערמייסטער? — בין איך נייגיריג צו וויסן.

דערציילן זיי מיר ביידע מיט אַמאָל: ווי נאָר ער האָט געהערט, אַז די דייטשן קומען אין שטאָט אריין, האָט ער זיך געוואָלט אונטער׳חנפ׳ענען און ער האָט געלאָזט מאַכן א גרויסע שילד מיט אַן אויפשריפט: „ווילקאָמען, ליבע פריינט!" און ער האָט די שילד אויפגעהאַנגען איבער דער טיר פון זיין הויז.

אַלבערט רעדט פון די דייטשן מיט א סך גאַל:

— פיר יאָר זיינען זיי דאָ געזעסן און האָבן זיך איינגעפרעסן אין אונזערע ביינער, צוגענומען אונזער האָב און גוטס, געשענדט פרויען.

דער זייגער איז שוין באַלד האַלב צוועלף. מיר באַשליסן צו גיין שלאָפן. אַלבערט זאָגט מיר אָן די בשורה, אַז זיין מוטער האָט אים געזאָגט, אַז איך וועל שלאָפן מיט אים אין איין בעט, און ער איז זייער צופרידן.

איך זאָג איר „א גוטע נאַכט". זי ענטפערט מיר. אַלבערט און איך גייען ארויס. מיר גייען דורך די קיך. די מאַדאַם זיצט נאָך ביים טיש און קוקט אריין אין א ביכל. זי וואַרט אויף איר טאָכטער, זיי זאָלן ביידע גיין שלאָפן. איך זאָג „א גוטע נאַכט". ביידע פרויען ענטפערן מיר זייער פריינטלאַך. אַלבערט פירט מיך ארויף אין דער הויך. איך דערזע א הילצערן בעט מיט דריי גרויסע קישנס און א פערענע. עס שטייען נאָך זאַכן אין צימער, אָבער איך זע גאָרנישט, נאָר דאָס בעט. איך באַטאַפּ די קישנס, די פערענע: ווייך, פונקט ווי אין דער היים. מיר טוען זיך אויס, לייגן זיך אין בעט אריין. ס׳איז א מחיה... איך ליג אין אַן אמת׳דיג בעט, מיט

ווייכע קישנס, מיט אַ פּערענע. עס קוועטשט ניט מער אין די זייטן, ס'איז וואַרעם, טרוקן, ניט אַזוי ווי איך בין געוואוינט צו ליגן אויף דער האַרטער, נאַסער ערד.

איך קוק אויף אַלבערט'ן און ס'ווייזט זיך מיר אויס, אַז ער איז מיין אינגערער ברודער, אַז איך בין גאָרנישט קיין סאָלדאַט, איך בין ניט אין דער מלחמה. איך בין אין דער היים. אַלץ איז פּונקט ווי אין דער היים. עטלאַכע מאָל מאַך איך צו מיינע אויגן און עפן זיי באַלד אויף. עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז דאָס אַלץ איז אויפ'ן וואָר. ווי קומט צו אַ סאָלדאַט אַן אמת'דיג בעט!

איך ליג אין בעט און פאַר מיינע אויגן הויבן אָן פאַרבייפליען טויזנטער בילדער, אַלץ, וואָס איך האָב ביז היינט דורכגעלעבט. איך דערמאָן זיך אָן די אָרגאַן־וועלדער, אָן די שטשורעס... ביז איך האָב זיי ניט געזען, וואָלט איך קיינמאָל ניט געווען געגלויבט, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן אַזעלכע גרויסע שטשורעס. פון דערווייטנס האָבן זיי אויסגעזען ווי שוואַרצע קראָליקלאַך. מיר וואַרפן אויף זיי גראַנאַטן. מיט אַ קוויטש ווערן עטלאַכע צעריסן אויף שטיקער, און די איבעריגע אַנטלויפן אין זייערע נאָרעס. זיי זיינען גרויסע מיט קליינע שפּיציגע קעפּלאַך, גראָבע, אָנגעפרעסענע מיט מענטשן־פלייש. מיר ווייסן דאָס, און מיר האָבן מורא פאַר זיי, אַז זיי וועלן באַלד פון אונז אויך רייסן שטיקער פלייש. דער־פאַר ווערט דער עקל צו זיי נאָך גרעסער, נאָך שטאַרקער. מיר ווילן זיי אויסראָטן, מיר שיסן אויף זיי. אַ סך ווערן פאַרברענט אויף קויל. דער געררוך פון פאַרברענט פלייש מישט זיך אויס מיט דעם געררוך פון טויטע מענטשן, און די לופט איז אַזוי עיפּוש'דיג, אַז מען ווערט שיר נישט דערשטיקט.

איך ליג און טראַכט: וועל איך נאָך אַמאָל אַהיים קומען? איך באַשטים באַלד, אַז ניין: טויטע קומען ניט צוריק. מיר זייי־נען שוין לאַנג טויט, נאָר עפּעס זשיפּעט נאָך אין אונז. אָבער צום לעבן קאָנען מיר שוין מער ניט צוריקקומען.

מיט געוואַלד מאַך איך שטאַרקער צו די אויגן, נורע זיך איין אין קישן, די פּערענע איבער מיינע אויערן. איך וויל ניט מער

טראַכטן. די לייז האָבן זיך דערוואַרימט און נעמען אַ שפּאַציר. איך שינד דאָס פלייש פון זיך, איך שלעפּ אַראָפּ די גאַטקעס, דאָס העמד און לייג זיי אַוועק לעבן בעט. דאָס איז אַ סגולה. הערשל האָט דאָס נאָך אין פראַנקרייך אויסגעפונען. עס דויערט ניט לאַנג און איך שלאָף איין.

דער פרימאָרגן איז אַ קאַלטער און אַ כמורער. די זון רייצט זיך מיט אונז: אַ בלענד אין די אויגן און ווערט ניט צווישן די וואָלקנס. איך זיץ אויף אַ דיקן בוים, וואָס ליגט אויף דער ערד. דער בוים איז אויסגעריסן געוואָרן מיט זיינע הונדערטער וואָרצלען. מיין בלעכענע טעלער האַלט איך אויף די קני און עס געשמאַק מיין מיטאָג. פון דערווייטנס דערזע איך אַלבערט'ן מיט זיין שוועסטער. זיי שטייען און קוקן זיך איין ווי מיר עסן. איך לויף צו צו זיי.

— וואָס טוט איר דאָ, קינדער? — פרעג איך.

— מיר זיינען געגאַנגען אויף שפּאַציר.

איך בעט זיי אַרויפגיין מיט מיר אויפ'ן אויבערשטן עטאַזש. איך וויל זיי ווייזן, ווי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט. זיי שטימען צו און מיר לאָזן זיך גיין.

טויזנטער אויגן קוקן אויף זיי. זי רויטלט זיך. זי זעט, אַז אַלע קוקן אויף איר און פרעסן זי אויף מיט די אויגן. איינער וואַרפט דעם אַנדערן צו אַ שמוציג ווערטל אויף איר חשבון. פאַרדריסט עס מיר. נאָר באַלד דערמאָן איך זיך, אַז עס איז ניטאָ אויף וועמען ברוגז צו זיין: זיי זיינען דאָך סאָלדאַטן, זיי זיינען אַמאָל געווען איידעלע מענטשן, זיינען זיי דאָ פאַרגרעבט געוואָרן. די מלחמה האָט אָפּגעטויט אין זיי יעדן איידעלן געפיל, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט. איך טרייסט זיך, וואָס זי פאַרשטייט ניט גוט קיין ענגליש.

איך ווייז זיי אונזערע געלעגערס אויף דער ערד, איך ווייז זיי וואו מיינע זאַכן ליגן, איך ווייז אַלבערט'ן מיין ביקס. מיט ליבע כאַפּט ער זי אָן, באַטאַפּט זי און פרעגט:

— פאַרוואָס איז דאָס אַלץ פון דער ביקס אָפּגעקלאַפּט?

— דאָס איז פון אָפּט פאַלן אויף דער ערד, — ענטפער איך אים.

ער שפּילט זיך מיט דער ביקס, באַטאַפּט זי, גלעט זי פון אַלע זייטן. איך ווייז מארגארעט'ן א פראנצויזישן גראנאט, איך ווייז איר אויך, ווי אזוי מען דארף אים האלטן אין האנט, ווי אזוי מען דארף עס אריבערוואַרפן. זי פרעגט ביי מיר, צי איך קען איר געבן דעם גראנאט פאר א סואווענער. ענטפער איך איר, אז יאָ. ווי א קינד טאנצט זי אונטער פאר פרייד. איך זאָג איר אָן, אז זי זאָל זיין זייער פאָרזיכטיג. אויך אַלבערט'ן גיב איך א גראנאט, אַן אמעריקאַנישן.

מיין לייטענאַנט מיט'ן מעשענעם פנים קומט ארויף. מיט זיינע ווילדע אויגן האָט ער דערזען א מיידל מיט א בחור אין ציווילע קליידער שטיין און ריידן מיט מיר. איך בין געוואָרן פאַרציטערט, ווען איך האָב אים דערזען.

ער פרעגט מיך בייז און זיינע אויגן ווערן אָנגעלאָפן מיט בלוט:

— ווער זיינען אָט די צוויי?

— דאָס זיינען מיינע פריינט, — ענטפער איך אים.

— ארויס פון דאנען! — צעשרייט ער זיך אויף זיי, — איר האָט דאָ גאָרניט וואָס צו טאָן! דאָ זיינען סאָלדאטן!

איך ווער רויט פאר בושה. ווען עס עפנט זיך פאר מיר א סבר, וואָלט איך אין אים אריינגעשפּרונגען. איך ציטער פאר כעס, אָבער איך שווייג: מען טאָר ניט ענטפערן אַנקעגן.

דערשראָקענע לויפן זיי ארונטער די טרעפּ.

איך בלייב זיצן אויף מיין געלעגער. א פּאָר חברה קומען צו מיר צו און טרייסטן מיך: דער „בעסטארד" ערלויבט זיך אַלץ. ער גייט שוין אביסל צו־ווייט. מיר וואָלטן געדאַרפט פון אים פּטור ווערן. דאָס בעסטע אָרט איז דאָס שלאַכטפעלד: געהאַט א טעות מיט'ן שיסן...

איך לויף ארונטער די טרעפּ, לאָז זיך לויפן צו זיי אהיים זיך אַנטשולדיגן, וואָס צווישן אמעריקאַנער אָפיצערן זיינען אויך פאַראַן חיות. אויף יענער זייט טויער שטייט אַלבערט. ער האָט

אויף מיר געוואַרט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך וועל אַרויס־קומען, זאָגט ער מיר.

— וואו איז מאַרגאַרעט? — פרעג איך אים אָן אַן אָטעם.

— זי איז אַוועק אַהיים און מיר געהייסן וואַרטן אויף אייך.

איך גיי מיט אים צו זייער הויז. אויפ׳ן וועג דערציילט ער מיר, אַז פאַר דער מלחמה זיינען זיי געווען זייער רייך. זיין פאָטער איז פאַר וויטאָג געשטאָרבן. ער רעדט מיט גאַל וועגן דעם בירגער־מייסטער: זיין טאָכטער האָט זיך איינגעליבט אין אַ דייטשן לייטענאַנט. ער איז פאַרביטערט געגן אַלע פרויען, וואָס האָבן זיך איינגעליבט אין דייטשע אָפיצירן און סאָלדאַטן און האָבן מיט זיי געלעבט. ער טרייסט זיך מיט איין זאַך: ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן, און די מענער פון די אויסגעלאָסענע פרויען וועלן אַהיים קומען, וועט מען די דאָזיגע פרויען אָפּשערן די האָר פון די קעפּ, כדי אַלע מענטשן זאָלן דערקענען, וועלכע עס זיינען אויסגעלאַסן. ער גיט אַ קריץ מיט זיינע ווייסע געזונטע ציין און זאָגט:

— ניט אָפּשערן דאַרף מען זייערע האָר, נאָר אויסרייסן.

ער דערציילט מיר, אַז זיין עלטערער ברודער, וועלכער איז ניט אין דער היים, איז אַ שפּיאָן ביי דער ענגלישער אַרמיי. ער האָט ביי זיך אַ בילד פון דער שילד, וואָס דער בירגערמייסטער האָט אויפגעהאַנגען אויף זיין הויז. ער האָט אויך אַ בילד פון דעם בירגערמייסטער׳ס טאָכטער, ווי זי האַלט זיך אַרומגענומען מיט אַ דייטשן לייטענאַנט און קושט זיך מיט אים, און נאָך בילדער פון פרויען, וואָס האָבן זיך פרייוויליג איבערגעגעבן די דייטשן.

מיר זיינען אַריין אין הויז. איך האָב זיך פאַרשעמט, ווען איך האָב דערזען מאַרגאַרעט׳ן. זי איז געשטאַנען און האָט אַרויסגע־קוקט פון פענסטער. איך האָב זיך פאַר איר אַנטשולדיגט. איך האָב איר דערקלערט, אַז דער לייטענאַנט איז אַ שלעכטער מענטש און אַלע סאָלדאַטן האָבן אים פיינט.

די איידעלע מענטשן ווייזן אַרויס צו מיר אַ סך פריינטשאַפט. זייער גוטסקייט מאַכט מיך פאַרגעסן, ווער איך בין. ביי זיי אין הויז פאַרגעס איך, אַז איך בין אַ סאָלדאַט. איך פאַרגעס אָן דער

מלחמה. איך פיל, אַז איך בין אַ מענטש. איך האָב דאָ אין דעם הויז אָנגעהויבן צוריק צו לאַכן.

איך לויף פון לעבן.

דעם פערטן טאָג, דעם 9טן נאָוועמבער, איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן שוין גיין אויפ'ן פראָנט: מיר גייען מאַכן נאָך אַן אַטאַקע. די נייס האָט זייער שלעכט געווירקט אויף מיר און אויך אויף די איידעלע מענטשן. זיי האָבן זייער באַדויערט, וואָס איך מוז זיי פאַרלאָזן און גיין צוריק אויפ'ן שלאַכטפעלד.

אַ שלייער פון טרויער האָט זיך צוגאָסן אויף מאַרגאַרעט'ס געזיכט. איר חנ'עוודיגער שמייכל האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעטאָן פון איר פּנים. זי האָט אויף זיך צוריק אַרויפגעצויגן די עלטער, די זעלבע ערנסטקייט, דאָס זעלבע בלאַסע פּנים, וואָס איך האָב מיט פיר טעג צוריק דערזען צום ערשטן מאָל. איך טראַכט ביי זיך: דו נאַרישער מענטש, מען האָט דיך אַ ווײַלע אָפּגעלאָזן פון שלאַכט־פעלד, געגעבן דיר אַ גוטן מאַלצייט אָפּצועסן, אַ וואַרימען געלעגער צום שלאָפן, האָסטו זיך פאַרגעסן?... ווי שנעל מענטשן קענען פאַרגעסן...

מיר געזעגענען זיך. איך שטיי ווי אַ געליימטער. איך הער ניט וואָס מען רעדט צו מיר, איך ווייס ניט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. עס ווייזט זיך מיר נאָר אויס, אַז איך געזעגען זיך איצט מיט מיינע אייגענע עלטערן און איך דערמאָן זיך ווי אַזוי איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין מאַמען. מיין אַוועקגיין פון דאַנען איז פאַר מיר אַ סך ערגער ווי צו ליגן אויפ'ן שלאַכטפעלד. איך האַלט איין מיינע טרערן, און איך דערפיל, אַז אָט באַלד וועל איך זיך צעוויינען. איך זאָג מיט אַ פאַרשטיקט קול: „גוד־באַי". שנעל גיי איך אַרויס פון הויז און הויב אָן לויפן. אויפ'ן וועג פאַרליר איך מיינע טרערן... איך אַנטלויף פון לעבן.

ערב וואַפנשטילשטאַנד.

די נייע רעקרוטן, וואָס גייען מיט אונז, זיינען איבערגעשראָקן, זיי גייען צום ערשטן מאָל אויף אַ שלאַכט. זייערע פּיס ברעכן זיך הינטער זייער יאַך, זיי זיינען ווי בלינדע. מען פירט זיי

צו דער שחיטה... איך קוק אויף זיי און האָב אויף זיי רחמנות, באַלד וועלן זיי אויסגעפינען ווי וואָלוועל זיי זיינען, זיי וועלן באַלד זען מענטשן־פלייש זיך וואַלגערן אויף די פעלדער און זייער בלוט וועט אויך באַלד נאָס מאַכן די שלאַכטפעלדער... זיי וועלן באַלד אויסגעפינען, אַז אַ לעבן פון אַ פערד און פון אַן אייזל איז דאָ טייערער ווי אַ לעבן פון אַ מענטשן... מענטשן זיינען דאָ אַ סך אויף דער וועלט.

מיר גייען אָפּ אַן ערך צוויי קילאָמעטער, הער איך ווי עמיצער רופט מיין נאָמען. איך דריי אוים דעם קאָפּ און דערזע אַלבערט׳ן. ער לויפט צו מיר צו אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער, ער קען דעם אָטעם ניט כאַפּן.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעג איך אים פאַרוואונדערט.

איך בין אויסער זיך אים צו זען דאָ. ער גייט מיט אונז און דערציילט מיר, אַז ער האָט געהערט אין שטאָט ריידן, אַז עס האַלט ביי אַ וואַפנשטילשטאַנד, איז ער מיר געלאָפן אָנזאָגן די בשורה. ער פאַרזיכערט מיך, אַז אין צוויי אָדער דריי טעג אַרום וועט זיך ענדיגן די מלחמה. מען רעדט אין שטאָט, אַז אויף דעם איטאַליע־נישן פראָנט איז שוין שטיל. ער בעט זיך ביי מיר, אַז אויף אונזער וועג צוריק זאָל איך ניט פאַרגעסן צו קומען צו זיי אהיים. מיר דריקן זיך די הענט און ער קערט זיך אום צוריק.

די נאַכט איז צוגעפאַלן און מיר גייען נאָך אַלץ. דעם גאַנצן וועג טראַכט איך: אפשר איז טאַקע אמת, וואָס אַלבערט האָט מיר געזאָגט? אפשר איז פאָרט געקומען דער סוף צו דער גרויסער שחיטה? די ערד וועט נאָך אַמאָל אָנהויבן בליען מיט אירע גרינע גראָזן און זאַנגען און אַלערליי קרייטעכער. אפשר איז שוין פאָרט געקומען די צייט, אַז די הימלען זאָלן זיך צוריק באַווייזן אין זייער אמת׳דיגן קלאָר. זיי וועלן מער ניט זיין פאַרוואָלקנט פון די רויכן, וואָס קומען פון קאַנאָנען און ביקסן. אפשר וועט מיין קראַנקע מאַמע נאָכאַמאָל מיך קענען צודריקן צו איר האַרץ און פאַר גרוים פרייד וועלן מיר ביידע וויינען און אונזערע טרערן וועלן זיך ווידער אויסמישן, פונקט אַזוי ווי דעמאָלט, ווען איך האָב זיך מיט איר געזעגנט... און אפשר וועל איך מאַרגאַרעט׳ן נעמען מיט מיר אהיים, און אויפסניי אָנהויבן אַ ניי לעבן?

באַלד נעמט מיך אַרום אַ שרעקלאַכער געדאַנק. איך הויב אָן מורא צו האָבן פאַר דער איצטיגער אַטאַקע. פּונקט איצט, ערב שלום, וועל איך אפשר גאָר גע'הרג'עט ווערן ?... מיין מוח קערט זיך אין מיר איבער, עס ווערט מיר נאָך פינסטערער פאַר די אויגן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איך דערצייל הערשל'ען, וואָס אַלבערט האָט מיר געזאָגט. הערשל טוט אַ שווערן זיפץ. ווער ווייסט ? גוט וועט זיין דעם, וואָס וועט דערלעבן דעם שלום... זיינע רייד שטעכן מיר מיין לייב אַזוי ווי מיט שאַרפע נאָדלען...

צוויי דרייסיג פאַרטאָג האָט מען באַפוילן, אַז מיר זאָלן זיך אויפהויבן פון אונזערע פּלעצער. מען האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן ניט רויכערן, ווייל מיר זיינען נאָענט פון פראָנט. מיר לאָזן זיך גיין. די יונגע נייע רעקרוטן קוקן ווייט... זייער ווייט... פּונקט אַזוי ווי איך האָב געקוקט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געגאַנגען צום פראָנט... מיר גייען פאַרביי אַ צעשאָסן שטעטל. אַ טויטע שטילקייט הענגט אין דער לופטן... מען זעט ניט קיין לעבעדיגן נפש. איך זע נאָר אונזערע סאָלדאַטן, וואָס גייען ביי מיין זייט און פאַר מיר. אַלע גייען מיט געזונקענע קעפּ. זיי ווייסן שוין וואוהין מען פירט זיי... און די, וואָס ווייסן נאָך ניט, זיי שרעקן זיך אויך, אָבער פון דעם שרעקלאַכסטן ווייסן זיי נאָך ניט. עס זיינען פאַראַן מלחמה־סודות וואָס מען קען זיך ניט פאָרשטעלן אין די געדאַנקען, מען דאַרף זיי אַליין איבערלעבן... זיי וועלן באַלד געוואויר ווערן...

דאָס שווערע קלאַפּן פון אונזערע שיך אויף די גרויסע שטיינער פון גאַס הערן זיך אין מיטן דער נאַכט שטאַרקער ווי ביי טאָג. אין די אויערן הערט זיך דער אייביגער טאַקט פון דעם שטענדיגן ציילן אָן ווערטער: איינס, צוויי, דריי, פיר! איינס, צוויי, דריי, פיר! מיר גייען אַריין אין אַ גאַס. אויף ביידע זייטן שטייען איינגעהויקערטע שטיבלעך. מיין בליק פאַלט אויף אַ הויז. איך דערזע ביי דעם לבנה־ליכט אַן אַלטע פרוי ארויסקוקן דורך אַ פענסטער. זי זיצט און קוקט דורכ'ן פענסטער און שאָקלט מיט'ן

קאָפּ... מיר גייען פאַרביי. איך קוק זיך אום און זע ווי זי קוקט אונז נאָך. איך טראַכט פון דער פרוי, וואָס זיצט אַזוי שפּעט אין דער נאַכט און קוקט אַרויס דורך אַ פענסטער... אויף וועמען קוקט זי אַרויס און פאַרוואָס שלאָפט זי ניט? אפשר טראַכט זי פון איר זון, וואָס איז אויפ'ן פראָנט? און אפשר פון איר מאַן?... מײַן מאַמע מוז אוודאי אויך זיצן גאַנצע נעכט ביים פענסטער און קוקן אין דער נאַכט אַריין. איר מוח מוז שוין זיין אויסגעטריקנט פון טראַכטן, צי לעב איך נאָך, צי וועט זי מיך נאָך אַמאָל זען? איך הער ווי זי וויינט שטיל, זי וויל קיינעם אין הויז ניט אויפוועקן. זי וויל זיין מיט זיך און טראַכטן פון איר עלטסטן זון... פאַר וועמען שלאָגט ער זיך? און פאַר וואָס?

מיר גייען פאַרביי די ענגלישע אַרטילעריע. שטיל זאָגן אונז די ענגלישע סאָלדאַטן: „גוד לאַק, סעמי!” מיר ענטפערן אויך אין דער שטיל: „גוד לאַק טו יו טו, טאָמי!”

מיר קריכן אַריין אין די טראַנשייען, וואָס די ענגלישע סאָל־דאַטן האָבן פאַר אונז אויסגעגראָבן. הערשל האַלט זיך נאָענט לעבן מיר. ער רעדט ניט, נאָר אַלע מאָל לאָזט ער אַרויס אַ שווערן זיפץ... לינקס פון מיר האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ יונגער סאָלדאַט. ער שטייט און ציטערט ווי אַ לולב. מיר איז שוין דאָס ציטערן גוט באַקאַנט. דאָס איז טראַנשייען־פיבער... שטילערהייט זאָג איך צו אים: האָב ניט קיין מורא, זאָלסט טאָן דאָס, וואָס איך וועל טאָן.

פון אַנקעגן קומען צופליען עטלעכע קוילן מיטאַמאָל, איינס נאָכ'ן אַנדערן. נאָך זייער פייפן נאָך דערקען איך, אַז זיי וועלן ניט פאַלן לעבן אונז, פונדעסטוועגן בויג איך אַרונטער אַביסל מיין קאָפּ: אויב איך האָב אַ טעות, זאָלן זיי אויפ'ן וועג מיין קאָפּ מיט זיך ניט מיטנעמען... דער יונגער סאָלדאַט וואַרפט זיך מיט אַ שטאַרקן קוויטש צו דער ערד. ער שרייט:

— אָה, מאָדער! אָה, גאָד! אָה, מאָדער! („אָ, מאַמע! אָ, גאָט! אָ, מאַמע!”).

איך זאָג אים:

— זיי שטיל, די דייטשן קאָנען נאָך דערהערן דיינע גע־שרייען...

הערשל האָט זיך אַרונטערגערוקט מיט זיין שווערן קערפּער

טיף אין דער ערד, האָט צוגעשלעפּט צו זיך דעם יונגן בחור און געזאָגט:

— בי קווייעט, בי קווייעט! („זיי רוהיג!").

א לייטענאַנט קומט צו אונז צו און לאָזט אונז וויסן, אז פינף אזייגער פארטאָג איז די באשטימטע שעה צו גיין „אָווער די טאָפּ"... איך טו א קוק אויף מיין זייגער. ס'איז צוואנציג מינוט צו פיר. מיט א קלאפנדיג הארץ זיץ איך און ווארט אויף דער באשטימטער מינוט.

פּונקט פיר האָבן די ענגלענדער אָנגעהויבן שיסן. דאָס בליצן פון די ענגלישע קאַנאָנען האָט געשווינדלט פאר אונזערע אויגן, דאָס קלאַפּן און דאָס פּויקן פון אונזערע קאַנאָנען האָט אונז אלע טויב געמאכט... די שונאים זיינען שטיל, פון זיי הערט מען ניט קיין שאָרך... מיר שפּרינגען ארויס פון די טראנשייען און ביי דעם רויטן ליכט פון די ענגלישע קאַנאָנען זעט מען די פרייליכע פּנים'ער פון אונזערע סאָלדאטן. מיר פרייען זיך, וואָס די ענגלענדער ארבעטן מעשים אריבער אונזערע קעפּ... איינער שרייט אויס, אז אויב די טאָמים וועלן אזוי אָנהאלטן, וועט גאָר-ניט בלייבן קיין דייטשן פאר אונז... איך טראכט: אפשר וועלן זיי זיך היינט אונטערגעבן און א סוף? אלבערט האָט דאָך ניט אויסגעטראכט קיין באָבע-מעשה...

האלב נאָך פינף האָבן זיך אוועקגעטראָגן אונזערע עראָפּלאנען ווייט צו די דייטשישע ליניעס אויסצוגעפינען, וואָס דאָרטן טוט זיך. זיי האָבן זיך פון דאָרטן צוריקגעקערט און אונז ארונטער-געשיקט פארשטעלטע סיגנאלן.

פּונקט פינף אזייגער האָט זיך צעטראָגן איבער די טראנשייען די קאָמאנדע: „אָווער די טאָפּ!"

מיר לויפן ווי די צעשראָקענע חיות, די ציין שטארק פאר-קלאמערט, און א ווייסער שוים שפּארט זיך דורך זיי דורך... מיין מוח הויבט זיך ארויף און אראָפּ, ניט ווי ביי א נאָרמאלן מענטשן... איך טראכט, אז איך ווער איצט משוגע... איך דערמאָן זיך אָן יאָהאַן מיט די קאַסאָקע אויגן, ער האָט אויך ניט געקענט אריבערטראָגן דעם שדים-טאַנץ און איז משוגע געוואָרן... איך הויב אָן מורא צו האָבן פאר זיך מער ווי פאר אונזערע „שונאים".

איך שפּרינג איבער טויטע דייטשן. דאָס האָבן די טאַמים אויפגע־טאָן מיט זייער שיסן אריבער אונזערע קעפּ... מיר לויפן פאַרביי די פאַרוואונדעטע דייטשן, שרייען זיי צו אונז אויפ׳ן קול:

— קאַמעראַד, קאַמעראַד, איך בין פאַרוואונדעט!

זיי ציטערן, טאָמער וועלן מיר מיט אונזערע באַיאָנעטן ענדיגן דאָס, וואָס די טאַמים האָבן אָנגעהויבן...

פון קבֿרים קריכן אַרויס גרופּנווייז דייטשע סאָלדאַטן מיט די הענט אין דער הויך און שרייען:

— פּליז, קאַמעראַד!

מיר נעמען זיי איבער... מיר הייסן זיי אויפהויבן אונזערע פאַרוואונדעטע און זיי אוועקטראָגן אהין, וואו די ענגלישע קאַנאָ־נען שטייען... מיר קריגן אַ באַפעל צו שיסן אויף אַ ווייטקייט פון דריי הונדערט יאַרד... אונזערע מאַשין-ביקסן ליגן מיט אונז אויף איין ליניע. מיינע אויערן ווערן טויב פון זייער שנעלן קלאַפּן: פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ! ... אונזערע ביקסן אַרבעטן פיבעריש. עס קומען צולויפן אַ גרופּע פון אונזער לייכטער אַרטי־לעריע. זיי לייגן זיך אַוועק לעבן אונז, שטעלן אויף די לייכטע קאַנאָנען, וואָס זיי טראָגן מיט זיך, און שיקן אַריבער צום שונא די קוילן וואָס וועגן אַ פונט... לעבן מיר ליגט דער יונגער רעקרוט. ער האָט שוין פאַרלוירן דעם קאָליר פון זיין צורה. ער איז אינ־גאַנצן אויסגעריעט, אַ שטיק ערד... ער זאָגט מיר, אַז עס טוט אים שטאַרק ווי דער הינטן. איך טו אַ קוק אונטער זיין ראָק. זיינע הויזן זיינען דורכגענעצט מיט בלוט. הערשל שלעפּט פון אים שנעל אַרונטער די הויזן און מיר דערזעען, אַז אַ שטיק קאַראַקאַשקע האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט און עס גיסט זיך בלוט... מיר קריכן צו צו אַ גרוב, מאַכן זי נאָך טיפער און לייגן אים דאָרט אַריין... הערשל דערפרישט אים מיט אַ ביסל וואַסער און מיר בלייבן ליגן לעבן אים.

צוויי אַזייגער בייטאָג האָבן זיי זיך געלאָזט הערן. זיי האָבן זיך אויף אַ געוויסן פונקט באַפעסטיגט און האָבן צו אונז אַריבער־געשיקט קוילן מכל המנים... נאָך זייער שיסן נאָך, זאָג איך צו זיך: ניין, ווי עס זעט אויס האַלט עס נאָך ניט ביי קיין סוף... זיי זיינען נאָך גענוג שטאַרק און זיי וועלן זיך ניט אונטערגעבן... און מיר

זיינען דאָך שטאַרקער, וועלן מיר זיך אוודאי ניט אונטערגעבן... ווי עס זעט אויס, וועט זיך די בלוט־באָד קיינמאָל ניט ענדיגן...

זייערע קוילן הרג'ענען און פאַרוואונדן צען און פופצען אויף־אַמאָל. די געטראָפענע ווערן צוגעדעקט מיט ערד און עס הערט זיך אַ דערשטיקטער געשריי פון זיי.. פּלוצלינג דערהערן מיר דאָס פליען פון דייטשע עראָפּלאַנען איבער אונזערע קעפּ. איך הויב אויף מיינע אויגן צום הימל, זע איך אַ גרויסן עראָפּלאַן, און אויף זיין בויך איז אויסגעמאָלט אַ גרויסער שוואַרצער צלם... איניע־ווייניג זיצן דריי מענשן, איינער לענקט די מאַשין זייער נידעריג איבער דער גאַנצער לענג פון אונזער ליניע, און צוויי זיצן ביים עק פון עראָפּלאַן מיט אַ מאַשין־ביקס און שיסן אויף אונז אַרונ־טער... אַ טויט־שרעק נעמט אַלעמען דורך... אונזערע סאָלדאַטן פאַלן ווי די באַרן פון אַ צייטיגן בוים... זייערע קוילן טרעפן נאָך שנעלער פון די קוילן, וואָס קומען פון אַנקעגן... זיי טרעפן אין די פּלייצעס און אין די קעפּ, און וואו ניט?...

מיר קומען באַלד צו זיך און וואַרטן ניט אויף קיין קאָמאַנדע. מיר הויבן אָן צו שיסן אויף דעם עראָפּלאַן. אונזער רעזערוו־ליניע, וואָס ליגט הינטער אונז, הויבט אויך אָן צו שיסן אויפ'ן עראָפּלאַן. וויסענדיג, אַז זיי זיינען ניט אַזוינע גוטע שיסער און זיי קענען פריער מיך טרעפן אין קאָפּ איידער אין דעם דייטשן עראָפּלאַן, האָב איך טיף איינגעגראָבן מיין קאָפּ אין דער ערד, כדי זיך צו פאַרהיטן פון אַן אייגענער קויל...

באַלד זיינען געקומען צופליען אונזערע עראָפּלאַנען און האָבן דעם שונא'ס עראָפּלאַן אַרונטערגעבראַכט אַ ברענענדיגן...

דעם טאָג זיינען מיר שוין געבליבן אויף אונזער פּאָזיציע. מיר האָבן מער ניט אַוואַנסירט. ביינאַכט איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר. איך האָב אים דערציילט, וואָס מיט'ן יונגען סאָלדאַט איז און וואָס איך האָב געזען. דער דאָקטאָר האָט פאַרקאַטשעט דעם סאָלדאַט'ס העמד, האָט אים באַטראַכט און געהייסן אים אוועקטראָגן צו אַ שנעלע־הילף־סטאַנציע. מיר האָבן אים אוועק־געלייגט אין אַ צעשאָסן הויז, וואו די הילף־סטאַנציע האָט זיך איינגעאָרדנט, און זיינען צוריקגעגאַנגען צו אונזער פּאָזיציע. אויפ'ן וועג האָבן נאָך אין מיינע אויערן געקלונגען די קרעכצן

און געשרייען פון די פאַרוואונדעטע, וואָס זיינען דאָרט געלעגן. איך האָב נאָך געפילט דעם ריח פון קאַרבאָל און עטער, וואָס איז פּונקט אזוי שטיקעדיג ווי דער ריח פון טויטע...

איך ליג אויף מיין פּאָזיציע און טראַכט: פאַרוואָס ווער איך ניט פאַרוואונדעט? וואָס פאַר א קראַפט, וואָס פאַר א כישוף האַלט פון מיר אָפּ די קוילן? פאַרוואָס ווער איך ניט קראַנק? קוים וואָס איך לעב און דאָך... וואָס פאַר א געהיימע כחות האַלטן מיך אויף מיינע פיס? איך וויל אַרונטער פון שלאַכטפעלד מיט א קויל אין א האַנט, אָדער א פוס... איך וויים, אז פון אזעלכע וואונדן בלייבט מען לעבן...

הערשל שלעפּט אַרוים פון קעשענע א בלעכל קאָלטע בעבלאָך. ער עפנט אויף דאָס בלעכל און דערלאַנגט עס מיר. ער שניידט אָפּ צוויי שטיקער ברויט, מיר נעמען אַרוים אונזערע לעפל און עסן. מיר עסן געשמאַק... דאָס, וואָס די איידעלע מענטשן פון מיולאַבעק האָבן אונז מיטגעגעבן, האָבן מיר נאָך נעכטן אויפגעגעסן אין די טראַנשייען.

פאַר אונז פּלאַצט א קאַנאָנען־קויל. די ערד, אויף וועלכער מיר זיינען געלעגן, איז מער שטיין ווי ערד. א גרויסער שטיין מיט שפּיצן טרעפט מיר מיט א שווערן קלאַפּ אין דער רעכטער זייט. איך שריי אוים:

— אוי, הערשל!

ער פרעגט מיך, וואו עס האָט מיך געטראָפן? איך פיל, אז מיין רעכטע האַנטביים מוסקל לויפט אויף... זי איז מאָמענטאַן געשוואָלן געוואָרן...

אונזער לייטענאַנט דיוויי, וועמען מיר האָבן זייער שטאַרק ליב געהאַט פאַר זיין מענטשלאַכער באַנעמונג צו אונז, איז שוין געזעסן אויף די קני לעבן מיר און געהאָלפן הערשלען אַרונטערצו־ציען פון מיר די קליידער... זיי האָבןביידע פאַרבונדן מיינע וואונדן... די האַנט, וואָס איז מיר געשוואָלן געוואָרן, האָט מיר ערגער וויי־געטאָן ווי די צוויי לעכער אין דער זייט...

דער לייטענאַנט זאָגט הערשלען, ער זאָל מיך נעמען צו א

הילף־סטאַנציע. מיטאַמאָל כאַפּט אונזער לייטענאַנט אַ קויל אין פּוס. צווישן די ציין שרייט ער אויס:

— טהעי גאַט מי, דאָס דזשוירמען בעסטאַרדס! (זיי האָבן מיך געקראָגן, אָט די דייטשע ממזרים!).

ער טוט שנעל אויס דעם קאַמאַש, וואַרפט אַרונטער דעם שוך מיט'ן זאָק, פאַרקאַטשעט דעם הויז. עס איז בלויז אַ פליישׂ־וואונד, ניט דורך און דורך, די קויל האָט נאָר אָפּגעריסן אַ שטיק פליישׂ פון זיין פוס.... הערשל רופט צו אַ סאָלדאַט און זיי פאַרבינדן אים די וואונד... ער זיצט אַ האַלבע שעה אויף דער ערד, דערנאָך גייען מיר אַלע פיר צו אַן ערשטע־הילף־סטאַנציע. הערשל פירט מיך אונטער דער האַנט און דער צווייטער סאָלדאַט העלפט אונזער לייטענאַנט דיוויי.

עטלאַכע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער זיינען שטאַרק פאַרטאָן, פאָרן זיך מיט די פאַרוואונדעטע... אַלע קרעכצן, וויינען און שרייען... די שווער־פאַרוואונדעטע פאַרבינדט מען באַלד די וואונדן און מען לייגט זיי גלייך אַרויף אויף אַן אַמבולאַנס־וואָגן, וואָס שטייט אָנגעגרייט, און מען פירט זיי אַוועק אין די שפּיטאָלן. אַלע מאָל ברענגען סאָלדאַטן אויף טראָג־בעטלאַך פרישע פאַרוואונדעטע...

אַ דאָקטאָר ברענט מיינע וואונדן מיט יאָדע און אַ „שוועסטער” באַנדאַזשירט מיר די האַנט.

הערשל האָט מיר דערווייל אויסגעבעטן אויפ'ן דיל מיט אַ פּאָר קאָלדרעס, וואָס ער האָט דאָרט געפונען. איך לייג זיך אַוועק און הער זיך צו, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן... עס טראַסקעט און עס קלאַפּט אָן אויפהער. הערשל האָט זיך לעבן מיר אַוועקגעזעצט. אַן אָפיציר פרעגט אים, וואָס ער טוט דאָ? צי איז ער פאַרוואונדעט? ער האָט מיך געבראַכט אַהער, ענטפערט הערשל דעם אָפיציר. דער אָפיציר טרייבט אים אַרויס און שרייט צו אים:

— גיי צוריק אַהין, וואו דו געהערסט!

מיר קוקן זיך ביידע אָן און ער גייט אַוועק... איך באַדויער אים... פון דער איינשפּריצונג איז מיר באַפאַלן אַ שלאָף...

11טער נאָוועמבער, 1918.

א פייפעריי, א געבראַזג פון מעטאַל, א טופּעניש מיט פיס, א צושאָטענע קלאַפּעריי פון פויקן און איבער דעם אַלעם א ווילדער ליאַרעם פון מענשלאַכע קולות...

איך האָב זיך אויפגעריסן, א פאַרצאַפּלטער, פון שלאָף. דער מונטערער, ליכטיגער פרימאָרגן איז אַנקעגנגעקומען מיינע דערשראָקן־אויסגעפוישטע אויגן..

די קראַנקן־שוועסטער האָבן געטאַנצט. מיט זייערע פלאַטערדיגע ווייסע קליידלאַך האָבן זיי מיר אויסגעזען ווי טויטע, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען תחית־המתים...

באַלד האָב איך פאַרגעסן דעם ווייטאָג אין מיין האַנט... די וואונדן אין מיין רעכטער זייט... די ווילדע פרייד, וואָס האָט יענעם פרימאָרגן אויסגעבראָכן, ווי א שטורעם, פון אַלע הערצער, האָט מיך אויך אריינגעשלעפּט... איך האָב געוויינט און געלאַכט... און מיין אייגענע היסטעריש־אויסגעפּלאַצטע פרייד האָט זיך אריינגעקנוילט אין דעם געפּילדער, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די לופט... דער סוף איז געקומען! דער סוף איז געקומען! און איך האָב אים דערלעבט צו זען!

מיט באַנומענע קולות האָבן מיר אַלע געשריגן:

— פיני לאַ גער! לאַ גער פיני!

אוים מלחמה...

דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען צו לויפן צו אונז. און יעדער איינער האָט געטראָגן צום „שלאַכטפעלד”, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, צו דערקוויקן די פאַרשמאַכטע הערצער פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע סאָלדאַטן... מען האָט אונז אָקעגנגעטראָגן קרוגן מילך, פּרוכט, אויבס, ברויט...

— פיני לאַ גער! פיני לאַ גער!

נאָכ'ן וואַפנשטילשטאַנד.

מיר נעמען צו ביי די געפאַנגענע דייטשן זייער געווער.
מיר פירן זיי ארוים פון בעלגיע.
אויפ'ן וועג קריגן זיי זיך. א טייל שרייען:

— מיר האָבן זיך ניט געטאָרט אונטערגעבן! מיר האָבן באַדאַרפט קעמפן ביז'ן לעצטן מאַן!

און א טייל היצן זיך:

— מיר זיינען געווען נאַריש, וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. מיר האָבן זיך באַדאַרפט אונטערגעבן נאָך צוריק מיט דריי יאָר און מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה.

זיי קריגן זיך אַזוי לאַנג, ביז עס דערגייט צו פעטש, און אָפּטמאָל זיינען מיר געצוואונגען צו באַנוצן זיך מיט דער היל־צערנער זייט פון אונזערע ביקסן אויף איינצושטילן זיי.

די פאַרביסענע יונקערס פאַרגעסן, אַז זיי זיינען איצט אין אונזערע הענט, עפענען זיי אויף אונז אַ מויל. זיי שרייען אויף אונז, אַז מיר זאָלן זיך נישט אַריינמישן, עס איז נישט אונזער עסק. פאַר ריידן אַנקעגן שפּאַלטן אונזערע סאָלדאַטן יונקערשע קעפּ, און מיר האָבן דערנאָך אַן אַרבעט צו פאַרבינדן די קעפּ מיט באַנדאַזשן.

מיר קומען אָן אין אַ קליין שטעטל. מיר גיבן די דייטשן איבער אַן אַנדער דיוויזיע צו פירן זיי ווייטער.

אונזערע אָפיצירן זאָגן אונז אָן די בשורה, אַז מיר וועלן פאַרבלייבן אין דעם שטעטל עטלאַכע וואָכן און זיך גוט אויסרוען.

אונזערע אָפיצירן און אונזערע סאַרדזשענטס גייען פון הויז צו הויז און פרעגן ביי די איינוואוינער, צי זיי האָבן פּלעצער אין זייערע היימען פאַר אונזערע סאָלדאַטן צו שלאָפן. כמעט אין אַלע הייזער גיט מען אונז אָפּ אַ צימער, אָדער צוויי, מיט בעטן, מיט בעטגעוואַנט.

די אָפיצירן נעמען פאַר זיך די צימערן, און אונז, די פּראָסטע סאָלדאַטן, לעגן זיי אין די שטאַלן און אויף די בוידימער.

איך, הערשל און נאָך עטלאַכע סאָלדאַטן טראָגן אַריין אונ־זער געפּעק אין אַ שטאַל. מיר מאַכן אונזערע געלעגערס און לעגן זיך צו אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ביז דער קוכער וועט פאַרטיג ווערן מיט'ן עסן.

הערשל סאַפּעט שווער און שילט:

— אַמעריקע גנב, וואָס האַלטן זיי אונז נאָך דאָ? וואָס מוטשען זיי אונז? וואָס נאָך ווילן זיי האָבן פון אונז? אַ

שוואַרץ יאָר אויף זיי! די מלחמה האָט זיך געקאַנטשעט, פאַר־וואָס שיקן זיי אונז נישט אָפּ אהיים?

איך וויל אים בארואיגן, זאָג איך צו אים:

— וואָס רעגסטו זיך אויף, דו נאַר איינער, ס׳איז שוין נעענטער ווי ווייטער, אייביג וועלן זיי אונז דאָ ניט האַלטן, סוף כּל סוף וועלן זיי אונז מוזן אהיימשיקן.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, — רעדט הערשל ווייטער מיט האַרץ, — אדרבא, זאָגט מיר, פאַרוואָס דאַרפן מיר די דייטשוקעס פירן קיין דייטשלאַנד? וואָס איז, זיי וועלן נישט טרעפן אַליין דעם וועג? זאָל מען זיי נאָר אָפּלאָזן, וועט איר זען, ווי גיך זיי וועלן טרעפן דעם וועג אָן אונז.

— אפשר וועלן מיר שוין ווייטער נישט דאַרפן גיין, — זאָג איך, — אַן אַנדער דיוויזיע האָט זיי איבערגענומען ביי אונז, קען זיין, אַז אונז זאָל מען נאָר פון דאַנען אהיימשיקן.

הערשל טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— וואָס אייך קען איינפאַלן! זיי וועלן אונז פריער אויס־מאַטען די קישקעס פון בויך, און ערשט דערנאָך וועלן זיי אונז אהיימשיקן, — ער כּמורעט זיך אָן און שרייט אויס: — דאָס איז דאָך אַ גאַזלאַוואַי! ס׳איז שוין פיר חדשים, אַז די מלחמה האָט זיך געקאַנטשעט און מיר ווערן נאָך אַלץ אויסגעריסן!

ער הויבט זיך אויף פון געלעגער און טוט אַ מאַך צו מיר מיט׳ן קאָפּ:

— קומט, לאָמיר ארויסגיין אין דרויסן ארומקוקן דאָס שטעטל, אפשר קען מען זיך ערגעץ אריינכאַפּן און נעמען אַ טרונק בראַנפן.

— אָט אזוי, הערשל, רעדסטו ווי אַ מענש, — מאַך איך, און מיר גייען ארויס פון שטאַל.

אויף דער גאַס דערוויסן מיר זיך פון אַנדערע סאָלדאַטן, אַז מיר זיינען שוין אין דייטשלאַנד. דאָס שטעטל טיילט אָפּ בעלגיע פון דייטשלאַנד.

מיר לאָזן זיך גיין, קומט אונז אַנקעגן אונזער סאַרדזשענט.

ער פרעגט אונז, וואוהין מיר גייען? מיר ענטפערן אים, אַז מיר גייען אויף אַ שפּאַציר.

— באָים, — זאָגט ער, — אויב איר ווילט כאַפּן אַ שפּאַציר, גייט צוריק און נעמט מיט זיך אייערע ביקסן. די באַפעלקערונג דאָ אין שטעטל איז אין כעס אויף אונזערע אַמעריקאַנער סאָל־דאַטן, ווייל צוליב אונז האָבן זיי זיך געמוזט אונטערגעבן און האָבן פאַרלוירן די מלחמה. איז די בעסטע זאַך צו האָבן מיט זיך אַ ביקס אָדער אַ רעוואָלווער. טאָמער פאַרטשעפּען זיי זיך מיט אונז, זאָלן מיר האָבן מיט וואָס זיך צו באַשיצן. דאָס איז דער באַפעל פון אונזער קאָמענדאַנט.

מיר גייען אריין אין שטאָל. איך נעם מיין ביקס און הערשל לעגט זיך צוריק אויף זיין געלעגער. איך פרעג אים:

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעלעגט?

ענטפערט ער מיר:

— איך גיי נישט, איך האָב זיי אין דער ערד, עס פעלט מיר נאָך אויס צו קריגן אַ מעסער אין פּלייצע!

איך לאַך:

— דו ביזט אַ טרוס, הערשל.

איך לאָז זיך גיין, שרייט ער מיר נאָך:

— זייט נאָר נישט קיין חכם און האַלט אייערע אויגן אָפן.

איך דריי זיך איבער די שמאָלע געסלאַך. ביי די הייזער שטייען מענער, פרויען, קינדער. איך זאָג זיי „גוטן אָוונט", און זיי ענטפערן מיר. איך קוק זיך איין אין זיי. איך זע נישט קיין בייזקייט אויף זייערע פּנים׳ער. איך שטעל זיך אָפּ ביי אַ הויז, וואו עס שטייט אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. איך פרעג ביי איר, צי זי האָט אַ צימער פאַר צוויי סאָלדאַטן.

— אייערע אָפיצירן האָבן שוין פאַרנומען, — ענטפערט די פרוי, — איך וואָלט מיט פאַרגעניגן בעסער אייך אָפּגעגעבן דאָס צימער, ווייל איך האָב פיינט די אָפיצירן. זיי קלייבן פאַר זיך אויס דאָס בעסטע און אייך, אָרימע סאָלדאַטן, גיבן זיי די שטאַלן.

מיין לייטענאַנט דער כלב גייט פאַרביי. ער זעט, ווי איך רייד מיט דער פרוי, שטעלט ער זיך אָפּ און מיט אַ שמייכל אויף זיין מיאוס׳ן פּרצוף זאָגט ער מיר: „העלאָו!"

איך ענטפער אים מיט אַ סאַלוט.

ער הייסט מיר פרעגן ביי דער פרוי, צי זי האָט פּוטער צו פאַרקויפן.

איך פרעג זי, און זי ענפערט מיר, אַז מיט אַ האַלבער שעה פריער האָט זי אויסגעשלאָגן אַביסל פּוטער. אויב איך וויל, וועט זי עס מיר פאַרקויפן.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן: אויב איך קאָן שוין יאָ קריגן אַ שטיקל פּוטער צו קויפן, פאַרוואָס זאָל עס אָנקומען דעם חזיר? איך וועל קויפן די פּוטער פאַר זיך און טאַקע מחיה זיין הערשלען און נאָך אַנדערע חברים.

— נו, וואָס זאָגט זי? — פרעגט מיך דער לייטענאַנט.

— לייטענאַנט, זי זאָגט, אַז זי האָט נישט.

ער צינדט זיך אָן פאַר רציחה. מאָמענטאַן קריגט זיין פנים אַווילדן אויסזען, זיינע אויגן קערן זיך איבער און בייז שרייט ער אויס:

— דאָוז דזשווירמען בעסטאַרדס! (אַזעלכע דייטשע ממזרים!), זיי באַהאַלטן אַלץ פאַר זיך!

ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט אָפּ.

אַז ער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, זאָג איך צו דער פרוי:

— זייט אַזוי פריינטלאַך און ברענגט אַרויס די פּוטער.

זי גייט אַריין אין הויז, זאַמט זיך דאָרט עטלאַכע מינוט און קומט צוריק מיט דער פּוטער איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר. איך פרעג, וויפיל איר קומט. זי זאָגט מיר: איין מאַרק. איך באַצאָל איר אַ פראַנק. זי דערפרייט זיך מיט דעם פראַנצויזישן פראַנק, ווייל דאָס פראַנצויזישע געלט שטייט אַ סך העכער אין דער וואַליוטע ווי דאָס דייטשע. זי באַדאַנקט מיך עטלאַכע מאָל: „דאַנקע שיין, דאַנקע שיין".

איך גיי אַוועק.

אויפ'ן וועג קומט מיר אַנקעגן אַ פראַנצויזישער סאָלדאַט. ער באַגריסט מיך: „באָנזשור, סאָלדאַ אַמעריקען!" — און בלייבט שטיין. איך בלייב אויך שטיין. ער קוקט אויף מיר אַ ווײַלע און זאָגט:

— זיינט איר נישט קיין איד?

איך ענטפער אים:

— איר האָט געטראָפֿן. איך בין אַ איד.

ער שמייכלט צופֿרידן, וואָס ער האָט קיין טעות ניט גע־האָט:

— איך האָב פֿון דערוויטנס דערקענט אין אייער גאַנג, אַז איר זיינט אַ איד. וואָס פֿאַר אַ בעל־מלאָכה זיינט איר פֿון דער היים?

איך טראַכט נישט קיין סך און זאָג, אַז איך בין אַ שניידער.

ער ווערט מלא־שמחה:

— אויב אַזוי, זייט איר דאָך אַ נאַש־בראַט. קומט־זשע אַריין אין אַ שענק און לאָמיר מאַכן אַ לחיים.

מיר גייען אַריין אין אַ שענק. דאָרטן זיצן אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. זיי טרינקען שנאַפּס, ביר און פֿאַרבייסן מיט וואורשט. מיר זעצן זיך צו צו אַ טישל. דער בעל־הבית פֿון שענק, אַ מאַן שוין אין די זעכציגער, מיט אַ שטאַרק־געבויגענער פּלייצע, קומט צו צו אונז.

— וואָס ווילן זי? — פֿרעגט ער אונז.

דער „פֿראַנצויז" באַשטעלט צוויי גלעזלאַך קאָניאַק און וואורשט.

— איר זייט אַ פֿראַנצויזישער איד, אַ געבוירענער אין פֿראַנקרייך? — פֿרעג איך אים.

— איך בין אַ פּוילישער איד, — ענטפֿערט ער מיר. — מיט צוועלף יאָר צוריק האָט אונזער פֿאַמיליע זיך אַריבערגעצויגן קיין פּאַריז.

— פֿון ווען־אָן דינט איר אין דער אַרמיי?

— זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. איך בין פֿיר מאָל געווען פֿאַרוואונדעט. איך פֿלעג אָפּליגן עטלאַכע חדשים אין שפּיטאָל, און אַז די וואונד פֿלעגט זיך נאָר אַביסל פֿאַרהיילן, פֿלעגט מען מיך באַלד צוריקשיקן אויפֿ׳ן פֿראָנט. עס האָבן אויסגעפּעלט סאָלדאַטן.

— זייט איר פֿאַרהייראַט?

— יאָ, איך האָב אַ ווייב מיט צוויי קינדער. נו, און איר זייט נאָך אַ בחור?

— יאָ, איך בין נאָך אַ בחור, — זאָג איך.

— איר האָט עלטערן אין אַמעריקע אָדער אויף דער זייט ים?

— מיין טאַטע, מאַמע, שוועסטער און ברודער זיינען אין אַמעריקע.

— מיין פריינט, איך בין אייך מקנא! אָט באַלד, באַלד וועט איר זיין צוריק אין אייער גאָלדן לאַנד. איר וועט נישט דאַרפן זאָרגן פאַר חיונה.

זיין פּנים ווערט פּלוצלינג פאַרוואָלקנט. ער שאָקלט צו מיט'ן קאָפּ און טוט אַ שווערן זיפץ.

— אָבער איך, — רעדט ער ווייטער, — אז איך וועל אַהיימקומען, איז גאָט ווייסט, צי איך וועל קענען פאַרדינען פאַר מיין פרוי און קינדער! די מלחמה האָט מיך געמאַכט קראַנק און צובראָכן. די אָדערן פון מיינע הענט און פיס ציען מיר בייטאָג און ביינאַכט פון ליגן פיר יאָר אין בלאָטע. איך שלאָף נישט דורך די נעכט. איך בין נערוועז געוואָרן. איר, אַמעריקאַנער, זייט גליקלאַכע מענשן, וואָס איר זייט אָנגעקומען צום סוף, ווען זייערע כחות האָבן זיך ביי זיי אויסגעלאָזט. אָבער ביים אָנהויב, די ערשטע צוויי יאָר, וואָס ווייסט איר, וואָס זיי האָבן אונז געטאָן!

— זיי האָבן אונז אויך נים געשאָנעוועט, — זאָג איך, — זיי האָבן אונז געגעבן גענוג פּולווער צו שמעקן.

— אָבער דאָס איז אַ נול געגן די ערשטע צוויי יאָר, — זאָגט ער.

איך פרעג אים:

— מיט וואָס האָט איר זיך פאַרנומען פאַר דער מלחמה?

— פאַר דער מלחמה האָב איך געהאַט אַ קליין געוועלבל פון אַלטע קליידער אין דער אידישער געגנט...

— אויב אזוי, — זאָג איך, — דאַרפט איר נישט זיין אזוי פאַרצווייפלט. איר וועט אַהיימקומען, דער מלחמה־טשאַד וועט ארויס פון אייער קאָפּ. איר וועט קומען צו זיך, איר וועט נישט פאַרלאָרן גיין.

מיר גייען ארויס אויף דער גאַס. מיר דריקן זיך די הענט, מיר געזעגענען זיך. ער פרעגט מיך, וואו איך האָב זיך איינגעקוואַרטירט. איך זאָג אים דעם נאָמען פון דער גאַס און מאָל

אים אויס, ווי אַזוי דאָס הויז זעט אויס: הינטער דעם הויז שטייט אַ גרויסע שטאַל און אַ בריטשקע אָן רעדער ליגט אויפ'ן הויף. איך בעט אים, אַז ער זאָל מאָרגן קומען צו מיר מיטאָג־צייט, וועט ער עסן מיט מיר. ער זאָגט מיר צו, אַז ער וועט קומען. מיר גיבן זיך נאָכאַמאָל די הענט, און מיר גייען זיך פאַנאַנדער.

איך דריי זיך אריין אין דער גאַס, וואו עס שטייט אונזער שטאַל. עס קומט מיר אַנקעגן אַ פרוי. זי טראָגט אויפ'ן קאָפּ אַ גרויסע דיקע שאַל. מען זעט נישט ארויס קיין פּנים. עס זעט זיך נאָר ארויס אַ שפּיץ געפרוירענע נאָז און צוויי בלויע אויגן.

איך זאָג צו איר:

— גוטן אָוונט, פרייליין.

זי ענטפערט מיר:

— גוטן אָוונט.

איך פרעג זי, צי אין איר הויז איז פאַראַן פּלאַץ פאַר צוויי סאָלדאַטן צו שלאָפן. זי ענטפערט מיר, אַז ביי איר אין הויז איז פאַראַן פּלאַץ אַפילו פאַר זעקס סאָלדאַטן. איך דערפריי זיך און גיי מיט מיט איר.

אַז מיר קומען אריין אין שטוב, וואַרפט זי אַראָפּ פון זיך די שאַל און איך דערזע פאַר מיינע אויגן אַ יונגע, שיינע פרוי. זי בעט מיך זיצן. איך זעץ זיך אַוועק און לאָז נישט ארויס די ביקס פון מיינע הענט.

— פאַרוואָס לעגסטו נישט אַוועק דיין ביקס? — פרעגט זי מיך, — דו ביסט דאָך איצט נישט אויפ'ן שלאַכטפעלד.

איך ענטפער איר מיט אַ שמייכל:

— מיט מיין ביקס טאָר איך זיך ניט שיידן, זי איז מיין בעסטער פריינט.

זי צולאַכט זיך:

— דאָ וועט דיר קיין בייז ניט געשען.

זי גייט צו צו אַ וואַנט־שאַפע, עפנט אויף ביידע טירן און זאָגט:

— קוק אריין, דאָרט איז קיינער נישטאָ.

דערנאָך פירט זי מיך צו אַן אַלקער, עפנט אויף די טיר און שמייכלט:

— דאָ איז אויך קיינער ניטאָ.

איך קוק אַריין אין אַלקער, זע איך אויפ׳ן בעט שלאָפן אַ קינד פון אַ יאָר פיר.

— וואו איז דיין מאַן? — פרעג איך.

— ער איזט יאָ קאַפּוט, — ענטפערט זי, — געפאַלן אין שלאַכט.

זי ענטשולדיגט זיך פאַר מיר און גייט אַרויס פון צימער.

ווען איך בלייב אַליין, באַטראַכט איך פאַרשנדיג און אַביסל מיט חשד די אָרעמלאַכע וואוינונג.

איך זעץ זיך אַוועק ביים אויוון, פאַררויכער אַ סיגאַרעט און וואַרעם זיך. איך טראַכט, אַז ווי נאָר זי וועט אַריינקומען, וועל איך לויפן צו הערשלען. מיר וועלן איינפּאַקן אונזערע זאַכן און זיך אַריבערציען אַהער.

זי קומט צוריק מיט אַ בערגעלע שטרוי אויף אירע הענט. זי לייגט די שטרוי אַוועק אויף דער ערד, נישט ווייט פון אויוון. איך העלף איר צושפּרייטן די שטרוי. זי לויפט אַריין אין אַלקער און קומט באַלד צוריק מיט אַ ריינעם ווייסן לייַלאַך, מיט צוויי קישנס און מיט אַן אַלטער, דיקער קאָלדרע.

— וועט דאָס זיין גוט? — פרעגט זי מיך.

— זייער גוט, פרייליין.

— וואו איז אייער קאַמעראַד?

איך זאָג איר, אַז איך גיי אים שוין ברענגען. איך ענטשולדיג זיך און גיי אַרויס פון שטוב.

אויפ׳ן וועג טראַכט איך פון איר שיינקייט און ווי פריינטלאַך זי איז געווען צו מיר. איך האָב געפילט אין דער פרוי אַ נאָכגעביגקייט און אַ גרייטקייט צו ווערן גאָר נאָענט צו מיר. וואָסזשע זאָל איך אָבער טאָן מיט הערשלען? אַז איך וועל אים ברענגען צו איר, קען ער מיר נאָך שטערן. זי וועט אפשר מורא האָבן, אָדער זי וועט זיך שעמען, ווען עס וועט זיין נאָך אַ מאַן אין שטוב. איך באַשליס ביי זיך, אַז איך זאָל עס האַלטן בסוד פון אים. און טאָמער וועט ער מיך פרעגן, צי איך האָב געקראָגן

אַ פּלאַץ צום שלאָפן, זאָל איך אים ענטפערן, אַז איך האָב גע־קראָגן פּלאַץ נאָר פאַר איינעם.

הערשל דערזעט מיך גיין, לויפט ער מיר אַנטקעגן:

— נו, וואָס הערט זיך? איר האָט עפּעס געפונען?

— כ׳ווייס... איך האָב עפּעס יאָ געפונען, נאָר...

ער לאָזט מיר מער נישט ריידן און זאָגט:

— וואָס וואַרט איר, קומט, לאָמיר שוין איינפּאַקן אונזערע זאַכן און היידאַ!

ער לאָזט זיך גיין אין שטאַל, האַלט איך אים אָפּ:

— פאַרשטייסט, הערשל, איך האָב נאָר געפונען פּלאַץ פאַר איינעם.

די פרייד פאַרשווינדט פון זיין פּנים. ער כמורעט זיך אָן. ער קערט אָפּ זיין קאָפּ פון מיר און רעדט צו זיך:

— הייסט עס, איך וועל דאַרפן פרירן אין שטאַל, — ער צוקט מיט די אַקסל: — וואָס קען איך זיך העלפן? ניכאַי בודע טאַק. מסתמא איז מיין מזל אַזאַ.

איך זע, ווי דערשלאָגן ער איז, האָב איך אויף אים רחמנות. שטום ריידן צו מיר מיינע געדאַנקען: וואָס ווילסטו טאָן? אַז דיר גלוסט זיך צו האָבן פאַרגעניגן, זאָל דיין אמת׳ער און איינ־ציגער פריינט, וואָס דו האָסט, ליגן אַ גאַנצע נאַכט אין שטאַל און נישט קענען אַנשלאָפן ווערן פון קעלט? און דו ווייסט נאָך נישט, צי די פרוי וועט וועלן. דערווייל באַגייסטו שוין אַן עולה. וועסט זיך דיין גאַנץ לעבן נישט קענען אויסקויפן.

כדי צו פאַרריכטן דעם ליגן, זאָג איך:

— שרעק זיך נישט, הערשל... וועסט נישט שלאָפן אין שטאַל... איך האָב געמאַכט אַ שפּאַס... קום...

איך האָב אים אַריינגעגעבן אַ נייע נשמה מיט דער בשורה. זיין פּנים שטראַלט פון גליק. מיר גייען אַריין אין שטאַל און נעמען פון דאָרט אַרויס אונזערע פּעקלאַך.

איך גיי צו צו אונזער סאַרדזשענט און זאָג אים, אַז איך האָב געפונען אַן אַנדער אָרט פאַר אונדז ביידן צו שלאָפן. דער סאַרדזשענט זאָגט:

— שלאָפט אייך וואו איר ווילט, אבי איר זאָלט זיין אין צייט, ווען מען וועט אייך דארפן.

הערשל טראָגט שוין זיין פאַק אויף די פּלייצעס און פרייליך זאָגט ער צום סארדזשענט:

— גוד-באַי, סארדזשענט, האָב נישט קיין מורא, מיר וועלן זיין אין צייט, ווען איר וועט אונז דארפן. איך וועל זיך צוהערן צום טראָמפּייט.

מיר קומען אריין אין שטוב. הערשל דערזעט די פרוי, ווערן זיינע ביטרע אויגעלאך גרויס און גלאַנציק. ער פרעגט מיך שטיל:

— איז זי איינע אַליין, אָדער עס זיינען דאָ נאָך פרויען?

איך ענטפער אים, אז מער קיין פרויען זיינען דאָ נישטאָ.

ער באַקוקט זי און ווינקט צו מיר מיט אַן אויגל:

— א וואַזשנע אישה. זי האָט א מאַן?

איך זאָג אים, אז איר מאַן איז גע׳הרג׳עט געוואָרן.

הערשל באַקוקט דאָס געלעגער און פרעגט:

— דאָס איז פאַר אונז?

ער זעצט זיך אראָפּ אויף די קני. ער קלאַפּט איבער דער שטרוי און גלייכט זי אויס, עס זאָל נישט זיין אויף איין אָרט העכער און אויף א צווייטן נידעריגער. און אז ער דערזעט, ווי נייגיריג די פרוי קוקט זיך צו, ווי ער ארבעט איבער דעם געלעגער, זאָגט ער צו איר מיט א שמייכל:

— איך בין אַן אַלטער סאָלדאַט, איך האָב געדינט פאַניע-חזיר.

איך ליג לעבן דער יונגער פרוי. זי שווייגט, אָבער איך פיל אין דער פינסטער, אז פונקט ווי איך, פילט זי איצט אויך דעם רייץ פון אונזער מאָדנער באַגעגעניש. מיט פארשטילטע געפילן קען איך איצט טראַכטן ניכטער און אָנגעשטרענגט. מיינע געדאַנקען שטויסן זיך אין מוח. ווי מאָדנע דאָס אַלץ קומט מיר איצט פאָר! איך טראַכט וועגן איר מאַן, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט מיט אונז.

אפשר האָב איך זיך געהאַט אָנגעשטויסן אויף אים אין געווירבל פון די אַלע שלאַכטן, אויף די פעלדער, וואָס זיינען

געוועזן פאַרזייט מיט טויטע סאָלדאַטן? און אפשר האָט טאַקע א קויל פון מיין ביקס אים געטראָפן? און אָט ליגט איצט זיין יונג, שיין ווייבל לעבן מיר, דעם „שונא", און זי האָט מיר אוועקגעגעבן דעם גאַנצן פייער פון איר יונגן לייב, די גאַנצע ווארימקייט, וואָס איך פיל איצט מיט אזא דאַנקבארקייט אין זיך. האָט זי עס געטאָן דערפאַר, ווייל זי איז זייער אָרים און זי רעכנט צו באקומען פון מיר געלט? אָדער זי האָט עס געטאָן, ווייל איר איינגן אויסגעהונגערט ליב האָט עס געמאָנט פון איר?

זעקס אזייגער אין דער פרי דערהערן מיר דעם טראָמפּייט. מען רופט אונז עסן. הערשל און איך טוען זיך שנעל אָן. מיר וואַשן זיך ארום, מיר לויפן צו דער קיך.

א גאַנצן טאָג פאַרנעמען מיר זיך מיט רייניגן די ביקסן. פאַרנאַכט, נאָכ'ן לעצטן מאָלצייט, קלייבט מען אוים א וואַך. מיר קומט אוים צו היטן אונזער קיך.

איך דריי זיך ארום דעם אָרט, וואו די קיך האָט זיך איינגעקוואַרטירט. איך טראַכט, אז אזוי ווי די אַנדערע צוויי סאָלדאַטן, וואָס זיינען מיט מיר אויף דער וואך, שלאָפן, קען איך איצט עפּעס אָנקלייבן פון קיך און ברענגען אהיים א מתנה פאַר העמעלי'ן (אזוי האָט מיין נייע באַקאַנטע געהייסן).

איך געפין א גרויסן זאַק פון ציבעלעס און לעג אהין אריין א פינף־פונטיג קענדל מיט האָניג, צוויי קענדלאך מילך, עטלאַכע זשמעניעס צוקער, צוויי שווארצע פראַנצויזישע ברויטן. איך שנייד אָפּ א היבש שטיק פלייש פון א זייטל אָקס, וואָס הענגט אויף דער וואַנט און פּאַק עס אריין אין זאַק. איך בינד ארום דעם זאַק מיט א שטריקל און קען אים קוים רירן פון אָרט.

נישט ווייט פון אונזער קיך איז געווען א גרוים פוסט פעלד. דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט צובראָכענע וועגענער, בריטשקעס אָן רעדער, האַלאָבליעס און ברעטער.

איך גיי אָפּ אין שוויים און טראָג אריבער דעם זאַק אויפ'ן פעלד ארויף און לייג אים ארויף אויף א וואָגן. איך דעק אים צו מיט א פּאָר רעדער, מיט עטלאַכע ברעטער און האַליאָבלעס און גיי צוריק אויף מיין פּאָסטן.

אינדערפרי דערציייל איך הערשלען פון דעם זאַק און זאָג אים, אַז מיר ביידע מוזן דעם זאַק אַוועקטראָגן צו העמעלי׳ן.

הערשל גייט צו צום וואָגן. ער וויל אַרונטערנעמען דעם זאַק. עס קומט אים אָבער אָן נישט גרינג. ער לאָזט אָפּ דעם זאַק, און מיט אַ שמייכל זאָגט ער:

— איר האָט דאָך באַאַרבעט די גאַנצע קיך.

ער גיט אָן עצה, אַז מיר זאָלן ערגעץ קריגן נאָך אַ לעדיגן זאַק און איינטיילן אַלץ אין צווייען, אָבער דאָס טאָר נישט געטאָן ווערן ביי טאָג. מיר זאָלן בעסער אָפּוואַרטן, ביז עס וועט ווערן נאַכט.

מיר ברענגען ביידע זעק אַהיים. העמעלי פרעגט אונז, וואָס מיר האָבן אין די זעק. מיר צובינדן די זעק און לעגן אַרויס די סחורה אויפ׳ן טיש.

העמעלי דערפרייט זיך און פרעגט:

— פאַר מיר?

מיר שאָקלען ביידע מיט די קעפּ:

— יאָ, פאַר דיר.

פאַר איבערראַשונג ווערן אירע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. זי כאַפּט אונז אַרום קושן.

הערשל זעט, ווי פריילאך זי איז, זאָגט ער צו מיר:

— ווער ווייסט, וויפיל יאָר זי האָט נישט פאַרזוכט אַ שטיקל פלייש, אַביסל האָניג? מיר האָבן איצט פאַרדינט די גרעסטע מצוה אין דער וועלט!

דאָס קינד זיצט ביי הערשלען אויף די הענט, קוקט צו דער מאַמען מיט זשעדנע אויגעלאך און רייסט זיך צו איר, אַז זי זאָל איר געבן עסן.

אַז מיר זעען, ווי געשמאַק מאַמע און קינד עסן, האָבן מיר גרויס הנאה. און מיר מאַכן אָפּ, אַז אַלע טאָג זאָלן מיר זיי ברענגען עפּעס צו עסן פון אונזער קיך.

העמעלי דאַנקט אונז. זי האָט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה געמיינט, אַז אַמעריקאַנער סאָלדאַטן זיינען שלעכטע. זי האָט געהערט דערציילן, ווי ברוטאַל מיר זיינען צו די דייטשן.

איצט זעט זי, אַז די אַמעריקאַנער זיינען גאָר אַנדערש, ווי זי האָט זיך געהאַט אָנגעהערט וועגן זיי.

מיר ווילן שוין דאָ די פערטע וואָך. העמעלי וואַשט מיין וועש. איך זע ווי זי פּרעסט מיינע העמדער און האָט הנאה פון איר אַרבעט. עס לעבט זיך אונז דאָ גאַנץ גוט. מיר עסן גוטע מאכלים און פאַרטרינקען מיט ביר. אונזערע אַפּיצירן זיינען מער נישט אַזוי שטרענג מיט אונז. צוויי שעה אַ טאָג מושטירן זיי מיט אונז, — דערווײַלע זיינען מיר נאָך סאָלדאַטן, און אַ סאָלדאַט קריגט נישט אומזיסט קיין עסן. אַזוי ווי איך ווער נאָר פאַרטיג מיט די איבונגען, לויף איך באַלד אַהיים. איך פאַרברענג מיט העמעלי'ן. איך שפּיל זיך מיט'ן קינד. ווען איך דערהער דעם טראָמפּייט, וואָס רופט עסן, לויף איך צו אונזער קיך און כאַפּ אויף גיך אָפּ דאָס עסן. איך וואַרט, אַז דער קוכער, נישט קיין שלעכטער יונג, זאָל מיר געבן אַן איבעריגע פּאָרציע אַהיים, צו דערקוויקן מאַמע און קינד.

ביינאַכט, ווען העדשל און דאָס קינד שלאָפן איין, זיץ איך און העמעלי אויף אַן אַלטער לעדערנער זאָפע. מיר האַלטן זיך אַרומגענומען. זי רעדט און ציטערט פאַר אויפרעגונג:

— מיין שאַץ, מיין ליבער, וואָס וועל איך טאָן ווען דו וועסט פאַרלאָזן דאָס שטעטל? איך ליב דיך...

זי דריקט מיך נאָך שטאַרקער צו זיך און פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין.

איך וויש אויס אירע טרערן. איך גלעט איר פּנים. איך קוש אירע נאַסע באַקן:

— איך האָב דיך אויך ליב, — זאָג איך מיט געפיל, — וויין נישט.

— פאַרלאָז מיך נישט, — זאָגט זי מיט געבעט, — פאַרלאָז מיך נישט. זאָג מיר צו, אַז ווען די צייט וועט קומען, דו וועסט מוזן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, וועסטו מיך און מיין קינד מיטנעמען...

איך פאַרטראַכט זיך: אפשר זאָל איך זיי טאַקע מיטנעמען מיט זיך? זי איז יונג, שיין. איך האָב זי ליב. זי וועט מיר

זיין א געטרייע פרוי. וואָס אָבער וועלן מיינע עלטערן אויף דעם זאָגן? ווי קען איך אריינברענגען א „גויע" צו זיי אין שטוב? זיי וועלן די בושה נישט קענען אריבערטראָגן.

איך זאָג צו איר:

— טייערע, איך קען דיך נישט נעמען מיט זיך.

— פאַרוואָס דען נישט? — פרעגט זי, שטאַרק פאַרוואונדערט.

— ווייל איך בין א איד, — זאָג איך שטיל, — ווי שטאַרק איך האָב דיך ניט ליב, קען איך דאָס נישט טאָן. ווען מיינע עלטערן וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט נישט קיין אידיש מיידל, וועלן זיי דאָס נישט אריבערטראָגן.

העמעלי שווייגט. אין דער פינסטער קען איך אָבער הערן ווי זי שלינגט די טרערן. זי הויבט זיך אויף און גייט אריין צו זיך אין אַלקער.

מיין האַרץ טוט מיר ווי פאַר איר. איך באַדויער, וואָס זי האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעליבט. איך גיי צו צו דער טיר פון איר אַלקער. איך הער איר וויינען. איך וויל אריינגיין זי טרייסטן, פעלט מיר מוט. איך לייג זיך אַוועק לעבן הערשלען. דער מוח שפּאַלט זיך מיר פון די פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס קומען מיר אין קאָפּ אריין. איך טראַכט וועגן דער אייזערנער וואַנט, וואָס שיידט אונז פאַנאַנדער.

אויף דער פינסטער וואָך לאָזט מען אונז מיט א טאָג פריער וויסן, אַז מאָרגן פאַרלאָזן מיר דאָס שטעטל. אונזער דיוויזיע פאָרט אהיים. מיר דערהערן די גוטע בשורה, ווערן מיר פרייליך. אין א פּאָר וואָכן ארום וועלן מיר שוין זיין אין דער היים.

איך גיי ארום א צעמישטער: ווי אַזוי זאָגט מען אָן העמעלי'ן די טרויעריגע בשורה, אַז איך פאָר מאָרגן אַוועק פון דאַנען? איך האַלט זיך אָן עצה מיט הערשלען. מיר באַשליסן, אַז מיר זאָלן איר נישט אויסזאָגן. איך וועל אַוועקפאָרן, וועט זי זיך גוט אויסוויינען און וועט זיך מיען מיך צו פאַרגעסן.

מיר ריידן אָפּ, אַז מאָרגן אינדערפרי זאָלן מיר איינפּאַקן אונזערע זאכן, און אַז זי וועט אונז פרעגן, פאַרוואָס מיר נעמען

אוועק די זאַכן פון שטוב, זאָלן מיר איר זאָגן, אַז מאָרגן קומט ביי אונז פאָר אַן אינספּעקציע, אונזערע אָפיצירן ווילן איבער־קוקן, צי עס פעלט אונז גאָרנישט.

אינדערפרי נעמען מיר פּאַקן די זאַכן. העמעלי זעט, ווי מיר פּאַקן זיך, קריגט איר פּנים פאַרשיידענע קאָלירן: זי ווערט גרין, געל, בלוי, אַ בלאַסקייט באַדעקט איר גאַנצן פּנים. אַ דערשראָקענע פרעגט זי:

— וואוהין פּאַקט איר זיך? איר פאַרלאָזט אונז?

איך האָב נישט קיין לשון. מיט מיינע לעצטע כחות וויל איך באַהאַלטן פון איר מיין נערוועזיטעט.

הערשל זאָגט איר:

— מיר האָבן היינט אַן אינספּעקציע, דערפאַר מוזן מיר ברענגען אונזערע זאַכן צו אונזער קאָמפּאַניע.

מיר נעמען אונזער געפּעק אויף די פּלייצעס. דאָס קינד שפּרינגט אַרויף אויף מיינע הענט. איך קוש מיט ליבשאַפט דאָס קינד, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעקריצט אַזוי טיף אין מיין האַרץ. מיינע אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן.

העמעלי פרעגט אונז, ווען מיר וועלן זיין צוריק. איך ענטפער:

— גלייך נאָך דער אינספּעקציע.

הערשל און איך גייען אַרויס פון שטוב.

אויפ׳ן וועג זאָגט הערשל:

— עס איז צוגעגאַנגען נאָך בעסער, ווי איך האָב זיך פאָר־געשטעלט.

איך ענטפער אים נישט. איך טראַכט נאָר, ווי אַזוי וועט זי זיך פילן, ווען זי וועט געוואויר ווערן, אַז מיר זיינען אוועק־געפאָרן און איך האָב זיך אַזוי ווי אַ גנב אַרויסגע׳גנב׳עט. איך האָב שטאַרק חרטה, וואָס איך האָב זי אָפּגענאַרט. איך הויב אָן זיך שלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך זיך נישט אומקערן צוריק און איר דערציילן דעם אמת. האָב איך אָבער מורא, אַז איך וועל נישט קענען צוזען איר צער. ניין, איך טאָר נישט צוריק־גיין. זאָל זי בעסער טראַכטן שלעכטס פון מיר. דאָס וועט איר

מאַכן גרינגער מיך צו פאַרגעסן, זיך אָפּקערן פון מיר, ווי פון אַ מענטשן, וואָס איז נישט ווערט איר צוטרוי און פריינטשאַפט...

מיר שטייען אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות אויף ביידע זייטן שאָסיי. מיר וואַרטן אויף׳ן באַפעל פון אונזער קעפּטן צו גיין.

אַלע איינוואוינער פון שטעטל האָבן אונז אַרומגערינגלט. די פיר וואָכן, וואָס מיר זיינען דאָ פאַרבליבן, האָבן מיר זיי גע־געבן צו לייזן אַ סך געלט. מיר זיינען געוואָרן מיט זיי גוטע פריינט. זיי האָבן אונז אַרויסבאַגלייט מיט הורא־געשרייען.

איך דריי מיין קאָפּ אין אַלע זייטן. מיינע אויגן קוקן אָנ־געשטרענגט אויף דעם עולם. איך זוך העמעלי׳ן. איך וויל כאָטש נאָך איין מאָל בגנבה אַ קוק טאָן אויף איר, זען ווי אַזוי זי זעט איצט אויס, נאָכדעם ווי איך האָב זי אַזוי אָפּגענאַרט. איך ווייס, אַז ווען איך וועל זי דערזען, וועט עס מיר זייער שטאַרק וויי טאָן. איך וויל זיך פייניגן פאַר דער עוולה, וואָס איך בין באַגאַנגען.

פּלוצלינג דערהער איך איר קול. זי רופט מיך ביים נאָמען. מיין גאַנצער קערפּער הויבט אָן ציטערן פאַר אויפרעגונג. איך דריי אויס דעם קאָפּ אין איר זייט. איך דערזע זי צווישן עולם. דאָס קינד האַלט זי אויף די הענט און מיט אַ פינגער ווייזט זי איר אָן, וואו איך און הערשל שטייען.

דאָס קינד דרייט מיט׳ן קעפּעלע און זוכט אונז.

אונזער קעפּטן שרייט אויס:

— פאָראויס! מאַרש!

מיר לאָזן זיך גיין. דער עולם טוט זיך אַ לאָז צו אונז, אַזוי ווי אַ שווערע כוואַליע. זיי שרייען:

— גוד־באַי! גוד־באַי אַמעריקאַנער!

מיר גייען און זיי גייען אונז נאָך.

העמעלי שטופּט זיך צו צו מיר. זי כאַפּט מיך אָן ביי אַ האַנט און זאָגט מיט טרערן:

— זאָלסט מיר שרייבן, זאָלסט מיך נישט פאַרגעסן. איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

אין האַלז ווערט מיר טרוקן. פון מיינע אויגן גיסן זיך טרערן. איך קוש אירע ליפּן, איך קוש דאָס קינד און זאָג איר צו:
— איך וועל שרייבן, איך וועל דיך ניט פאַרגעסן.
מיר גייען אַלץ ווייטער. יעדער ווײַלע דריי איך אוים דעם קאָפּ צו איר. איך זע, ווי אַלע מענשן פון שטעטל קוקן, פאַרביי־גייענדיג, אויף איר. זי שטייט אַ פאַרלאָרענע: אויף איין האַנט האַלט זי דאָס קינד, מיט דער צווייטער פאָכעט זי צו מיר:
— אַדיע!

מיר פאָרן אַהיים.

איך שטיי אויף דער שיף און קוק זיך צו ווי מען האַלט אין איין אַרויפטראָגן בעטן מיט פאַרוואונדעטע, פאַר'סמ'טע פון גאַז און צעטרייסלטע פון קאַנאָנען־קוילן. זיי קרעכצן, זיי וויינען. די, וואָס זיינען פאַר'סמ'ט פון גאַז, ברעכן נאָך אַלץ אוים די גיפטיגע גאַזן, און אַזוי ביסלעכווייז שפּייען זיי אוים די לונגען.
די געזונטע זיינען אויך אַנדערש, ניט מער דיזעלבע פריילאַכע סאָלדאַטן, וואָס איך האָב באַגעגנט מיט אַ יאָר צוריק: זייער לאַכן איז אַנדערש. פאַרשוואונדן איז יענע קינדערשע זאָרגלאָזיגקייט. זיי האָבן זי פאַרלאָרן אויף די שלאַכטפעלדער פון די אַרגאָן־וועלדער און פון איפּרים. זיי פאָרן צוריק ערפאַרענע, אָפּגענאַרטע...
איך זיץ אויף דער דעק אין אַ ווינקל און קוק זיך צו ווי די שיף שווימט אַריבער די הויכע כוואַליעס פון דעם אָקעאַן. איך קען זיך אַליין ניט גלויבן, אַז איך פאָר איצט אַהיים. אין מיינע אויערן קלינגט נאָך דאָס ווילדע בייזע פייפן פון קוילן און האַנט־גראַנאַטן, דאָס עקספּלאָדירן פון באָמבעס, דאָס פּויקן און קלאַפּן פון קאַנאָ־נען און ביקסן, דאָס קלינגען פון גלעקער, אַז אַנזאָג אַז דער שונא איז אונז מכבד מיט גאַז־באָמבעס... איך הער נאָך אַלץ דאָס וויינען און יאָמערן פון די פאַרוואונדעטע:
— העלפּ! העלפּ! אַי עם הוירט!... („העלפט! העלפט! איך בין פאַרוואונדעט!").
איך פיל, אַז מיין גאַנץ בלוט קומט מיר אין קאָפּ אַריין. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל עס אַזוי אייביג, אייביג הערן.

איך דערזע פּלוצלינג אַן אַנדער בילד, און מיין צעווייטאָגטע נשמה דערפילט אַ פרייד. די מלחמה איז געענדיגט. אַלע טאַנצן און שרייען מיט ווילדע קולות: פיני לאַ גער! לאַ גער פיני! („געענדיגט די מלחמה!").

אַפילו די פאַרוואונדעטע וויינען און לאַכן:

— די וואָר איז אָווער! טהענק גאָד, איט'ס אָווער! („די מלחמה איז געענדיגט! אַ דאַנק צו גאָט, געענדיגט!")

אַפילו ביי די, וואָס גוסס'ן, באַווייזט זיך אין די אויגן אַ פייערל פון פרייד, און זיי פירן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט'ן מלאך המות... די מלחמה האָט זיך געענדיגט און דער באַגער צום לעבן איז נאָך שטאַרקער ווי פריער...

דער מלאך־המות איז אָבער געווען שטאַרקער פון זיי. זיי פאָרן אויך אהיים צוזאַמען מיט אונז, אין קעלער פון שיף, אין הילצערנע קאַסטנס, וואָס שטייען אין די טויזנטער איינע אויף די אַנדערע...

די שיף, אויף וועלכער מיר פאָרן אהיים, איז אַ קליינע כינעזישע שיף. זי שלעפּט זיך שוין דרייצן מעת־לעת, און מיר זעען נאָך נישט קיין לאַנד. אַלע טאָג פרעגן מיר זיך נאָך ביי די מאַטראָזן, ווען וועלן מיר אָנקומען קיין אַמעריקע, און זיי גיבן אונז אַלע טאָג דעם זעלבן ענטפער: אפשר מאָרגן. מיר זיינען אומגעדולדיג. מיר ווילן וואָס גיכער פּטור ווערן פון דער שיף, וואָס שרעקט זיך פאַר די שטורמדיגע כוואַליעס פון אָקעאַן. די שיף וואַרפט זיך אַזוי שטאַרק, אַז יעדן פון אונז ווייזט זיך אויס, אָט־אָט קערט זי זיך איבער.

הערשל גייט אַרום אַן אויפגערעגטער. ער האַלט אין איין ריידן, אַז גאָט האָט אונז שוין יאָ געהאָלפן און מיר זיינען לעבן געבליבן פון דעם שלאַכטפעלד, האָט ער אונז אונטערגערוקט אַ נייע צרה, — אַ שיף וואָס באַדאַרף פירן באַנאַנעס, נישט קיין מענטשן. זי קאָן דאָך יעדער מינוט אונטערגיין. אַלע סאָלדאַטן פּראָטעסטירן און שרייען:

— קיין פראַנקרייך האָט מען אונז געפירט מיט גרויסע שנעלע שיפן, זיי האָבן אונז דאָרט באַדאַרפט האָבן, אָבער איצט באַדאַרפן זיי אונז מער נישט, אַרט זיי נישט, ווען מיר וועלן אהיים קומען.

אויף דעם פערצנטן טאָג, פאַרנאַכט,ביים עסן, זאָגט מען אונז אָן די גוטע בשורה, אז מאָרגן אכט אזייגער אינדערפרי וועלן מיר אָנקומען קיין האַבאָקען. אלע ווערן פריילאך און הויבן אָן צו טאַנצן פאר פרייד און מען רעדט צווישן זיך:

— גאָט צו דאַנקען, מאָרגן וועלן מיר שוין זיין אין אונזער אייגן לאַנד, טרעטן אויף אייגענער ערד.

מיר לייגן זיך פרי שלאָפן, כדי מיר זאָלן אויפשטיין פרי, מאכן אונזערע פעקלאך און זיין גרייט צום לאַנדן.

איך ליג אויף מיין געלעגער און קען בשום אופן ניט איינ־שלאָפן. ווי אזוי קען מען שלאָפן נאָך אזא גוטער בשורה? מאָרגן וועל איך קאָנען אָפּרופן מיינע עלטערן דורכ'ן טעלעפאָן. איך וועל ריידן צו זיי. איך וועל הערן מיין טאַטנ'ס און מיין מאַמע'ס קול. איך ליג אויף מיין געלעגער און טראכט, וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן אין דער היים, ווען זיי וועלן דערהערן מיין קול, און שפעטער מיט עטלאכע טעג ווען איך וועל אהיים קומען. איך וועל זיך שטאַרק קושן מיט מיין טאַטע־מאַמע, מיינע שוועסטער, מיין ברודער און קרובים. מיט מיין מאַמע'ן וועל איך זיך קושן מער ווי מיט אלע. זי האָט מער געליטן ווי אלע. סאי אין חלום, סאי אויפ'ן וואָר האָב איך זי שטענדיג געזען פאר מיינע אויגן א פאַרוויינטע. אירע קרעכצן האָבן שטענדיג געזומט אין מיינע אויערן. דערפאר וועל איך זיצן מיט איר טעג און נעכט און וועל איר מער פון אלעמען דערציילן אלץ, וואָס איך האָב דורכגעלעבט אין דעם איינעם יאָר. און צו דערציילן האָב איך אזוי פיל...

איך קריך אַרונטער פון מיין געלעגער, גיי צו צו א פענסטערל און קוק אַרויס אין דער שוואַרצער פינסטערער נאַכט. אלע שלאָפן געשמאַק. דער זייגער איז שוין האַלב פיר. איך זיץ א ווײַלע. עס גלוסט זיך מיר נישט גיין צוריק אויף מיין געלעגער. איך טראכט, צי ס'איז טאַקע אמת, אז מאָרגן אכט אזייגער אינדערפרי קומען מיר אָן אין האַבאָקען. אויב יאָ, באַדאַרף מען דאָך שוין איצט זען עפעס סימנים, אז מיר זיינען נאָענט צו לאַנד. איך טו זיך שנעל אָן און גיי אַרויס אויף דער דעק.

אין דרויסן איז פינסטער און עס רעגנט. דער ים איז שטורעמדיג. די כוואַליעס פּאַטשן ביז די שיף. עס הערט זיך שטאַרק, ווי די שיף שניידט איר וועג. א הויכע כוואַליע טוט זיך אַלע ווייַלע א הויב אויף און צעשיט זיך איבער'ן דעק. איך ווער אינגאַנצן נאַס. די שיף וויגט זיך אויף און אָפּ. איך בין איינגע־שפּאַרט: איך וועל נישט גיין צוריק אויף מיין געלעגער, ביז איך וועל נישט דערזען סימנים פון לאַנד. איך טוליע זיך שטאַרק צו דער פּאַרענטשע. מיינע אויגן זוכן אין דער וויטער פינסטערניש. איך זע נאָר א שוואַרצן הימל און שוואַרץ ברויזנדיג וואַסער. ווי א צעדולטער לויף איך אויף דער צווייטער זייט שיף, אפשר וועל איך דאָרט עפּעס דערזען. מיינע אויגן ווערן גרויס, ווען איך דערזע מיטאַמאָל א סך אָנגעצונדענע לעמפּלאַך שווימען אויפ'ן וואַסער. אונזער שיף קומט אַלץ נעענטער צו די לעמפּלאַך. איך דערזע קליינע שיפלאַך. זיי שווימען זיך אַרום איבער'ן אַטלאַנטיק און זיי פייפן. אונזער שיף ענטפערט זיי אָפּ מיט עטלאַכע שטאַרקע הייזעריגע פייפן. מיר קומען נאָענט צו א ליכט־טורעם. איך בין פריילאַך און גליקלאַך. מיינע אויגן זיינען פול מיט טרערן. אין זיך שריי איך אוים פאַרשטיקט: איך דאַנק דיר, גאָט, דו האָסט מיך געבראַכט אהיים, אהיים!,

איך וועק אויף הערשלען. איך זאָג אים אָן די בשורה, אַז מיר זיינען שוין אין ניו יאָרקער וואַסערן. ער שפּרינגט האַסטיג אַרונטער פון געלעגער, טוט אָן די שיך, כאַפּט אַרויף אויף זיך דעם אויבער־ראָק. מיר גייען ביידע אַרויף אויפ'ן דעק.

מיר קוקן אויף די שיפלאַך וואָס שווימען אַרום אונז. הערשל דאַנקט מיך, וואָס איך האָב אים אויפגעוועקט. ער דרייט דעם קאָפּ אהער און אהין און אַלע מאָל שרייט ער אוים מיט פרייד:

— איר זעט, עס קומען אָן נאָך שיפלאַך נעענטער צו אונז!

ער כאַפּט מיך אַרום, דריקט מיר שטאַרק צו זיך און קושט מיך.

— מיר האָבן א גרויסן גאָט, — שרייט ער ווידער אוים, — מיר דאַרפן גומל בענטשן!

מיר גייען צוריק צו אונזערע געלעגערס. מיר ווישן זיך אַרום פון'ם רעגן. אונזערע קליידער הענגען מיר אויף צום טריקענען

און מיר נעמען זיך מאַכן אונזערע פּעקלאַך. די איבעריגע סאָלדאַטן כאַפּן זיך אויף איינציגווייז. מיר זאָגן זיי אָן די נייס, אַז מיר זיינען שוין אין דער היים. זיי לויפן אַרוים אויפ׳ן דעק כאַפּן אַ קוק. פריילאַכע קומען זיי צוריק. אין וואַש־צימער ווערט פריילאַך: מען גאָלט זיך, מען וואַשט זיך, מען פוצט זיך, מען מאַכט די פּעקלאַך און מ׳דאַנקט גאָט.

זעקס אַזייגער אין דער פרי זיינען מיר אַלע אויף דער דעק. מיט ברייטע נייגיריגע אויגן קוקן מיר אויף די ניו יאָרקער וואָלקנקראַצער. אַלע שרייען מיט גרויס באַגייסטערונג:

— העלאָו, דיר אָלד יו עס!

דער קוכער קלינגט מיט זיין מעשענעם גרויסן גלאָק, מיר זאָלן גיין עסן. מיר הערן זיך אַפילו ניט איין צו זיין קלינגען. הערשל שרייט:

— ווער וויל עס איצט עסן! זאָל ער קלינגען צוזעצטער־הייט!...

אונזער מוזיק שפּילט. מיר זינגען מיט. איינציגע טאַנצן זיך אונטער צום טאַקט. אונזער שיף רוקט זיך זייער פּאַמעלאַך. מיר דערזעען די פרייהייט־סטאַטוע, און אַלע ווי איינער הויבן אָן צו פייפן און שרייען:

— העלאָו, דיר אָלד לעידי! נעווער עגעין וויל ווי פּאַרט וויטה יו! („העלאָו, טייערע אַלטע פרוי! מיר וועלן זיך פון דיר קיינמאָל מער ניט שיידן!”).

עטלאַכע עראָפּלאַנען פליען אַרום אונז. בייביידע זייטן פון אונזער שיף זיינען צוגעטשעפּעט צוויי קליינע שיפלאַך. זיי שלעפּן אונזער שיף אין האַפן אַריין. עטלאַכע שיפן, באַפּוצט מיט גרויסע אַמעריקאַנער פאָנען, קומען אונז אַנטקעגן. זייער מוזיק שפּילט און אונזער מוזיק שפּילט. דער גאַנצער ים איז פריילאַך. עס דוכט זיך, דער ים גיט עס אַרוים די קלאַנגען פון מוזיק. פּראָם־שיפן, געפּאַקט מיט מענשן, שווימען אַהין און צוריק. מענשן פאָרן צו דער אַרבעט. די מענשן פאָכען צו אונז מיט זייערע טיכעלאַך און מיר מאַכן צו זיי מיט די הענט און שרייען:

— העלאָו! העלאָו!

איך שטיי אין אַ ווינקל און קוק זיך גוט איין אין דער

פרייהייט־סטאַטוס. איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען די סטאַטוע פון פרייהייט, מיט יאָרן צוריק, ווען איך האָב זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם צאַרישן רוסלאַנד, ווי שטאָלץ האָט זי דעמאָלט אויסגעזען אין מיינע אויגן, מיט דעם פאַקל פון פרייהייט אין דער האַנט. איצט, דאַכט זיך מיר אויס, איז זי נישט מער אַזוי שטאָלץ ווי אַמאָל. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי קערט אָפּ איר קאָפּ פון מיר, ווי זי וואָלט זיך פאַר מיר פאַרשעמט. מיר דוכט זיך ווי זי זאָגט צו מיר:

— קוק נישט אויף מיר מיט אַזעלכע בייזע בליקן, איך בין בלויז אַ דעקאָראַציע...

מיט אונזערע פּעק אויף די רוקנס גייען מיר אַרונטער פון שיף. באַאַמטע פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, פון סאַלוויישאַן אַרמי, פון דער אידישער וועלפעיר באָארד, פון נאַיטס אָוו קאָלאָמבוס, טיילן אונז אָראַנזשן, עפּל, סענדוויטשעס, הייסע קאַקאָ, פּעקלאַך סיגאַרעטן. הערשל לויפט עטלאַכע מאָל אין דער ריי. ער האָט שוין נישט מער קיין פּלאַץ וואו אהינצוטאָן די אַלע מתנות. זיינע קעשענעס זיינען פול. באַאַמטע פון דער אידישער וועלפעיר באָארד טיילן אויך יעדן סאָלדאַט אַ פּאָסט־קאַרטל און בעטן אונז, אַז מיר זאָלן שוין אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער אַהיים און דערפרייען דערמיט טאַטע־מאַמע. מיר שרייבן תיכּף אָן עטלאַכע ווערטער און מיר גיבן די קאַרטלאַך גלייך צוריק, מ׳זאָל זיי גלייך אָפּשיקן.

מיר קריגן אַ באַפעל צו גיין. מיר גייען צו דער באַן. מיר קומען צו צום וואָקזאַל. דאָרטן וואַרטן שוין אויף אונז עטלאַכע צוגן. מיר גייען אַרויף, און אַלע סאָלדאַטן פרייען זיך מיט די אַמעריקאַנער באַנען. אַלע שרייען:

— נאָ מאָור באַקס קאַרס מיט פערדישן שמוץ..

אַלע שילטן פראַנקרייך.

ווי שלעכט מען האָט אונז דאָרט באַהאַנדלט: אַזוי ווי די חזירים האָבן זיי אונז געפירט.

מיר פאָרן קיין קעמפּ דיקס. איך זיץ אין וואַגאָן, קוק אויף די סאָלדאַטן און איך טראַכט: מיר פאָרן אַהיים, דאָס בלוטיגע שפּיל האָט זיך געענדיגט. אין עטלאַכע טעג אַרום וועט מען אונז פריילאָזן פון דער אַרמיי. מיר וועלן אויסטאָן דעם תליון׳ס קליידער

און אָנטאָן ציווילע קליידער. מיר וועלן צוריק קריגן דאָס געשטאַלט פון מענטשן. מיר וועלן אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם פאַר־ברעכערישן סעפּסטאַקל, וואָס רופט זיך מלחמה...

צען טעג פאַרבלייבן מיר אין קעמפּ. מען פירט אונז אין האָספּיטאַל צו אונטערזוכן, צי מיר טויגן נאָך צו עפּעס. מען טיילט אונז אויס אונזערע פּאַפּירן. מען גיט אויך יעדן פון אונז צו זעכציג דאָלער און אַ באַן־בילעט אַהיימצופאָרן. מיר נעמען אונזערע זעק אויף די פּלייצעס און מיר שרייען אויס:

—— גוד באַי קעמפּ דיקס! גוד באַי אַרמי!

מיר גייען צו דער באַן אַזוי ווי ציווילע מענטשן.

ביים וואָקזאַל צעגייען זיך די וועגן צווישן מיר און הערשלען: ער פאָרט קיין פילאַדעלפיע צו זיין שוועסטער, און איך פאָר קיין נוארק צו מיין טאַטע־מאַמע. הערשל ווערט נערוועז, זיין פּנים איז בלאַס. איך פרעג אים:

— וואָס איז מיט דיר? פילסט זיך נישט מיט אַלעמען?

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ענטפערט ער מיר:

— איך בין אַלראַיט, איך בין אַביסל ראַזסטראָיעט.

— דו פאָרסט דאָך אַהיים, — זאָג איך צו אים, — זיי פריילאך.

— איך קאָן זיך נישט פרייען, — ענטפערט ער מיר, — אַז איך מוז זיך מיט אייך צושיידן. איך האָב זיך צו אייך צוגע־וויינט. מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך וועל אַ מינוט נישט קענען זיין אָן אייך.

ער צעוויינט זיך און מורמלט:

— איצט קאָנטשעט זיך אונזער פריינטשאַפט.

איך טרייסט אים:

— מיר שיידן זיך ניט אויף אייביג. פילאַדעלפיע איז נישט ווייט פון נוארק. מיר וועלן קומען זיך זען. אַמאָל וועל איך קומען צו דיר, אַמאָל וועסטו קומען צו מיר.

ער כליפּעט:

— ווייס איך וואָס. איך בין זיכער, אַז ווי איר וועט אַהיים קומען, וועט איר מיך באַלד פאַרגעסן. איר זייט אַ מענש

פון אַן אַנדער וועלט און איך בין אַ פּראָסטער, און אפשר וועט איר זיך גאָר שעמען מיט מיר.

— רעד נישט אַזוי, הערשל, — בעט איך זיך ביי אים, — דו טוסט מיר אומזיסט וויי. איך שווער דיר און פאַרזיכער דיך: איך האָב דיך ליב און וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיר בלייבן אייביגע פריינט. מאָרגן וועל איך דיר שרייבן אַ בריוו. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך קומען קיין פילאַדעלפיע דיך זען.

מיינע רייד באַרואיגן אים. ער נעמט אַרויס אַ טיכעלע פון קעשענע, ווישט גוט אויס די טרערן פון זיינע אויגן און מיט אַ שמייכל זאָגט ער צו מיר:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

„העלאָ, מאַמע!"

דער צוג, וואָס גייט אָפּ קיין ניו יאָרק, קומט אָן דער ער־שטער. איך גיי אַריין אין וואַגאָן. הערשל העלפט מיר טראָגן מיין גרינעם זאַק. מיר געזעגענען זיך. מיר קושן זיך. דער צוג הויבט אָן זיך רירן פון אָרט. הערשל שרייט אויס:

— פאָרט געזונט!

ער שפּרינגט אַרונטער. ער לויפט נאָך דעם צוג, פאָכעט צו מיר מיט די הענט און שרייט אויף די העכסטע טענער:

— גוד באַי! גוד באַי!

דער צוג לויפט שנעל און יעדער מינוט איז ביי מיר אַן אייביגקייט. איך רויכער איין סיגאַרעט נאָכ'ן צווייטן. איך בין נערוועז, איך קען זיך נישט דערוואַרטן אויף דער גליק־לאַכער מינוט צו זיין שוין אין דער היים. איך שפּאַן פון איין וואַגאָן אין צווייטן. איך קוק דורך די פענסטער. איך האָב אפילו נישט קיין געדולד צו ריידן מיט די אַנדערע באַיעס, וואָס פאָרן אין דעם זעלבן צוג.

די לעצטע פופצן מינוט, איידער מיר קומען אָן קיין נוארק, נעם איך מיין זאַק אויף די פּלייצעס און גיי אַרויס אויף דער

פּלאַטפאָרמע. איך וויל זיין דער ערשטער ארונטערצוגיין, ווען דער צוג וועט אָנקומען קיין נואַרק.

אַ פריילאַכער, גיי איך ארונטער און בלייב שטיין אַ ווײַלע. איך קוק זיך ארום: בין איך טאַקע אין נואַרק?... אַלץ ארום מיר איז אַביסל פרעמד. איך בין ווי אין אַ חלום. טראַמווייען פאָרן אַהין און צוריק. איך הויב אָן צו טראַכטן, וועלכע קאַר דאַרף איך נעמען, וואָס זאָל מיך ברענגען אַהיים. ביסלאַכווייז גייט דער טשאַד ארוים פון מיין קאָפּ. איך וואַרט, ביז עס קומט די קאַר וואָס וועט מיך ברענגען צו מיין הויז. די קאַר קומט אָן און איך גיי אויף איר ארויף.

אין קאַר זיצן מענשן און קוקן אויף מיר. איך מייד אויס זייערע בליקן. ביי זיי אין די אויגן בין איך דאָך אַ העלד: איך בין צוריקגעקומען פון׳ם שלאַכטפעלד. זיי ווייסן אָבער נישט, אַז דער העלד איז צוריקגעקומען אַ שברי-כלי, מיט אַ געוויסן, וואָס וועט מיך אייביג מוטשען.

מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ גיי איך דאָס שטיקל וועג פון דער קאַר ביז מיין הויז. איך לויף כמעט דעם גאַנצן וועג. איך האָב מורא, טאָמער טרעפט מיך אָן אַ באַקאַנטער, וועט מען מיך אָפּשטעלן און ריידן צו מיר, און איך וועל אים מוזן ענטפערן. איך וויל נישט פאַרלירן אומזיסט קיין צייט. איך וויל וואָס פריער זיין אין דער היים. איך בין שוין נייגיריג צו זען מיין טאַטע-מאַמע, מיינע שוועסטער און ברודער.

איך קום צו צו דעם הויז, וואו מיינע עלטערן וואוינען. איך קוק ארויף צום ערשטן גאָרן, אפשר וועל איך אימיצן זען זיצן ביים פענסטער. איך זע קיינעם נישט. איך לויף ארויף די טרעפּ. איך קום צו צו דער טיר און קלאַפּ אָן. איך דערקען מיין מאַמע׳ס קול:

— קאָם אין!

איך עפן אויף די טיר, דערזע איך, מיין מאַמע שטייט ביים אויוון און פּאָרעט זיך מיט׳ן געקעכץ, וואָס זי קאָכט. איך זע, אַז זי האָט זיך אַ סך געעלטערט אין דעם איינעם יאָר. ווען נישט איר שלאַנקע פיגור, וואָלט איך זי נישט דערקענט. איר פּנים איז געוואָרן בלייכער און מיט אַ סך קנייטשן. איך האָב

זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען. איך האָב געוואָלט אויס־שרייען: „העלאָ, מאַמע!” האָב איך אָבער דאָס מויל נישט געקאָנט עפענען. א שטראָם טרערן האָט זיך א גאַס געטאָן פון מיינע אויגן. איך בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל, א פאַרגליווערטער. איך האָב זיך פון אָרט נישט געקאָנט רירן. די פיס זיינען מיר געוואָרן אזוי ווי אונטערגעהאַקטע. מיין לשון איז מיר אָפּגענומען געוואָרן.

א דערשראָקענע, איז מיין מאַמע צוגעלאָפן צו מיר מיט א יאָמער:

— איציקל, מיין זון!...

זי האָט מיך שטאַרק געקושט, געהאַלזט. זי האָט באַטאַפּט מיינע הענט און פיס, צי זיי זיינען נאָך מיינע אייגענע, נישט קיין הילצערנע. איך האָב געכליפּעט ווי א קליין קינד:

— אוי, מאַמע, דו האָסט א סך געליטן דורך מיר...

מיינע דריי שוועסטער און מיין איינציגער ברודער זיינען אָנגעקומען. מיר האָבן זיך געקושט און געפרייט. מיין ברודער איז באַלד געלאָפן אָנזאָגן מיין טאַטן די גוטע בשורה, אז איך בין שוין אין דער היים.

א פאַרסאַפּעטער, איז מיין טאַטע געקומען צו לויפן. מיר האָבן זיך געהאַלזט און געקושט. עטלאַכע אידן פון זיין שול זיינען אויך געקומען אויף מיר א קוק טאָן. מיין שוואָגער אברהם, וועמען איך האָב ליב ווי א ברודער, איז אויך אָנגעקומען פון דער אַרבעט. אין שטוב איז געוואָרן פרייליך. כמעט אַלע איינוואוינער פון אונזער גאַס זיינען געקומען מיך אָפּגעבן שלום. די שטוב איז געוואָרן פול מיט מענשן. אַלע האָבן זיך געפרייט און געלויבט גאָט פאַר זיינע נסים. מיין טאַטע האָט געשטעלט בראַנפן צום טיש און אַלע האָבן געטרונקען צו מיר לחיים.

איך זיץ ביים טיש צווישן דעם עולם אויבן־אָן. די גאַנצע סביבה איז מיר פרעמד. די פראַגעס, וואָס יעדער באַזונדער שטעלט מיר, זיינען מאָדנע. מיר איז שווער צו ענטפערן אויף זיי. איינער פרעגט מיך:

— דו ביסט טאַקע געווען אויפ׳ן שלאַכטפעלד, אין רעכטן פייער?

איך שאָקל מיט׳ן קאָפּ און ענטפער שטיל:

— יאָ, איך בין געווען אין רעכטן פייער.

מיין ברודער וויל זיין זיכער, אז אלע גלויבן מיר, נעמט ער ביי מיר מיינע ארמיי־פּאַפּירן און ווייזט אלעמען, ווי עס איז דאָרט אויפגעשריבן, אויף וועלכע פראָנטן איך האָב זיך געשלאָגן.

איינער פרעגט מיך:

— מלחמה איז טאַקע אזוי געפערלאַך, ווי מען זאָגט?

מישט זיך שוין מיין מאַמע אריין:

— איר דאַרפט נאָך פרעגן? קוקט זיך איין אין אים, — זי ווייזט אָן אויף מיר און נעמט מיך ארום: — זעט וואָס די מלחמה האָט פון אים געמאַכט! ווי איז דער מאַמען!...

— איך בין אַלראַיט, מאַמע! — זאָג איך צו איר מיט א שמייכל, — איך בין אהיים געקומען א גאַנצער. זייערע קוילן האָבן מיך נישט געטראָפן..

— נו יאָ, — מישט זיך אריין מיין פאָטער, — אז דער רבונו של עולם וויל אימיצן איינהיטן, איז דאָך ניט שייך. נישקשה, ער איז א גוטער שומר. ווי ער האָט אברהם אָבינו אויסגעהיט, אז ער זאָל נישט פאַרברענט ווערן אין קאַלך-אויוון, אזוי האָט ער דיך אָפּגעהיט אויפ׳ן שלאַכטפעלד.

אַלע שאָקלען מיט די קעפּ:

— אמת, אמת...

מיין טאַטנ׳ס א נאָענטער פריינט, א שוחט, טוט מיך א פרעג:

— זאָלסטו מיר געזונט זיין, דערצייל אונז, ווי אזוי האָט מען זיך נוהג געווען ווען מען האָט באַדאַרפט עסן? מען פלעגט אָפּשטעלן דאָס שלאָגן זיך ביז מען פלעגט אָפּעסן?

זיי פרעגן מיך אויס און איך זיץ ביים טיש ווי א תם. איך האָב נישט מיט זיי וואָס צו רעדן און האָב נישט וואָס צו דערציילן. און מערקווירדיג: דאָס גאַנצע יאָר, וואָס איך בין

געווען אוועק, האָב איך געהאַלטן אין איין חלומ'ען, אַז אויב איך וועל זיין פון די גליקלאַכע און אַהיים קומען, וועל איך נישט מיד ווערן צו דערציילן יעדן איינעם, וואָס איך האָב דורכגע־לעבט. און איצט זיץ איך מיט צוגעמאַכטע ליפּן און האָב נישט וואָס צו דערציילן.

שוין אַ וואָך ווי איך בין אין דערהיים. איך גיי נאָך אַלץ אַרום מיט אַ טשאַד אין קאָפּ. איך בין אומרואיג. איך קען אין הויז נישט איינזיצן. איך וויל זיין אָפּגעשיידט פון מענטשן. איינער אַליין גיי איך אַרום איבער די גאַסן, אַ פאַר־טראַכטער, אַ פאַר'חלומ'טער. מיינע געדאַנקען זיינען אויף יענער זייט אָקעאַן.

ביינאַכט, ווען אַלע גייען שלאָפן, נעם איך אַרויס פון שופ־לאַד מיינע נאָטיצן וואָס איך האָב אין פראַנקרייך און אין בעלגיע פאַרצייכנט. איך וויל באַשרייבן מיינע איבערלעבונגען. איך נעם די פּען אין האַנט און וויל אָנהויבן שרייבן, בלייבט מיין מוח שטיין. איך ווייס נישט וואָס פריער צו באַשרייבן. שטאַרק שטרענג איך אָן מיינע געדאַנקען. איך מוז דאָך פאָרט פאַרעפנטלאַכן דעם שרעקלאַכן אמת. איך האָב דאָך געשוואוירן, אַז איך וועל דאָס טאָן אַזוי גיך ווי איך וועל אַהיימקומען. איך וויל איבערלאָזן אַ ירושה אויף דור־דורות.

איך שרייב אָן די ערשטע ווערטער: „מלחמה איז שרעק־לאַך"... ניין, דאָס איז נישט דער ריכטיגער אויסדרוק פאַר מלחמה. איך מעק אויס די דריי ווערטער און שרייב: „מלחמה איז אוממענשלאַך און ברוטאַל".

אָבער ניין, דאָס איז נאָך אויך נישט דער אמת'ער באַדייט פאַר דעם איינעם וואָרט מלחמה. שעה'ן זיץ איך אָפּ ביים טיש אין מיין קליינעם חדר'ל מיט דער פּען אין האַנט און טראַכט, זוך אַ וואָרט, וואָס זאָל קאָנען געטרוי איבערגעבן דעם גרויל פון מלחמה. מיין מוח בלייבט מיד פון קלערן און טראַכטן. איך קום צום באַשלוס, אַז עס איז נאָך נישט פאַראַן אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל איבערגעבן דעם שוידער. איך לעג אַוועק מיינע נאָטיצן צוריק אין שופלאַד און נעם אַרויס די פראַנצויזישע און בעל־גישע לאַנד־קאַרטע.

איך קוק אויף דער לאַנד-קאַרטע. איך געפין דאָרט די ערטער, וואו איך האָב זיך געשלאָגן. איך לייען די נעמען. על-אַזאַס-לאָרעין, — דאָרט איז געווען מיין ערשטער פראָנט: עוואָנקאָרד, סענט-מיעל, אַרגאָן-וועלדער, ווערדון, איפּרים, — עס הויבט מיר אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן. ביי יעדן נאָמען, וואָס איך דערזע, לעב איך ווידער איבער אַלץ, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן. איך זע טייכן בלוט און מתים שווימען דאָרט אַרום. איך זע סאָלדאַטן לויפן און פאַלן. איך הער זייער קרעכצן און וויינען. איך ווער היסטעריש און צוואווייען זיך אויף אַ קול. מיין מאַמע האָט פון שלאָף מיך געהערט וויינען, לויפט זי אריין אין מיין חדר, אַ דערשראָקענע. זי כאַפּט מיך אַרום און דריקט מיך שטאַרק צו איר האַרץ:

— איציקל, מיין זון, וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס וויינסטו?

איך נורע זיך איין אין איר, איך כליפּע אין איר ברוסט אַריין. מיין געוויין ווערט פאַרשטיקט.

— מאַמע, איך בין נערוועז! מאַמע, איך גיי אַרונטער פון זינען! איך וועל משוגע ווערן פון קלערן און טראַכטן!

זי גלעט מיין קאָפּ:

— נו, שאַ! שאַ! באַרואיג זיך, מיין קינד. וואָס דאַרפסטו איצט קלערן און טראַכטן? ביסט דאָך אין דער היים. עס פעלט דיר חלילה עפּעס?

— אוי, מאַמע! מאַמע! ווי וואָלט איך דיר געוואָלט זאָגן, וואָס מיר פעלט. ס'וואָלט מיר אפשר גרינגער געוואָרן אויפ'ן האַרצן. מ'וועט מיך אָבער נישט פאַרשטיין. די מלחמה-שלאַנג האָט אויסגעזויגן מיין בלוט, מיין מאַרך. איך בין אַ לעבעדיגער סקעלעט. ווי וועל איך קאָנען ווידער איינאָרדענען מיין לעבן אַזוי ווי פריער. מיין קאָפּ איז תמיד פאַרטשאַדעט. איך האָב נישט קיין געדולד צו קיין זאַך. איך האָב איצט איין באַגער: וואַנדערן פון איין שטאָט אין אַ צווייטע, זיין דאָרט וואו קיינער קען מיך נישט. אפשר, אַז איך וועל אַרומפאָרן, וועט דאָס צושטרייען מיינע געדאַנקען און איך וועל אפשר אויפהערן צו טראַכטן פון דער שרעקלאַכער פאַרגאַנגענהייט...

יעדן טאָג פאָר איך פון נוואַרק קיין ניו יאָרק. איך פאַרלאָז

מיין היים אינדערפרי און קום צוריק שפּעט אין אָוונט. ווען איך קום אריין אין קאַפע, טרעף איך דאָרט דיזעלבע פּנים׳ער: אַקטיאָרן, שרייבער, מוזיקער, דאָקטוירים, געשעפטסלייט און סתם קיבעצער.

זיי זיצן ארום די קײלעכדיגע טישלאך און ריידן פון טעאַטער, פון מוזיק, פון געשעפט און פון מלחמה־פּאָליטיק. אייניגע עסן און טרינקען. די קיבעצער טרינקען אויס די גלעזער וואַסער, וואָס די קעלנער שטעלן אויף די טישן בחינם.

ווי נאָר איך באַווייז זיך אויף דער שוועל און דער עולם דערזעט מיך, דערהערן זיך קולות פון אַלע זייטן:

— קום אַהער, פרידמאַן, זעץ זיך ביי מיין טיש... ביי אונזער טיש...

אַמאָל, אַז איך פלעג אריינקומען אין קאַפע, פלעגט מיך קיינער נישט באַמערקן. קיינער פלעגט מיך נישט זען אריינגיין און אַוועקגיין. איך האָב קיינעם נישט פאַראינטערעסירט. אָבער איצט, זינט איך בין צוריקגעקומען פון פראַנקרייך, זעען מיך אַלע.

איך זעץ זיך צו צו אַ טיש. שטולן הויבן אָן זיך רוקן פון אַלע זייטן צו מיין טיש. אַ פּאָר צענדליג מענשן רינגלען מיך ארום. אַלע פרעגן מיך ווי איך פיל זיך אין געזונט.

— איך בין אַלראַיט, — ענטפער איך זיי.

איינער רופט צו דעם קעלנער און בעט מיך, איך זאָל עפּעס באַשטעלן אויף זיין חשבון. איך ענטפער, אַז איך בין נישט הונגעריג: מיין מאַמע האָט מיר געגעבן אָפּצועסן אַ גוטן מאָל־צייט איידער איך בין ארויסגעפאָרן פון דער היים.

— אָבער אַ גלאָז טיי מעגסטו דאָך טרינקען! — בעטן זיך ביי מיר עטלאַכע אויפאַמאָל. איך זע, אַז איך וועל זיך פון זיי נישט ארויסדרייען, טו איך אַ זאָג צום קעלנער מיט נישט קיין צופרידענער שטימע:

— אַ גלאָז טיי מיט לימענע, פּליז.

— דערציייל אונז עפּעס פון דער מלחמה, — בעטן זיי זיך ביי מיר.

איך ענטפער זיי מיט אַ טרויעריגער מינע אויף מיין פּנים:

— וואָס זאָל איך דערציילן ?! קען מען דען דעם גרויל, דעם שוידער, איבערגעבן מיט ווערטער ?

— אָבער דאָך עפּעס. האָסט דאָך אַזוי פיל דורכגעמאַכט. מיר זיינען נייגיריג צו הערן פון דיין מויל, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן.

— איך וויל פאַרגעסן, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן. רעדט נישט צו מיר פון דער מלחמה !

דער קעלנער ברענגט צום טיש א גלאָז טיי. איך הויב אָן טרינקען טיי און אַלע קוקן אויף מיר מיט נייגיריגע בליקן. אפשר וועל איך זיי פאָרט עפּעס דערציילן. אפשר וועל איך פאָרט מגלה זיין מלחמה־סודות, פון וועלכע זיי וויסן נישט. איך זופּ פון גלאָז און רייד נישט ארויס קיין וואָרט. זיי ווערן אומגעדולדיג. איינער קען זיך מער נישט צוריקהאלטן, פּלאַצט ער ארויס :

— זאָג אונז, א האַנט־צו־האַנט געשלעג האָסטו אויך מיט־געמאַכט ?

איך ווער שיר נישט דערוואָרגן מיט דעם לעצטן זופּ. איך פאַרהוסט זיך און טראָפּנס שוויים שפּאַרן ארויס אויף מיין שטערן. איך וויש דעם שוויים און נישט ווי מיט מיין קול שריי איך אויס :

— וואָס ווילט איר האָבן פון מיר ? וואָס האָט איר צו מיר ? ניין, ניין. איך האָב אַזא שלאַכט קיינמאָל נישט אדורכ־געמאַכט.

אין קאַפע קומט אריין א בחור, וואָס איז אויך נישט לאַנג צוריק געקומען פון פראַנקרייך. ער איז אויפ'ן פראָנט קיינמאָל נישט געווען. ווען זיין דיוויזיע האָט זיך גרייט געמאַכט צו גיין צום פראָנט, האָט די מלחמה זיך געענדיגט.

א פּאָר מענטשן פון מיין טיש האָבן אים געזען אריינקומען, האָבן זיי אויסגעשריען :

— אָט איז דאָ נאָך א סאָלדאַט. ער וועט אונז באַלד זאָגן ווי אַזוי ס'גייט צו א האַנט־צו־האַנט שלאַכט.

זיי רופן אים צו צום טיש. ער באגריסט זיך מיט זיי, מיט מיר, און ער פרעגט ביים עולם:

— וואָס ווילט איר איצט וויסן?

זיי זאָגן אים:

— מיר האָבן געבעטן ביי אים, ער זאָל אונז דערציילן, ווי אזוי עס גייט צו, ווען עס קומט צו א האַנט־צו־האַנט געשלעג, שווייגט ער. ער האָט אונז מורא צו דערציילן.

— אָט וועל איך אייך שוין דערציילן, — זאָגט דער בחור.

ער זעצט זיך ברייט אוועק, ער טוט א שאר מיט ביידע הענט אויפ'ן טיש און הויבט אָן:

— שטעלט זיך פאָר, אז דער טיש איז דאָס שלאַכטפעלד...

ער נעמט ארויס אַלע שוועבעלאך, וואָס שטייען אויפ'ן טיש, און לעגט זיי אויס פון ביידע זייטן טיש איינס אַנקעגן אַנדערן.

— די שוועבעלאך, — מאכט ער, — זיינען די סאָלדאטן. אויף דער זייט ליגן די עלאַיס און די שוועבעלאך אַנקעגן זיינען די דייטשן.

אַלע קוקן מיט נייגיריגע אויגן אויף זיינע ביידע הענט, וואָס רוקן די שוועבעלאך איינס געגן אַנדערן. און ווען ער רוקט די שוועבעלאך צוזאַמען, שרייט ער אויס:

— און איצט הויבן אָן ביידע צדדים שטעכן איינס ס'אַנ־דערע. אפשר נישט אזוי? — פרעגט ער מיך.

— איך וויים נישט, — ענטפער איך.

ער פרעגט מיך ,צי איך האָב ביי זיך מיינע ארמיי־פּאַפּירן. איך נעם ארויס פון בוזים־קעשענע די פּאַפּירן און גיב זיי אים. ער לייענט אויף א קול און אַלע הערן זיך איין:

— בעטלם ענגיידזשמענטס סקוירמישעס (דאָס הייסט, די שלאַכטן, אין וועלכע איך האָב זיך באַטייליגט).

ער לעזט ווייטער די נעמען פון די פאַרשיידענע פראָנטן, וואו איך בין געווען, און ער זאָגט צו די נייגיריגע:

— דער באַי האָט אַ שיין ביסל דורכגעמאַכט.

איך בעט אים, ער זאָל מיר ווייזן זיינע פּאַפּיר. ער גיט זיי מיר און איך לייען פאַר זיך. דאָרט, וואו עס שטייען אויפ־געשריבן די ווערטער: „בעטלס, ענגיידזשמענטס, סקווירמישעס", זיינען נישט אויסגערעכנט קיין פראָנטן. ער האָט דעם שוידער גיט דורכגעלעבט, דערפאַר קען ער ריידן. הלואי וואָלט דער אמת׳ער סוד פאַר מיר אויך פרעמד געווען, וואָלט איך איצט, פּונקט אַזוי ווי ער און ווי טויזנטער אַנדערע, אויך גערעדט און דעבאַטירט איבער מלחמה, וואָס איז אַזוי פרעמד די ברייטע מאַסן. איך וואָלט איצט נישט געזעסן ווי אַן אָפּגעשמיסן אינגל, וואָס שעמט זיך אויפצוהויבן זיין קאָפּ.

איך זע איין, אַז די קאַפּע איז נישט דאָס אָרט, וואו מיין מוח זאָל קענען זיך אָפּרוען. די מענשן דאָ לאָזן מיך נישט פאַרגעסן אין דעם, וואָס איז אַזוי שווער צו פאַרגעסן. זיי קענען נישט פאַרשטיין, אַז ווען זיי ריידן צו מיר פון מלחמה־ענינים, טריפט אין מיר מיין בלוט. איך הויב זיך אויף און זאָג צו אַלעמען:

— אַ גוטן טאָג.

— שוין, דו גייסט שוין אַוועק? — פרעגן זיי ביי מיר. — ס׳איז נאָך נישט נאַכט. וואָס אַנטלויפסטו פון אונז?

— איך האָב צוגעזאָגט מיינע עלטערן, אַז היינט וועל איך אַהיים קומען פרי.

זיי פרעגן מיך, אויב איך וועל מאָרגן אויך קומען אַהער. איך ענטפער:

— איך ווייס נישט, אפשר וועל איך קומען.

אָבער פאַר זיך טראַכט איך: ניין, איך וועל אַזוי אָפט אַהער צו אייך נישט קומען. איך וועל אויסמיידן דאָס קאַפּע־הויז.

איך גיי ארוים אויף דער גאַס.

איך בלייב שטיין אויף דער אַנדערער זייט טיר און טראַכט: וואוהין זאָל איך איצט גיין? אַהיים פאָרן גלוסט זיך נישט.

איך קען דאָך אין הויז נישט איינזיצן. איך קען נישט צוזען ווי מיין מאַמע האָט יסורים. זי זעט ווי צורודערט איך בין.

איך וואָלט איצט געוואָלט זיין מיט אַזעלכע מענשן, וואָס איך זאָל קאָנען מיט זייריידן און זיי זאָלן מיך פאַרשטיין. און ווער נאָך קען מיך אַזוי גוט פאַרשטיין, ווי געוועזענע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געווען אינ׳ם אמת׳ער פייער אַזוי ווי איך.

איך גיי אַרונטער צו דער סאָבוויי. איך לאָז זיך פאָרן צו אַ רעגירונג־שפּיטאָל, וואו ס׳ליגן נאָר מלחמה־קאַליקעס. דאָרט ליגט מיינער אַ חבר, וואָס איז אויך געווען אין פראַנקרייך. נישט אין דער זעלבער דיוויזיע מיט מיר. מ׳האָט אים צוריק געבראַכט פון דאָרטן אָן אַ פוס.

ווען מען קומט צו צום האָספּיטאָל, זעט מען אַרויס שפּיצן פון עטלאַכע הויכע שיין-באַפּאַרבטע מויערן. דער האָספּיטאָל שטייט אויף אַ הויכן באַרג. דער באַרג איז איינגעטונקען אין גראָז, אין בלומען. אַ הויכער אייזערנער פּאַרקאַן צאַמט אַרום דעם האָספּיטאָל. ביים טויער שטייט אַ וועכטער. ווער עס וויל אַהין אריינגיין, מוז ווייזן אַ פּאַס. אין דרויסן קוקן אויס די שיין־געפאַרבטע הויכע מויערן, אַרומגערינגלטע מיט גראָז און בלומען, אַזוי ווי מיליאָנערן וואָלטן דאָרט געוואוינט.

איך גיי אריין אין דעם קאָרידאָר פון הויז נומער איינס. איך זע ווי קראַנקן־שוועסטער און דאָקטוירים קומען אַרויס פון פאַרשיידענע טירן און פאַרשליסן זיי נאָך זיך אויף אַ שלאָס. איך וואונדער זיך: פאַרוואָס פאַרשליסן זיי די טירן? דאָ איז דאָך אַ האָספּיטאָל, נישט קיין תפיסה. דאָ ליגן דאָך נישט קיין אַרעסטאַנטן, נאָר קראַנקע סאָלדאַטן, און קראַנקע וועלן דאָך נישט אַנטלויפן!

איך הער ווי מען שליסט אויף אַ טיר, און עס קומט אריין אַ הויכער ברייטביינערדיגער מאַן. זיין פּנים איז שטאַרק אויס־געצויגן, זיין אָפּגעגאָלטער קאָפּ איז שפּיציג, זיינע אויגן שטאַרצן אַרויס און זיינע שוואַרצאַפּל רוען נישט. אויף דער לינקער זייט שטערן זיצט ביי אים אַ גוליע, ווי אַ פויסט די גרויס. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ גרויע לייוונטענע העמד, מיט אַ שלאָף־כאַלאַט

פון דעם זעלבן גרויען קאָליר. ער טראָגט שטעק־שיך. צוויי גע־זונטע יונגען, אַנגעטאָן אין ווייסע רעקלאַך, גייען פון ביידע זייטן און האַלטן אים אונטער די הענט, אַזוי ווי אונטערפירער, ווען זיי פירן אַ חתן אונטער דער חופּה. ער גייט שטאָלץ און דרייט מיט זיין גרויסן געשוואָלענעם קאָפּ אַהין און אַהער. זיינע אויגן זוכן אימיצן. ער גייט פאַרביי די „שוועסטער". זי זאָגט צו אים:

— העלאָו, דזשאָן! ווי אַזוי פילסטו זיך היינט?

ער בלייבט שטיין און דרייט אויס צו איר דעם קאָפּ. זיין אויסגעצויגן בלאַס פּנים בלאָזט זיך בייז אָן, זיינע אויגן קערן זיך איבער און מיט געצויגענע ווערטער ענטפערט ער איר מיט זיין באַסאָוון קול:

— אַי דאָנ'ט לאַיק יו. אַי'ל נעווער קאַם טו סי יו עגעין. (איך האָב דיך נישט האָלד. איך וועל מער קיינמאָל נישט קומען דיך זען).

מיט אַ שמייכל אויף איר פּנים ענטפערט זי אים:

— אָלראַיט, דזשאָן.

און זיינע שומרים פירן אים אריין צום ציין־דאָקטאָר.

איך הער ווי איינער שרייט מיט זיינע לעצטע כחות:

— לעט גאָ אָוו מי! (לאָזט מיך אָפּ).

איך לויף צו דעם אָרט, פון וואַנען עס טראָגן זיך די פאַר־צווייפלטע געשרייען. איך דערזע אַ שטול־וועגעלע, וואָס רוקט זיך אויף צוויי רעדער. אויף דער ערד לעבן דעם וועגעלע ליגט אַ מאַן, אַנגעטאָן אין אַ נאַכט־העמד. אַ נידעריגער, אַן אויס־געדאַרטער. זיינע הענט און פיס זיינען אַזוי דין ווי ביי אַן אויסגעדאַרט אינגל פון צוועלף יאָר. זיינע גרויע אויגן זיינען האַלב פאַרלאָפן מיט בלוט און איבערגעשראָקן. מיט זיינע פיס קען ער נישט באַוועגן. זיי זיינען געליימט. ער פאָכעט מיט זיינע אויסגעדאַרטע הענט צו די צוויי דינער, וואָס מוטשען זיך מיט אים און ווילן אים אַרויפלעגן אויף דעם וועגעלע. ער איז איינגעטונקען אין שוויים. פון זיין מויל זעצט אַרויס אַ שוים. ער ליאַרעמט, ער שרייט:

— ניקס, ניקס, אי עם עי פעיליור! („איך בין א דורכפאל".)

די „שוועסטער" בעט זיך ביי אים:

— זיי א גוט אינגל... דער דאָקטאָר וויל דיך באטראכטן.

ער שרייט אָבער:

— ניקס, ניקס, אי העד ענאָף אָוו יו, יו מוירדערערס! (איך האָב שוין פון אייך געהאַט גענוג, איר מערדער).

א געזונטער בויאַן קומט צולויפן מיט א גרויסן לייַלאך. מען בינדט דעם קראַנקן ארום די הענט. ער שרייט און קלאָגט און אויף די זייטיגע מענשן ווארפט עס אָן א גרויל.

איך שטיי א דערשראָקענער, מיין גאַנצער קערפּער ציטערט, טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן ווי פון א קוואַל. דאָס זיינען די נאָכווייען פון דער מלחמה.

מיט געוואַלט ווארפן זיי אים אריין אין דעם וועגעלע, שלעפּן אים אריין אין א חדר און פארשליסן די טיר הינטער זיך. איך שטיי ווי א פארגליווערטער און קוק מיט גרויסע אויגן אויף דער פארשלאָסענער טיר, און הער זיינע געשרייען:

— ניקס, ניקס, אי עם עי פעיליור, יו מוירדערערס!

א צעבראָכענער, לויף איך ארויס פון דעם הויז נומער איינס. איך לאָז זיך לויפן צו דעם הויז נומער צוויי. דאָרט ליגט מיין חבר. איך בלייב שטיין צווישןביידע מויערן, וואָס זיינען ארומגעצוימט מיט הויכע אייזערנע שטאַכעטן.

אין דעם הויף דרייען זיך עטלאכע צענדליג יונגע מענשן. זיי גייען אום אהין און צוריק. איינער קוקט נישט אויף דעם אנדערן. זיי ריידן נישט איינער צום צווייטן. זייערע קעפּ זיינען געבויגן און זייערע אויגן קוקן ארונטער אויף דער ערד. זיי גייען מיט גיכע טריט אהין און צוריק, אזוי ווי ווילדע חיות, וואָס מען האַלט אין א שטייג. אַלע מאָל לויפט צו אן אנדערער צו די שטאַכעטן, כאַפּט אָן די אייזערנע שטאַנגען און קוקט מיט שטעכיגע אויגן אויף די פארבייגייער. עס דוכט זיך ווי זייערע אויגן פרעגן: צוליב וואָס און צוליב וועמען האָט איר אונז געשיקט אין מלחמה משוגע צו ווערן?

איך קוק אויף זיי און איך קוק אויף די שומרים, וואָס

זיינען אָנגעטאָן אין ווייסע רעקלאַך. זיי דרייען זיך ארום צווישן די אומגליקלאַכע און גיבן אכטונג, אז איין חיה זאָל די צווייטע נישט פאַרצוקן.

איך גיי אריין צו מיין חבר. ער דערזעט מיך, שפּרינגט ער צו מיר צו, אונטערגעשפּאַרט אויף צוויי נייע הילצערנע קוליעס. זיין פּנים שטראַלט פון גליק, וואָס איך בין געקומען אין האָס־פּיטאַל געוואויר ווערן וואָס ער מאַכט. ער כאַפּט זיך מיט מיר ארום. מיר קושן זיך. דערנאָך העלף איך אים זיך זעצן אויף זיין בעט. איך זעץ זיך אויף אַן אייזערנעם בענקל, וואָס שטייט לעבן בעט. איך פרעג אים אוים:

— ווי אזוי פילסטו זיך? וואָס מאַכסטו?

ער ענטפערט:

— איך בין אָלראַיט.

מיט פרייד זאָגט ער מיר אָן די בשורה, אז היינט האָט מען אים גענומען אַ מאָס אויף זיין פוס. די רעגירונג מאַכט אים אַ הילצערנעם פוס. ס'וועט אים גאָרנישט קאָסטן. די דאָקטוירים האָבן אים צוגעזאָגט, אז זיי וועלן אים מאַכן אַזאַ פוס, אז קיינער וועט נישט דערקענען, אז דער פוס איז נישט זיין אייגענער.

איך קוק אויף די אייזערנע בעטן. איך קוק זיך גוט איין אין די קראַנקע, וואָס ליגן אין זיי און צאַפּלען זיך. צונויפגע־קאַרטשעטע ליגן זיי אונטער די קאָלדרעס. ס'זעען זיך נאָר ארוים זייערע אויסגעצערטע געזיכטער, וואָס זיינען געלער פון געלן וואַקס.

איך גיב זיי אַלעמען אָראַנזשן און עפּל, וואָס איך האָב פאַר זיי געקויפט איידער איך בין אַריין אין האָספּיטאַל. זיי באַדאַנקען מיך. זייערע רייד קומען פון זייערע מיילער, אזוי ווי אַ ווידער־קול. זייערע ליפּן באַוועגן זיך נישט. ווען איך הער די ווערטער: „טהענקיו, בראָדער, טהענקיו", ווייזט זיך מיר אוים, אז איך הער מתים ריידן.

פּלוצלינג הויבט מיר אָן שווינדלען אין קאָפּ. איך פיל, אז אָט־אָט ברעך איך צוזאַמען. איך דריק שטאַרק מיין חבר'ס האַנט און איך זאָג צו אים:

— פריינט, איך מוז דיך פאַרלאָזן, איך קען דאָ א מינוט לענגער נישט פאַרבלייבן.

ער בעט זיך ביי מיר:

— פאַרוואָס פאַרלאָזטו מיך שוין? מיר האָבן נאָך גאָר נישט גערעדט. האָסט דאָך מיר נאָך אפילו נישט דערציילט, ווי עס גייט דיר. איך האָב דאָך מיט דיר אזוי פיל צו ריידן...

— איך וועל קומען צו דיר אַן אנדער מאָל, — זאָג איך צו אים, — דערווייל זיי געזונט.

און צו די האַלב־טויטע שריי איך אויס מיט א פאַרשטיקט קול:

— גוד באַי, באָיס!

און איך לויף אַרויס פון האָספּיטאַל.

שפּעט ביינאַכט קום איך אַהיים, אַן אָנגעמאָרדעוועטער, א צובראָכענער. דאָס, וואָס איך האָב היינט געזען, האָט מיינע נערוון איינגאַנצן צושרויפט. מיט שטילע טריט גיי איך אַריין אין מיין צימער און טו זיך שנעל אויס. איך לעג זיך אַריין אין בעט, איך קאָן אָבער נישט איינשלאָפן. פאַר מיינע אויגן שטייען די אַלע בילדער, וואָס איך האָב היינט געזען. איך הער זייער וויינען און קרעכצן. איך גיי אַרונטער פון בעט, זעץ זיך ביים פענסטער און קוק אַרויס. די גאַנצע שטאָט איז איינגע־הילט אין א רואיגן פאַרטאָגיגן שלאָף. אַלע שלאָפן געשמאַק. איך הער דאָס שווערע סאָפּען פון מיינע טאַטע־מאַמע, שוועס־טער און ברודער. און איך בין זיי מקנא. איך בין מקנא אַלע מענשן, וואָס זיינען דאָרט, אין יענעם שרעקלאַכן גיהנום, נישט געווען. די סאָלדאַטן, וואָס האָבן דערלעבט פון דאָרטן אַהיים צו קומען, זיינען נישט מער די זעלבע וואָס פריער. די מלחמה האָט יעדערן פון אונז פאַרוואונדעט, — ווען דעם קערפּער, ווען דעם גייסט.

אַלע נאַכט ליג איך אויף מיין געלעגער מיט צוגעמאַכטע אויגן און זע פאַר זיך דאָס שלאַכטפעלד. איך זע ווי מיר לויפן אַלע ווי די פאַר׳סמ׳טע מייז. מיר בעטן מיט פאַרצווייפלטע קולות צו גאָט, ער זאָל אונז איינהיטן, אז דער מלאך־המות זאָל

ביי אונז נישט אוועקנעמען אונזער לעבן. איך טראַכט, פאַר וואָס האָבן מיר אַלע זיך אַזוי געשראָקן פאַר׳ן טויט. דער טויט באַפרייט דאָך פון אַלע יסורים... און פון מיינע צוגעמאַכטע אויגן גיסן זיך ימים הייסע טרערן. איך וויין אויף דעם דור, וואָס מען האָט אומגעבראַכט...

אַ שמחה ביי אונז אין שטוב.

מיינע עלטערן פראַוועון אַ שמחה לכבוד מיין אַהיימקומען. מיין טאַטע האָט אַרויסגעשיקט בריוו צו אונזערע קרובים. איך האָב אַרויסגעשיקט בריוו צו מיינע מלחמה־חברים און האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן קומען אויף מיין שמחה. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געקראָגן בריוו פון מיינע חברים, אַז זיי וועלן קומען זונטאָג אין דער פרי און פאַרברענגען מיט מיר אויף מיין שמחה.

נאָר איין חבר האָט מיר ניט געענטפערט. פון הערשלען הער איך ניט און איך קען עס ניט פאַרשטיין. הערשל זאָל ניט קומען אויף מיין שמחה, — דאָס קאָן איך ניט גלויבן. אפשר איז מיין בריוו צו אים פאַרלאָרן געגאַנגען און ער ווייס פון גאָרנישט. איך וואַרט אָפּ נאָך אַ טאָג, אפשר וועל איך פאָרט פון אים הערן. איך וואַרט איבער די לעצטע פּאָסט און איך באַקום אַלץ ניט פון אים קיין בריוו. איך שיק אים אַ טעלע־גראַמע.

פרייטאָג אין דער פרי איז יעדער איינער ביי אונז אין הויז שטאַרק פאַרטאָן. מען גרייט צו דעם שבת און מען גרייט זיך שוין פאַר איינוועגס צו דעם גרויסן יום־טוב, וואָס וועט זיין זונטאָג. מיין עלטערע שוועסטער, רייזל, איז פאַרנומען ביים בעקער. זי האָט ביי אים גע׳פועל׳ט, ער זאָל איר אָפּגעבן אַ שטיקל אָרט אין זיין באַק־אויוון, כדי זי זאָל אַליין באַקן אייגענעם לעקאַך. מיין ברודער, לייזער, איז אויך ביים בעקער. ער וואַרט, אַז דאָס לעקאַך וועט פאַרטיג ווערן, וועט ער העלפן דאָס טראָגן אַהיים. מיין מאַמע האָט באַשטעלט אַ סאַרווערין, וואָס זאָל אָפּקאָכן די וועטשערע פאַר דער שמחה. די סאַרווערין זיצט

ביים טיש און שרייבט אויף אַ צעטעלע, וואָס מען זאָל איינ־קויפן פאַר דער וועטשערע. זי גיט דאָס צעטעלע דער מאַמען און בעט איר, אַז אַלץ זאָל זיין פאַרטיג פאַר זונטאָג.

— איך בעט איך, מיסעס פרידמאַן, אַז ווען איך וועל קומען זונטאָג גאַנץ פרי, זאָל שוין אַלץ זיין אָנגעגרייט.

— אודאי, אודאי, — ענטפערט מיין מאַמע, — שבת נאכט ברענגט מען אַלץ אריין אין שטוב. ווען איר וועט קומען זונ־טאָג, וועט איך גאָרנישט פעלן.

— גערדענקט־זשע, — זאָגט די סאַרווערין און גייט צו דער דרויסן־טיר, — האָט מיר אַ גוטן שבת.

איך זיץ אין קיך, קוק זיך צו, ווי אַזוי מיין מאַמע מאַכט דעם שבת, און מיר ריידן. זי דערציילט מיר, אַז זי האָט גע־דונגען דריי קלעזמאָרים, כדי דאָס יונגוואַרג זאָל קענען טאַנצן און זיך אַמוזירן אויף זייער שטייגער. און אפשר וועלן די עלטערע אויך וועלן כאַפּן אַ טענצל. אַ קליינינקייט, דערלעבט אַזאַ שמחה!

מיר דערהערן אַ שטילן קלאַפּ אין טיר.

— אריין! — טו איך אַ זאָג.

די טיר עפנט זיך און איך דערזע הערשלען. ער איז אָנ־געטאָן אין זיינע סאָלדאַטסקע קליידער, מיט אַ רענצל אין האַנט.

מיט פרייד שריי איך אויס:

— הערשל!

מיר כאַפּן זיך ארום. מיר צוקושן זיך. הערשל זאָגט צו מיין מאַמען:

— העלאָ, מיסעס פרידמאַן!

מיין מאַמע נעמט אים זייער שיין אויף. איר פּנים שטראַלט פון גליק.

איך פרעג הערשלען, אויב ער האָט געקראָגן מיין בריוו.

— שור האָב איך דערהאַלטן אייער בריוו, — ענטפערט ער, — אייער טעלעגראַמע האָב איך אויך ערהאַלטן.

— פאַרוואָס האָט איר ניט געענטפערט? — פרעגט אים די מאַמע.

הערשל צושמייכלט זיך און זאָגט:

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, איך בין אַ פּראָסטער מענש. ווער דאַרף זיך דאָס צערעמאָניען מיט ענטפערס, פאַרנעמען צייט מיט שרייבן. איך האָב זיך געטראַכט: איך וועל בעסער קומען מיט אַ פּאָר טעג פריער. און אָט בין איך דאָ.

— איר זייט ביי אונז אַן אָנגעלעגטער גאַסט, — זאָגט אים מיין מאַמע. — זייער גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר זייט גע־קומען מיט אַ פּאָר טעג פריער.

הערשל פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, און אַ צופרידענער פון מיין מאַמע'ס רייד, זאָגט ער:

— נו, האָב איך דאָך טאַקע גוט געטאָן, וואָס איך האָב ניט געוואַרט אויף זונטאָג. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך נעכטן געוואָלט קומען אַהער. פון דעם טאָג, וואָס איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו, האָט מיך גענומען ציען צו אייך אַזוי ווי מיט אַ מאַגנעט. איך האָב געבענקט. שוין אַ צייט זיך ניט געזען. וואָס מאַכט איר?

— איך בין אַלראַיט, — ענטפער איך אים, — און וואָס מאַכסטו? אַרבעטסט שוין?

— אַ נעכטיגער טאָג! — ענטפערט ער — איך האָב דען וואו צו אַרבעטן? אַלע שעפּער זיינען פאַרנומען מיט מיידלאַך. צו וואָס זאָל אַ באָס נעמען אַ יוני־מאַן און אים צאָלן יוני־ווידזשעס, אַז איטאַליענערקעס אַרבעטן פאַר ביליגער?

זיין פּנים צינדט זיך אָן פאַר פאַרדראָס, און ער רעדט ווייטער:

— אַז פּלאַצן זאָלן אַזוינע באָסעס! ווען מען האָט מיך צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט און מיין באָס האָט זיך געזעגנט מיט מיר, האָט ער צו מיר געזאָגט: „הערשל, ווען דו וועסט צוריק־קומען, וועט דיין פּלאַץ אין שאַפּ וואַרטן אויף דיר". און אַז איך בין צוריקגעקומען, האָט ער מיר אַפילו אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם, אָבער אַז איך האָב אים געפרעגט, אויב איך זאָל קומען מאָנטאַג צו דער אַרבעט, האָט ער מיר געענטפערט פּראָסט און פּשוט: ניין, ער האָט ניט קיין פּלאַץ פאַר מיר.

הערשל שטרעקט אוים די הענט צו מיין מאַמען און פרעגט מיט פאַרביטערטקייט:

— נו, פרעג איך אייך, האָט זיך געלוינט צו שלאָגן זיך פאַר זיי? זיי האָבן זיך פון דער מלחמה אָנגעשטאָפּט די קעשע-נעס, און מיר — וואָס?

איך טרייסט אים:

— זאָרג ניט, הערשל, וועסט קריגן אַ דזשאָב. רו זיך אוים נאָך אַ פּאָר וואָכן. וועסט נאָך צייט האָבן צו אַרבעטן.

— מסתמא וועל איך ניט פאַרלוירן גיין, — זאָגט הערשל, — נאָר פּשוט, עס פאַרדריסט, אַזאַ פּאָדליעץ, פאַר וואָס האָט ער מיך אָפּגענאַרט?

איך דערהער מיין טאַטנ׳ס הוסט אין קאָרידאָר. איך זאָג צו הערשלען:

— מיין טאַטע קומט שוין.

הערשל הויבט זיך אויף און זאָגט:

— איך בין אומיסטנע אַ בעלן צו זען, צי אייער פאָטער וועט מיך דערקענען.

מיין טאַטע קומט אריין אין שטוב. ער דערזעט הערשלען, און ער פרעגט ביי מיר און ביי מיין מאַמען:

— ווער איז דער סאָלדאַט?

הערשל לויפט אים אַנקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און זאָגט:

— העלאָ, מר. פרידמאַן! איר דערקענט מיך ניט?

מיין טאַטע ענטפערט:

— דאַכט זיך, הערשל, ניין?... ער קוקט זיך גוט איין אין אים: — יאָ, הערשל, שלום עליכם! שוין לאַנג דאָ?

— אַ האַלבע שעה, — ענטפערט הערשל.

מיין טאַטע זאָגט צו מיר:

— דו האָסט זיך אומזיסט געזאָרגט.

און ווענדענדיג זיך צו הערשלען:

— ער האָט געהאַט יסורים, טאָמער וועט איר ניט קומען אויף זיין שמחה.

הערשל שמייכלט:

— וואָס הייסט, ניט קומען? און ווען איך מוז גיין טויזנט מייל צופוס, וואָלט איך ניט געקומען?

— אָט דאָס איז אַ חבר! — מאַכט מיין טאַטע — דאָס הייסט אַ פריינט! אויב אַזוי, הערשל, אַזוי ווי היינט איז פרייטאָג, און דו ביזט שוין דאָ, וועסטו גיין מיט אונז אין באָד אריין.

הערשל דערפרייט זיך:

— אין באָד אריין? עני טאַים! אָבער אין אַ רוסישער... און איך וועל אייך געבן אַ פּלייצע, אַז איר וועט זי געדענקען אייער גאַנץ לעבן.

— מאַכעטייסע, מאַכעטייסע! — ענטפערט מיין טאַטע, און ער פּאַקט שוין איין אַ ריין פּאָרל וועש אין אַ צייטונג.

מיר זיינען אין באָד. הערשל זיצט אויף אַ שעפעלע און ארבעט איבער אַ בעזימל. פון דריי מאַכט ער איינעם. ווען ער ווערט פארטיג, קוקט ער אויפ'ן בעזימל און קוועלט אָן פון זיין אַרבעט.

— איר זעט אַ בעזימל? — זאָגט ער צו מיין טאַטן — קיילעכדיג און גראָב און ווייך, ווי אַ קישן.

אויף די בענק ליגן אידן און פאָכען מיט די בעזימער. איינציגע זיצן. הערשל זאָגט:

— פע, ס'איז דאָך גאָר ניטאָ קיין היץ!

ער עפנט אויף דאָס אייזערנע טירל פון אויוון און גיסט ארויף אויף די הייסע שטיינער דריי הייסע שעפעלאך וואסער. באַלד ווערט דאָס צימער אָנגעפילט מיט אַ פּאַרע. איינער קען

ניט זען דעם צווייטן. מען זעט נאָר סילועטן. איינציגווייז לויפן די מענשן אראָפּ פון די בענק און זיי שרייען בייז.

הערשל לאַכט:

— דאָס איז היץ?

ער הויבט אויף זיינע הענט אין דער הויך און זאָגט צו מיין טאַטן: — ווייס איך וואָס? איך וועל דאַרפן אונטערגיסן נאָך אַ פּאָר שעפעלאַך. גייט דערווייל ארויף און לעגט זיך אַוועק.

אַלע מענשן צולויפן זיך, נאָר מיר דריי בלייבן. מיין טאַטע ליגט אויף דער אויבערשטער באַנק און וואַרט. הערשל שטייט לעבן אים, ער טוט אָן אַ שעפּעלע אויפ׳ן קאָפּ און נעמט זיך צו דער אַרבעט. איך ליג אויף דער ערד און קען דעם אָטעם ניט כאַפּן. הערשל פּאַכעט מיט׳ן בעזימל אין דער הויך און שרייט אויף די העכסטע טענער:

— פּאַדאַוואַי! וואַדו פּאַדאַוואַי!

מיין טאַטע קרעכצט:

— אַי, גוט! אַי, וואויל! הערשל, דו ביזט דאָך גאָר אַ מזיק!

ווען מיין טאַטע און הערשל זיינען ארונטער פון דער אויבער־שטער באַנק, האָבן זיי ביידע אויסגעזען, ווי צוויי שטיקער פייער. מיך האָבן זיי געטראָגן ארומשווימענדיג אין מקוה, און הערשל האָט מיך ניט געקאָנט איינריידן, איך זאָל אים לאָזן מיר אויך „געבן אַ פּלייצע".

זונטאָג זיינען געקומען מיינע חברים. זיי האָבן דערזען הערשלען און זיי האָבן זיך מיט אים דערפרייט. זיי פרעגן אים:

— ווען ביזטו געקומען?

— וואָס הייסט, ווען? — זאָגט הערשל — איך בין שוין דאָ פון פרייטאָג אָן.

— אויב אַזוי, — זאָגט מאָסקאָוויץ, — וועלן מיר צוזאַמען אהיימפאָרן.

— ניין, — זאָגט הערשל, — איר וועט אַזוי גוט זיין און

פאַרן אַן מיר. איך בין אהער געקומען אַן אייך, און איך וועל טרעפן דעם וועג צוריק אהיים אויך אַן אייך. איך וועל דאַ נאָך פאַרבלייבן אַ פּאָר טעג.

קאהן פרעגט הערשלען:

— זאָג נאָר, הערשל, פאַרוואָס טראָגסטו נאָך די סאָל־דאַטסקע קליידער? האָסט ניט געקאָנט קומען אין אַ ציווילנעם סוט?

— וואָס איז? — פרעגט הערשל — איך האָב דען גע־גנב׳עט דעם סאָלדאַטסקן סוט? פאַרוואָס זאָל איך אים ניט טראָגן? איך טראָג אומיסטנע מיין יוניפאָרם, ווייל איך וויל, אַז אַלע זאָלן וויסן, אַז איך האָב זיך פאַר זיי געשלאָגן. אַ קרענק אויף זיי!

מיין טאַטע האָט אויסגעבאָרגט אין זיין שול דריי גרויסע טישן מיט בענק. מיר האָבן פון די דריי געמאַכט איין גרויסן טיש, וואָס האָט זיך געצויגן פון קיך אין עס־צימער אריין. מיין טאַטע האָט זיך געזעצט אויבן־אָן, און הערשל ביי זיין רעכטער האַנט. מיר עסן, מיר טרינקען, די קלעזמאָרים שפּילן אונז צו, און מיר פאַרברענגען פריילאַך.

מיין טאַטע האַלט די ערשטע דרשה. ער דערציילט אונז, אַז די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין פראַנקרייך, האָט ער פאַר אונז גאָט געבעטן. ער ווייזט אָן אויף דער מאַמען:

— איר זעט אָט די פרוי? היינט איז איר שמחה. היינט איז איר יום־טוב. די מלחמה האָט זי געטראָפן פונקט אזוי ווי אייך. און אפשר נאָך מער. זי האָט אירע אויגן אויסגעוויינט. זי איז פאַרבליבן אַ שברי־כלי. טעג און נעכט פלעגט זי אָפּזיצן ביים פענסטער און טראַכטן און וויינען... מיר האָבן פשוט מורא געהאַט, זי זאָל, חלילה, פון זינען ניט אראָפּ. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, דער שלום איז געשלאָסן געוואָרן, האָט זי צוזאַמענגע־בראָכן און האָט זיך גאָר אריינגעלעגט אין בעט קראַנק.

דער טאַטע נעמט מיין האַנט און זאָגט צו מיר:

— מיין זון, דיר וויל איך זאָגן: דו ביזט צוריקגעקומען

פון דער מלחמה. דו ביזט איצט ריין פון זינד, אזוי ווי א נייר געבוירן קינד. פון איצט אָן און ווייטער זאָלסטו פאָלגן טאטע־מאמע, און לאָמיר דערלעבן א ביסל נחת פון דיר.

אַלע פאטשן בראווא און שרייען:

— איצט זאָל די מחותנת׳טע עפּעס זאָגן!

מיין מאַמע ווישט אוים אירע נאַסע אויגן און זאָגט:

— איר מעגט מיר גלויבן, אז זינט אונזער זון איז געווען אוועק פון אונז, בין איך אויך געווען אויפ׳ן שלאַכטפעלד. פאַר מיינע אויגן פלעג איך אים מיט אַלע אַנדערע סאָלדאטן זען לויפן, פאלן, גע׳הרג׳עט ווערן. און אז איך פלעג אמאָל איינדרעמלען, פלעגט עס מיר באַלד אזוי ווי מיט צוואַנגען אויפוועקן, און איך פלעג שוין אזוי אָפּזיצן ביים פענסטער ביז עס פלעגט טאָג ווערן. און אז גאָט האָט געהאָלפן, מיר האָבן דערלעבט דעם שלום, האָב איך זיך זייער געפרייט, וואָס עס האָט גענומען א סוף צו דער בלוט־באָד. אָבער כ׳האָב נים געקאָנט פועל׳ן ביי זיך צו טאנצן אין די גאַסן, אזוי ווי אַנדערע מאַמעס. מיין מוח האָט מיך געמוטשעט: אפשר איז גאָר מיין זון דער׳הרג׳עט געוואָרן? נים איין מאַמע האָט זיך געפרייט און געטאַנצט און דערנאָך האָט זי געקראָגן א ידיעה, אז איר זון איז דער׳הרג׳עט געוואָרן. און ווען איך פלעג דורכ׳ן פענסטער זען פאָרן די אינגלאַך אויף וועלאָסיפּעדן מיט טעלעגראַמעס, פלעגט אין מיר אָפּשטאַרבן הענט און פיס פאַר מורא, אפשר פירט מען א שוואַרצע טעלע־גראַמע פאַר מיר, אז אונזער זון איז טויט... יא, יא, מיין מאַן האָט אייך קיין ליגן נים געזאָגט. די היינטיגע שמחה געהערט מיר. ס׳איז מיין יום־טוב. אין דעם איינעם יאָר האָב איך פאַרלאָרן געגוג געזונט און יאָרן פון מיין לעבן. נאָר איך דאַנק גאָט, וואָס ער איז אַהיימגעקומען א געזונטער, און איך האָף צו דערלעבן א סך נחת פון אים.

זי נעמט מיך אָרום און גיט מיר א לאַנגן קוש.

אַלע פאַטשן בראַוואָ.

מיר פאַרברענגען ביז דריי אזייגער פאַרטאָג. הערשל גייט

צו צו זיין רענצל און נעמט פון דאָרטן ארויס א גרויסן מעשענעם טינטער מיט א הענטל־פען, גיט עס מיר איבער און זאָגט:

— איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך זאָל פאַר אייך קויפן, האָב איך אייך דאָס געקויפט. נעמט עס און פאַרניצט עס געזונטערהייט.

איך זאָג צו אים:

— הערשל, צו וואָס האָסטו אויסגעגעבן געלט?

ער קלאַפּט מיר אין פּלייצע:

— נו, נו, ערגערט זיך נישט. איך האָב עס געקויפט פאַר קאַזיאָנע געלט.

איך דאַנק אים פאַר דער מתנה, אָבער עס האָט מיך זייער געקרענקט, פאַרוואָס ער האָט מיר געבראַכט א מתנה, ווייל איך האָב געזען, אז מיינע חברים ערגערן זיך, וואָס זיי האָבן מיר גאָרנישט געבראַכט.

— פריינט, — זאָג איך צו די געסט, — מיין טאַטע־מאַמע האָבן ניט געמאַכט די שמחה, כדי איך זאָל קריגן מתנות.

מיינע עטלאַכע ווערטער האָבן א גוטע פעולה.

איך זאָג צו הערשלען:

— געדענקסט, הערשל, ווען מיר פלעגן קומען צוריק פון א שלאַכט, פלעג איך זיך אָוועקזעצן באַשרייבן אלץ, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט.

— וואָס דען, איך געדענק ניט? — ענטפערט הערשל, — און צו די אַנדערע זאָגט ער: — איר הערט, ווען אַלע פלעגן גיין שלאָפן, פלעגט ער זיך אָוועקזעצן און שרייבן, און מיר האָט ער אָנגעזאָגט, אז אויב ער וועט, חלילה, דער׳הרג׳עט ווערן, זאָל איך ביי אים צונעמען דאָס פעקעלע פּאַפּיר, וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגן מיט זיך. אפשר וועל איך זיין דער מזל׳דיגער און אהיימקומען א לעבעדיגער, זאָל איך עס ברענגען צו אייך, מיסטער און מיסעס פרידמאַן.

— עס וואָלט ניט געווען קיין שלעכטער פּלאַן, אז דו זאָלסט טאַקע עפּעס באַשרייבן פון דער מלחמה, — זאָגן מיר אַלע.

— אויב מיין קאָפּ וועט מיר דינען, וועל איך פּרואוון

שרייבן, — ענטפער איך — איך וועל באשרייבן דעם נאַקעטן אמת.

— פאַרגעסט ניט און האָט מיך אויך אין זינען! — לאַכט הערשל.

— מיר אויך! מיר אויך! — שרייען מיינע אַנדערע חברים.

— אַז איך וועל שרייבן, וועל איך אַלעמען דערמאָנען, — זאָג איך. — מיר האָבן דאָרט צוזאַמען געליטן. אָבער הערשל וועט זיין דער הויפּט-העלד, ווייל ער איז מיט מיר די גאַנצע צייט געגאַנגען האַנט אין האַנט.

הערשל'ס פּנים שטראַלט אויף און ער זאָגט:

— אודאי! אודאי! ניט איינמאָל האָב איך אייך דער־ראַטעוועט דאָס לעבן מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ טרונק וואַסער.

ער לעגט אַריין די האַנט אין בוזים-קעשענע און נעמט אַרויס אַ בילד, וואו ער איז פאָטאָגראַפירט אין זיינע סאָלדאַטסקע מלבושים. ער גיט מיר דאָס בילד און זאָגט:

— איר זאָלט מיין פּיקטשע אויך אריינשטעלן אין פּייפּער. נישקשה, זאָלן זיי וויסן, זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אַז איך האָב זיך פאַר זיי געשלאָגן.

פאַרטאָג גייען די קרובים זיך פונאַנדער. איך בעט מיינע חברים, זיי זאָלן בלייבן נעכטיגן ביי אונז.

מיר שלאָפן זאַלבעדריט אין איין בעט. אייניגע האָט מיין מאַמע אויסגעבעט אויפ'ן דיל.

אינדערפרי האָט מיין מאַמע צוגעגרייט פאַר אַלעמען אָנ־בייסן: אייער, סמעטענע, מילך און פרישע זעמעלאַך.

נאָכ'ן עסן האָבן מיינע חברים זיך געזעגנט מיט מיין משפּחה.

איך בין געגאַנגען זיי באַלייטן צום וואָקזאַל.

אין דרויסן מאַכט הערשל:

— קינדער, לאָמיר נעמען אַ פּיקטשע. גאָט ווייס, צי מיר'ן זיך נאָך אַמאָל צוזאַמענקומען.

הערשל'ס פּלאַן איז אַלעמען געפעלן.

דער פאָטאָגראַפער האָט אונז אַריינגעפירט אין דער סטודיאָ מיט גלעזערנע ווענט און אַ גלעזערנעם דאַך און גענומען אונז סאָרטירן, אויסשטעלן אין אַ „שיינע" גרופּע פון צוויי שורות, איינע אַ זיצנדיגע און איינע אַ שטייענדיגע. ווען ער איז גע־קומען צו הערשלען, האָט ער אים דווקא געוואָלט אוועקשטעלן אין הינטערגרונט, אַביסל אין אַ זייט. אָבער הערשל האָט זיך נישט געלאָזט.

— מיסטער פאָטאָגראַפער, — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ שמייכל אין די ווינקלען פון די אויגן, — דער אויבנאָן קומט מיר... איך בין אַן אַלטער סאָלדאַט... איך האָב געדינט פאָניע חזיר...

און ווען איך קוק איצט אויפ'ן בילד, וואָס הענגט פאַר מיר אויף דער וואַנט, זע איך, אַז הערשל האָט דעמאָלט אויסגעפירט: אַ שטייפער אין זיינע סאָלדאַטסקע קליידער, די עלנבויגנס און די קני פאַנאַנדערגעשטעלט, פאַרנעמט הערשל מיט ברייטקייט דעם אויבנאָן, דעם סאַמע צענטער פון בילד...

ס ו ף.

ענגלישע ווערטער אין בוך פאַרטייטשט אויף אידיש:

אַבזערוויישאָן־גאַרד — אויסשפּיר־וואַך.

אַטענשאָן — „שטיין אַטענשאָן“, שטיין אויסגעצויגן, שטייף פאַר איינעם פון אַ העכערן ראַנג.

„איטס עי לאָוזי לאַיף“ — „עס איז אַ מיאוס, ווערימדיג לעבן“.

אייז־קרים — געפרוירנס.

אינגערסאָל — זייגערלאַך, אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פון דער פירמע.

אָרדער — באַפעל.

באָים — איינגלאַך, בחורים, חברה.

בעסטערד — ממזר־יונג.

ביזנעס — געשעפט, עסק.

גאַרד — וואַך, וועכטער.

גאַרד־הויז — אַרעסט־הויז.

דאָג־אוט — אַן אָקאָפּע, אַ טיפער שוץ־גראָבן מיט צעמענטירטע ווענט.

דזשאָב — שטעלע, באַשעפטיגונג, אַרבעט.

דזשו — איד.

דזשואיש וועלפעיר באָארד — אידישע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אין דער צייט פון דער מלחמה צו העלפן סאָלדאַטן.

דזשעז־רעקאָרד — אַ גראַמאַפאָן־פּלאַטע (דיסק) פון דזשעז־מוזיק.

דרילן — מושטירן, איינלערנען סאָלדאַטן אין מיליטער־דינסט.

דעם — פאַרדאַמט.

דרעפט — דאָס נעמען רעקרוטן, „פּריזיוו“.

האָבאָס — וואַנדעראָוניקעס, וואַגאַבונדן.

העלמעט — אַ העלם, אַ פאַנצער־היטל.

וואַי עם סי עי — ראשי־תיבות פון פילאַנטראָפּיש־דערציערישער אָרגאַניזאַציע: „קריסטלאכע אסאָציאַציע פון יונגעליים“.

וואַן, טו טרי, פאָר — איינס, צוויי, דריי, פיר.

טראַק — לאַסט־אויטאָמאָביל.

יאַנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאַן — (זע וואי עם סי עי).

יאַנג מענס היברו אַסאָסיאיישאַן — „אידישע אַסאָציאַציע פון יונגעלייט", פילאַנטראָפיש־דערציערישע אָרגאַניזאַציע.

לאָקאַל באָארד — זאַמל־פּונקט פאַר רעקרוטן.

נאַיטס אָוו קאָלאָמבוס — „ריטער פון קאָלאָמבוס", פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציע.

נוירס — קראַנקען־שוועסטער.

סאָפּער — אָונט־ברויט, וועטשערע.

סאָבוועי — באַן אונטער דער ערד, טיף־באַן.

סטעיט — שטאַט.

סוט — קאָסטיום, אָנצוג.

סלעקער — איינער, וואָס זוכט מיט אַלע מיטלען אַרויסצומאַכן זיך פון מיליטער־דינסט.

סוועטער — אַ וואַרעם געשטריקט קאַפטל, אַ לייבל.

ספּעשל דעליווערי — אַ בריוו, געשיקט מיט שנעל־פּאָסט.

עקסערסאַיז — פיזישע איבונגען.

פלין — זייט מוחל, זייט אַזוי גוט, כ'בעט אייך.

„פּיקטשע" — פאַרגרייזט פון „פּיקטשור", בילד, פאָטאָגראַפיע.

פאָל אין! — שטעלט זיך אויס! (מיליטערישע קאָמאַנדע).

פאַיט — געשלעג, קאַמף, וועט־קאַמף.

פאַני־פּעידזש — קאַריקאַטורן־זייט אין א צייטונג.

פראַנקפורטערס — וואורשטלאַך.

קעמפּ — מיליטער־לאַגער.

קאַנטין — וואַסער־פלאַש, שפּייז־קראָם פאַר סאָלדאַטען אין לאַגער.

קלעימען עקזעמפּשאַן — פאָרלייגן אַ גרונד פאַר פריי־זיין פון מיליטער־דינסט.

קענדי — צוקערוואַרג, צוקערלעך.

קוואָרטער־מייסטער־בילדינג — מיליטערישער שפּייכלער, פּראָוויאַנט־לאַגער.

ראָל־קאָל — דאָס אויסרופן ביי די נעמען.

רוקים — רעקרוטן, יונגע סאָלדאַטן.

שור — זיכער, געוויס.

שיני — זידל־וואָרט פאַר א אידן.

שעל — קויל.